STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09058

SEYFER ZSHABOTINSKI

Vladimir Jabotinsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר זשאַבאָטינסקי

אַרויסגעגעבן פון

ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן צענטער
אין פּאַטערנאַל (בוענאָס איירעס)

אונטער דער לייטונג

פון

שמעון אַפּטער,
דוד שוסטערמאַן

און

אליעזר מאָשקאָוויטש

★

ספר
זשאַבאָטינסקי

הקדמה:
יצחק באָקסער

איבערזעצט פון העברעאיש:
יצחק איסאַקסאָן

אַרויסגעגעבן פון
ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישן צענטער אין פּאַטערנאַל
ה'תש"ט בוענאָס־איירעס 1949

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

"SEFER ZHABOTINSKI"

(LIBRO ZHABOTINSKY)

Editado por el Centro Sionista Revisionista de Paternal

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires, 1949

לזכרון עולם

גבורי ישראל שמסרו את נפשם
על קידוש וקיום ישראל

דאס ארויסגעבן דעם ספר
זשאבאטינסקי אין אידישער איבער-
זעצונג פון עברית, איז געוויד-
מעט דעם ליכטיקן אנדענק פון די
גבורי ישראל, קעמפער פאר דער
אידישער גאולה, אנשי חייל פון
ארגון צבאי לאומי און לוחמי חרות
ישראל, וועלכע האבן נישט געשוינט
זייערע יונגע לעבענס און געגאנגען
צו דער תליה, קעמפענדיג מיט'ן
ענגלישן צורר.

דייערע נעמען אין ישראל'ז ענגען:

שלמה בן יוסף	דב ראזענבוים
אליהו בן צורי	אליעזר קושאני
אליהו חכים	מאיר נאקאר
יאיר (אברהם שטערן	אבשלום חביב
דוד רזיאל	יעקב וויס
דב גרונער	מאיר פיינשטיין
מרדכי אלקושי	משה בארזאני

ת'נ'צ'ב'ה'

הקדמה

דער ספר זשאַבאָטינסקי שטעלט מיט זיך פאָר אַ קוואַל פון ציוניסטישן וויסן, סיי פאַר די רעוויזיאָניסטן, זשאַבאָטינסקיס תל־מידים און סיי פאַרן סתם יידישן אינטעליגענט, וואָס וויל זיך פאַר־טיפן אין דער ציוניסטישער קלאַסישער און קאַמפּס־ליטעראַטור, וואָס איז געווען די הויפּט בלייזן אינעם קאַמף פאַר מלכות ישראל.

ביי דער שיין פון דער רעסטאַוורירטער מדינת ישראל, באַקומט דער ספר זשאַבאָטינסקי אַ ספּעציעלע חשיבות. זאב זשאַבאָטינסקי — דורך זיינע אידייען און אידעאַל, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם דאָזיקן ספר — דערשיינט אין זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ פון זיין גאונישן פּאָליטיש־ציוניסטישן וועלט־באַנעם.

די הקדמה צום ספר זשאַבאָטינסקי וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן אָנצושרייבן, וועט נישט זיין לויטן אָנגענומענעם כלל, וואָס אַן הקדמה באַדייט, ד.ה. אַ קריטישער איבערבליק פונעם ווערק. נחום סאָקאָלאָוו, רעדנדיק וועגן מאַקס נאָרדוי, האָט זיך אויסגעדריקט: „צו רעדן וועגן מאַקס נאָרדוי, וואָלט נאָר געקענט נאָרדוי אַליין". דעם זעלבן געדאַנק וואָלט מען נאָך מער געקענט אָנווענדן לגבי זאב

זשאַבאָטינסקין. עס וואָלט געווען געוואַגט זיך צו פאַרמעסטן אין די באַשרענקטע ראַמען פון אַ פאָרוואָרט אויף אַן אויסשעפּנדער אָפּשאַצונג וועגן זשאַבאָטינסקיס אויפטוען. עס איז גענוג אַז מען זאָל לייענען זשאַבאָטינסקיס שריפטן, אַז מען זאָל באַלד דערפילן ווי מען ווערט דורכגעדרונגען מיט זיין פיינעם גייסט, וואָס צעשפּרייט זיך ווי שטראָמען. ווער נאָר עס האָט געלייענט זשאַבאָטינסקין, וועט לייקענען אַז ער איז געווען אַ קינסטלער פון געדרוקטן וואָרט? ער איז אָבער ווייט געווען פון קונסט לשם קונסט. יעדער שריפטזייער, יעדעס וואָרט און געדאַנק זענען ווי זאַפטיקע בשמים. אַ שטאַטסמאַן פון גאָונישן שווונג און וויזיע, אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער, איז ער געווען, וואָס האָט אינספּירירט און דערהויבן די מאַסן צו אידעאַליזם. דער ציוניזם האָט געהאַט אַ סך גוטע רעדנער אָבער ד ע ר רעדנער פון ציוניזם איז ער געווען. זשאַבאָטינסקי האָט פּאָפּולאַריזירט דעם ציוניזם צווישן די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק אויף אַ מייסטערהאַפטן דידאַקטישן אופן, באַרייכערנדיק דעם ציוניסטישן געדאַנק. אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, די קראַפט פון זיין פערזענלעכקייט און טאַלאַנט, אינגאַנצן זיין גייסטיק רייכטום, זיינע רייכע קענטענישן אין פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָבן איִם געדינט אין זיין קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג און פאַרקריפּלונג פון ציוניסטישן אמת פון אינעווייניק און קעגן דער באַרויבונג פון אונדזערע רעכט פון דרויסן.

דאָס וואָס דאָס פאָלק פילט אינסטינקטיוו אין זשאַבאָטינסקין און אין זיינע אידעאַלן, וועט מען עס דורכן דאָזיקן ספר און דורך אַנדערע זיינע ווערק דערפאַרן באַוווסטזיניק.

דעריבער ווילן מיר מאַכן אַן אָפּנייג אין דער אָנגענומענער קאָנצעפּציע וועגן הקדמות. די שורות וואָס מיר שרייבן זענען באַגייסטערונגס־ווערטער, וואָס אַ תלמיד — איינער פון צענדליקער טויזנטער תלמידים וואָס זשאַבאָטינסקי האָט איבערגעלאָזט און וועלכע שפּייזן זיך עד היום גייסטיק מיט זיין אידעאַליסטישער און ליטעראַרישער ירושה — פילט צו זיין גייסטיקן מורה־דרך, וועמענס לערע, אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט, האָבן געהאַט אַ אַנטשיידענע ווירקונג אין דער אויסשטאַלטונג און אינעם קריס־

טעליזירונג־פּראָצעס, פון יידיש־ציוניסטישער דערציאונג און פּטרי־בּאָלאָגישער אײנשטעל אין באַצוג צום ציוניסטישן אידעאַל און די מעטאָדן פון קאַמף פאַר זײן אַנטגילטיקער פאַרווירקלעכונג.

***

שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון לויפנדן יאָרהונדערט איז זשאַבאָטינסקי געווען די לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט בײ דער יידישער יוגנט. אין דער ברייטפאַרשפּרייטער נעץ פון תּרבות־שולן פון מדינת פּוילן, איז געזונגען געוואָרן דאָס פּאָפּולערע פּאַטריאָטישע ליד:

בראש רוכב ז'בוטינסקי
הגבור המהולל בישראל
צועד עם מחנותיו קדימה
אל שדה המלחמה
שמח, שמח לארץ ישראל, ארץ אבות
צועדים גדודי ישראל...

פאָראויס רײט זשאַבאָטינסקי
באַרימטער יידישער העלד
ער מאַרשירט מיט זײנע לעגיאָנען פאָראויס
צום שלאַכטפעלד
אַהין, אַהין, קײן ארץ ישראל דאָס לאַנד פון
אונדזערע אבות
מאַרשירן די רעגימענטן פון ישראל...

די יוגנט האָט דערפילט אין זשאַבאָטינסקין, דער שעפער פון יידישן לעגיאָן, אַלס דער יידישער נאַציאָנאַלער העלד; דער גרויסער ציוניסטישער פּאַטריאָט; דער יורש און דער באַנײער פון דעם השמונאים און בר־כּוכבא־גײסט, צווישן דער יידישער יוגנט, אָן וועלכן מען וואָלט נישט געקענט חלומען פון אַ מדינת ישראל. די יוגנט האָט ליב באַקומען און גרענעצלאָז פאַרהערלעכט זשאַבאָטינסקין, ווײל ער האָט מײסטערהאַפט אינטערפּרעטירט די אמתע געפילן פון דער פּאַטריאָטיש־ציוניסטישער יוגנט. זשאַבאָטינסקי איז נישט בלויז געווען אַ נאַה־דוריש נאָר אויך אַ נאה מקיים. ער האָט

פסדר געווין דעם בײַשפּיל פון אָפּפּערזווילּיקייט און קאָמפּראָמיס־גרייט־
קייט, און דערפאַר איז זיין גייסטיקע השפּעה געווען אַזוי גרויס
אויף דער יעניקער ציוניסטישער יוגנט, וועלכע האָט דעם ייִדיש־
שטאַטס־אידעאַל געשטעלט העכער פון אַלע אַנדערע אינטערעסן,
אינדיווידועלע אָדער פּאַרטייאישע.
און נאָר פון דער לערע פון אַזאַ גייסטיקן ריז, האָט געקענט
אַרויסקומען אַזאַ יונגער דור, וואָס האָט זיך נישט בלויז נישט אָפּ־
געשראָקן פאַר פּיין, ליידן און תּליות, נאָר האָט אַפילו געענטפערט
מיט פּיין אויף פּיין, מיט ליידן אויף ליידן און מיט תּליות אויף
תּליות. דאָס זיינען געווען די הויפּט־פאַקטאָרן וואָס האָבן געפירט
צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. דער ארגון צבאי לאומי,
וועמענס שעפער און ערשטער קאָמאַנדאַנט ס'איז געווען זאב זשאַ־
באָטינסקי, דער ערשטער ציון־רעוואָלוציאָנער, האָט דורכגע־
פירט די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע לויט זיין לערע. מנחם בייגין,
וועלכער גרויסט זיך ווען מען באַטיטלט אים „זשאַבאָטינסקיס
תּלמיד” איז זיין אומדיסקוטירבאַרער יורש, ווייל אין דער גייסטיק־
פּסיכאָלאָגישער סביבה פון בית”ר, פון וועלכן זאב זשאַבאָטינסקי
איז געווען דער ראש, האָט מנחם בייגין באַקומען זיין דערציאונג.
זאב זשאַבאָטינסקי, דער שעפער פון רעוויזיאָניזם, האָט גע־
לייגט זיין אייגענעם חותם אויפן ציוניסטישן אידעאַל. דאָס וואָס
ס'האָט אַמאָל אויסגעזען „אילוזיעס פון אַ פאַנטאַזיאָר” איז היינט
דער אלף־בית פון ציוניזם און פון מדינת ישראל. כאָטש ער איז געווען
דער שעפער, באַגרינדער און מנהיג פון אַ פּאַרטיי — די רעוויזיאָ־
ניסטישע און פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית טרומפּלדור —
לאָזט ער זיך אָבער נישט איינשליסן אין וועלכער ס'איז פּאַרטיי־
קאַטעגאָריע: ער איז געווען אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך אַליין. די רע־
וויזיאָניסטישע באַוועגונג מיט אַלע אירע שאַטירונגען וואָס רעפּרע־
זענטירט זיינע אידעאַלן, זענען די אידעאַלן פונעם גאַנצן פאָלק.
די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנסטיטואירט
אין יאָר 1925, ווייל דער אָפיציעלער ציוניזם האָט זיך געפּו־
נען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. אָבער דער רעוויזיאָניזם — כאָטש
דער טערמין איז נאָך דאַן נישט באַנוצט געוואָרן — מיט זיין

גרונט־קאָנצעפּט פון אַ שטאַטלעכן ציוניזם, איז אַנטשטאַנען אַ סך פריער — אין יאָר 1917. מיט דער שאַפונג פונעם יידישן לעגיאָן אין 1917, האָט זשאַבאָטינסקי אַריינגעבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם ציוניסטישן וועלט־באַנעם. דער יידישער לעגיאָן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַן עקשנותדיקן קאַמף מיט דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע ווי אויך מיט דעם ענגלישן מיליטערישן רעזשים. די אָפיציעל־ציוניסטישע ליידונג האָט זיך געקלאַמערט אין אַן אַבסטראַקטער נייטראַליטעט־טעאָריע, און דערפאַר באַזייטיקט זשאַבאָטינסקין פון דער אָרגאַניזאַציע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספער פון שנאה אַרום אים, צוליב דער לעגיאָן־אידייע. שפּעטער, אויף דער פרידענס־קאָנפערענץ, האָבן די זעלבע ציוניסטישע מנהיגים זיך ברייט פאַרופן אויפן פאַרגאָסע־נעם בלוט פון די יידישע לעגיאָנען ביים איינעמען ארץ ישראל.

און וואָס איז נוגע ענגלאַנד, האָט זשאַבאָטינסקי פאַר זיך גע־האַט די שווערע אויפגאַבע איבערצוציין די ענגלישע מיליטערישע אויטאָריטעטן, וועלכע זענען געווען „זיכער" אַז די מלחמה וועט זיך ענטשיידן אין איראָפּע, אַז ס'וועט זיי גאָרנישט העלפן, דער נאָענטער אָריענט וועט ווערן אַ פּלאַץ פון קאַמף אין דער מלחמה. זיין טענה האָט זיך באַשטעטיקט. און די ענגלישע רעגירונגסלייט און די מיליטערישע עקספּערטן האָבן אַקצעפּטירט די פּלענער פון אַ יידישן לעגיאָן.

דער יידישער לעגיאָן, די ערשטע יידיש־נאַציאָנאַלע מיליטע־רישע קראַפט נאָכן בר־כוכבא־אויפשטאַנד מיט 1800 יאָר צוריק, האָט אַ חוץ דעם מיליטערישן כאַראַקטער, אויך אַריינגעבראַכט גאַנץ נייע באַגריפן אין דער ציוניסטישער אויסערן־פּאָליטיק. דער ציוניזם איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דער אידייע פון יידישער שטאַטלעכקייט.

הערצל און זשאַבאָטינסקי — דער רבי און דער תלמיד פון מלו־כהשן ציוניזם. היינט, ביי דער שיין פון מדינת ישראל, איז דאָך שוין קלאָר פאַר יעדן ייד אַז ציוניזם מיינט אַ יידישע מלוכה. אָבער ווי לאַנג איז דען אין דעם אַז ס'איז אָנגעגאַנגען אַ אידעאָלאָגישע מחלוקת מכוח דער באַדייטונג און דעם ענדציל פון ציוניזם? מיר

האָבן זיך געהאַט אַ שפּע פּרעדיגער, טייטשער און אויסטײַטשער צו ציוניזם מיינט קאַנטאָניזאַציע פֿון ארץ ישׂראל, אָדער אַ בינאַציאָנאַלן שטאַט, אָדער גאָר די שאַפֿונג פֿון אַ אַרבעטער־געמיינשאַפֿט. און לעצטנס האָט מען בײַ אונדז אַנטדעקט אַפֿילו אַזאַ פֿאַרנעפּלטן באַגריף ווי „קאָמאַנוועלט", און אַפֿילו דער חלוקה־פּלאַן וואָס די „אונאָ" האָט אָנגענומען דעם 29טן נאָוועמבער פֿון 1947, געהער אויך צו די „ציוניסטישע אידעאָלאָגן". אַפֿילו הײַנט שטייען מיר פֿאַר אַ פּאַראַדאָקסאַלער ערשיינונג, אַנטקעגן דער עקזיסטירנדער ווירקלעכקייט פֿון מדינת ישׂראל, שטייט נאָך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע בײַ איר אַלטער „באַזעלער פּראָגראַם" פֿון אַ „עפֿנטלעך רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ ישׂראל", וואָס אויב די דאָזיקע פֿאָרמולע האָט נאָך געהאַט איר באַרעכטיקונג אין 1897, ווײַל מ'האָט זיך געמוזט רעכענען מיטן פֿאַקט, וואָס א"י איז צו יענער צײַט געווען אַ אינטעגראַלער טייל פֿון דער טערקישער סוּווערעניטעט, איז אָבער געווען זינלאָז זיך צו האַלטן בײַם זעלבן פּראָגראַם — וואָס איז פֿרעמד און אומבאַקאַנט דער טעאָריע פֿון שטאַטלעכקייט לויט די כּללים פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט בײַ די אומות העולם — פֿון יענעם מאָמענט אָן ווען דער טערקישער רעזשים איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן דורך ענגלאַנד מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פֿון ייִדישן לעגיאָן, און עס איז אַנטשטאַנען דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער סטאַטוס פֿאַר ארץ ישׂראל: די באַלפֿור־דעקלאַראַציע און דער אינטערנאַציאָנאַלער ארץ ישׂראל־מאַנדאַט.

זאב זשאַבאָטינסקי איז געווען דער איינציקער ציוניסטישער מנהיג אין אונדזערע טעג — נאָך הרצל און נאָרדוי — וועלכער האָט פּראָקלאַמירט דעם עיקר פֿון ציוניזם אַלס ייִדישע מלוכה אויף ביידע זײַטן פֿון ירדן. ער האָט פֿון קיין אַנדער אויסטײַטשונג אָדער אינטערפּרעטאַציע נישט געוואָלט הערן און וויסן, און אַפֿילו עקשנותדיק באַקעמפֿט. דער דאָזיקער ציוניסטישער אני־מאמין איז געלעגן אין זײַן בלוט. דערציילט טאַקע זשאַבאָטינסקי אין זײַן לעבנסגעשיכטע, אַז אַלס קליינער ייִנגל האָט ער אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן זײַן מוטער: — צי וועלן די ייִדן אויך האָבן אַמאָל אַן אייגענע

מלוכה? — און זיין מוטער האָט אויך אַ שטייגער קורץ און שאַרף געענטפערט: — אַוודאי וועלן מיר האָבן, די נאַר וואָס די ביסט! פון דאַן אָן ביז איצט האָב איך שוין מער נישט געפרעגט. עס איז מיר געווען גענוג, — זאָגט זשאַבאָטינסקי.

הערצל און זשאַבאָטינסקי — דער רבי און דער תלמיד. אָבער נישט בלויז האָט דער תלמיד געטריי אָפּגעהיט די פּאָליטישע ירושה פון זיין רבין — און נישט איינמאָל האָט ער געדונערט פון די טריבונעס פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן: ציוניסטן! קערט זיך אום צו הערצלען! — נאָר גאַנץ אָפט האָט ער אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די פּאָליטישע קאָנצעפּטן פונעם ציוניזם. ווייל שטאַט־פּאָליטיק מוז מען צופּאַסן צו די נייע סיטואַציעס. די נייע אומשטענדן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע האָבן געמוזט ווערן פאַקטאָרן פאַרן ציוניזם. הערצל האָט געגלויבט, אַז די יידן־פּראָבלעם ד. ה. דער יידנשטאַט, וועט געלייזט ווערן אין ראַט פון די פעלקער. דאָס איז געווען אַ נייער געדאַנק, אַפילו אַ רעוואָלוציאָנערער, וואָס האָט גערייצט די יידישע גייסטער פון תחום־המושב. עפּעס אַ קלייניקייט, די וועלט, די פעלקער, וועלן ווערן אנשטענדיק, זיי וועלן שאַפן די יידישע מדינה. אָבער מיט 20 יאָר שפּעטער האָט זשאַבאָטינסקי תופס געווען מיט געניאַלער פּינקטלעכקייט, אַז די „וועלט" מיט אירע אַנטאַגאָניסטישע און קעגנזעצלעכע אינטערעסן האָט זיך איר אייגענעם קאָמפּווייטיק; אַז מען דאַרף זיך אויף דער „וועלט" נישט פאַרלאָזן. און קעגנטייל מ'מוז אַליין ווערן אַ פאַקטאָר, אַ צד אין דער „וועלט", מען דאַרף דער „וועלט" אָדער אַן אַנטאַגאָניסטישן טייל פון דער וועלט, עפּעס אָנבאָטן, און נאָר דעמאָלט קאָן מען „עפּעס" פון איר באַקומען. און דער „עפּעס" באַשטייט אין שטיצע מיליטערישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינעם קאַמף וואָס אויב נאָר מיר וועלן אָנפירן. מען דאַרף זוכן אַ פאַרבינדעטן אָדער פאַרבינדעטע. אין דעם באַשטייט דער פּאָליטישער זין פון יידישן לעגיאָן וואָס זשאַבאָטינסקי האָט נאָך לאַנגע מי געשאַפן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז אויך געווען דער גרונט־פּרינציפּ פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאָליטיק. און צום גליק פון אונדזער פאָלק, האָט דער ארגון צבאי לאומי, אין זיין טיטאַנישן

קאַמף קעגן דעם בריטישן שונא פון יידישן פאָלק, זיך געטריי געהאַלטן ביי דער דאָזיקער זשאַבאָטינסקי־לערע, פון ווערן אַליין אַ פאַקטאָר, אַ קעמפערישער צד. אַ לערע, וואָס איז אַדאַפּטירט געוואָרן פונעם גאַנצן א"י־ישוב, אַדאַנק דער בלינדער שנאה צו די יידן מצד דעם מאַנדאַט־רעזשים. און ווען דער ישוב איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקער כוח, ספּעציעל אויפן מיליטערישן געביט, האָט זיך שוין געפונען „ווער" עס זאָל אונטערקומען מיט הילף, מיליטערישע און פּאָליטישע, נישט אפשר אויס איבעריקער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק ווי אויס שנאה צום פאַרהאַסטן ענגלישן אימפּעריאַליזם. מ'האָט אין אונדזער קאַמפּס־פעאיקייט דערזען רייפקייט צו ווערן אַ פאַרבינדעטער. מיר זענען געוואָרן אַ פאַקטאָר אין די קעגנווערטיקע אָדער צוקונפטיקע פּאָליטישע קאַלקולאַציעס פון די אַנטאַגאָניסטישע אומות.

אַן אַדלער־בליק האָט ער געהאַט, זשאַבאָטינסקי. ער האָט געזען ווייט־ווייט, איבער די צוקונפטיקע דורות. זשאַבאָטינסקיס אַן אַנאַליז איבער ציוניסטישער און יידישער פּאָליטיק איז געווען אַ געשעעניש אין יידישן לעבן, ווייל ער איז געווען פול מיט וויזיע און מיט חכמה.

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער מענטש פון קאַמף און טעמפּעראַמענט, דער מענטש פון מעשים און אַקטיוויטעט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט פיל פאַרנונפט און טיפער נאָכדענקונג וואָס דרינגט אַריין טיף ביזן שורש פון דער פּראָבלעם און כאַפּט אַרום מיט אַ ווייטן בליק ביי דעם ציל און ווי די וועגן וואָס פירן צום ציל. און נאָך דער צעגלידערונג פון אַלע פּרטים און ניואַנסן פון דער פּראָבלעם, געשטיצט אויף פעסטער זיכערקייט פון יענעם אינטואיציון נאָכדענקען שפּאַנט ער ווייט אָוועק פון דער מחנה. און די מאַסן און די ציוניסטישע פירער שלעפּן זיך נאָך שווער, די אָפּגעלאָזטע געוויינהייט פון דער דאָזיקער הינקענדיקער מאַסע און די פירער, שטעלט זיך קעגן, און באַקעמפט דעם שאַרפן און ווייטזעענדיקן בליק פון זשאַבאָטינסקיס יודנשטאַט־פּלענער, וואָס האָבן אויך באַוויזן די

רעטונג, אויך ווײַל עס וואָלט זיך נאָר געלאָזט, פון גרויסע יידישע מאַסן פון פיזישן אונטערגאַנג.

***

אין שאָטן פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק מיטן פאַרשניטענעם לעבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, ווי אַזוי קלינגען איצט זשאַבאָטינסקיס ווערטער, זיין שאַרפע וואָרנונג, בהסכם מיט זיין גיגאַנטישן עוואַקואַציע און רעטונגס־פּלאַן, עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה? „יידן ליקווידירט דעם גלות אויב נישט וועט דער גלות אייך ליקווידירן!" — זשאַבאָטינסקי איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון שטעטל צו שטעטל און האָט זיין פאָלק געוועקט, גערופן און נישט צורו געלאָזט. הוי, מיט וואָס פאַראַ ביטול־באַציאונג און לייכטזין די „אַנערקענטע" און זעלבסט־געקרוינטע פאָלקס־פירער האָבן אויפגענומען די לאָזונג פון זשאַבאָטינסקין דעם „שוואַרץ־זעער", וועלכער וואַרפט אָן אַן „אומזיסטן פחד" אויפן יידישן פאָלק.

דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט דערזען אַ פינצטערע צוקונפט דעם גלות־יידנטום, נישט דווקא ערשט דעמאָלט, ווען דער פאַרשאָלטענער היטלעריזם האָט שוין רעגירט דאָס נאָך מער פאַרשאָלטענע דייטשלאַנד, און ווען אַן זאָאָלאָגישער יידנהאַס האָט זיך שוין אויסגעשפּרייט איבער די איבעריקע לענדער און פעלקער פון אייראָפּע. ווען זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעהויבן שטעלן זיינע ערשטע שריט אויפן ציוניסטישן באָדן אין אָנפאַנג פון איצטיקן יאָרהונדערט, אַלס נאָך נישט קיין פולער 20־יאָריקער בחור, האַלט ער, קען מען זאָגן, די ערשטע ציוניסטישע רעדע אין דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער קאָלאָניע אין בערן (שווייץ) און ער זאָגט צווישן אַנדערש: „אַז קיין סאָציאַליסט איז ער נישט, ווייל אים איז נאָך דער סאָציאַליזם נישט קלאָר. אָבער אַ ציוניסט איז ער בלי ספק. דער גלות פאַר יידן וועט זיין אַ באַרטאָלאָמעאָ־נאַכט. די איינציקע רעטונג פאַר יידן איז אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג קיין ארץ ישראל". אַלזאָ, צוריק מיט 50 יאָר, אין אַ עפּאָכע ווען ליבעראַליזם און סאָציאַליזם האָבן אָנגעהויבן באַהערשן לענדער און פעלקער און ווען מען האָט געמיינט אַז פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכ־

קיים ווערט שוין אַ רעאַליטעט, און מער ווי די ציוניסטיש־יידן האָבן אין דעם פאַלש געגלויבט די יידישע אינטעליגענץ און גאַנץ גרויסע טייל, פון אונדזער פאָלק — אָבער נישט זשאַבאָטינסקי. זיין גאָר־נישער מוח האָט בעסער אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מאַסע, פעלקער און רעגירונגען און דערפאַר האָט ער שוין דעמאָלט — מיט 50 יאָר צוריק — געוואָרנט אַז „דער גלות פאַר יידן וועט זיין אַ פאַרטאָלאָמעאָנאַכט. די איינציקע רעטונג פאַר יידן איז אַ מאַסן־איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל". און פון דעם האָט זיך גע־נומען זיין אומדערשיטערלעכער גלויבן אַז ציוניזם מיינט, ערשטנס: אַ יידישע מלוכה; צווייטנס: די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון גלות. און צוליבן אידעאַל פון פאָלקס־באַפרייאונג האָט ער פאַר־ברענט אַלע בריקן אונטער זיך און זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דער יידישער זאַך. ער האָט זיך אויסגעוואָרצלט פון דער רוסישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, ווי ער האָט געהאַט אַ מאַסע פון פאַר־הערער, אַ זאַך וואָס אַ סך אויסגעצייכנטע אויף דעם געביט האָבן גע־האַלטן אַז ער באַגייט אַ אבזרדות צו זיך זעלבסט, צו זיין אייגענער צוקונפט און זיך איבערגעלאָזט אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך: העברעאיש.

אַלע פאַרזוכן זשאַבאָטינסקיס אַז די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל פּראָקלאַמירן אַז דער ציוניזם שטרעבט צו דער שאַפונג פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל אויף ביידע זייטן פון ירדן, האָבן זיך איים נישט איינגעגעבן. ס'איז געווען אפילו אַ מאָ־מענט, אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1931 ווען די רעווי־זיאָניסטישע פראַקציע האָט אָפיציעל אַריינגעטראָגן די דאָזיקע פאָרמולע, וועלכע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורכדעם וואָס דער קאָנ־גרעס איז איבער צום פדר־היום. זשאַבאָטינסקי האָט דעריבער פאַרלוירן די אמונה אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז געווען אויך די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס די רעוויזיאָ־ניסטישע אָרגאַניזאַציע אין איר גאַנצן טאָטאַליטעט, אונטער דער אָנפירונג פון זאב זשאַבאָטינסקי, האָט פאַרלאָזט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און געשאַפן אין 1935 די „אומאָפּהענגיקע", וועלכע האָט זיך גערופן פאַרהאַנדלט אין דער נייער ציוניסטישער אָרגאַ־

ניזאַציע, צו וועמענס קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס עס האָבן געשטימט קנאַפּע דריי־פערטל מיליאָן יידן, הויפּטזעכלעך פון די אייראָפּעאישע לענדער. מיט דער פּטירה פון זשאַבאָטינסקין און דעם חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, איז פאַרשוואונדן געוואָרן די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אויפגעבויט אויף די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע יסודות פון רעוויזיאָניזם. די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין איר עקזיסטענץ־פּעריאָד (1945־1935) געווען אַ סוווערענע אינסטיטוציע אינעם קאַמף פאַר מלכות ישראל. גראַדע אינעם דאָזיקן פּעריאָד האָט דער רעוויזיאָניזם — אָרגאַניק דער נ. צ. אָ.־סטרוקטור — טיף אַריינגעדרונגען אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק. זי איז דערשינען אַלס גרויסער און ווירקזאַמער פּאָליטישער און פּראַקטישער כוח; איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען דער צען־יאָר־פּלאַן וואָס האָט געצילט איבערטראַנספּערירן פון מיליאָנען יידן, מיט זייער פאַרמעגן פון אייראָפּע קיין ארץ ישראל, אַ פּלאַן וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אינעם שוין דערמאָנטן עוואַקואַציע־פּראָיעקט. די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז עס געווען די יעניקע, וועלכע האָט די ערשטע פּראָיעקטירט און אָנגעפירט די באַרימטע עליה „ב״ — „אומלעגאַלע״ עליה, וועמענס הויפּט־איניציאַטאָר עס איז געווען זאב זשאַבאָטינסקי און דער אויספירער זיין זון, אים צו לענגערע יאָר, ערי זשאַבאָטינסקי. ועל כולם, איז געווען די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געשאַפן דעם מיליטערישן כוח אין ארץ ישראל — דעם העראָאישן ארגון צבאי לאומי, וועלכער האָט נישט אַנערקענט קיין אַנדערע, ווי בלויז די אייגענע פּרעראָגאַטיוון פון קאַמף און נצחון פאַר מלכות ישראל. אַלס מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער כוח האָט ער אַנדערש נישט געקענט און נישט געטאָרט האַנדלען, ער האָט זיך אָבער איינגעגלידערט אין אונדזער אַרמיי מיטן מאָמענט פון איר אַנשטיין.

אין די לעצטע יאָרן פון נאַציאָנאַלן רעוואָלט און אויפשטאַנד, קעגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט, האָבן מיר, די תלמידים פון זשאַבאָטינסקין, ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט אונדזער טיפן צער און ווייטיק, פאַרוואָס זשאַבאָטינסקי דער העלד פון עטן, האָט נישט זוכה געווען צו דערלעבן און מיטמאַכן דעם גרויסן היסטאָרישן מאָ־

מענטש פון מלוכהשן ווידערגעבורט. ער וואָלט דאָך זיכער זיין גאַנצן „איך" אַוועקגעגעבן דעם ארגון צבאי לאומי, וואָס איז געווען דער אַוואַנגאַרד און שטורעם־קראַפט צום רעוואָלט.

זאב זשאַבאָטינסקי איז געווען דער ערשטער ציוני־רעוואָלוציאָנער נישט בלויז אין זיין גייסטיק־פּסיכאָלאָגישן און פּאָליטישן איינשטעל נאָר אויך אין פיזישן הינזיכט. נישט געקוקט אויף זיין פּראָענגלישער אָריענטאַציע אין דער ציוניסטישער אויסער־פּאָליטיק איז ער נאָך אין 1920 געפאַלן אַ קרבן פון פאַלשן ענגלישן אַלביאָן, וואָס האָט שוין דעמאָלט געוועבט זיין פאַראַט לגבי דעם יידישן פאָלק. די ענגליש־מיליטערישע אַדמיניסטראַציע פון גענעראַל באָלס האָט באַוואָפנט אַראַבישע באַנדעס, וועלכע האָבן מיט ווילדער רציחות זיך געוואָרפן און פאַגראָמירט דאָס פרידלעכע יידישע ירושלים. זשאַבאָטינסקי האָט שנעל אָרגאַניזירט דעם יידישן זעלבסטבוץ — די פּאָפּולער געוואָרענע הגנה. יאָ, אויך די הגנה איז זשאַבאָטינסקיס אַ שאַפונג! — וועלכער האָט העלדיש אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס. די ענגלענדער האָבן זיך געהאַלטן „ניטראַל", דער יידישער העלדישער אָפּוועריקאַמף איז פאַר זיי געווען אַזאַ איבעראַשונג, וואָס האָט זיי דערפירט צו דער זינלאָזיקייט פון פאַרמשפּטן זשאַבאָטינסקין צו 15 יאָר תפיסה אין עבוער פעסטונג. דער אויפברויז און צאָרן וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט דאָס יידישע פאָלק קומט דאָקומענטאַריש צום אויסדרוק אין אַן אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין „הארץ" פון איר רעדאַקטאָר מ. גליקסאָן אין 1920 און איינעם טאָג וואָס ווערט באַצייכנט אַלס „יום תענית זשאַבאָטינסקי". דער „הארץ" שרייבט:

„זשאַבאָטינסקי איז פאַראורטיילט צו קאַטאָרגע ווי אַ רויבער און מערדער. דער נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער געפיל האָט אויפגעברויזט אין די הערצער פון די מאַסן אַלס פּראָטעסט פאַר דער באַליידיקונג. עס איז היינט אַ תענית ציבור פאַר די יידן וואָס וווינען אין ארץ ישראל — תענית זשאַבאָטינסקי. אין די שולן האָט מען סליחות געזאָגט, געליינט „ויחל", שופר געבלאָזן און די אַרבעטער זענען צו דער אַרבעט נישט אַרויס".

„איך קען באַין אופן נישט פאַרגעבענען זשאַבאָטינסקין

אַלס קרבן, וועלכער איז געפאַלן פון געמיינע, אומווירדיקע מענטשן. פיליכט זעען אין אים אַנדערע דעם „פון גאָט געפלאָגטן, דעם געפייניקטן און פאַרוונדעטן, דעם דערשלאָגענעם און דערדריקטן", איך אָבער זע אין אים דעם קעמפער און מלחמה־מאַן, וואָס איז אַריין אין אַ שווערן קאַמפּס־פּלאָנטער און שטייט שטאָלץ אין שלאַכטפעלד, זיך ראַנגלענדיק מיט גבורה־גייסט און אומגעהויערער געוואַגטקייט פאַר זיך און פאַר זיין פאָלק און אונדזערע ברכות מיט אונדזערע האָפענונגען באַגלייטן און דערמוטיקן אים."

אָט אַזוי האָבן די צייטונגען כאַראַקטעריזירט זשאַבאָטינסקין צוריק מיט 30 יאָר. זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט ביים לעבן אַ סך קעגנער און שונאים. ער איז אָפט געווען דער בליץ־אָפּלייטער פון ביזווויליקע זלזולים און רכילות, אויף וועלכע ער האָט זיך ווינציק וואָס אומגעקוקט. ווען ער האָט אָבער די פען אין האַנט גענומען כּדי צו דיסקוטירן מיטן קעגנער, האָט ער אים, דעם קעגנער, קודם־כל געפּרוווט פאַרשטיין און אַפילו שעצן זיינע מיינונגען, ווייל „הדר" איז געווען זיין נאַטור. זשאַבאָטינסקיס פּאָלעמיקעס מיטן קעגנער און די אַרגומענטאַציעס פון זיינע שטאַנדפּונקטן, האָבן געקענט פעלדזן צעשמעטערן. די דאָזיקע אַרט ליטעראַטור זשאַבאָטינסקיס, איז ווי אַ שעמערירנדער דימענט מיט אַ שלל פון פאַרבן און שיינהייטס־קאָלירן.

מיר ברענגען צו דער יידישער עפנטלעכקייט דעם ספר זשאַבאָטינסקי מיט דער האָפענונג אַז דאָס איז אַן התחלה צו דער פאַרשפּרייטונג פון אַלע זיינע ווערק אונטער דעם לאָזונג: זאָל דאָס יידישע פאָלק קענען זיין נביא!

דאָס וועט זיין דער גרעסטער מאָנומענט!

יצחק באָקסער.

בוענאָס-איירעס, כסלו ה'תש"ט.

נ. ב. דעם ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן צענטער פון פּאַטערנאַל, בוענאָס-איירעס, קומט אַ יישר כוח פאַר זיין באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן ספר זשאַבאָטינסקי. דער שריפטשטעלער און עסייאיסט פריינט יצחק איסאַקסאָן פאַרדינט אַן עפנטלעכן דאַנק, פאַר דער פיינער איבערזעצונג פון העברעאיש אויף יידיש פונעם דאָזיקן ווערק, ווו ער האָט זאָרגפעליק אָפּגעהיט דעם סטיל און געדאַנק פון זשאַבאָטינסקיס שריפטן, אויף וויפל ס'איז מעגלעך אין אַ גוטער איבערזעצונג.

דער שרש פון דער ירידה איז אין דער לייטונג

די רעדע אויפן 15־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, 1927

אין דעם יאָר 1927 האָט דער עקאָנאָמישער קריזיס אין א"י, וואָס איז געקומען אַלס קאָנסעקווענץ פון דער פערטער עליה, דערגרייכט זיין קולמינאַציע-פּונקט.

דער דעלעגאַט זאב זשאַבאָטינסקי ווערט אויפגענומען מיט אַפּלאָ-דיסמענטן; ער רעדט דייטש:

השובער קאָנגרעס!

די גאַנצע צייט טראַכט איך וועגן מוסר השכל: במשך זיבן יאָר האָבן מיר אַריינגעבראַכט קיין ארץ-ישראל 72.000 יידן, אין דורכשניט 10.000 יידן אַ יאָר. אין מערב ארץ-ישראל זענען פאַראַן 3/4 מיליאָן אַראַבער, און במשך פון איין דור וועט זייער צאָל געוויס דער-גרייכן אַ מיליאָן, ווייל די אַראַבער זענען אַ פּרימיטיווע ראַסע, וועלכע פּראַקטיצירט פּאָליגאַמיע, און אין גוטע באַדינגונגען פון אַן אייראָפּעאי-שער אַדמיניסטראַציע וועלן זיי זיך פאַרמערן מיט זייער אַ שנעלן ריטם. וואָס וועלן מיר, אַלזאָ, דערגרייכן מיט 10.000 עולים אַ יאָר? אָבער דער קריזיס זאָגט אונדז: אין די עקזיסטירנדע באַדינגונגען איז דאָס לאַנד נישט אומשטאַנד אַריינצונעמען אַפילו 10.000 יידן אַ יאָר. איך בין נישט קיין האַרט-האַרציקער מענטש, און פאַרשטיי די טראַגעדיע, אַז מיר האָבן אין ארץ-ישראל 8.000 מענטשן וועלכע ליידן אפשר פון דער הונגער-שאַנד. אָבער, וועט איר דען זיין אין כעס אויף מיר, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז איך קאָן אויך נישט פאַרגעסן דעם הונגער פון מיליאָנען יידישע הערצער נאָך ציוניזם? עס וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן אפשר באַ-זיגן דעם דאָזיקן קריזיס און ראַטעווען די דאָזיקע 8.000 מענטשן. אָבער וואָס וועט שפּעטער געשען, מיטן ציוניזם?

צוריק מיט צוויי יאָר האָב איך באַדאַרפט האַלטן פאַרן קאָנגרעס אַ לאַנגע רעדע, כדי צו באַווייזן, אַז אַ **מאַסן-עליה איז אַ שטאַטלעכער ענין**, הן אין היגזיכט פון אַגריקולטור און דער באָדן-פראַגע, און הן לגבי דער אינדוסטריע. באַזונדערס איז נישט געמאָלט דאָס שאַפן פון אַ יונגער אינדוסטריע, אויב די רעגירונג וועט נישט איינפירן עפּעס אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישער פּאַרטיידיקונג. ווען איך זאָל היינט איבעראַנייעס נעמען דאָס דערווייזן, וואָלט מען מיר גע-ענטפערט, אַז דאָס איז שוין געוואָרן אַלעמענס מיינונג, און איך בין זייער צופרידן וואָס דאָס ציוניסטישע פּובליקום האָט אַזוי פיל געלערנט אין די דאָזיקע צוויי יאָר.

די דאָזיקע לעקציע פונעם קריזיס — די גרויסע פראַגע, ווי בכלל וועלן מיר קענען אָנפירן אַ פּאַסיקע קאָלאָניזאַציע, איז די טראַגישסטע און שווערסטע פראַגע. אָבער עס איז זייער וויכטיק אויך דער קריזיס גופא און די אַרבעטסלאָזיקייט. מר. סאָקאָלאָוו האָט דאָ געזאָגט די שיינע ווערטער: מיר וועלן זיך נישט רירן פון דאַנען, ביז מירן געפינען דעם וועג צו לייזן דעם דאָזיקן קריזיס. איך בין מסכים! איר זאָלט זיך נישט רירן פון אייער אָרט, ביז איר וועט געפינען די תשובה אויף אָט דער פראַגע!

אַ ממשותדיקע לייזונג פון דער פראַגע פון אַרבעטלאָזיקייט וועט מען נישט געפינען אין עפנטלעכע אַרבעטן — דאָס וועט העלפן נאָר אויף אַ שטיקל צייט — און אויך נישט אין דער אַגריקולטור — דער דאָזיקער פּראָצעס איז צו אַ לאַנגזאַמער. די בעסטע הילף וועט זיין **באַשעפטיקונג אין אינדוסטריע.** און ווירקלעך האָט זיך די יידישע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל אַנטוויקלט אַ סך אין די לעצטע יאָרן. די אינדוסטריאַלן דענקען, אַז עס דערוואַרטן דאָ נאָך פיל מעגלעכקייטן. אָבער נאָר אין באַשטימטע באַדינגונגען: דער **שטאַט** דאַרף באַשאַפן פאַר דעם אַ באַשטימטע אַטמאָספער. און דווקא דאָס איז נישט געטון געוואָרן. דערלויבט מיר אייך ברענגען אייניקע פאַקטן. דער אינדוסטריאַל דעלפינער האָט צוגעשטעלט צו דער רעגירונג באַשטימטע פאָדערונגען. די פאָדערונגען זענען נישט אָנגענומען געוואָרן. ער האָט געשלאָסן זיין פאַבריק: דאַן זענען זיי אָנגענומען געוואָרן. אַן ענלעכער

פאַל איז געשען מיטן אינדוסטריאַל בלום. אויך ער האָט געשטעלט באַ־שטימטע שטייער־פאָדערונגען. די רעגירונג האָט זיי נישט דערפילט. ער שליסט זיין פאַבריק און דאַן נעמט די רעגירונג אָן זיינע פאָדערונגען. דער פאַקט, אַז ענדלעך זענען דאָך די פאָדערונגען אָנגענומען געוואָרן, באַווייזט אַז זיי זענען געווען לאָגישע און מעגלעכע. וואָס פאַר אַ מין אָר־דענונג איז דאָס, אין וועלכן מען וואַרפט אָפּ לאָגישע פאָדערונגען און מען נעמט זיי אָן ערשט נאָכדעם ווי דאָס אָפּוואַרפן זיי רופט אַרויס צע־רודערונגען? די באַקאַנטע סיליקאַט־פאַבריק „סבל" האָט געליטן פון הויכע באַן־טאַריפן. די ווענדונגען צו דער אייזנבאַן־דירעקציע האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. דאַן האָט זיך געווענדט די פאַבריק צו איינ־קע אַראַבישע קאַפּיטאַנען, און דורך דעם טראַנספּאָרט פון יפו קיין חיפה, דורכן ים האָט זי זיך איינגעשפּאָרט 30%. אָבער אין נאָוועמבער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די האַרבסט־שטורעמס און עס איז איבערגע־ריסן געוואָרן דער טראַנספּאָרט דורכן ים, האָט די באַן־דירעקציע בטל געמאַכט די הנחה, וואָס זי האָט געגעבן. און איצט, נאָך דער ערדציטער־ניש, האָט זיך די סיליקאַט־פאַבריק געווענדעט צו דער באַן־דירעקציע און געבעטן אַ הנחה צו טראַנספּאָרטירן ציגל פאַר די נייע בנינים אין די שטעט — און איר ביטע איז צוריקגעוויזן געוואָרן.

אין אַט דעם גייסט וועט זיך נישט קענען אַנטוויקלען אַ יונגע אינ־דוסטריע. עס ליגט דאָ פאַר מיר אַ בריוו, אַ מעמאָראַנדום געווענדעט צו אייך, מיינע הערן דעלעגאַטן, פון דעם אינדוסטריאַלן־פאַרבאַנד אין ארץ־ישראל. איך וויל אייך איבערלייענען נישט מער ווי איין זאַץ: „די שטע־לונג פון דער ארץ־ישראל רעגירונג צו דער יידישער אינדוסטריע איז זייער אַ נעגאַטיווע. די וויכטיקע אינסטאַנצן פון דער רעגירונג פונעם לאַנד און די אָנפירער פון וויכטיקע פאַר אונדז דעפּאַרטאַמענטן ווייזן אַרויס אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטישע נויגונג. מיר זענען נישט אימשטאַנד צו אורטיילן, אַ וועלכע גרויסע פּאָליטישע נצחונות, מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אין לאָנדאָן אָדער אין גענף, אָבער מיר ווייסן, אַז דאָ אין לאַנד, האָט די ציוניסטישע פּאָליטיק אין אַלע עקאָנאָמישע אינטערעסן, קיין מערקבאַרע השפּעה אויף דער ענגלישער אדמיניסטראַציע. נישט נאָר

דאָס וואָס די יונגע אינדוסטריע האָט נישט נהנה געווען פון א וועלכע נישט איז הילף מצד דער רעגירונג. כּלערליי אומדערוואַרטעטע שריט שטעלן אין סכנה איר עצם קיום. די חברים פון דער ציוניסטישער אדמי-ניסטראַציע האָבן צו אונדזער באַדויערן, פאַרשפּרייט דעם געדאַנק, אַז אין דער פראַגע פון שטייערן האָט די רעגירונג נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון דער אינדוסטריע. אָבער די אַלע ידיעות זענען גרונטלאָז.

עס איז נישט ריכטיק, אַז ווען מיר רעדן "צו פרעמדע זאָלן מיר לויבן אונדזער אינדוסטריע, אָבער אין דער זעלבער צייט זאָלן מיר איינפאַך איגנאָרירן די מעמאָראַנדומס, וועלכע מיר באַקומען פון אונדזערע אינ-דוסטריע-חלוצים.

איר ווייסט מיינע דאַמען און הערן, אַז פּראָטעקציאָניזם איז נישט שטענדיק דווקא א הויכער שטייער. טיילמאָל איז צוליב אים נוי-טיק בטל צו מאַכן דעם שטייער. די ענגלישע רעגירונג האָט קיינמאָל גאָרנישט געטאָן, כדי צו פאַרהאַלטן די קאָנקורענץ פון די גרויסע אינ-דוסטריע-לענדער, וועלכע פאַרפלייצן ארץ ישראל מיט ביליקע סחורות. אָבער עס איז פאַראַן איין לאַנד, אין וועלכן עס איז פאַראַן א מאַרק פאַר יידישער פאַבריקאַציע: דאָס איז סיריע. און דווקא איצט האַלט די ענגלישע רעגירונג אין אונטערשרייבן א קאָנטראַקט מיט דער סירישער רעגירונג. זי האָפט דורך דעם צו פאַרדינען 50.000 לירעס א יאָר פון שטייערן. אונדזערע אינדוסטריאַלן שאַצן דעם דאָזיקן ריווח נאָר אין 20.000 לירעס. אָבער די קאָנסעקווענצן פון דעם קאָנטראַקט, וועלן זיין א שרעקלעכע סכנה דווקא פאַר דער בעסטער פון אונדזערע אינדוסטריעס, פאַר דער טעקסטיל-אינדוסטריע, אויף וועלכער מיר מעגן באמת שטאָלץ זיין אינעם לאַנד. און אויך די לעדער-אינדוסטריע, בוימל און צעמענט זענען אין דעם קאָנטראַקט א סכנה פאַר זיך. זייער עקזיסטענץ באַזירט זיך פון 27% ביז 100% אויף דעם מאַרק פון סיריע. אין ארץ ישראל זענען פאַראַן טעקסטיל-פאַבריקן, וועלכע האָבן באַשטעלט מיט אייניקע חדשים צוריק מאַשינען, אָבער די באַשטעלונגען זענען צוריקגערופן גע-וואָרן, ווייל די אינדוסטריע ווייסט נישט אויב זי וועט ווייטער עקזיס-טירן. עס זענען פאַראַן אינדוסטריעס, וועלכע האָבן רעדוצירט זייער

פראָדוקציע ביז 30%. עס זענען שוין פאַראַן אינדוסטריעס, וועלכע רעדן וועגן שליסן זייערע פאַבריקן אין ארץ ישראל און זיי אַריבערפירן קיין סיריע. איך האָט דער פּאָליטישער קאָמיסיע, איינצולאַדן די עקספּערטן, די רעפּרעזענטאַנטן פון די ארץ ישראל אינדוסטריעס, וועלכע געפינען זיך איצט אין באַזעל אָדער נישט ווייט פון דאַנען, און הערן וואָס זיי זאָגן. און איך פרעג אייך: פון וואַנען זענען מיר זיכער אַז דאָס איז די לעצטע איבערראַשונג, אויב עס ווערט געפירט אין אַזאַ גייסט? אויב מיר ווילן אויך אַריינברענגען געלט, אַ סך געלט אין לאַנד אַריין — פון וואַ־נען זענען מיר זיכער אַז דאָס געלט וועט ברענגען נוצן? מען שטעלט אויף מיט געלט אַ נייעם אינדוסטריע-צווייג; אָבער אויב עס דראָט אים אַ סכנה, אויב אפילו אַלע פאַבריקן זענען נישט זיכער מיט דעם יסוד פון זייער עקזיסטענץ, איז דאָך דאָס ענלעך צום דאַנאַידן-פאַס: מען וואַרפט אַריין געלד אינעם פאַס, און דאָס געלד פאַרשווינדט דורכן לאָך פונעם דעק.

נאָך דער דאָזיקער פראַגע דאַרף איך אין קורצן דערמאָנען אַן אַנ־דער זאַך, אַ זייער אומאַנגענעמע זאַך פאַר מיר. דאָס איז די באַוווּסטע אייך שטעלונג, וואָס עס האָט אָנגענומען דער ועד לאומי אין דער פראַגע פון **פּאַרטיידיקן די געזעלשאַפטלעכע זיכער־קייט אין ארץ ישראל.**

ענגלישע מיליטער־איינסן זענען, ווי באַוווּסט, כמעט אינגאַנצן דער־ווייטערט געוואָרן פון ארץ ישראל. אין דער מיליץ זענען פאַרבליבן 245 ענגלענדער, אין דעם גרעניץ־מיליטער — 31, צוויי פּאַרטיידיקונג־אָפּ־טיילונגען, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אויפצוהאַלטן אָרדענונג אין לאַנד, זענען איצט צוזאַמענגעשטעלט ווי פאָלגט: די מיליץ — 1.300 איינגעבוירענע נישט-יידן, 212 יידן; גרעניץ-מיליטער— 700 איינגעבוי־רענע און 37 יידן-טעכניקער, און אויב ס'איז ריכטיק וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן — איז די גרעסטע טייל זייערע מוזיקער. (געלעכטער.) איך בין גליקלעך וואָס מיר קענען נאָך לאַכן, הערנדיק דאָס! הלוואי זאָל דאָס ווייטער אַזוי זיין. אָבער איך פרעג יעדן אָרנטלעכן מענטש, אויב מיר מעגן טאָלערירן אַזאַ לאַגע. די געשיכטע לערנט אונדז, אַז אין יעדער

קאָלאָניזאַציע דאַרף מען אַריינרעכענען די מעגלעכקייט עס זאָלן אויס־ברעכן געוויסע סכסוכים. און דאָ האַנדלט זיך פון אַ לאַנד אין וועלכן עס זענען פאַראַן 700.000 אַראַבער און 160.000 יידן, פון אַ לאַנד וואָס געפינט זיך אין מזרח, אין וועלכן עס קומען אויף גרויסע אויפברויזן, אין וועלכן מען הערט תמיד ניי נעמען, ווי זאַגלול, איבן סאוד, עבדול קרים, סולטאַן על אַטראַש, און אין די אויערן פון דער אַרטיקער יוגנט קלינגען די דאָזיקע נעמען ווי דער נאָמען טרומפּעלדאָר קלינגט אין יידי־שע אויערן. אין דעם דאָזיקן לאַנד עקזיסטירט היינט אַ פאַרטיידיקונג פון דעם צ׳זאַמענשטעל וואָס איך האָב דערמאָנט! יעדער ייד איז מחויב צו געדענקען וואָס עס איז געשען אין 1921 אין די שרעקלעכע מאַ־טעג אין יפו, ווען דאָס הויז פון די עולים האָבן אַטאַקירט אַראַבישע פּאָלי־ציי־אַגענטן. פון אייער מויל, פונעם מויל פון די חברים פון דער ליטונג וויל איך נישט הערן אַז איר ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט. אויך דער ועד לאומי ווייסט דאָס, ווייל ער האָט וועגן דעם ענין צוגעשטעלט אַ באַשטימטע פאָדערונג — אָבער זי איז נישט דערפולט געוואָרן.

און אָט רעדט מען דאָ וועגן שלום און גוטע באַציאונגען. לייענט, איך בעט אייך, די לעצטע צייטונגען. דאָ זיצן דאַמען, און דעריבער קאָן איך נישט רעדן מיט אַלע איינצלהייטן וועגן די סיבות, וואָס האָבן באַ־וויגן דעם יונגן יידישן פּאָליציי־אַגענט אין דער פּאָליציי־שולע צו באַ־גיין זעלבסטמאָרד. אַ זעלבסטמאָרד נאָך אַ געשפּרעך מיט אַן אַראַבישן קאַפּראַל! אַ לאַנגע צייט האָבן די יידן געפאָדערט, אַז מען זאָל דערלויבן ד״ר האַרי דעם יידן אויסצופאָרשן וואָס איז פאָרגעקומען בעת יענעם געשפּרעך: און די דערלויבעניש איז נישט געגעבן געוואָרן. אָט די זענען די גוטע באַציאונגען צווישן די יידישע און נישט־יידישע פּאָליציילייט!

איך און דריי פערטל פון אייך קומען מיר פון ארץ ישראל ווו מיר האָבן געלערנט צו באַגרייפן די באַדייטונג פון געוויסע סימפּטאָמען. פאַרוואָס האָט דער ועד לאומי געשיקט אַ דעלעגאַציע צום קאָלאָנעל סיימס, וועלכע האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז יעדן שבת געשעען פאַלן פון וואַרפן שטיינער יידן? מען האָט זיי געענטפערט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון „יינגלעך”. אָבער מיר ווייסן, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע

דערשיינונגען, אין וועלכע דער אוואנגארד באשטייט שטענדיק פון יינג־לעך. טיילמאל גייט איבער א שעה, ביז עס קומט די גרעסטע קראפט פון דער פאגראם־ארמיי, טיילמאל גייט איבער א פיל גרעסערע צייט, טייל־מאל אייניקע יארן. אבער קיינער טאר נישט פארגעסן וואס עס באטייט „יינגלעך". און דאך קומט מען צו אונדז און מען זאגט אז דער דאזיקער פאליטישער מצב אין ארץ ישראל, מיט זיין אינדוסטריע־פראבלעם, מיט זיין מיליץ־פראבלעם און אלע צוגאב־פראבלעמען, איז א צופרידנ־שטעלנדער (Satisfactory situation).

איך גלויב נישט אין קיין שטאטלעכקייט „פון תקיפות", ווייל אזא שטאטלעכקייט קאן אנפירן נאר דער וואס האט אן איבערוועלטיקנדן מא־טעריעלן כוח — און אויך דאן פירט זי שטענדיק צו א שלעכטן סוף. אבער אויב דו האסט אין דיין האנט נאר א מאראלישן כוח, פארשטייט זיך אז דאן איז נישטא קיין ארט פאר תקיפות־שטאטלעכקייט. די אלע הערן, וועלכע זעצן אויס קעגן אונדז, אז מיר פאדערן תקיפ.ת־שטאטלעכ־קייט, וועל איך דערמאנען נאר איין ביישפיל: אט האבן מיר דאך געטאן אין ענגלאנד א באשטימטע פאליטישע ארבעט, און מיר האבן פארצייכנט א דערגרייכונג ביי דער ענגלישער רעגירונג, און מען זאגט אז די דאזיקע דערגרייכונג האט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער יידישער געשיכטע — דאס איז דער יידישער לעגיאן. דעם דאזיקן לעגיאן האבן מיר ארגא־ניזירט נישט געקוקט אויף א גרויסער קעגנערשאפט, אויך מצד אפי־ציעלע קרייזן — לארד קיטשענער איז געווען אבסאלוט קעגן. מיר ווייסן אלזא — און איר אלע ווייסט, — דורך וואס פארא מיטלען מען קען דערגרייכן אין א ציוויליזירט לאנד די באפרידיקונג פון א גערעכטיקער פאדערונג. אבער עס זענען פאראן מיטלען וועלכע זענען עלול צו מאכן דורכפאלן א פאליטישע אקציע. איר צונישטמאכן, איר אפשטופן פון אנ־הויב־אן אויף א לאנגער עפאכע. די עסענץ פון דעם דאזיקן אויפטו בא־שטייט אין דעם, וואס דער פאראינטערעסירטער צד, דער צד וועלכער דארף ארויסשטעלן די פאדערונג, פארשלעפערט די גאנצע צייט די עפנט־לעכע מיינונג אין אייראפע, און באזונדערס אין ענגלאנד, דורך דעם וואס ער דערקלערט: דער פאליטישער מצב אין ארץ ישראל איז א צופרידנ־

שטעלנדער. מיינע דאמען און הערן, בלעטערט אין דער ציוניסטישער פרעסע פון די לעצטע יארן, לייענט די רעדעס וואס עס האבן געהאלטן די דעלעגאטן פון דער ציוניסטישער לייטונג אין די לעצטע יארן אין ארץ ישראל! אין יעדער איינער פון די רעדעס וועט איר געפינען די פראזע: די פאליטישע לאגע אין פאלעסטינע איז צופרידנשטעלנד. ס'זענען פאראן אין ענגלאנד מענטשן, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט א"י, אבער די דאזיקע מענטשן לייענען דאך נישט אונדזערע צייטונגען, נאר די „טיימס", די „מארנינג פאסט", די „דיילי טעלעגראף", אדער די קליינע פרעסע. אין די דאזיקע צייטונגען ווערן זעלטן ווען פארעפנטלעכט ווערטער פון ציוניסטישע רעדעס, נאר טאמער ברענגט עפעס פון זיי די „רויטער"-אגענטור, איז דאס יענע פראזע וועגן דער צופרידנשטעלנדער לאגע. און דער ענגלענדער, דער מענטש פון גאס, טראכט ביי זיך אין הארצן: די ציוניסטן אליין זאגן, אז זיי זענען צופרידן. און נאכדעם ברעכט אויס א קריזיס, און אונדזערע קעגנער רייבן זיך די הענט מיט צופרידנקייט: די יידן געפינען זיך אין א צרה, ס'איז פאראן א קריזיס אין ארץ-ישראל! און פון דער ציוניסטישער זייט ווערן איצט געהאלטן רעדעס, וועלכע זענען אלע אין טאן מיט דעם לידל: פאלק ישראל, וואס האסטו געטון? אין באסטאן רעדט דער העכסטער פארשטייער פון דער ציוניסטישער לייטונג פאר א חשובער אסיפה, אין וועלכער עס באטייליקן זיך די נישט-יידישע זשורנאליסטן און ער דערקלערט: „דער פאליטישער מצב אין ארץ-ישראל איז גענוג גוט אז ס'זאלן קענען אימיגרירן קיין ארץ-ישראל 25.000 מענטשן א יאר — ווען מיר זאלן נאר האבן געלט!" וואס וועט אליזא טראכטן אין זיין הארצן דער מענטש אין גאס, דער דורכשניטלעכער ענגלענדער, און אפילו דער בעסטער פון אונדזערע גוטע פריינד? ער וועט זיך טראכטן: מיר ענגלענדער האבן געטון אלץ, נאר דער דאזיקער שיילאק, דער דאזיקער קארגער ייד, ער איז שולדיק — ער האט נישט געגעבן דאס געלט. (הילכיקע אפלאדיסמענטן). און דאס האט בכלל נישט צו טון מיט דער פראגע אויב דאס יידישע פאלק האט באמת דערפילט זיין פליכט לגבי ארץ ישראל. איך וועל זיין דער לעצטער דאס צו באהויפטן. איך בין געווען צווישן די, וועלכע האבן זיך אונטערגעחתמעט אויפן ערשטן מאניפעסט פונעם קרן

היסוד. דאָן האָבן מיר זיך געווענדעט צום יידישן פאָלק און געפאָדערט פאַר ארץ ישראל 25 מיליאָן לירעס. דאָס יידישע פאָלק האָט אונדז נישט געגעבן די דאָזיקע סומע. ביי מיר אין די אויגן הייסט דאָס אַז דאָס יידישע פאָלק האָט נישט דערפילט זיין פליכט לגבי ארץ ישראל. אָבער לגבי 72.000 עולים? עס זענען דאָך פאַראַן אין דער וועלט באַשטימטע פּראָפּאָרצן; גריכנלאַנד איז געווען געצוווּנגען צו קאָלאָניזירן אין 1923 און שפּעטער אַ גרויסע צאָל פּליטים. נאָך דער באַוווּסטער קאַטאַסטראָפע פון איזמיר זענען פאַרבליבן פון דעם מיליאָן מיט פיר־הונדערט טויזנט פּליטים, אַמווינציקסטן אַ מיליאָן אָן מיטלען. לייענט איצט דעם דין־וחשבון פון דער קאָלאָניזאַציע־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליגע. אין אים זאָגט זיך: מיר האָבן דערליידיקט דעם ענין, די קאָלאָניזאַציע האָט געקאָסט 15 מיליאָן לירעס. מען וועט געוויס זאָגן אַז די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל קאָסט טייער. גוט, צוויי מאָל אַזוי פיל, פיר מאָל — אָבער נישט קיין צוואַנציק מאָל! צען מיליאָנען יידיש געלט, זאָגט פּרעזידענט וויצמאַן גופא, איז אַריין קיין ארץ־ישראל אין די לעצטע זיבן יאָר. איז דאָס ווירקלעך אַזאַ אָרימער נדן פאַר 72.000 עולים, אַז מיר האָבן באַדאַרפט זיך דערקייקלען צו אַזאַ שרעקלעכן קריזיס?

די אָפיציעלע קרייזן קלאַפּן תמיד אין קאָפּ אַריין: אין אַלץ זענען שולדיק די יידן. וואָס ווילן מיר אַלזאָ פונעם ענגלענדער? ער קען דאָך נישט זיין קיין קאַטאָליק מער פונעם פּויפּסט. אויב די ציוניסטן דערקלערן אים: די ענגלישע רעגירונג איז גאָרנישט שולדיק, דער פּאָליטישער מצב איז צופרידנשטעלנד, איז דאָך שוין נישט מעגלעך עפּעס צו פאָדערן. עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס ביי זיי איז געוואָרן אַ פּסיכאָז אַראָפּצונעמען די שולד פונעם שולדיקן און איר אַרויפלייגן אויף אונדז. אין דעם זעלבן טאָג וואָס ראַזאָוו האָט זיך געווענדעט צו סיימסן אינעם נאָמען פון די יידישע אינדוסטריאַלן, זענען אָנגעקומען די צייטונגען פון אייראָפּע, און אין זיי איז געווען דער באַרימטער אינטערוויו פון הער ד"ר וויצמאַן, אין וועלכן ער האָט זיך דערלויבט צו שילדערן וואָס שייך דער אינדוסטריע און איר פאַרטיידיקונג, דאָס באַרימטע בילד וועגן דעם יידן פון שניפּע־

שאַק, וועלכער קומט קיין ארץ־ישראל, עפנט דאָרט אַ פאַבריק, פּראָדו־ צירט אין איר שלעכטע קנעפּ, און פאָדערט באַלד פּאַרטיידיקן די אינ־ דוסטריע. איך זאָג אַז דאָס איז געוואָרן ביי די הערן אַ פּסיכאָז. עפּעס צווינגט די דאָזיקע הערן זיך צואיילן און פאַרענטפערן די רעגירונג און מיט רעכט פּרעגט גרינבוים: וועמען פּאַרטיידיקסטו, פריינד מיינער — מיך אָדער זיי?

און אָט איז אָן אַנדער ביישפּיל פון ד'עם דאָזיקן פּסיכאָז: ווייז איז מודיע אַז די ארץ־ישראל־רעגירונג האָט אַ סופּעראַוויט פון אַ מיליאָן לי־ רעס. אָבער אין געוויסע קרייזן געפינט מען פאַר נויטיק תיכף צו דער־ קלערן: דאָס איז דאָך קוים אַ מיליאָן דאָלאַר — כאָטש די דאָזיקע קרייזן זענען מחויב צו וויסן ווי עס איז די אמתע לאַגע; מיר שטאַלצירן דאָך מיטן סופּעראַוויט פונעם ארץ ישראלדיקן מלוכה־אוצר. איז ווי אַזוי קען מען דערקלערן דעם דאָזיקן נשמה־אימפּולס צו פאַרמינערן די ווערט פון אַ דערגרייכונג, אויף וועלכער מיר מעגן שטאַלצירן פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט? קיין וואונדער, אַלזאָ, אַז אויב עס הערשט ביי אונדז אַזאַ פּסיכאָז, ווערט פון דער צווייטער זייט געשאַפן דער היפּנאָז: די ציוניס־ טן זענען צופרידן. די בריטישע ענציקלאָפּעדיע, איינע פון די ערנסטסטע ווערק אין דער וועלט, ברענגט אין איר לעצטער אויסגאַבע אַלס די פאָן פון ארץ ישראל די ציוניסטישע פאָן, אַרויסגייענדיק פונעם שטאַנדפּונקט אַז מיר הערשן באמת דאָרט. אין דעם „קאַלענדאַר־גאָטאַ" — פון 1925, שיינט מיר — זאָגט זיך: ארץ ישראל, אַ יידישע מדינה, אונטער ענגלי־ שער אַדמיניסטראַציע. און אויב די בעסטע עקספּערטן לעבן איבער דעם דאָזיקן היפּנאָז, פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אויך די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג גלויבט, אַז מיר זענען צופרידן. און אַזוי אַרום אין דער שרעקלע־ כער לאַגע פון אַ הונגעריקן מענטשן, אָבער וועלכער האָט אַ שם פון אַ מיליאָנער, און דעריבער קען ער נישט בעטן קיין הילף. (אַפּלאָדיסמענטן).

מיינע דאַמען און הערן, אויב עס געפינט זיך דאָ עמיץ, וואָס מיינט אַז מיינע ווערטער ווערן געזאָגט פון פּאַרטיי־שנאה, באַדויער איך די דאָ־ זיקע קליינקעפּיקייט, די קליינקעפּיקייט וועלכע איז נישט מסוגל צו פאַר־ שטייען, אַז עס זענען נאָך פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע נאַאיווע טרוי־

מער, וועלכע זענען פאר זייערע אויגן א ציוניסטישן ציל, א גרויסע וויזיע, און זיי פאדערן דא, אויף דעם דאזיקן יובל־קאנגרעס, אז אויב די מענטשן פון דער לייטונג זענען נישט פעיק צו קעמפן פאר עפעס, זאלן זיי, אמ־ווינציקסטן, נישט שטערן סיסטעמאטיש.

וואס איך וועל איצט זאגן וועט געוויס נישט געפעלן ד״ר סטיפן וויז. מען רעדט ביי אונדז אזויפיל וועגן באשטימטע מענטשן, וועלכע מען קען נישט פארבייטן, און אז אויב עס וועט געשען אן ענדערונג אין דעם מענטשן־צוזאמענשטעל, וועלן מיר בלייבן אומבאשיצט און עס וועט נישט זיין ווער עס זאל פירן א באשטימטע פאליטיק. ווען ד״ר וויז האט דא גערעדט, האבן מיר אלע געקענט ארויספילן פון זיינע ווערטער דעם דאזיקן ווונדערלעכן געמיש פון גרויסער יידישער התלהבות מיט דעם גייסט פון דער פרייער אמעריקע. איך וויל דא נישט ארויסשטעלן די קאנדידאטור פון ד״ר וויז, אבער — זענען מיר אין דער אמתן אזוי ארים אין מענטשן? ד״ר וויז האט דערקלערט: מיר פאדערן פון ענגלאנד פיל ענדערונגען און מיר זענען זיכער אז די דאזיקע לייטונג, וועלכע האט ביז איצט געפירט א באשטימטע פאליטיק, וועט פון איצט אן, לויט אונ־דזער געטרויענגלויבן, פירן א לחלוטין פארקערטע פאליטיק. אויך איך, מיינע דאמען און הערן, פיל „א געטרויענגלויבן" צו די דאזיקע מענטשן, וועמען איך קאן פון א צייט, וועמען איך רעספעקטיר פון מיין טיפן הארצן, און, — זאל מיר דערלויבט זיין דאס צו זאגן — וועמען איך האב ליב מיט איבערגעגעבענער פריינטשאפט. איך גלויב אין זייער ארנסט־לעכקייט. דאס זענען נישט קיין מענטשן וואס גייען היינט מיט איין וועג און מארגן מיט א פארקערטן וועג, ווייל איין קאנגרעס האט געפאסט גייע באשלוסן. די דאזיקע מענטשן זענען לייכט באאיינפלוסט צו ווערן, אבער זייערע איינדרוקן זענען איינגעקריצט ביי זיי טיף אין הארצן. די דאזיקע מענטשן זענען קראנק מיט פארבן־בלענדעניש, אבער דאס דאזי־קע פארבן־בלענדעניש עקזיסטירט ביי זיי זינט דעם טאג פון זייער גע־בוירן: די דאזיקע מענטשן גלויבן באמונה שלימה, אז די פאליטיק דארף געפירט ווערן אזוי און נישט אנדערש. עס האט קיין זין נישט צו פא־דערן אז עס זאל פארקומען א קאטעגארישע ענדערונג אין אונדזערע בא־

ציאונגען צו די רעגירונגס־פאקטארן און נאכדעם לאזן דורכפירן אונדזערע באשלוסן מענטשן וועלכע וועלן אייך זאגן מיט דער גאנצער אויפריכטיקייט און ערנטלעכקייט: פאר דעם זאלט איר זיך אויף אונדז נישט פארלאזן! מר׳ סאקאלאוו האט געזאגט: מיר וועלן זיך נישט רירן פון דאנען, ביז דער קאנגרעס וועט לייזן דעם קריזיס. פונעם פראקטישן שטאנדפונקט קלינגען זיינע ווערטער ווי א מליצה. אויב מיר האבן פאר אונדז רעזולטאטן פון א שלעכטער אדמיניסטראציע במשך פון פיר יאר, איז אומעגלעך זיי באזייטיקן במשך עטלעכע וואכן. אבער פון אן אנדער שטאנדפונקט איז גערעכט מר. סאקאלאוו. גוט, זאלן זיך נישט רירן די דעלעגאטן פון זייערע ערטער, איידער זיי וועלן טון דאס וואס איז אין זייער כוח צו טון: דהיינו, צו זען ליקווידירן די פאליטישע שטערונגען וואס שטאמען פון צווישן אונדז גופא.

איצט קום איך צו דעם ענין פון דער יידישער אגענץ. די יידישע אגענץ איז לויטן מאנדאט דער איינציקער געזעצלעכער אנשטאלט, וועלכער קען צושטעלן אפיציעל צו דער רעגירונג — און אפשר אויך צו דער פעלקער־ליגע — די פאדערונגען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אינעם מאנדאט איז נישט דערמאנט געווארן קיין אנדער אנשטאלט. דאס איז דער איינציקער געזעצלעכער אינסטרומענט פון אונדזער פאליטיק, דער איינציקער אויסדרוק־ארגאן פון דער ציוניסטישער באוועגונג. און דווקא א העלפט פון אט־דעם אויסדרוק־ארגאן וויל מען איצט איבערגעבן אין נישט ציוניסטישע הענט. די אנדערע ברירה, זאגט מען, איז בלויז איינע — מלחמה: אדער שותפות מיט די נישט־ציוניסטן אויך אויף דעם פאליטישן געביט, אדער א מלחמה מיט נישט־ציוניסטן אויף אלע געביטן. דאס איז נישט ריכטיק. עס איז דא אן אנדער ברירה. איך בין פאר א שותפות מיט די נישט־ציוניסטן, וואס זאל זיך באזירן אויף טיילן די אחריות. מיר ווילן א שותפות מיט די נישט־ציוניסטן אויף יענעם געביט, ווו זיי זענען גרייט, לויט זיי אליין זאגן, צו מאכן שותפות מיט אונדז. דאס הייסט — אויפן געביט פון עקאנאמישער אקטיוויטעט. אבער די פאליטישע אקטיוויטעט, אין וועלכער יענע קרייזן האבן קיין אינטערעס נישט אזוי ווי מיר פארשטייען זי, דארף זי

פארבלייבן ביי אונדז אין די הענט. דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס קען זיך אַנטוויקלען צו ווערן ווי צווייפּאַרלאַמענט־קאַמערן. די עקאָנאָמישע טייל, דאָס זאַמלען געלט, דאָס באַשטימען די בודזשעטן און דער קאָנטראָל אויף דער פּראַקטישער בוי־אַרבעט. דאָס קענען מיר אָנפירן באַגלייך מיט די נישט־ציוניסטן „אין דער עקאָנאָמישער קאַמער". אָבער די פּאָליטישע ראָל פון דער יידישער אַגענץ „צו ראַטן די רעגירונג", דאַרף פארבלייבן אין די הענט פון די ציוניסטן. דאָס הייסט נישט „אַ מלחמה קעגן די נישט־ציוניסטן". אדרבה, מיר זענען מחויב דאָס פאַר־שלאָגן זיי, דווקא אויס רעספּעקט צו זיי. די נישט־ציוניסטן באַציען זיך דאָך צו זייערע פּרינציפּן מיט יענעם ערנסט וואָס מיר באַציען זיך צו אונדזערע פּרינציפּן. די עקאָנאָמישע זייט אינטערעסירט זיי, צו דעם האָבן זיי באַציאונג און פאַרשטענדעניש. אָבער צו פּאָליטישע אַספּיראַ־ציעס זענען זיי גלייכגילטיק; נאָך מער — פיל פון זיי זעען אין דעם שאַפן פון אַ יידישער מדינה אַ סכנה פאַר יידן. פון דעם באַקומט זיך אַ נאַ־טירלעכע איינטיילונג מיט די ראָלן. עס איז נישט לאָגיש אַז די נישט־ציוניסטן זאָלן טראָגן די אחריות פון אַ פּאָליטישער שטרעבונג וואָס איז פרעמד זייער גייסט. אָבער גלייכצייטיק דאַרף מען נישט זאָגן: ווייל די אַספּיראַציע אינטערעסירט זיי נישט, וועלן זיי ממילא זיך נישט מישן אין דער פּאָליטיק און זייער ראָל אין דער פּאָליטישער פירמע וועט זיין ווי די ראָל פונעם „שלאָפנדן" שותף, דער שותף וואָס האָט נישט קיין דעה. עס איז דאָך שטענדיק אונדזער פליכט, אויפצווועקן דעם שלאָפנ־דיקן שותף און אים זאָגן: מאָרגן וויל איך צושטעלן דער פעלקער־ליגע אינעם נאָמען פון אונדזער שותפותדיקער פירמע אָט די פאָדערונג אָדער יענעם מעמאָראַנדום; ביסטו מסכים דערצו? אין אַזעלכע ענינים איז נישט געמאָלט אַ „שלאָפנדיקער" שותף. שטעלט אייך פאָר די פּסיכאָ־לאָגיע פונעם ענגלישן אַסימילירטן יידן. די דאָזיקע אָרנטלעכע מענטשן פון אַ מיפּז גלויבן, די גרויסע ענגלישע פּאַטריאָטן און אפילו נאָך מער פון נעוויגלעכע פּאַטריאָטן. דער ענגלישער פּאַטריאָטיזם איז פאַר זיי אַ פּאָליטישע רעליגיע, פּונקט ווי דער ציוניזם איז רעליגיעז. מיינט איר אַז אַזעלכע מענטשן קענען דערלויבן, אַז די יידישע אַגענץ זאָל קומען קיין

גענף און זיך דאָרט פאַרקלאָגן פאַר פרעמדע — און זאָל זיין אפילו אין אַן אַבסאָלוט מעסיקן טאָן — אויף דער ענגלישער אדמיניסטראַציע? דווקא די אָרנטלעכע צווישן זיי וועלן קיינמאָל נישט דערלויבן אונדז טון זאַכן, פאַר וועלכע זיי וועלן נישט וועלן נעמען אויף זיך די אחריות. און איר זאָלט אונדז נישט זאָגן, אַז אין דער יידישער אַגענץ וועלן מיר האָבן אַ מאַיאָריטעט. „פיפטי־פיפטי" איז אַ „דזשענטלמען־אַפּמאַך". דאָס הייסט אַז איינער זאָגט דעם צווייטן: האָב קיין מורא נישט, איך וועל קיינמאָל נישט אויסנוצן קיין צופעליקע מאַיאָריטעט, כדי צו טון עפּעס וואָס איז קעגן דיין געוויסן. איך פאָדער פון אייך, אַז איר זאָלט דאָס זאָגן צו די שותפים: יאָ, מיר האָבן בדעה אייך צו באַזיגן מיט אַ מאַיאָריטעט פון שטימען. דאַן וועלן זיי פון אָנהויב מדחה זיין זייער אַריינטריט אין דער יידישער אַגענץ. און אויב נישט וועלן אונדז פאַרלאָזן אונדזערע שותפים אין אַ האַלב יאָר אַרום, און אונדזערע שונאים וועלן זאָגן: אָט זעט די יידישע אחדות — זי איז איבעראַנייס צעשטערט געוואָרן!

און דאָס אַלץ צוליב וואָס? ווער צווינגט די דאָזיקע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויך אַריין אין דער פּאָליטישער קאַמער פון דער יידישער אַגענץ? מיר האָבן נאָך נישט פאַרשפּעטיקט די צייט. היינט קען מען נאָך רעדן מיט זיי און זיי פאַרשלאָגן אַ גלייכע צעטיילונג. די דאָזיקע מענטשן זענען דאָך נישט קיין קאַפּריזנע, און מען קען זיי זאָגן: דו גיסט געלט און דו מעגסט זיך באַטייליקן אינעם באַשלוס, וואָס צו טון מיט דעם דאָזיקן געלט. אָבער דו ווילסט דאָך נישט זיך באַטייליקן אין יענער זאַך וואָס דיך אינטערעסירט נישט, און פון וואָס עס זענען אָפּ־הענגיק אַלע מיינע האָפענונגען? און געווים וועסטו אויך נישט וועלן שטערן מיין אַקטיוויטעט? איך בין זיכער אַז זיי וועלן אונדז פאַר־שטייען.

מיר אַלע באַדויערן וואָס דער פּאַרטיי־קאַמף איז אַזאַ צעפּלאַ־קערטער און פאַרביטערטער ביי אונדז. אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? מען קען פירן אַ פּאַרטיי־קאַמף אויך אויף אַ גענוג פריינטלעכן אופן; עס וועלן תמיד עקזיסטירן פאַרשידענע טענדענצן — אַמאָל אַזוי און אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזאַ מאַיאָריטעט און אַמאָל אַן אַנדער מאַיאָריטעט,

אָבער, דעריבער איז פאַראַן אַ באַדערפעניש אין דער האָפנונג, אַז עס עקזיסטירט אַ געריכט פאַר קלאַגעס, וואָס פאַר דעם קען יעדער מענטש רעדן פריי און אָפן, און דאָס איז דער קאָנגרעס. אָבער די סכנה איז, אַז דעם קומענדן מאָל וועט אפשר שוין נישט זיין קיין מאַיאָריטעט־קאָנגרעס — אָט דאָס רופט אַרויס דעם יאוש, די פאַרגיפטעטע אַטמאָספער. אָבער אויב מיר וועלן אימפּאָנירן די איינטיילונג, און די פּאָליטישע מאַיאָריטעט וועט ביי אונדז אָפּגעהיט ווערן, דאַן וועלן די דאָזיקע מענטשן קומען צו אונדז אַזוי ווי ברידער און עס וועט מער נישט הערשן קיין חילוקי־דעות נאָר יום־טוב און פרייד אין יעדן יידישן הויז.

איך ווייס פון פיל געשפּרעכן, אַז אויך אין דער לייטונג, אויך אַי־נערהאַלב דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, איז פאַראַן פאַרשטענדעניש פאַר צעטיילונג. פאַרוואָסזשע זאָלן מיר נישט איר באַשאַפן, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָננעמען דעם באַשלוס וואָס פּאַסט פאַר דער ווירקלעכ־קייט, דעם מוח, דעם יושר און די גערעכטיקייט לגבי ביידע צדדים?

איך רייד וועגן שלום. איר זאָלט נישט מגזם זיין! שלום הייסט נישט אַלגעמיינע הסכמה. ווען עס זאָל עקזיסטירן אַלגעמיינע הסכמה, וואָלט איצט דער ציוניזם געגאַנגען שלאָפן. אָבער מיר ווילן אַזאַ שלום, אַז אין מיטן פונעם גערANגל זאָלן מיר שטייען איינער קעגן אַנדערן אַזוי ווי ברידער, אַז מיר זאָלן נישט זען איינער אין צווייטן דעם שונא. אויב איר ווילט שאַפן אָט אַזאַ שלום־בית, האָט איר דעם וועג: שטעלט אויף די צוויי פּאַרלאַמענט־קאַמערן.

און נאָך איין וואָרט: מען האָט דאָ גערעדט וועגן דעפּיטיזם. מיר זענען נישט קיין דעפּיטיסטן. מיר גלויבן באמונה שלימה אין אַ יידי־שער מדינה און אין דעם כוח פון גערעכטיקייט. און מיר גלויבן אויך אין ענגלאַנד. אמת, מיר זענען נישט מחויב צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם וואָס ענגלישע „טשינאָוויקעס" טוען צו אונדזער שאָדן, אָבער מיר גלויבן אין דעם ענגלישן פאָלק און אין זיין עפנטלעכער מיינונג. זי איז דאָס דער אַפּעלאַציע־געריכט, פאַר וועלכן מיר וועלן קענען אויסלייגן אונדזערע גערעכטע טענה. איך האָב אַ טרייען חבר פון דער אַרמיי, קאָלאָנעל סקאָט, אַן אָרנטלעכער ענגלישער פּראָטעסטאַנט. איינמאָל

האָט ער מיר דערקלערט זיין קוק וועגן דער ענגלישער התחיבות צום יידישן פאָלק אויפן פאָלגנדן אופן: אינעם תנ"ך זענען פאַראַן פיל זייטן אין וועלכע עס זענען אַנגעשריבן שיינע נבואות. און די שענסטע פון אַלע איז די וואָס זאָגט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און עס וועט גוטגע־מאַכט ווערן די צוויי טויזנט־יעריקע עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם יידישן פאָלק. און צו מיין פאָלק איז געשאָנקען געוואָרן דער זכות אַרויסצונעמען דעם דאָזיקן גאָלדענעם בלאַט פון די הייליקע שריפטן און צוגעבן די חתימה פון דער ענגלישער רעגירונג אַלס גאַ־ראַנטיע צו דעם אויבערשטנס פאַרשפּרעכן. מיינט איר זשע, אַז עס גע־פינט זיך אין דער וועלט אַ פאָלק אַזאַ מנוול, וואָס וועט צערייסן אויף שטיקלעך די דאָזיקע חתימה?

אַט דערויף פאַרלאָזן מיר זיך, מיר גלויבן אינעם כוח פונעם יידי־שן פאָלק, מיר גלויבן אין דער אָרנטלעכקייט פון אינדזערע שותפים די נישט־ציוניסטן און מיר גלויבן אינעם יושר פון ענגלאַנד. אָבער מיר האָבן נישט קיין צוטרוי צו אַ באַשטימטער ליטונג. דאָס קען דער קאָנ־גרעס ענדערן. (הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן).

אַ פּערזענלעכע דערקלערונג וועגן ווייסן בוך

דער הער ד"ר ווייצמאַן האָט געזאָגט אין זיין רעדע פאָלגענדע ווערטער: „ווען ה' זשאַבאָטינסקי איז געשטאַנען, אַזוי ווי מיר אַלע, פאַר דעם שווערן פּרווו אונטערצוחתמענען זיך אונטערן ווייסן בוך, האָט ער נישט געהאַלטן די רעדע, ווי ער האָט זי געהאַלטן דאָ. פאַרוואָס האָט ער נישט געפּרווט זיך שטעלן דאַן פאַרן שעף פון דער ענגלישער רעגירונג, פאַר סעמיועלן אָדער פאַרן קאָלאָניען־מיניסטער, און האַלטן די רעדע וואָס ער האָט דאָ געהאַלטן?"

דערויף דאַרף איך אָט וואָס דערקלערן: דעם 17־טן יוני פון 1922, 4 אָדער 5 אַזייגער נאָכמיטיק, בין איך אָנגעקומען קיין לאָנדאָן פון אַמעריקע, וווּ איך האָב במשך פון די לעצטע אַכט חדשים אָנגעפירט דעם קרן־היסוד־קאַמפּיין. איינער פון די סעקרעטאַרן, וואָס האָט אויף

מיר געווארט אין וואקזאל, האט מיר געזאגט, אז איך דארף תיכף ומיד גיין אין דער ביורא פון דער לייטונג. דארט האט מיר ד"ר וויצמאן געוויזן דעם מעמאראנדום פונעם 3-טן יוני, וועלכן מיר רופן היינט דאס ווייסע בוך, און ער האט מיר מודיע געווען אז די רעגירונג פאדערט די הסכמה פון דער לייטונג צו דער שריפט, און אז די הסכמה דארף זיך געפינען אין די הענט פון דער רעגירונג מארגן אינדערפרי, דעם 18-טן יוני. אויב נישט — דראט מען אונדז מיט ווייט-גרייכנדע און וואגיקע ענדערונגען אינעם נוסח פונעם מאנדאט צום שאדן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ד"ר וויצמאן האט מיך פארזיכערט אין יענעם מאמענט, אז די לייטונג האט אנגענומען די ענערגישסטע שריט, כדי אפצורעדן די רעגירונג פון דער דאזיקער פאדערונג אדער אמווינציקסטן מילדער מאכן געוויסע אויסדרוקן אין דעם דאקומענט, אבער אלץ איז געווען אומזיסט, און דער קאלאניאל־אפיס באשטייט אויף זיין אולטימאטום: ענטוועדער די הסכמה מארגן אינדערפרי אדער א ענדערונג אינעם נוסח פונעם מאנדאט. א סעסיע פון דער לייטונג, מיט דעם אנטייל פון איינגעלאדענע חברים פונעם אקציאנס-קאמיטעט, האט דעריבער באדארפט פארקומען יענעם אוונט און פאסן איר באשלוס ביז מארגן אינדערפרי.

קלאר, אז אין אזעלכע אומשטענדן איז מיר נישט געווען מעגלעך אנצונעמען אליין אזעלכע נישט איז שריט אדער — ווי עס האט זיך אויסגעדרוקט ד"ר וויצמאן, אין דער פארם וואס אים געפעלט בעסער — צו האלטן א רעדע פארן ענגלישן רעגירונגס-שעף.

ווירקלעך, מיר איז פארבליבן נאך א זייער אינטריגירנדע מעגלעכקייט: זיך אפזאגן פון יעטוועדן אנטייל אין דעם באשלוס פאר וועלכן מיר זענען געשטאנען, ארויפנעמען פון מיר יעטוועדע אחריות פאר דעם דאזיקן באשלוס, און ביי א פאסיקער געלעגנהייט צו דעמיטירן פון דער לייטונג. אבער איך האב געהאט דאס געפיל, אז דאס הייסט — פארלאזן מיינע חברים אין א שווערער און פארצווייפלטער לאגע און אנטלויפן פון דער פאזיציע. איך האב געהאט דאס געפיל, אז מיין מאראלישע פליכט איז צו טראגן צוזאמען מיט מיינע חברים אויך די שאנד פון א

גידערלאגע, כאטש איך האב נישט געהאט קיין חלק אין דעם וואס מען האט פארלוירן בשעת איך האב געפעלט, און א פאר שעה פריער האב איך אפילו גארנישט געוווסט דערפון. דעריבער האב איך באשלאסן צו זען אין ד"ר וויצמאנס שילדערונג נישט נאר א סוביעקטיוון אמת — דאס פארשטייט זיך אליין — נייערט אויך אן אביעקטיוון אמת, צו גלויבן פולשטענדיק אים און די אנדערע הערן פון דער לייטונג, אז עס זענען באמת אונטערגענומען געווארן א ל ע מעגלעכע שריט צו קעמפן קעגן דעם אולטימאטום, און זיך באטייליקן אויף א לאיאלן אופן אין דער שווערער אחריות פון מיינע חברים.

היינט, נאכדעם ווי איך האב געהערט די דערמאנטע ווערטער פון ה' ד"ר וויצמאן, באדויער איך יענעם באשלוס. לאיאליטעט איז א זאך, וואס מען דארף — ווי איך האב מיך איצט איבערצייגט — זייער שפארן. ווען די לאגע וואלט זיין פארקערט, ווען איך וואלט געליטן א נידערלאגע אינעם קאמף, און אן אנדער מאן וואלט געקומען אין דעם לעצטן מאמענט, וואלט געהערט די שילדערונג פון דער לאגע פון מ יי ן מ ו י ל, וואלט אנגענומען, מיט פולן צוטרוי, אהן איבערקלערן מיין שילדערונג, און וואלט מ י ר געגעבן זיין נאמען, כדי צו טראגן מיט אים מ יי ן נ י ד ע ר ל א ג ע — וואלט איך קיינמאל נישט פארגעווארפן די זאך יענעם מענטשן. און ווען א דריטער מענטש וואלט דאס קעגן אים פאר־געהאלטן, וואלט איך אויפגעשטאנען און מודיע געווען, אז איך נעם די פולע אחריות אויף מיר. ד"ר וויצמאן דענקט אנדערש. און איך שטעל דאס פעסט מיט גרויס באדויערונג און לאז דאס פארן משפט פון דעם פובליקום (אפלאדיסמענטן).

פאַר דער אויפשטעלונג פון דער רעפּרעזענטאַנץ פונעם ישוב אין לאָנדאָן און אין גענף

אַ רעדע געהאַלטן אויף דער אסיפה פונעם ועד לאומי אין תל־אביב, דעם 3־טן חשון, פון 1929 (תרפ״ט)

אינעם יאָר 1929 האָט זשאַבאָטינסקי איבעראַניים באַזוכט ארץ ישראל און אַנהויב יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אסיפה פונעם ועד לאומי. אויף וועלכער עס איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע פו־נעם כותל המערבי. אַ קורצע צייט פאַר דעם, מוצאי יום־הכיפורים, האָט פּאַסירט דער באַרימטער סקאַנדאַל, ווען פאַר נעילה איז צוגעקו־מען צום כותל המערבי אַ ברימישער פּאָליציי־אָפיציר און האָט צע־שטערט די מחיצה וואָס צעשיידט צווישן מענער און פרויען.

איך דאַנק ד״ר טהאָן פאַר זיין באַגריסונג.

דאָס איז ס׳דריטע מאָל אַז איך באַטייליק מיך אין דער סעסיע פו-נעם ועד לאומי, און איך האָב דעם איינדרוק, אַז גלייך ווי איר וואָלט געשטאַנען פאַר אַ לייטער איבער וועלכער איר גידערט אַראָפּ. צום ער־שטן מאָל האָב איך געפונען אינעם ועד לאומי די פאַרביטערונג מחמת דער פראַגע פון עבר הירדן. צום צווייטן מאָל — די פראַגע פון יידישער באַטייליקונג אין דער מיליץ, וואָס איז דער זכות פון יעדן יידן אין לאַנד. און צום דריטן מאָל, איצט, מוזט איר פאַרטיידיקן אַ זאַך, וואָס אפילו אין רוסלאַנד איז נישטאָ פאַר דעם קיין פּלאַץ, און איך האָב אפילו קיין איין מאָל נישט געהערט אַז אַ ייד מוז דאָס פאַרטיידיקן: די רעליגיע. די רעליגיע איז די עלעמענטאַרסטע זאַך אין דעם רעכט פון יעדן מענטש.

און אַ מענטש וואָס קומט פון דרויסן דערטראָגט זיך צו אים אַ ריח וואָס זאָגט אָן אַלדאָס בייז. עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי מיר וואָלטן געשטאַנען ביי דער לעצטער פאַרטיידיקונגס-פּאָזיציע. דער דאָזיקער איינ-

דרוק איז זייער אַ טרויעריקער. און איך וואָלט וועלן פרעגן: אויב מיט גאָטס הילף וועט זיך אייך איינגעבן צו פאַרטיידיקן די דאָזיקע לעצטע טראַנשעע: אויב איר וועט זיך מאָרגן געפינען אין דער לאַגע פון ערב יום-כיפור — דאַן וואָס? דער עצם פאַקט וואָס מען צווינגט אייך אי-בערצולאָזן אַלץ און פאַרטיידיקן רעליגיעז איז גענוג כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך. אמת האָבן געזאָגט די וועלכע האָבן געפרעגט: פאַרוואָס קעמפן מיר, פאַר דער כותל המערבי, דער סימבאָל פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט? אָבער איך באַדויער צו דאַרפן זאָגן: זי איז אויך דער סימבאָל פון אונדזער קעגנוואַרט.

און וואָס באַלאַנגט מיטלען, וועלכע מען דאַרף אָננעמען צו פאַר-טיידיקן די וואַנט, האָב איך מורא, אַז אויב איר'ט גיין מיט די אַראַבער, באַזונדערס לויט דעם אופן ווי מען האָט דאַ־הי פאָרגעשלאָגן — דאַן וועט געשעען, וואָס איז שוין געשען (אין דער פאַרגאַנגענהייט אין אַנדערע לענ־דער). ד"ר וואַשיץ האָט פאָרגעשלאָגן צו געבן פאַרשטיין די אַראַבער, אַז מיר האָבן נישט (וואָס באַלאַנגט דער כותל המערבי) די צילן, וואָס אונדזערע מקטרגים זאָגן זיי. אָבער די אַלע זאַכן זענען שוין געשען. פאַר אייערע אויגן זענען אויף אונדז אויסגעטראַכט געוואָרן בלוט-בלבולים, אָדער אַז די יידן זענען באָלשעוויקעס. מאַניפעסטן, ביכער און אַרטיקלען זענען געדרוקט געוואָרן וועגן עלילת דם. האָט דאָס דען געהאָלפן? ווער עס האָט געגלויבט, אַז מיר באַנוצן זיך מיט קינדיש בלוט פאַר מצות אויף פסח, גלויבט אין דעם ווייטער און האָט נישט געענדערט זיין מיי־נונג. דאָס זעלבע מיטן בלבול אַז די יידן זענען באָלשעוויקעס. איצט איז שוין מער נישטאָ קיין טראָצקי און קיין זינאָוויעוו, און דאָך: „זענען די יידן באָלשעוויקעס" — די וואָרצלען פונעם שקר זענען אַזוי טיף ווי די וואָרצלען פונעם אמת.

און אויב עס וועט זיין אַ אונטעררייד מיט די אַראַבער, און אויב זיי וועלן אייך בעטן זיך שווערן — וועט איר זיך שווערן? איך וועל דאָס נישט טאָן. מיין באַציאונג צו ארץ ישראל איז אַ וואַרימע, און מיר איז טייער דאָס הויז און איך וועל נישט פאַרמשכנען דעם חלום פון אונדזער לאַנד. און אויב איך וועל עפעס אַנדערש זאָגן — טאָ ווער וועט מיר

גלויבן? דאָס איז דאָך די טראַגעדיע פון די אָנהענגער פון „ברית שלום", ווו וועט איר געפינען דעם נאַר וועמען איר'ט קענען איינשמועסן אַז דאָס יידישע פאָלק וואָס מאַכט אַזאַ רעש, שיקט חלוצים, שמאַרבט און קרענקט אויף קדחת אין ארץ ישראל — קומט נישט אַהער מיט דער כוונה צו ווערן דאָ דער רוב? דער ציוניזם איז אַן עלעמענטאַרע און בולטע זאַך! עס איז שווער צו מאַכן אַ פשרה צווישן צוויי אמתן און צוויי גלויבנס. אונדזער גלויבן איז אַ טיפער, דאָס זעלבע איז אויך זייער גלויבן. עס וועט גאַרנישט העלפן. דאָס וועט זיין אַן עקספּערימענט, וואָס אונדזערע שונאים וועלן זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַן עקספּערימענט פון קאָלעקטיוון שווינדל.

און אויב איר'ט מיך פרעגן: וואָס זאָל מען טאָן? גלויבט מיר: איך בין געקומען פרעגן, איך בין געקומען פרעגן וואָס וועט א י ר טאָן. איך בין געקומען מיר אַליין אויפצוקלערן פאַר אייך דעם מצב, וועלכן איך זע מיט אויגן פון אַ מענטשן וואָס איז געקומען פון דרויסן, און אייך פרעגן, וואָס וועט א י ר טאָן. אוסישקין איז טיילווייז גערעכט אַז דער צענטער איז אין לאָנדאָן, און אַז נאָר אין לאָנדאָן איז מעגלעך צו פועלן. די לאָקאַלע מושלים האָבן נישט קיין סך מאַכט; פאַרשטייט זיך, צעשיידיקן וועלן זיי קענען, אָנקלייבן ברענשטאָף וועלן זיי קענען; דורכפירן אַ רעפאָרמע — נישט. אָבער כדי אָנצווייזן אין לאָנדאָן אויף דער באַליידיקונג, דאַרף דער באַליידיקטער זיין דאָרט. און דער באַליידיקטער איז דאָ! וואָס איז נוגע גענף. עס איז באַוווסט, אַז זי עקזיסטירט מיטן חסד פון צוויי-דריי גרויסמאַכטן, און זיי האָבן געהאַנדלט ווי אַ קענגזייטיקע געזעלשאַפט, און אויב ענגלאַנד וועט נישט וועלן — וועט גענף גאָרנישט טאָן.

אָבער, כדי צו ווירקן אויף ענגלענדער, כדי אויפצוּוועקן די עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד, איז אויך וויכטיק אַן אַקציע אין גענף, איז אויך וויכטיק פראַנקרייך. מען קען דאָרט שאַפן אויסדרוקן פון דער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע זאָלן האָבן אַן השפעה אין ענגלאַנד. אָבער די אַלע השפעות זענען אַ כוח, נאָר דאַן ווען זיי קומען פונעם מקור: נאָר אויב פאַר דעם אַלעמען וועט זיין אַן אַפּאַראַט וואָס קאָנטראָלירט דעם

גאַנצן כוח וועלכער קלייבט זיך צונויף אין פאַרשידענע ווינקלען פון יענעם צענטער אין וועלכע עס איז מעגלעך צו ווירקן. איר זאָלט נישט גלויבן אַז די דעמאָנסטראַציע אַן און פאַר זיך מאַכט אַן איינדרוק, און לויט דעם דאָזיקן איינדרוק באַקומט מען עפּעס. אָבער איר זאָלט אויך נישט גלויבן בעת די רעגירונג זאָגט אייך דריי מאָל: ניין. עס איז נאָך גאָר־נישט געשען. עס איז פאַראַן ווער עס האָט אַקטואירט אין לאָנדאָן און האָט געהערט מער פון זעקס מאָל ניין, און צום זיבעטן מאָל האָט ער גע־זיגט. פאַרשטייט זיך, אויב ער איז געווען גערעכט, אויב ס'איז בכלל פאַראַן גערעכטיקייט אויף דער וועלט. אין פּאָליטישער אַרבעט דאַרף מען פּיילן מיט אַ פייל: „ניין" איז קיין ענטפער נישט; היינט האָט מען דיך אַרויסגעטריבן — מאָרגן קום נאָך אַמאָל. דעמאָנסטראַציעס אין לאָנדאָן, דעמאָנסטראַציעס אין גענף. לאַנגזאַם פאַרזאַמלען זיך איין אָנהענגער דאָ איין אָנהענגער דאָרט, איינציקווייז, גוטע פריינט פון צווישן די דעלעגאַטן און אָנגעזעענע ענגלענדער אַרבעטן טאָג־איין טאָג אויס־ אומדערמידלעך, און דאַן באַגליקן זיי — אויב עס איז נאָר נגזר געוואָרן מן השמים צו האָבן הצלחה.

און פאַרוואָס דערצייל איך אייך דאָס אַלץ? דאָס איז דאָך דער אלף־בית פון פּאָליטישער אַרבעט. אָבער ווער וועט פאַר אייך טאָן אָט די פּאָליטישע אַרבעט? די ציוניסטישע לייטונג? דער נאַטירלעכער ענט־פער דאַרף זיין — אויב איר גלויבט אין איר. איך גלויב איר נישט. איך האָב געזען איר באַציאונג פונעם ערשטן מאָמענט אָן. דאָ האָט עמיץ פאָרגעשלאָגן צו שיקן אַ שאַרפן מעמאָראַנדום דער עקזעקוטיווע כדי זי זאָל פאַרשטיין דעם מצב. דעם 17-טן יאַנואַר פון 1923 איז באַקומען גע־וואָרן דער דאָזיקער מעמאָראַנדום אינעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין בערלין. ער איז געווען פול מיט צער. אונטערגעשריבן פון יעלין און בן־צבי, אין אים האָבן זיי פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָליטיק פון דעם דאָזיקן הער (זשאַבאָטינסקי ווייזט אויף דעם בילד פון סער הערבערט סעמיועל וואָס הענגט אויף דער וואַנט). איין מענטש האָט זיך אויפגע־הויבן צו פאַרטיידיקן (דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום); מען האָט אים איגנאָ־רירט. און מיט אַ יאָר צוריק אין באַזעל האָבן מיר געזען די חברים פון

דער דאָזיקער ציוניסטישער לייטונג. איך וויל נישט באַליידיקן קיין מענטשן, און באַזונדערס נישט קאָלאָנעל קיש: אָבער דאָ איז נישט קיין פראַגע פון קיין פּערזענלעכקייט. נישט איך — איינער פון די רבנים פון גאַליציע איז אויפגעשטאַנען אויף דער לאַנדעס-קאָנפערענץ און האָט געזאָגט: וואָס הייסט אַזוינס צידוק הדין?? — יעדער אַנשטאַלט האָט זיך זיין נשמה, און די נשמה פון דעם דאָזיקן מוסד איז אייך באַקאַנט. אפשר גלויבט איר אין דער נשמה פון דער ציוניסטישער לייטונג — אַרויסגעוואָרפן, מיינע הערן: די דאָזיקע וועלן גאָרנישט טאָן.

לואי מאַרשאַל און פראַנקלין פון אַמעריקע וועלן מאָרגן זיצן אין לאָנדאָן אין דער „אויסגעברייטערטער" אַגענץ, — און ווער וועט זיך דאָן אומקוקן אויף אייער בריוו? יענע ענגלישע יידן — פיליכט זענען זיי גוטע מענטשן, בעסערע פון אונדז, פיליכט, — אָבער אָט האָב איך געהערט אייער געמיט-צושטאַנד דאָ, און איך זאָג אייך, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערע נאַאיוויטעט ווי צו גלויבן אַז זיי וועלן אַקטואירן פאַר אייך. זיי וועלן נישט טאָן וואָס איך האָב אייך געזאָגט.

איך הער, אַז עס טראָגן זיך אום אין דער לופט פּאָרשלאָגן צו שיקן קיין אויסלאַנד אַ דעלעגאַציע. אָבער מיינע הערן, וואָס וועט טאָן די דעלעגאַציע? זי וועט רעדן איין מאָל אָדער צוויי מאָל. פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מען דאַרף דאָרט זיצן שטענדיק און אַרבעטן. צוליב וואָס? צוליבן כותל המערבי? איך בין זיכער, מיינע הערן, אַז אין דריי חדשים אַרום וועלן מיר האָבן אַ נייע סענסאַציע. פיליכט צוליב דעם ענין פונעם אַראַבישן „פּאַרלאַמענט", אָדער אַ נייעם בלוטיקן איבערפאַל, מיט וועלכן מען סטראַשעט אין די אַראַבישע קרייזן. מען קען נישט טאָן אַזאַ שטאַטלעכע אַרבעט ווי אונדזערע דורך אַ דעלעגאַציע וואָס וועט פאָרן, טאָן און זיך אומקערן. פּאָליטישע אַרבעט אין ענגלאַנד פאָדערט צייט. און דער וואָס האָט געזאָגט „אלף" — דעלעגאַציע — מוזן זאָגן „תיו": אַ ז א י ן ל אָ נ ד אָ ן מ ו ז ז י י ן אַ פּ ע ר מ אַ נ ע נ ט ע ר ע פּ ר ע ז ע נ ט אַ נ ץ פ ו נ ע ם א ר ץ י ש ר א ל - י ש ו ב. עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסגאַנג. אין דעם דאָזיקן אויסגאַנג זע איך נישט קיין שום „רעוואָלוציאָנערן" שריט און קיין שום

„אומלאָיאַליטעט" צו דער ציוניסטישער לייטונג. איך ווייס, אַז ס'איז פאַראַן אַ טעאָריע אַז דער ישוב דאַרף זיין אַן אומזיסטיקע ביילאַגע צו דער ציוניסטישער לייטונג. און אַז אַלע פּאָליטישע ריכטונגען דאַרפן זיין קאָנצענטרירט אין דער ציוניסטישער לייטונג. און ווען דער ישוב דרוקט אויס זיין געדאַנק — מאַ ווער רעכנט זיך מיט אים? מען דאַרף נישט האָפן אַז די וועלכע האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט וועלן געדענקען, אָבער איך געדענק: נאָך מיט 8 יאָר צוריק האָב איך פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן קוק אויף זאַכן. דאָס הייסט ביטול היש. די באַציאונגען צווישן אייך און דער ציוניסטישער לייטונג דאַרפן זיין לויט אַ פשרה. איר דאַרפט נישט זיין אַ ראַטגעבערישע אינסטיטוציע, וואָס מען קען נישט אָננעמען איר עצה. דאָס איז ביטול היש.

איך געפין מיך דאָ אַ וואָך צייט, און איך רעד נישט נאָר וועגן דער שטאַאַטלעכער באַליידיקונג פון דעם ענין מיטן כותל המערבי, ווייל עס איז פאַראַן אַ קייט פון אַנדערע באַליידיקונגען, אויך אינדיווידועלע. איך הער זיך צו און מראַכט דאָס דאָזיקע גאַנצע באַרויבן פון דער גרויסער מאַסע פּריוואַטע מענטשן, דאָס צעבראָכענע לעבן פון יעדן איינעם, די אַנטוישטע האָפענונגען פון זייער אַ סך. — די דאָזיקע גאַנצע „לאַבאָראַטאָריע", איז דאָס אַן אומזיסטע ביילאַגע צו דער ציוניסטישער לייטונג?! כדי זי זאָל עפענען אויף אַ מאָמענט די טויערן פונעם לאַנד, זאָל זיך באַרימען דערמיט וואָס זי האָט געטון און נאָכדעם פאַרמאַכן די טויערן? — עס איז נויטיק אַ פשרה. די ציוניסטישע לייטונג דאַרף טיילן איר שטאַאַטלעכע ראָל מיט דעם יידישן ישוב אינעם לאַנד. דעמאָנסטראַציעס אַליין וועלן גאָרנישט העלפן. קיש האָט אָנגעשריבן אַ וווּנדערלעכן מעמאָראַנדום. ער האָט קיין ווערט נישט. און יעדער איינער ווייסט אַז ס'האָט קיין ווערט נישט. ווייל ס'איז נישטאָ דער אַפּאַראַט וואָס זאָל מיט אים גרייכן טאָג איין טאָג אויס צום ענגלישן געוויסן, וועלכער איז צעשפּרייט אינעם ענגלישן פאָלק און איז קאָנצענטרירט אין זיין רעגירונג. ווען איך וואָלט געווען אין דער ציוניסטישער לייטונג — איר פאַרשטייט דאָך, אַז אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע האָב איך נישט בדעה פאַרצווייצן דעם קאַמף אין דער עקזעקוטיווע, — אָבער איך זאָג, ווען איך וואָלט

זיין אין דער עקזעקוטיווע, וואָלט איך איינגעלאַדן, וואָלט איך צודרינג־לעך אויפגעפאָדערט דעם דאָזיקן נאַציאָנאַל־ראַט אז ער זאָל שיקן רע־פּרעזענטאַנטן, אַ פּערמאַנענטע רעפּרעזענטאַנץ קיין לאָנדאָן און קיין גענף, מיט וועלכע איך וועל מיך טיילמאָל סאָלידאַריזירן און טיילמאָל זיין מחולק, און דורך דעם וואָלט איך בלויז פאַרשטאַרקט און באַפעס־טיקט מיינע כוחות. אפילו די בריטישע דאָמיניעס שיקן רעפּרעזענטאַנטן, און אין וואַשינגטאָן וועט איר געפינען בריטישע רעפּרעזענטאַנטן און אויך קאַנאַדער רעפּרעזענטאַנטן, און זיי זענען נישט אייפערזיכטיק איי־נער צום אַנדערן. נאָר ביי אונדז איז פאַראַן אָט דער אייפערזוכט, וואָס איינער גיט נישט דעם אַנדערן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. איר האָט דאָך דאָס זעלבע רעכט וואָס די קאַנאַדע־דאָמיניע לגבי דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע!

דאָס איז מיין מיינונג. אדרבה זאָגט מיר אז ס'איז נישט ריכטיק. דאָ איז נישט פאַראַן איין איינציקער וועמען איך קאָן, וואָס זאָל מיר זאָגן אַז מיינע ווערטער זענען נישט ריכטיק. איך האָב געבעטן פון מיי־נע חברים די דערלויבעניש, אַז היינט אָוונט זאָלן מיר נישט מאַכן קיין שום פאָרשלאָג. ווייל איך האָב באמת מיך געוואָלט צוקוקן צו דער דאָ־זיקער פאַרביטערונג אייערער פון „אלף" און ביז „שין" — וועט זי דער־פירן ביז „תיו"? —

און נאָך עפּעס: די פּליכט פון „לאָיאַליטעט" צווינגט מיך צו זאָגן, „אַז אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן איז דאָ עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַפּאַראַטן אין ענגלאַנד און אין גענף. איר האָט אַ מעגלעכקייט צו־נויפזאַמלען דעם כוח פון מאָראַלישער און פּאָליטישער שטיצע. און ניט געקוקט אויף די אַלע קלעפּ וואָס מיר האָבן באַקומען, און וואָס איך האָב באַקומען, פון די ענגלענדער — נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען — גלויב איך אין ענגלאַנד. איר זאָלט גלויבן אין ענגלאַנד, איר זאָלט גלוי־בן אין ענגלאַנד. עס זענען דאָרט פאַראַן כוחות וואָס שטייען אויף אונ־זער זייט. עס איז שווער זיי צונויפנעמען, אָבער עס איז מעגלעך. עס זע־נען פאַראַן צוויי וועגן: מעגלעך אַז דאָס זאָל טון דער אָרגאַניזירטער ישוב, און עס איז מעגלעך אז עס זאָל דאָס טון יענער טייל פונעם ישוב,

וואָס איז נישט צופרידן. „נישט אזוי גוט, נישט אזוי שיין" — אָבער ער וועט דאָס טון.

ווען איך בין ארוים פון דאַנען האָב איך מיך אַליין געפרעגט: האָט טאַקע שטענדיק דער ועד לאומי יענעם געוועלן טאָן פאַר דיסקוסיעס, ווי יענע באַקאַנטע רוסישע צייטונג וואָס דערשיינט אין פאַריז? איז אמת, אַז איר וואַרימט דאָס פייער אין אייער הארצן, איר פאַרזאַמלט זיך, אנערקענט די באַליידיקונג, רעגט זיך אויף, און נאָכדעם קומט גאָרנישט ארויס פון דעם און מען טוט גאָרנישט? עס איז אַ שאָד אויב דאָס איז אַזוי, און אַ שאָד וואָס אַ גרויסע האָפנונג וועט אַנטוישט ווערן אין מיין הארץ. אזוי צי אַנדערש — בין איך געקומען אהער כדי זיך צוקוקן און זען די לאַגע: איך בין געקומען צו זען היינט אָוונט, וואָס זאָגן יידן אזעל־כע ווי איר, אויסדערוויילטע פון ציוניסטישער אַקטיוויטעט פון דריי דור־רות, אין אַזאַ לאַגע. אויך פון אייך וועל איך נישט אָננעמען אַ „ניין" אַלס לעצטער ענטפער.

איך וועל פאַרענדיקן מיט אַ וואָרט וואָס איך האָב דאָס נישט אויס־געטראַכט: „אויב איך בין נישט פאַר מיר, — טאָ ווער איז פאַר מיר; און אויב נישט איצט — ווען דען?"

וואָס וועט איר זאָגן?

ווען דער זעלבסשטענדיקער פּאָליטיק און דער סאָציאַלער פּראָגראַם

אַ רעדע געהאַלטן אויפן דריטן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון דעם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן אין ווין, 26־28, דעצעמבער 1928

אויפן דריטן אַלוועלטלעכן צוזאמענפאָר פונעם פארבאנד פון די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן זענען צום ערשטן מאָל פארלייגט געוואָרן די באַזעס פאר דער עקאָנאָמישער און סאָציאלער פּראָגראַם פון דער באוועגונג: עס זענען דעפינירט געוואָרן די ראָלן פון די פאָנדן אַלס הילף־אינסטרומענטן פאר פריוואטער איניציאַטיוו, און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן דער פרינציפּ פון נאציאָנאַלער בוררות אַלס אופן צו לייזן קלאסן-סיכסוכים אין דעם פעריאָד פון אויפבוי.

די דערעפענונגס־רעדע

דער באַגריף יידנשטאַט באשטייט פון צוויי יסודות: אַ יידישע מאַיאָריטעט פון מענטשן און אַ זעלבסשטענדיקע דעפיניציע פונעם לאַנד.

עס פארשטייט זיך אַליין, אַז „מאַיאָריטעט” איז נישט דער פּשט די אונטערדריקונג פון די מינאָריטעטן, און אַ „זעלבסשטענדיקייט־דעפיניציע” שליסט נישט אוים די מעגלעכקייט, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך פאַרייניקן מיט עפּעס אַ פעדעראַציע, למשל מיט דעם בריטישן קעניגרייך. אַ יידישע מאַיאָריטעט און אַ זעלבסטבאַשטימונג פון ארץ ישראל, נאָכדעם ווי זיי וועלן דערגרייכן אַזאַ מאַיאָריטעט, בילדן אַבסאָלוטע עלעמענטן אין דעם אַנטגילטיקן ציל פונעם ציוניזם. אָט דאָס איז דער זין פון אונדזער לאָזונג פון „אַ יידנשטאַט”. אָט דאָס איז אויך געווען די אור־

שפּרונגליכע פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און דאָס איז אויך דער אמתער אינערלעכער זין פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

אָבער ארץ ישראל ווערט געפירט אין קעגנזאַץ צו אָט דעם אַנטגילטיקן ציל. און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דעם פאַרשמעלן דעם וועג פאַר דער עליה און דורך דער געשעעניש ביים כותל המערבי: — נאָך וויכטיקער פון דעם איז דער אופן ווי די רעגירונג האַנדלט אין עקאָנאָמישע פראַגן. אויף דעם געביט שטערט זי באַוווּסטזיניק די יידישע קאָלאָניזאַציע. און דעריבער פאָדערן די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ „קאָלאָניזירונג רעזשים”.

אָבער אויך די ציוניסטישע באַוועגונג באַוועגט זיך אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון אונדזער אַנטגילטיקן ציל. זינט פיל יאָרן מערקט זיך אין די לייטנדע אַנשטאַלטן פון דער באַוועגונג אַ שטרעבונג זיך אָפּצוזאָגן פונעם געדאַנק פון אַ יידנשטאַט. די אַנטי-ציוניסטישע טענדענצן פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג ווערן סיסטעמאַטיש פאַרטיידיקט — און אפילו באַרעכטיקט! — פון די ציוניסטישע שפּיצן. און נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט געוויזן אַבסאָלוטע אימפּאָטענץ. זי האָט נישט געוווּסט צו באַשאַפן קיינע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַר די באַדערפענישן פון אַן עליה און אַ געזונטער קאָלאָניזאַציע. זי האָט געהאָלפן צו דער צו פריער אַנטוויקלונג פונעם געדאַנק פון קלאַסן-קאַמף אינעם לאַנד. און נישט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען פון די חלוצים אינעם לאַנד, — פון אַלע חלוצים, מענטשן פון פאַרמעגן, אַרבעטער און אינטעליגענץ — זענען מיר מיט אָט דעם וועג געקומען צו אַ קריזיס אין דער קאָלאָניזאַציע.

אמת, די פּערמאַנענטע השפּעה פון די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן און פונעם ישוב האָט אויפגעוועקט אין די לעצטע יאָרן אין די ציוניסטישע קרייזן אַ שטרעבונג צו אונטערזוכן אונדזערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע

שיטות. אויך די ארץ־ישראל־רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו מאַכן אייניקע קאָנצעסיעס — באַזונדערס אויפן געביט פון פּאַרטיידיקן די אינדוסטריע. און דאָך זענען מיר נאָך זייער ווייט פון דעם „קאָלאָניזירונג־רעזשים" אין ארץ ישראל. און אויף דער אַנטפּלעקונג פונעם ציוניסטישן געווייסן לויערט איצט אַ גרויסע סכנה, צוליב דער פּראָגראַם „אויסצוברייטערן" די יידישע אַגענץ, וואָס דורך דעם וועלן די נישט־ציוניסטן בילדן 50% פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע רעפּרעזענטירט דעם ציוניזם פאַר דער בריטישער רעגירונג.

די פליכט פונעם ציוניסט־רעוויזיאָניסט איז צו קעמפן ענערגיש קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן, ווייל דאָס מיינט אַ סוף מאַכן צום אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן דורך ד"ר הערצל, און דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פון די דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע יסודות פונעם יידישן רענעסאַנס. זייער טייער וועט קאָסטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאָס אָפּזאָגן זיך פון די דאָזיקע יסודות.

אָבער דאָס הייסט נישט אַז די רעוויזיאָניסטן וועלן פאַרלאָזן די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אויב די „אויסברייטערונג" פון דער יידישער אַגענץ וועט ווערן אַ פאַקט. פאַרקערט, אויך אין דעם פאַל וועלן מיר ווייטער קעמפן פאַר דער באַנייאונג פון דער אויבערמאַכט פונעם אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס. און אַזוי אַרום האָבן מיר נישט בדעה אָנצורירן די רעכט פון דער ציוניסטישער לייטונג אויפן געביט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט. אָבער עס איז די רעכט און די פליכט פונעם ציוניסט־רעוויזיאָניסט, אויפצוקלערן די עפנטלעכע מיינונג אין בריטאַניע און אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אַ וועלכע איז די אמתע לאַגע אין ארץ ישראל און אַ וועלכע זענען די אמתע אינטערעסן פון דעם ציוניסטישן אויפטו. און דער ציוניסט־רעוויזיאָניסט וועט ווייטער דערפילן זיין ראָל דורך פאַסנדע אַנשטאַלטן.

דער ציוניסט־רעוויזיאָניסט האָט אויפריכטיקע פריינטשאַפט- און רעספּעקט-געפילן צו די אַראַבישע איינוווינער אין ארץ־ישראל. אין דער יידישער מדינה וואָס וועט באַשאַפן ווערן דאַרף הערשן אמתע און פול-

שטענדיקע גלייכע רעכט פון די פעלקער וועלכע לעבן אינעם לאנד. אבער דער ציוניסט-רעוויזיאָניסט ווארפט אָפּ אָפּן און קאטעגאָריש אלץ וואָס לאָזט פאר די אראבער א וועטאָ-רעכט לגבי דער עליה און דער פאר־ווירקלעכונג פונעם ציוניזם. אָט דעריבער זענען מיר אבסאָלוט קעגן יעט־ווידן פארזוך צו שאַפן אין ארץ ישראל, פאר דעם ריכטיקן מאָמענט פאר־לאמענטאַרישע אָדער פסעוודאָ-פארלאַמענטאַרישע אנשטאלטן — כל זמן דער שטראָם פון א מאסן-עליה האָט נאָך נישט דערגרייכט זיין פולע קראַפט. אוים אָט דער אורזאַך — כדי צונישט מאכן דעם אראבישן „וועטאָ", אין זיין ברוטאַלער און מאַטעריעלער פאָרעם — פאָדערן די רע־וויזיאָניסטן, אַז אין ארץ ישראל זאָל עקזיסטירן א יידישע מיליטער־קראַפט פון א גענוגענדן פארנעם.

אויף דעם סאָציאַלן געביט שטייט דער ציוניסט-רעוויזיאָניסט אויף דער „מאָניסטישער" באַזע וואָס באַלאַנגט ארויף אויפן וועג פון דעם פראָצעס פון אויפבוי פונעם לאַנד. אין דעם קאָלאָניזאַציע-פעריאָד דארפן אַלע קלאַסן-אינטערעסן — ווען אפילו אַן און פאר זיך זענען זיי בארעכ־טיקט — אָנבויגן דעם קאָפּ און אָפּטרעטן דעם וועג פאר די אינטערעסן פון אויפבוי פונעם יידנשטאַאַט, ווייל נאָר די דארפן זיין די אויבערשטע און איבערוויגנדיקע אינטערעסן. אנשטאָט קלאַסן-קאַמף דארף קומען אין קלאַסן-קאָנפליקטן די פארייניקונג-שיטה פון נאַציאָנאַלער בוררות, און מען דארף איר פארווירקלעכן דורך א נעץ פון בוררות-אַנשטאַלטן, — צענטראַלע און לאָקאַלע.

די פּאָליטישע אויפגאַבן פונעם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן

אין די עקזיסטירנדע אומשטענדן דארף מען נישט באַרירן די אינדי־ווידועלע רעכט, וואָס איז מיט רעכט געגעבן געוואָרן דער ציוניסטישער לייטונג, צו אַקטואירן אין פראַגן פון ציוניסטישער אויסערן-פּאָליטיק. די שטעלונג פונעם ציוניזם כלפי חוץ, די אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד און מיט דער פעלקער-ליגע, קענען און דארפן זיך געפינען אין די הענט

פון דעם העכסטן לייטנדן אנשטאלט פון דער גאנצער באוועגונג. אין אזעלכע פראגן קען קיין שום פארטיי נישט האנדלען אומאפהענגיק.

אָבער, די צוגרייטונג פון דער פּאָליטישער אטמאָספער, דער פּראָפּאגאנדע-קאמפּיין, נאָר דער אינפאָרמאציע־קאמפּיין אין די געזעלשאפט־לעכע קרייזן פון בריטאניע — דאָס אַלץ איז אויסער די גרעניצן פון די דערמאָנטע רעכט פונעם יחיד, וועלכע זענען געגעבן געוואָרן דער לייטונג, און דער ציוניסט־רעוויזיאָניסט דאַרף שאפן אַן ענגערן קאָנטאקט מיט יענע יסודות אין דער פּאָליטישער וועלט פון ענגלאנד, וועלכע קענען אַי־בערוועגן צו גוטן אָדער שלעכטן יעדע פּאָליטישע אַקציע. אַט דעריבער דארפן מיר, קודם כל, אויסוואָרצלען אַלע פאלשע געדאנקען, וועלכע זענען פארבונדן געוואָרן אין ענגלאנד מיט די אידעען און דער אקטיוויטעט פון דעם ציוניסט־רעוויזיאָניסט — הויפּטזעכליך אדאנק דער פּלייסיקער אקטיוויטעט פון אָפיציעלע ציוניסטישע קרייזן.

די ענגלישע געזעלשאפט, און צוזאמען מיט איר די בריטישע אַדמי־ניסטראציע אין ארץ־ישראל, געפינען זיך נאָך אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע פאלשע באגריפן. און די דאָזיקע לעגענדע דאַרף אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל. דער צענטראל־קאָמיטעט פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן האָט זיך געווענדעט בשעתו צו דער ציוניסטישער לייטונג און איר געבעטן אַז זי זאָל אויפקלערן אין די אָפיציעלע קרייזן פון לאָנדאָן די גאנצע טאקטלאָזיקייט פון אַזעלכע פארדאכטן. די לייטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן שריט און האָט געלאָזט פאַר די רעוויזיאָניסטן גופא אַז זיי זאָלן זאָרגן דערפאַר.

יעדע ערנסטע פּאָליטישע ארבעט פאָדערט אַ גרינטלעכע פריערדיקע צוגרייטונג. אין דער הינזיכט טוט גאָרנישט די ציוניסטישע לייטונג. און דווקא דעריבער זענען די רעוויזיאָניסטן מחויב זייער ענערגיש זיך פאַר־נעמען מיט אַט דער ארבעט.

פון דאנען אנטשטייט די נויטווענדיקייט אַז עס זאָל עקזיסטירן אין לאָנדאָן אַ פּערמאַנענטע פּאָליטישע קאָמיסיע. פארשטייט זיך, אַז מען דאַרף אָנצייכענען באשטימטע גרעניצן פאַר דער אַקטיוויטעט פון דער דאָ־זיקער קאָמיסיע, און אירע אויפגאבן דארפן נישט פארמישט ווערן מיט

די אויפגאבן פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער ציוניסטישער ליטונג פאר די אָפיציעלע אינסטיטוציעס פון דער מאַנדאַט-מאַכט. די דעפיניציע פון די דאָזיקע גרעניצן איז געמאַכט געוואָרן גענוג קלאָר אויף דער באראַטונג פון אונזער צענטראַל-קאָמיטעט אין בערלין אינעם חודש יולי: דער ציוניסטישער לייטונג וועט בלייבן דאָס זעלבסטשטענדיקע רעכט צוזושטעלן צו די רעגירונגס-אנשטאַלטן און צו דער פעלקער־ליגע ממשותדיקע פאָדערונגען, בקשות וועגן באַשטימטע פראַגן. איך לייג פאַר דער קאָמיסיע אַז זי זאָל באַשטעטיקן די באַשלוסן פון בערלין.

איצט וועל איך מיך אָפּשטעלן אויף דער גרינדונג פון דעם פאַריין צו פאַרטיידיקן די געזעצלעכע אינטערעסן פונעם יידישן ישוב אינעם לאַנד פאַר די ענגלישע געריכטן. א לאַגישע דערגענצונג צו דער אקטיוויטעט פון דעם דאָזיקן פאַריין אין ארץ ישראל איז דער פאַריין „אונדזער רעכט. אָן אקציעס-געזעלשאַפט" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די רעוויזיאָניסטן אין לאָנדאָן. די לאָנדאָנער פיליאַלע איז נישט מער ווי די פערטע פיליאַלע פון „אונזער רעכט" — נאָך די פיליאַלעס וואָס זענען געעפנט געוואָרן אין תל אביב, אין חיפה און אין ירושלים.

עס איז אבסאָלוט קלאָר, פאַרוואָס עס עקזיסטירט א נויטווענדיקייט אין אזא מין פאַריין. דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל געוווינט זיך צו לאָזן צו זען די פאַרלעצונגען וואָס די ענגלישע אדמיניסטראַציע באַגייט קעגן זיינע פונדאַמענטאַלע רעכט אַלס אַן אומפאַרמיידלעך בייז, פון וועלכן מען קען זיך נישט באַפרייען. עס פעלט יעטווידע עיערגישע קעגנווירקונג: קיינער קעמפט נישט פאַר רעכט. א גרויסע סכנה דראָעט פון דעם גלייכגילט פונעם ישוב. דער גלייכגילט העלפט דער קאָרופציע איז דער ארץ-ישראל-אדמיניסטראַציע און לאָזט יעדן קליינעם באַאַמטן צו האַנדלען ווי אים געפעלט. נישט איבערטראַכטנדיק פון קיין שטראָף. די דאָזיקע קאָרופּציע האָט שוין אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז יעדער שרייבערל ווייסט אַז ס'איז הפקר אַלץ, און באַטראַכט זיך אַלס איינציקער מושל. די ציוניסטישע לייטונג אין ארץ ישראל אינטערעסירט זיך ווינציק וואָס מיט דער פאַרטיידיקונג פון די פונדאַמענטאַלע רעכט פונעם יידישן ישוב. די גרינ־

דונג פון „זכותנו" איז דעריבער געווען א פראגע פון לעבנסווירדיקער נויט־ווענדיקייט.

צו אונדזער מזל ווערט ארץ ישראל, סוף־כל־סוף אדמיניסטרירט נישט פון ירושלים נאר פון לאנדאן. מיט איר גאנצער אומאפהענגיקייט פון דער בריטישער אדמיניסטראציע אינעם לאנד, פירן אלע געזעצלעכע פעדים דאך קיין ענגלאנד. און צו קענען מיט דערפאלג זיך משתדל זיין פאר די ענגלישע געריכטן, איז נויטיק אז עס זאל עקזיסטירן אין לאנדאן א שטענדיקע רעפרעזענטאנץ פון דעם פאריין „זכותנו". לויט דעם צוזאמענשטעל איז „זכותנו" אן אבסאלוט־אומפארטייאישע ארגאניזאציע, און זי פארנעמט זיך מיט דער פארטיידיקונג פון אלע קלאסן און אלע קרייזן פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דריי פערטל פון די אדוואקאטן וועלכע באטייליקן זיך אין דער ארבעט פון דער ארגאניזאציע זענען נישט קיין רעוויזיאניסטן.

אין דעם עצם תוך פונעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל הערשט א טיפער אינערלעכער ווידערשפרוך. פון איין זייט דערשיינט דער ישוב אלס דער חלוץ פון דער נאציאנאלער אקטיוויטעט אינעם לאנד. די פארטיידיקונג פון זיינע אינטערעסן איז אין טעאריע איבערגעגעבן דער אויטאריטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אבער באנאנד דערמיט ווערט געשאפן א פערמאנענטער קעגנזאץ צווישן דעם דאזיקן אלגעמיינעם מצב און צווישן דעם ווירקלעכן לעבן, צווישן די טאג־טעגלעכע באדערפענישן.

דער ישוב אינעם לאנד באשטייט קודם־כל — פון מענטשן, בירגער פון זייער לאנד, און אלס אזעלכע האבן באזונדערע אייגענע אינטערעסן, וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט טיילמאל אינגאנצן מיט די אינטערעסן פונעם אלוועלטלעכן ציוניזם. אין דער זעלבער צייט ליגט אויפן ישוב אין לאנד א שווערע אחריות פאר דער גאנצער באוועגונג. און די אחריות איז נישט נאר א מאראלישע, זי איז אויך א מאטעריעלע אחריות. דאס שליסן א פאבריק אינעם לאנד רופט ארויס, פארשטייט זיך, געפילן פון צער און זארג אין דעם הארצן פון יעדער ציוניסט אין אלע עקן וועלט. אבער אין ארץ־ישראל איז אזא מין געשעעניש פארבונדן נישט מיט געפילן. דא האנדלט זיך עס וועגן דער פראגע פון א שטיקל ברויט פאר צענ-

דליקער און הונדערטער אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס און אין דעם פאַר־ לירן פון אַ גרויסן קאַפּיטאַל פאַר דעם פאַבריק־אייגנטימער. דאָס זעלבע, און אפשר מיט נאָך מער שאַרפקייט, וואָס באַלאַנגט דער געפאַר פון פּאָ־ גראָמען אין ארץ־ישראל. אין אונדזער הארץ, פון די וועלכע לעבן אין גלות, וועקט אויף טיפע טרויער־געפילן יעדער ייד וואָס איז געפאַלן אַ קרבן, און וועלכער איז עלול צו פאַלן אַ קרבן. אָבער פאַרן ישוב — איז דאָס אַ פראַ־ גע פון לעבן און טויט פאַר הונדערטער קרובים און פריינד. דעריבער דאַרף מען נישט צוגלייכן די אחריות וואָס ליגט אויף אַ יידן אין לאַנד צו דער אחריות וואָס ליגט אוי זיינע ברידער אין גלות. דער ייד אין גלות טראָגט נישט אפילו איינס פראָצענט וואָס ליגט אויפן תושב פון ארץ־ישראל.

אין די טאָג־טעגלעכע פראַגן אינעם לאַנד רוקן אַרויס אומדירעקט אויך אַלגעמיינע ציוניסטישע פּראָבלעמען. מיט די דאָזיקע פראַגן זענען פאַר־ בונדן אַלע מעגלעכקייטן פון דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, און דע־ ריבער איז אויך מיט זיי פאַרבונדן דער גורל פון אונדזער גאַנצער באַווע־ גונג. די פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פונעם ישוב איז, אַזוי אַרום, אידענטיפיצירט מיט די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָ־ ניזאַציע — מיט דער לעבנסוויכטיקסטער פון די ציוניסטישע פראַגן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע טוט גאָרנישט צו העלפן דעם ישוב אין זיין קאַמף פאַר זיינע רעכט. אויך דער וועד לאומי דערפילט נישט אין דער הינזיכט קיין שום אויפגאַבע. און דערפון קומט די נאַטירלעכע זעלבסט־ אָרגאַניזאַציע פונעם ישוב, — די אינסטינקטיווע זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון די אַמיינסטן אַקטיווע עלעמענטן אין אים.

אַזאַ שייכות איז אויך פאַראַן צווישן דער אַקטיוויטעט פון די רעוויזיאָניסטן אין ארץ ישראל און די רעוויזיאָניסטן וואָס אין גלות. עס אַנט־ פּלעקט זיך אויך דער קאָנטראַסט צווישן די טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדער־ פעענישן אין ארץ ישראל און צווישן די אַלגעמיינע פּאַרטיי־שטרעבונגען פונעם אַלוועלטלעכן רעוויזיאָניזם. אויך דאָ הערשט אַן אַלטער ווידער־ שפּרוך צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטישע אידעאַלן און די באַדערפעענישן פון דער לאָקאַלער פּאָליטיק — „די קעגנוואַרטיקע אַרבעט". פון דאַנען שטאַמט די נויטווענדיקייט צו געבן דעם פאַרבאַנד פון ציוניסטן־רעוויזיאָ־

ניסטן אין ארץ-ישראל אין א געווים גראד אויטאנאמיע. די פאליטיק פון די ארץ-ישראל-רעוויזיאניסטן קען נישט און דארף נישט געפירט ווערן לויט א באפעל פון די פארטיי-צענטערס אין אייראפע.

די רעוויזיאניסטן שענקען זייער אויפמערקזאמקייט אלע וויטאלע פראגן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע די אפיציעלע ליטונג איגנארירט אינגאנצן. כדי צו פארטיידיקן די געזעצלעכע רעכט פונעם ישוב איז איצט באשאפן געווארן די אגודה „זכותנו" אין ארץ ישראל און אין לאנדאן. און איך בין איבערצייגט, אז מיט דער צייט וועט די ליטונג גופא אויסנוצן דעם דאזיקן אינסטרומענט, גענוי ווי זי האט זיך באנוצט מיט אלע רעוויזיאניסטישע מאטיוון אין צוזאמענהאנג מיט דער געשעעניש לעבן כותל המערבי.

צום באדויערן, האט די ליטונג זיך באנוצט נאר מיט די רעוויזיאניסטישע מאטיוון. אבער אין איר פאליטישער האנדלונג האט זי זיך אפגעשטעלט אינמיטן וועג. נאכדעם ווי די ליטונג האט צונויפגעזאמלט דעם גאנצן נויטיקן מאטעריאל פאר אן אמתער פאליטישער אפענסיווע, האט זי זיך באגנוגנט בלויז מיט אן אינפארמאטיוון קאמפיין און האט זיך אינגאנצן צוריקגעצויגן פון אן אקטיוון קאמף פאר די רעכט פונעם ציוניזם און דעם ישוב. דער רעזולטאט איז געווען דאס באקאנטע „ווייסע בוך" וועגן כותל מערבי.

איך שלאג פאר:

א) צו גוטהייסן די פאליטישע רעזאלוציעס א' און ב' פון דעם רעוויזיאניסטישן קאנגרעס אין פאריז וועגן זעלבסטשטענדיקער פאליטישער אקטיוויטעט, ווי אויך דעם קאמענטאר וואס איז געמאכט געווארן אין בערלין צו די דאזיקע רעזאלוציעס.

ב) שענקען באזונדערע אויפמערקזאמקייט אויפצושטעלן א פערמאנענטע פאליטישע קאמיסיע אין לאנדאן.

ג) צו ראטיפיצירן די סטאטוטן פון „זכותנו".

אנטייל אין דער דעבאטע

אין דער אלגעמיינער דעבאטע אויפן צוזאמענפאר האט מאיר גראס-

מאַן זיך קעגנגעשטעלט אַ צו גרויסער אויטאָנאָמיע פאַר דעם ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישן פאַרבאַנד אין ארץ־ישראל.

ר. ליכטהיים האָט דערציילט אין דער דעבאַטע, אַז אינעם צענטער פון די דייטשע ציוניסטן האָט מען אים געוויזן אַ פּראָטאָקאָל פון אַן אויס־פאַרשונגס-קאָמיסיע פון תל-אביבער מוניציפּאַליטעט, און אין אים האָט זיך געזאָגט, אַז די חברים פון בית"ר האָבן זיך באַטייליקט אין תל אביב אין איבערפאַלן קעגן אַ פאַרזאַמלונג ווו מען האָט גערעדט יידיש.

איך באַדויער, וואָס עס געפינען זיך דאָ אַזעלכע וואָס חזרן דאָ איבער די אויסגעטראַכטע מעשיות פון אונדזערע קעגנער. געוויס איז אונדזער אינפאָרמאַציע פון ארץ-ישראל נאָך אַ זייער פעלערהאַפטע. און נאָך פיל מאָל וועט איר דאַרפן הערן כלערליי פאַרלוימדונגען וועגן אונדז — אַז מיר גייען קיין ארץ־ישראל כדי צו ראַבעווען ביי די אַראַבער זייערע פעלדער און זייערע הייזער, אַז מיר זענען פיינד פון ענגלאַנד, און נאָך אַזעלכע נאָ-רישקייטן. איך פאָדער פון אייך אַז איר זאָלט זיך באַציען צו דעם פּראָ-טאָקאָל וואָס עס האָט דערמאָנט ליכטהיים, ווי צו אַן אויסגעטראַכטער מעשה. עס איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ אויספאָרשונג־קאָמיסיע פון דער תל־אביבער מוניציפּאַליטעט, און די דערמאָנטע קאָמיסיע האָט זיך איינ-פאַך גענומען דעם דאָזיקן טיטל. מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער תל-אבי-בער אינטענדענט געלאָזט וויסן, אַז די דאָזיקע קאָמיסיע איז נישט קיין מו־ניציפּאַלע. און די אויספירן פון דער דאָזיקער קאָמיסיע — זענען שקר וכזב. איך וויל דאָ נישט דיסקוטירן וועגן דער פראַגע אויב עס האָבן גוט אָדער שלעכט געטון די וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם צוזאַמענ-שטויס פון יענער פאַרזאַמלונג יידיש-רעדנער. אויב זיי האָבן געטון גוט — פאָדערן מיר נישט דעם כבוד פאַר אונדז, און אויב זיי האָבן שלעכט גע־טון — האָבן מיר נישט קיין חלק אין דעם. אין דעם איבערפאַל האָבן זיך באַטייליקט 65 מענטשן און צווישן זיי זענען געווען 6 חברים פון דעם „ברית תרומפּלדור", אָבער קיין שום מענטש טאָר נישט זאָגן אַז דער בית"ר האָט אַ חלק אין דעם ענין.

אויסער דעם, באַציט מען זיך אין ארץ-ישראל צו דעם ענין אינגאַנצן אַנדערש ווי איר באַציט זיך דאָ. די אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט זיך באמת

באטייליקט אין דעם ענין, האט נאכדעם דערוואָרבן פיל נייע חברים. אין ארץ־ישראל דענקט מען און מען פילט אנדערש. דאָרט היט מען מיט אייפערזוכט דעם אוצר — דאָס העברעאישע לשון — קעגן וועלכן די רעגירונג האט אונטערגענומען א גרויזאמע און קליינלעכע מלחמה. נאר איין זאך קענען די יידישע איינוווינער קעגנשטעלן דער אונטערדריקונג פון דער רעגירונג: צו אימפאנירן די העברעאישע שפראך אויף אלע הונדערט פראָצענט אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. יעדער באריר פון דער זאך נוצט מען אויס קעגן אונדז. דערפון נעמט זיך די עקסטרעמע פאנאטישע באציאונג צו אלץ, וואָס איז פארבונדן מיטן הערשן פון דער העברעאישער שפראך.

און איך בעט אייך, גדענקט אָט דעם כלל: נישט שטענדיק קען די אלוועלטלעכע אָרגאניזאציע פון ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן טראָגן די אחריות פון אלץ וואָס געשעט אין ארץ־ישראל. דעריבער קען מען נישט אָפזאָגן זיך פון דער פראגע וועגן אן אויסגעשפּראָכענער אויטאָנאָמיע פון אונדזער אָרגאניזאציע אין ארץ־ישראל. קיין דריטער וועג איז נישטאָ: ענטוועדער מיר דארפן אויפלייזן דעם פארבאנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן און דעם „ברית תרומפלדור” אין ארץ ישראל, אָדער מיר דארפן זיי לאָזן עקזיסטירן און געבן זיי אן אויסגעשפראָכענע אויטאָנאָמיע.

ליכטהיים און גראָסמאן פאָדערן אז מען זאָל אָנצייכענען קלאָרע און פרעציזע גרעניצן פאר דער זעלבסשטענדיקער פּאָליטישער ארבעט פונעם פארבאנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן. אָבער עס איז זייער שווער, כמעט אוממעגלעך, אָנצוצייכענען אזעלכע גרעניצן. מאָלט אייך אויס אז איר וועט לייענען אין „טיימס” די געוועגלעכע דערקלערונג פונעם העכסטן ציוניסטישן אנשטאלט, אז „די לאגע אין ארץ־ישראל איז צופרידנשטעלנד”. וואָס וועט איר טון דעמאָלט? איר וועט קומען צום מיניסטער און איר וועט אים דערציילן דעם גאנצן אמת וועגן דער לאגע ווי זי איז. אָבער דאַן וועט מען זאָגן, אז איר האנדלט אין קעגנזאץ צו דער פּאָליטיק פון דער לייטונג, אז איר צעשטערט דעם פאריניקטן פראָנט. און מען דארף דערפאר נישט איבערטראכטן. ווער עס זאָגט „אלף”, דארף אויך זאָגן „בית”. אויב איר ווילט אז אייערע ווערטער זאָלן דערהערט ווערן אין די אויערן פון די קרייזן, וועלכע באשטימען די ארץ־ישראל־פּאָליטיק, איז, צו מיין בא

דויערן, נישטאָ פאַר איך קיין אַנדער וועג ווי דורכברעכן אַט דעם אַזוי גערופענעם פאַרייניקטן פראָנט.

אַלס אָפּאָזיציע, און נאָר אָפּאָזיציע, זענען אונדזערע אויסזיכטן אויף נצחון שוואַכע. אין די איצטיקע באַדינגונגען איז זייער שווער צו דעראָבערן דעם קאָנגרעס אויף אַ געוועגלעכן אופן. אין דער גרעסטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין אַמעריקע, איז בכלל נישטאָ קיין פרייהייט; דאָרט באַשטימט מען די קאָנגרעס־דעלעגאַטן. און ווען מיר האָבן געפאָדערט אַז עס זאָל צוגעגרייט ווערן וואַלן, האָט מען אונדז געענטפערט: ברענגט פריער אריין צען טויזנט דאָלאַר. אָבער, פאַרשטייט זיך אַז אַזעלכע סומעס האָט נישט פאַרמאָגט די שוואַכע ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי. צוליב אַזעלכע סיבות האָבן מיר נישט געווונען דעם קאָנגרעס, נישט געסופּט אויף דעם וואָס אַלע רעדנער פונעם קאָנגרעס האָבן געהאַלטן רעוויזיאָניסטישע רעדעס און די מאַיאָריטעט פונעם קאָנגרעס האָט איבערגענומען אונדזערע געדאַנקען. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז די ראָל פון דער אָפּאָזיציע אַ פרוכטלאָזע און אומזיסטע. און מיר זענען נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם. מיר דאַרפן אָנפירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט אויף אַלע געביטן, — וויפל מען זאָל איר נישט באַשרענקען. נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קענען אָנפירן אַ שעפערישע אָפּאָזיציע, צו באַווייזן אַז מיר ווייסן נישט נאָר צו טראַכטן גוט, נייערט אויך צו האַנדלען ריכטיק.

איך גיי אַריבער די פראַגע וועגן דער אומאָפּהענגיקער פּאָליטיק פונעם ישוב. אויך גראָסמאַן אַנערקענט די דאָזיקע אויטאָנאָמיע, — אין באַשטימטע גרעניצן פון לאָקאַלן כאַראַקטער. אָבער אין ארץ ישראל איז יעדע לאָקאַלע דערשיינונג פאַרבונדן מיט אַלגעמיינע פּאָליטישע אינטערעסן און אין דער אונטערשטער שורה פירט זי קיין לאָנדאָן. אויב מען ווענדט זיך מיט פּראָטעסטן אָדער מיט פאָדערונגען צו לאָקאַלע באַאַמטע, ענטפערן זיי: איר זענט גערעכט, אָבער איר לעבט אין אַ ספּעציעל לאַנד, און וועלכן עס לויערט צו יעדן מאָמענט די געפאַר פון אומאָרדענונגען, און די רעגירונג האָט נישט בדעה צו מאַכן גרויסע אויסגאַבן פאַר פאַרזיכערונג. וואָסזשע בלייבט אונדז צו טון אין ארץ־ישראל? צו שווייגן? צו ליידן? און אויב מאָרגן וועט אַנטשטייען די געפאַר פון פּאָגראָמען, טאָ וואָס וועט זיין דע־

מאַלט? וועלן מיר אויך דעמאָלט דאַרפן אַרויסקוקן אַז עס זאָל זיך אַריינ-מישן די לייטונג, און אין דער זעלבער צייט דאַרף מען וויסן, אַז אַפּט מאָל קענען פאַרמיידן די סכנה דורך ענערגישע שריט אין לאָנדאָן און ראַ-טעווען עטלעכע יידישע נפשות און אַ סך אַראַבישע נפשות? — און אויב די ציוניסטישע לייטונג טוט גאָרנישט, איז דאָס דער זכות און די פליכט פונעם ישוב גופא.

אויך אין אָט דער פראַגע איז אומעגלעך אָנצוצייכענען פּרעציזע גרע-ניצן. עס איז נויטיק אַ הסכם. און איך גלויב, אַז מיר וועלן געפינען דעם וועג צו ברענגען אין האַרמאָניע די פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער דאָזי-קער פראַגע.

די שלום-רעדע

ראשית, וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף דער באַדייטונג פונעם פאַקט, וואָס אונדזער קאָנגרעס פאַרזאַמלט זיך אין ווין. וועגן דעם האָט מען שוין זייער פיל גערעדט. אָבער איך פיל אַ אינערלעכע באַדערפעניש דאָס צו דערמאָנען, און ווען אפילו איך וועל איבערחזרן ווערטער וואָס זענען שוין געזאָגט געוואָרן. ווין איז אַ טראַדיציע, אַ גרויסע טראַדיציע, און אויפן פּאָן פון דער דאָזיקער טראַדיציע איז אונדזער קאָנגרעס נישט מער ווי אַ קליינע געשעעניש. אָבער איך האָף, אַז אויך די דאָזיקע קליינע געשעעניש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טראַדיציע וואָס וועט פאַר-צייכנט ווערן אין דעם גאָלדענעם בוך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ווין — יענער ווין וואָס אין איר האָט געשיינט אונדזער זון. און באַ-זונדערס זאָלן דאָס געדענקען די וואָס וועלן זיך אונטערנעמען, נאָכדעם ווי מיר וועלן אַוועקפאָרן פון דאַנען, פאַרצוזעצן דאָ די אַקטיוויטעט און די מלחמה פאַרן אורשפּרינגלעכן, אינטעגראַלן ציוניזם.

מיר דאַנקען אייך, ווינער חברים, פאַר דעם ערלעכן אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס, און אויך פאַר דער ליטערער ווינער אַטמאָספער פון געמיטלעכ-קייט אין וועלכער מיר געפינען זיך פון דעם ערשטן מאָמענט אָן. איך צווייפל אויב עס איז פאַראַן, אויסער ווין, נאָך אַ לאַנד — אפשר מיטן אויסנאָם פון ארץ ישראל — וואָס זאָל קענען זיך רימען מיט אַזאַ גרוי-

סער און אינטערעסאַנטער גרופּע ציוניסטישע אינטעליגענטן. די דאָזיקע גרופּע קען געוויס אָנפירן די ציוניסטישע באַוועגונג אין דרום־מזרח־איי־ראָפּע, איר מדריך זיין פון דאַנען. און אויב זי קען דאָס טאָן, איז זי מחויב.

עס איז פיל גערעדט געוואָרן וועגן די חילוקי־דעות וואָס זענען אַנט־שטאַנען אויף אונדזער קאָנגרעס. אָבער די אַנטוויקלונג פון אַ באַוועגונג גייט בשום אופן נישט אָן לויט איין ליניע. דער גלאָבוס וואָס האָט בלויז איין גראַוויטאַציע־צענטער, טויג נישט פאַר פליען. צום פליען מאַכט מען איצט עליפּטישע צעפּעלינען, מיט צוויי גראַוויטאַציע־צענטערס. און זיי זענען עס די האַרן פון דער לופט. און אַזוי אויך זענען פאַראַן צוויי טענ־דענצן אין אונדזער קרייז. איין שטרעבונג איז אָפּצוראַטעווען אַלץ וואָס עס האָט באַשאַפן הערצל. און די צווייטע איז צו באַשאַפן אַ נייעם טיפּ מענטש, אַ ייד און ציוניסט. אָפטמאָל אַנשטייען רייבונגען צווישן די ביי־דע באַוועגונגען, אָבער דווקא אַזעלכע צוזאַמענשטויסן קריסטאַליזירן אויס די באַוועגונג און פאַרשטאַרקן איר שוווּנג. אָט דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אונדזער קאַמף. מיר האָבן געהאַט צו פירן אַ אידייאישן קאַמף אויך אויף אונדזערע אַלע פריערדיקע צוזאַמענפאָרן, און איך האָף אַז מיר וועלן ווייטער קעמפן אויף אַלע אונדזערע קומענדע קאָנפערענצן.

עס איז וויכטיק בלויז איין זאַך — אַז מיר זאָלן קומען צו אַן הסכם און אַז מיר זאָלן געפינען דעם אמת וואָס געפינט זיך ערגעצוו אינמיטן צווישן די דאָזיקע צוויי שטראָמען.

מיר קענען איצט נישט איבערגעבן אַן אויסשעפנדן איבערזיכט פון דער אַרבעט פון אונדזערע פיר קאָנפערענצן. און איך שלאָג פאָר, אַז גאָר אין גיכן זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן אַזאַ מין איבערזיכט, כדי די בירגער זאָלן אויך קלאָר באַגרייפן דעם גאַנצן אוניווערסאַליזם פון אונדזער באַ־וועגונג. פון אונדזער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קאָלאָניזאַציע־פּראָ־גראַם קען מען שאַפן אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון וועגן און שיטות וואָס דורך זיי ווערט געבויט אַ לאַנד. איך בין ווייט פון זעלבסטבארימעריי, אָבער איך גלויב באמונה שלימה, אַז שוין איצט קען מען צוזאַמענשטעלן

פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל אַ לערנבוך פון קאָלאָניזאַציע. איך וועל זיך נאָר אָפּשטעלן אויף געציילטע, עטלעכע פּונקטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט דער דעפיניציע פונעם ציוניסטישן ציל, — אַ באַגריף וועלכער איז לויטער מאַטעמאַטיש דעפיגירט געוואָרן: דאָס שאַפן פון אַ יידישן רוב פון ביידע זייטן ירדן, און דאָס איז אַ תנאי פאַר דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה. צוליב דעם איז נייטיק אַ מאַסן־עליה, וואָס זאָל גיין מיט אַ שנעלן טעמפּ און מען דאַרף אויף איר קוקן ווי אויף אַ פּאָליטישער אויפגאַבע. מיר האָבן זיך און אַנדערע קלאָר געמאַכט, אַז די קאָלאָניזאַציע־אויפגאַבן איז אוממעגלעך און מען דאַרף אויך נישט אָנלאָדן אויפן פאָלק ישראל. די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער מאַסן־עליה דאַרף צוגרייטן די מאַנדאַט־מאַכט.

אין דער פראַגע פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין ארץ ישראל אינטערעסירט אונדז נישט די פּסיכאָלאָגיע פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע, נישט די סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פון טשינאָווניקעס. דער שווער־פּונקט ליגט אין אַ גאַנצער ריי פּראַקטישע רעפאָרמען אויפן געביט פון פאַרזיכערונג, לאַנדווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק, דער פּאָליטיק פון צינזן, און אַ. וו. און די פאַרווירקלעכונג פון די אַלע רעפאָרמען קען מען אַנדערש נישט דערגרייכן ווי נאָר אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן גוטע באַציאונגען, באַזירטע אויף קעגנזייטיקן צוטרוי.

מיר זענען די ערשטע וועלכע האָבן דורכגעטראַכט אויף אַ קלאָרן און רעספּעקטאַבלען אופן אויך אונדזער ענטפער אויף דער אַראַבישער פּראָבלעם.

דער דאָזיקער ענטפער איז ווייט פון יעטוועדע פיינטשאַפט־געפילן. אדרבא פאַרקערט, עס איז גאַנץ מעגלעך אַז קיינער אויסער אונדז איז נישט מסוגל אַזוי צו פאַרשטיין די געפילן און דעם קרעדאָ פון דער אַראַבישער אָפּאָזיציע. מיר זענען נישט קיין שונאים פון די אַראַבער און מיר דענקען נישט אַז מען קען זיי אונטערקויפן. מיר ווייסן אָפּצושאַצן זייערע פעאיקייטן און זייער נאַציאָנאַליזם. אָבער, מיט דער דאָזיקער גאַנצער ערנווירדיקער באַציאונג, וועלן מיר נישט דערלויבן קיין מענטשן דאָס „וועטאָ"־רעכט לגבי דער פרייער אַנטוויקלונג פון די יידן אין ארץ יש־

ראל, אן אַ שום פּאַראויס־באַשטימטער גרעניץ. מיר זענען געווען די ער־שטע וועלכע האָבן דעפינירט מיט דער פולער קלאָרקייט און פּונקטלעכ־קייט די גאַנצע נישט־דעמאָקראַטישקייט פון די פּסעוודאָ־דעמאָקראַטישע פּאָדערונגען צו גרינדן אַ „פּאַרלאַמענט" אין ארץ ישראל — כל־זמן עס איז נאָך נישט אָנגעקומען אין לאַנד אַריין אַ גרויסער חלק פון יענע עלע־מענטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם דורך זייערע נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן (און דער דאָזיקער היסטאָרישער קשר איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער פעלקער־ליגע)! נאָר נאָכדעם ווי די צעשפּרייטע יידן איבער אַלע עקן וועלט וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד אַריין און וועלן אין דעם זיין די מאַיאָריטעט, נאָר דאַן וועט קומען די שעה צו גרינדן פּאַר־לאַמענטאַרישע אַנשטאַלטן.

אונדזערע ערשטע צוויי קאָנגרעסן האָבן מאָטיווירט די פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר דעם אויפשטעלן דעם בנין. דער דריטער קאָנגרעס האָט נישט געמאַכט קיין וויטערדיקע שריט אויפן פּאָליטישן געביט. אָבער דערווייל איז אַריין אין אונדזער פּאָליטישן לעבן אַ מענטש, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו דערפילן אין דער צוקונפט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן און ענגלישן פאָלק (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). ער האָט דערגענצט דאָס וואָס ס'האָט געפעלט אין אונדזער באַנעם — פילייכט דאָס איינציקע וואָס ס'האָט געפעלט אין אים. תמיד האָט מען אונדז געענטפערט, אַז אונדזערע פאָדערונגען זענען גערעכטע; אָבער תמיד האָט מען אונדז געפרעגט: און ווי אַזוי וועט איר נויטן די ענגלענדער צו דערפילן זייערע הבטחות? דערויף האָבן מיר געענטפערט: נויטן זיי איז אוממעגלעך. אָבער ווען די ענגלישע נאַציע נעמט אויף זיך אַן התחייבות, וועט זי איר דערפילן. אין דעם גלויבן מיר באמונה שלימה ביז היינט. אָבער אין דער זעלבער צייט איז אונדז קלאָר, אַז מיר זענען נישט בכוח פאַרצושלאָגן קיין באַלוינונג פאַר די אָנשטרענגונגען וואָס מיר פאָדערן פון איר. וועדזשוווד, וועלכער איז אַליין אַן ענגלענדער, האָט אונדז גע־לערנט, וואָס פאַר אַ פאָרם עס קען אָננעמען די דאָזיקע באַלוינונג. ער האָט דערקלערט: עס איז געווונטשן פאַר אונדז, ענגלענדער, אַז די ברי־טישע „קאָמאָנוועלט אָוו ניישאָנס" זאָל האָבן אַן יידישן שותף אין ארץ

ישראל. און אויב דאָס איז אזוי, האָט דאָך ענגלאנד אן אייגענע ממשות־דיקע אויסרעכענונג זיך צו באטייליקן אקטיוו אין דעם בנין פון ארץ ישראל.

אָט דאָס איז דער געדאנק. אויב ענגלאנד וועט אים אָננעמען, אויב מיר וועלן אים אָננעמען — איז נאָך דערווייל א פראגע. אָבער ווערזשע־ווודס פאָרשלאָג איז א טייערער און וויכטיקער פאָרשלאָג. און עס איז מעגלעך אז מיט דער צייט זאָל ער צוזאמענגעגאָסן ווערן מיט אונדזער פראָגראם און זאָל איר דינען אלס אָרגאנישע דערגענצונג.

און דערווייל איז אונדזערער א ערן־חוב צו ווינטשן ווערזשעווודן הצלחה און דערלויבן איינצלנע חברים פון צווישן אונדז, אויב זיי וועלן דאָס וועלן, אים העלפן פארשפרייטן זיין געדאנק. (אפלאָדיסמענטן.)

אונדזערע לעצטע צוויי קאָנפערענצן האָבן זיך געפלייסט צו זוכן וועגן און צורות צו באשאפן די פאָרבאדינגונגען פאר א יידנשטאאט. מיר זענען געקומען צו דער מסקנה, אז דער יסוד פארן בנין קען און דארף זיין דער קאָלעקטיווער ענטוזיאזם פון מיליאָנען אינדיווידועלע פלענער. דורך אָט דעם ענטוזיאזם וועלן מיר קענען באקומען דעם מיליארד וועלכן מיר האָבן געזוכט, וועלכער זאָל צוזאמענגעשטעלט ווערן פון מיליאָנען פריוואטע פארמעגנס. אונדזער אויפגאבע איז — דורכצוליייגן וועגן, צו באַשאפן אנהאלט־פונקטן פאר אָט דעם ענטוזיאזם פון פריוואטע פלענער און פארמעגנס.

דאָס וועט נישט אָנרירן דעם פרינציפ פונעם נאציאָנאלן שטייער פאר די צילן פונעם אויפבוי. אָבער עס דארפן געענדערט ווערן די פאָרמען פון באנוצן זיך מיט די נאציאָנאלע פאָנדן. דעם נאציאָנאלן קאפיטאל פור־דעם קרן היסוד דארף מען ווידמענען: א) צו באשאפן מאטעריעלע ווערטן, פערמאַנענטע (בנינים, א. ד. ג.), און ב) צו באשאפן דעם נישט־מאטע־ריעלן בנין פון זיכערן קרעדיט. די וועלכע קאָלאָניזירן זיך וועלן נאָך נישט באקומען קיין „בודזשעט", אָבער דאקעגן וועלן זיי באקומען א גרעסערע זאך: בנינים און קרעדיט. אזוי ארום איז באשטימט געוואָרן איין אויפגאבע פארן קאפיטאל פונעם קרן קימת. מען קען מער נישט קויפן ארץ ישראל־ערד אויפן פריוואטן מארק. פארן קרן קימת זענען באשטימט געוואָרן

אנדערע אויפגאבן: א) אין ארץ ישראל זענען דא פיל ערדן. ווען מען זאגט אויף דעם שטיקל ערד אדער אויף אנדערער ערד, אז זי טויג נישט באארבעט צו ווערן, איז דער פשט דערפון נאר דאס: אז ס'איז נישטא דארט קיין וואסער. אבער אויך וואסער איז דא א סך אין ארץ ישראל: רעגן־וואסער און וואסער פון דער ערד. מען דארף דאס נאר צונויפזאמלען און אפהיטן אז עס זאל נוצלאז נישט פארלוירן גיין. די דאזיקע אויפגאבע „אויסצולייזן דאס וואסער" איז ממילא דאס זעלבע וואס „אויסלייזן די ערד". ב) עס זענען פאראן אין לאנד פיל פארלאזטע ערדן. זיי אויסבע־סערן און מאכן נוצלעך — דאס איז אויך „גאולת הארץ". ג) די קאלא־ניזאציע דארף געפירט ווערן אויף דער באזע פון פריוואטן קאפיטאל. אבער עס איז פאראן איין טיפ וואס איז א יוצא מן הכלל: די פיאנערן; נאכדעם ווי זיי האבן אפגעארבעט א געוויסע צאל יארן, וועלן זיי האבן א רעכט צו באקומען פון די נאציאנאלע פאנדן די דאזיקע 30% ביז 40% פון די קאלאניזאציע־אויסגאבן אויף דעם באדן, וואס אן זיי קען נישט עקזיסטירן קיין שום קאלאניסט. דאס איז די דריטע אויפגאבע פונעם קרן קימת.

בעת דעם דאזיקן קאנגרעס האבן מיר געגנוי אנאליזירט די סאציאלע פראבלעמען. אין דער גאנצער וועלט איז דער צער און די ליידן נישט איינגעטיילט צווישן די מענטשן גלייך אויף גלייך. און דאס האט אויך פאסירט מיטן פראצעס פונעם ארץ ישראל־אויפבוי. מיר באדויערן דאס נישט ווייניקער פון א־דערע. אבער מיר ווילן זיך אליין נישט אפנארן און אויך נישט עמיצן אנדערש: דער אויפבוי פון ארץ ישראל איז נישט גע־מאלט אן קרבנות, די קאלאניזאציע איז נישט געמאלט אן ליידן. און די דאזיקע קרבנות און די דאזיקע ליידן וועלן פאלן כמעט מיט זייער גאנ־צער משא אויף די פלייצעס פון די ארימסטע. און די דאזיקע ארימעלייט דארפן פארשטיין איין זאך מיט דער פולער קלארקייט און פינקטלעכקייט: זיי — די גוטע, די דערהויבענע, די טייערסטע — אז זייערע ליידן זענען גרעסער פון די ליידן פון די אנדערע. טויזנט מאל דארף א מענטש זיך באטראכטן, איידער זיין פוס לאזט זיך אוועק אויף דעם וועג פון יסורים און ווי איז די וועלכע האבן דאס גענומען אויף זיך. אבער דער וואס איז

ארויף אויף דעם וועג דארף געדעןקען, אז פון איצט אָן איז ער אַ רעקרוט אין דער אַרמיי, און אין הארצן פון דער אַרמיי קלאַפּט בלויז איין גע־דאנק: דאָס וואָס איז גוט, נוצלעך און נויטיק פאַרן בנין, דאַרף זיין אויך גוט פאַר אים.

מיר האָבן געזאָגט: יידישע אַרבעט איז אַ סינאָנים מיט אַ יידישער מאַיאָריטעט אין ארץ ישראל. יעדער שטערונג פון דער יידישער אַרבעט איז אַלצאיינס ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן. און נאָך עפּעס האָבן מיר געזאָגט: דער שטראָם פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל און דער אויפבוי פונעם לאַנד — איז איינס און דאָס זעלבע. און יעדער שעדיקונג פון די נאָרמאַ־לע פאַרדייסטן פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרראַט. אַזוי אַרום אַנשטייט, אין פלוג, אַן אומלייזבאַרער ווידערשפּרוך. אָבער מיר דערקלערן: אין דער עפּאָכע פון אויפבוי איז נישט געמאָלט קיין קאַמף פון קלאַסן־קעגנזאַצן, גייערט דער אויסגלייך פון די דאָזיקע קעגנזאַצן. פאַר דער צייט פון דער דאָזיקער עפּאָכע דאַרף מען ביי זיי צונעמען די גיפט — אינעם נאָמען פון דער אידייע פון אויפבוי.

פון דאַנען איז געבוירן געוואָרן דער לאָזונג פון אונדזער קאָנגרעס, דער לאָזונג פון נאַציאָנאַלן אַרביטראַזש, וואָס דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע. פון דאַנען שטאַמט אויך אונ־דזער פאָרשלאַג צו גרינדן אַ ריי אַנשטאַלטן פאַר נאַציאָנאַלער האַרמאָניע, וועלכע זאָלן אַרומנעמען אַ גרעסערע צאָל פּראָבלעמען און זאָל אַקטואירן אינעם נאָמען פונעם גאַנצן ישוב, און נאָכדעם, פּילייכט, אינעם נאָמען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. וועלן מיר האָבן גליק צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן געדאַנק אין אונדזער קליין לענדל? אויב יאָ, וועלן מיר לערנען די גאַנצע וועלט אַ סאָציאַלע לעקציע, נאָך איידער עס ווערט געגרינדעט די יידישע מדינה, אַ וויכטיקערע און גרעסערע לעקציע פון אַלע פּסעוודאָ־קאָמוניסטישע און פּסעוודאָ־סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן. (לאַנג־דויערנדע אַפּלאָדיסמענטן.)

מיר מעגן אַבסאָלוט שטאָלצירן נישט נאָר מיט דעם יידישן אינהאַלט

פון אונדזער דריטן קאָנגרעס, געהערט אויך מיט דעם שיינעם גאַנג פון איר אַרבעט. ווער איז אַ העלד — דער וואָס באַזיגט זיין אייגענעם יצר־הרע. אַלע גרופּירונגען אויף אונדזער קאָנגרעס האָבן אַרויסגעוויזן די האָזיקע מידה פון אינערלעכער גבורה וואָס איז נויטיק צו באַזיגן דעם יצר־הרע. איך האָב אַ גרויסע און לאַנגע דערפאַרונג אין דער „תורה פון קאָנגרעסן", און איך בין אויפריכטיק איבערראַשט פון דער שפע פון אויסגעצייכנטע רעדנער אין דעם דאָזיקן נישט גרויסן קרייז, פון דער פּינקטלעכקייט און קלאָרקייט אין געדאַנק און וואָרט. און ווירקלעך האָט זיך ביי מיר געשאַפן דער איינדרוק, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה אין דער הינזיכט פון דעם אידעאיש־גייסטיקן געשטאַלט פון דער ציוניסטישער וועלט.

איצט געזעגענען מיר זיך און מיר זאָגן איינער דעם אַנדערן: צום ווי־דערזען. צום ווידערזען אין דעם וואַל־קאַמף צום זעכצנטן קאָנגרעס. און נעמט מיט צו דעם דאָזיקן וואַל־קאַמף בלויז איין צייכן: דעם שקל. פאַנגט מיט שקלים יעדן רעוויזיאָניסט, יעדן סימפּאַטיזירער, יעדן פריינט, דער וואַל־קאַמף וועט געוווּנען ווערן דורך דער צאָל שקלים וואָס מען וועט פאַרשפּרייטן. געדענקט נאָר דאָס. שקל! שקל! שקל!

מיר טרעטן אַריין אין דעם וואַל־קאַמף ווי די קעמפער פון אַ הייליקן און גערעכטן ציל — אַזאַ הייליקער ציל, אַז מיר, וועלכע זענען אין אַלע אָנהענגער פון נאַציאָנאַלער פּשרה, וועלן אויף דעם געביט נישט מסכים זיין צו קיין שום פּשרות. מיר גלויבן אין נצחון. דער דאָזיקער גלויבן אין נצחון, דער דאָזיקער ווילן פון נצחון — דאָס איז דער טיפסטער מהות פון דעם ציוניסט־רעוויזיאָניסט. מיר ווייסן, אַז אין בערלין, אינעם אָק־ציאָנס־קאָמיטעט, זענען מיר געווען 2 קעגן 35. אין באַזל זענען געשטאַנען 200 דעלעגאַטן קעגן 10 אונדזערע דעלעגאַטן. אָבער מיר ווייסן נאָך אַ זאַך: מיר קעמפן פאַר אַ גערעכטן, גרויסן און ערלעכן געדאַנק. מיר ווייסן, אַז דער ווילן פונעם פאָלק קען און דאַרף געפינען זיין אויסדרוק נאָר אין די געהויבענע פאָרמען, וועלכע זענען ריין אַזוי ווי קרישטאָל, וועלכע עס האָט געשאַפן הערצל, און אַז יעטוועדער באַריר פון די דאָזיקע פאָרמען איז אַ פאַרברעכן. און ביי מיר אין האַרצן גלויב איך באמונה

שלימה, אז אַלע אונדזערע געשווירענע קעגנער, ביז צום לעצטן שקלאַפֿן אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל, וועלכער האָט געשיקט אין דעם קאָנגרעס און אינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט די אָנהענגער פֿון דער „אויסגעבריי־טערטער“ אַגענץ, ווען זיי קומען היינט זיך אָפּזונדערן מיט זיך אַליין, ווען זיי וועלן זיך פֿאַרשליסן יעדער איינער אין זיינע ד׳ אמות, זאָרגן זיי און וויטיקן און מאַכן זייער חשבון הנפש: „און אפשר בין איך באַגאַנגען אַ געפֿערלעכן טעות“... איך לייען אינעם האַרצן פֿון מיין ברודער דעם ציוניסט ווי אין אַן אָפֿענעם בוך. און נישט מיט פֿאַראַכטונג, נייערט מיט אַן אַכטונגספֿולער באַציאונג זע איך די ליידן פֿון זיינע ספֿיקות, און איך רוף אויס צו אים: „דו, ברודער מיינער אין ציוניזם, דו, וואָס האָסט געזינדיקט קעגן דער ירושה פֿון הערצל, קער אום די רו דיין נשמה, פֿאַרקירעווע דיך פֿון דעם וועג וואָס פֿירט אין בלאָטע, ווייל דער אמת און דער נצחון וועלן סוף־כּל־סוף זיין אונדזערע“.

איך גריס אייך, די וועלכע וועלן אין ציוניזם זאָגן דאָס לעצטע וואָרט אין דערגרייכן דעם לעצטן אויפֿטו. אַמווידערזען! (שטורמישע און לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן. די דעלעגאַטן און געסט זינגען די „התקוה“.)

דער אינדוסטריאַל און דער סוחר

אַ רעדע געהאַלטן אויף דער פּרילינג־אויסשטעלונג פון דער יידישער אינדוסטריע. תל־אביב, פרילינג, תרפ״ט.

אַלס פאַרוואַלטער פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „יהודה“, איז זשאַבאָטינסקי געשטאַנען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַנגעלעגנהייטן פון יידישער אינדוסטריע, און איז אויך געווען מיטגליד פון דירעקטאָריום פון דער „געזעלשאַפט פון אויסשטעלונגען און ירידים אין ארץ־ישראל“, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די אויסשטעלונג פון דער יידישער אינדוסטריע, וואָס פון זיי האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער יריד פונעם מזרח אין תל־אביב.

מען דאַרף נישט רעדן קיין סך און איבערחזרן דאָס וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן פון די רעדנער פאַר מיר, — וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ נאָך מער בולטן אופן, דורך יעדן איינעם פון די עקספּאָנענטן פון אייער אינדוסטריע אינעם צענטראַלן פּאַוויליאָן פון דער אויסשטעלונג. נאָר איין באַמערקונג וועל איך מאַכן אין דעם דאָזיקן פאָרוואָרט מיינעם: לאָמיר דערמאָנען צו גוטן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג, די גרופּע יונגע טוער, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום „האַנדל און אינדוסטריע“. די דאָזיקע מענטשן זענען געווען צווישן די ערשטע אינעם לאַנד, וועלכע האָבן געגלויבט אין דער צוקונפט פון דער פאַבריק; אין דער צייט וואָס כמעט יעדער מענטש, וועלכער האַלט זיך פאַר אַן „ערנסטן“ האָט יאָך געלאַכט פון דער האָפענונג אַז עס וועט זיך קענען אַנטוויקלען אַ אינדוסטריע אין אונדזער „לויטער אַגריקולטור־לאַנד“, האָבן זיי אויפגעשריבן דעם נאָמען „אינדוסטריע“ אויף זייער פאָן. איצט פאַרדינט די דאָזיקע גרופּע יונגע טוער, אַז איר זאָלט איר זאָגן: איר אינדוסטריאַלן: „זכרתי לך חסד נעוריך“...

אויך פֿאַר אונדז, דירעקטאָרן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון אויסשטעלונגען און ירידים אין ארץ ישראל, איז דער דאָזיקער יום־טוב אונדזער יום־טוב. אויך די גרינדער פֿון דער דאָזיקער חברה זענען געווען צווישן די ערשטע גלויביקע: מחמת אַט דעם גלויבן האָט מען איינגעאָרדנט אָט דעם פּלאַץ און אויסגעבויט די דאָזיקע בנינים. אונדזער געזעלשאַפֿט האָט זיך געפֿרייט וואָס אירע פּלעצער האָבן זוכה געווען אַז אויף זיי זאָלן אויפֿגעשטעלט ווערן דאָס דאָזיקע גראַנדיעזע ווערק, די אויסשטעלונג פֿון תרפ"ט.

איך בין איינשטימיק מיט די ווערטער פֿון איינעם פֿון די פֿריערדיקע רעדנער: נאָר און בלויז מיט דער הילף פֿון דער רעגירונג, אָדער גענויער — אַדאַנק די רעפֿאָרמען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין דער סיסטעם פֿון שטייערן, איז געלונגען דער יידישער ענערגיע צו באַשאַפֿן די נייע אינדוסטריע. נאָך מער: צווישן די עקספּאָנע.טן וואָס מיר האָבן געזען אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג איז פֿאַראַן איינער, זייער אַ ליבלעכער און זעלטענער, און דאָס איז — דער גוטער ווילן פֿון אונדזער רעגירונג. אין דער הינזיכט האָט איר, אינדוסטריאַלן, דאָס רעכט זיך דאָפּלט צו רימען: איר האָט אָפּגעהאַלטן נישט נאָר אַ חשובן עקאָנאָמישן נצחון, נייערט אויך אַ פּאָליטישן נצחון: דער איינציקער פּאָליטישער נצחון, צו וועלכן דער ציוניזם האָט זוכה געווען אין די דאָזיקע אָרימע יאָרן, איז דער נצחון פֿון דער יידישער אינדוסטריע, וועלכע האָט באַוויזן, אין אַ געוויסער מאָס, צוצופּאַסן די סיסטעם־צינזן צו די באַדערפֿענישן פֿון דער לאַנד־אינדוסטריע.

אָבער איין זאַך זאָלט איר נישט פֿאַרגעסן: נישט לייכט איז דערגרייכט געוואָרן דער דאָזיקער נצחון, נייערט אַלס קאָנסעקווענץ פֿון אומאויפֿהערלעכן דרוק, מצד די בירגער, פֿון אומאויפֿהערלעכע פֿאָדערונגען און תביעות, פֿון דער יידישער עקשנות, וואָס נעמט נישט אָן דאָס וואָרט „ניין" אַלס ענטפֿער. „ניין" איז נישט קיין ענטפֿער. און וועט דאָס אויך נישט זיין. אויב איר ווילט פֿאָרגרעסירן — און ס'איז נישטאָ קיין האָפֿענונג אויף פֿאָרגרעס פֿאַר אַ יונגער אינדוסטריע, אויב זי קען זיך נישט אָנשפּאַרן אויף רעגירונגס־הילף ביי יעדן שריט וואָס זי וועט מאַכן —

אויב איר ווילט אויך ווייטער פראָגרעסירן, זאָלט איר נישט פאַרגעסן די תורה פון בירגערלעכן דרוק, די תורה פון אומאויפהערלעכער פאָדער־רונג. אַט האָבן מיר געהערט אַז אויך אין דרום־אפריקע איז נויטיק ענער־גישע צודרינגלעכקייט מצד די אינדוסטריאַלן אַז די רעגירונג זאָל טאָן איר פליכט. און אין יענעם לאַנד זענען דאָך אַזוי גוט די אינדוסטריאַלן ווי די מושלים פון איינעם און דעם זעלבן פאָלק און ראַסע, און נישט נאָר דאָס, נאָר די אינדוסטריאַלן זענען דאָרט אויך די ווײלער וואָס פון זייער גוטן ווילן איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון דער רעגירונג. ביי אינדז איז נישט אַזוי. און אייב אויך אין יענעם לאַנד איז נייטיק אַ שטענדי־ע אָנשטרענגונג. שוין אַוודאי ביי אונדז. „לא יגעתי ומצאתי — אל תאמין".

די אויסשטעלונג האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף אַלע איינוווינער פונעם לאַנד, און מיר האָבן געזען איר באַזוכן אויך אונדזערע נישט-יידישע שכנים ווי זיי קוקן, קוקן זיך צו — און אויך קויפן. אָבער אין דער זעלבער צייט — לערנען זיי אויך. צוויי אויספירן קענען מיר מאַכן פון דער דאָזיקער דערשיינונג. פון איין זייט קען מען זען פון אָנ־הויב אַז נאָך דער דאָזיקער אויסשטעלונג וועט אין אַ געוויסער מאָס אויסגעברייטערט ווערן דער אינערלעכער מארק פאַרן פאַרקויף פון אונ־דזער אינדוסטריע. אָבער עס איז אייך פאַראַן אַ גרונט פאַר אַן אַנדער נבואה: אין דער נאָענטער צוקונפט, ווען די לערנער וועלן זיך אויס־לערנען, וועט זיי שטיין צו הילף איין סאָציאַלע און עקאָנאָמישע „פריי־ווילעגיע", וועלכע מיר האָבן נישט און וועלן נישט האָבן: די ביליקע אַרבעט. אויב די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט אויסגעברייטערט דעם אי־נערלעכן מארק. זענען דורך איר פאַרזייט געוואָרן קערנער וואָס זייערע פרוכטן וועלן קאָנקורירן מיט אונדז אויפן אינערלעכן מארק מיט אַ שווע־רער קאָנקורענץ איז דער צוקונפט. און דעריבער: לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די ריכטיקע באַזעס פון דער אינדוסטריע פונעם ישוב זענען איז די גלות-לענדער: ווייל דאָרט, צווישן די מאַסן פון אונדזער פאָלק, וועלכע הייבן אָן צו קוקן אויף ארץ ישראל ווי אויף דער מעטראָפאָליע. דאָרט האָבן מיר די פּריווילעגיע, וועלכע עס האָבן נישט די וואָס קאָנקורירן מיט אונדז — דאָס געפיל!

אמת איך ווייס, אַז אין אויסלאַנד וועט זיך נישט פאַרקויפן נאָר גוטע סחורה, און פאַר אַ צוגעגנגלעכער פאַר אַלעמען פּרייז. אָבער איר דאַרפט נישט מגזם זיין דעם פאַלשן „וויסנשאַפטלעכן" אַנאַליז, און צראַפּוואַרפן די עקאָנאָמישע געזעצן, די געזעצן פון אָנבאָט און נאָכפראַגע ביז דער מדרגה פון אַריטמעטיק פאַר קינדער. פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן: „דער קונה וועט קויפן די בעסטע סחורה און פאַר דער ביליקסטער פּרייז, און דער געפיל האָט דאָ קיין איינפלוס נישט". איר זאָלט נישט מגזם זיין. איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט אין דער חכמה פון פאַרקויף; איך בין נישט קיין סוחר, נייערט איינער פון די מיליאָנען קונים אויף דער וועלט — אָבער די פּסיכאָלאָגיע פונעם קונה קאָן איך, און וואָס באַלאַנגט דער „חכמה פון קויפן" בין איך אויך אַ מומחה — איך און דאָ מיר אַלע. זאָל מען אונדז נישט דערציילן, אַז דער אידעאָלאָגישער פאַקטאָר, באַזונדערס דער סענטימענטאַלער פאַקטאָר, האָט נישט קיין השפעה אין דער וועלט פון מקח און ממכר. פאַרוואָס „פאַרשווענדט" די קאָמערציעלע וועלט אין אונדזער צייט אַזעלכע ריזיקע סומעס אויף פּראָפּאַגאַנדע? פאַרוואָס באַשיינט זי אירע אָנאָנסן מיט דער שיינקייט פון מאָלעריי, פאַרבן און בלענדנדיקער עלעקטרישער שיין? ווייל נישט נאָר אויף אַריטמעטיקע אַליין פאַרלאָזט זיך דער סוחר פון אונדזער דור, נייערט אויך אויף דער פּסיכאָלאָגיע — און אפשר ספּעציעל און באַזונדערס אויף דער פּסיכאָלאָגיע.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נויטיק גוטע סחורה (און אַלע זענען דאָך מודה אַז דער יידישער אינדוסטריאַל האָט געמאַכט ריזיקע פאַרשריט אין דער ריכטונג פון אויסבעסערן זיין אינדוסטריע, און ער וועט ווייטער גיין אויף דעם דאָזיקן וועג זייענעם אויך להבא); פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף פאַרביליקן די פּראָדוקציע-אויסגאַבן דורך דער פאַרפולקאָמונג פון אייער אָרגאַניזאַציע און דער פאַרבעסערונג פון אייער געצייג (און אויך אין דער הינזיכט האָט איר פיל פּראָגרעסירט און איר וועט נאָך מער פּראָגרעסירן); דער אינזשעניער און דער אַרבעטער האָבן געטאָן דאָס זייעריקע, — איצט איז געקומען די ריי פונעם סוחר.

איצט איז אין ציוניזם געקומען די ריי פונעם שטאַנד וועלכן מיר

האָבן מינדערגעשעצט, און ער איז אַ וויכטיקער און שטאַרקער שטאַנד ביי יידן: דער יידישער סוחר. עס זענען פאַראַן גרויסע און עס זענען פאַראַן קליינע סוחרים, אָבער אַלע צוזאַמען זענען זיי אַ מעכטיקע און איינפלוסרייכע מחנה אויפן לעבן פונעם וועלט־מאַרק, באַזונדערס אויפן מאַרק פון די יידישע קונים אין גלות. ווייל נישט געקוקט אויף דעם באַקאַנטן געזעץ, אַז דער קונה איז דער מלך פונעם מאַרק, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן אַז אויסער דעם „מלך" זענען אויך פאַראַן מיניסטאָרן און באַאַמטע. און עס איז שווער צו זאָגן אין אונדזער צייט, ווער איז דער אמתער הערשער — זיין מאַיעסטעט אָדער די טויזנטער זיינע באַאַמטע. די „געזעצן" פון דער עקאָנאָמיע זענען ענלעך צו די געזעצן פון דער נאַטור; דער ווילן פון דעם אָרגאַניזירנדן מענטשן ווירקט אויף די נאַטור־געזעצן. אין איין צייט און אויף איין אָרט באַגעגענען זיך צוויי זעגלשיפן אויפן ים: איינע גייט צו מזרח און די צווייטע צו מערב, כאָטש דער ווינט איז איינער און ער בלאָזט אין איינער און נישט אין צוויי ריכטונגען. אָבער דער קאַפּיטאַן אָרדנט איין זיינע זעגלען אויף אַזאַ אופן, אַז ער פאַרשקלאַפט צו זיין ווילן דעם ווינט — די „נאַטור־געזעצן". און אַזוי, אין אַ געוויסער מאָס, ווירקט דער סוחר אויפן געשמאַק פונעם פובליקום־קונים; באַזונדערס — אויב דער סוחר און דער קונה זענען ביידע עלול אַרונטערצופאַלן אונטער דער ווירקונג פון אַ געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן אידעאַל.

ביז איצט האָבן מיר מינדערשעצט דעם סוחר, און מיר האָבן כמעט נישט אָנערקענט זיין ווערט אַלס איינער פון די בויער פונעם לאַנד. מיר זענען באַגאַנגען אַ גראָבן טעות, און אָט איז געקומען די צייט צו פאַרריכטן ד ע ם טעות. די מחנה יידישע סוחרים, וועלכע זענען צעשפרייט אין אַלע עקן פונעם גלות, איז אונדזערער נאַטירלעכער פאַרבינדעטער, און אין זיין האַנט ליגט דער גורל פון דער ארץ ישראל־אינדוסטריע. מיר טאָרן נישט פאַרמאַכן די אויגן נישט צו דערזען די הויפּט־חשיבות פון אָט דעם פאַקטאָר. מיר האָבן עטוואָס צופיל זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער קלינגענדיקער מליצה פון „אומשיכטונג", פון ווען שאַפן אַ פאָלק וואָס באַשטייט לויטער פון פויערים און אַרבעטער און אפילו איין סוחר זאָל זיך אין דעם נישט געפינען: מיר האָבן אויסגע־

לערנט אויסנווייניק ביליקע לאזונגען, צום ביישפיל ווי — דער סוחר איז נישט מער ווי אן „איבעריקער פארמיטלער", א מין מחיצה צווישן דעם אינדוסטריאל און דעם געברויכער, א מחיצה אין וועלכער עס איז נישטא קיין סאציאלע און עקאנאמישע נויטווענדיקייט. דאס זענען מליצות, ביליקע מליצות וועלכע האבן נישט קיין פראקטישע באזע. נישט אומזיסט האבן זיך איינגעווארצלט אין דער גרעסטער טייל שפראכן די דאזיקע אויסדרוקן: „מסחר און אינדוסטריע" — "Trade and Industry" — דווקא אין אט אזא סדר אין דעם היסטארישן זין, און אויך לויט דער עקאנאמישער לאגיק, איז דער מסחר פריער: דער מסחר איז אן אומשטאנד וואס אויסער אים איז נישטא קיין פלאץ פאר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אן אפגעזונדערטע משפחה וועט נישט באשאפן אירע ווינציקע באדערפענישן. נאר זינט דאן וואס דער מענטש האט זיך אויסגעלערנט אנצוקומען צו דער באדינונג פון זיין מיטמענטש — נאר זינט יענעם מאמענט האט ער אנגעהויבן נישט נאר צו פאנגען אדער צו פארזייען מער וויפל עס איז וויכטיק געווען פאר אים אליין, נייערט אויך דאס וואס עס טויג פאר זיין מיטמענטש — נאר פון יענעם מאמענט אן האט ער אנגעהויבן „צו שאפן" אינעם סאציאלן זין, האט ער אנגעהויבן צו פארפולקאמען זיין ארבעט-געצייג, האט אנגעהויבן בויען געמיינזאמע ישובים, זיך צו ארגאניזירן און אנטוויקלען. דער מסחר איז דער יסוד פון יעדן עקאנאמישן פראגרעס, פון יעדער קאלעקטיווער, שטאטלעכער און געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. און ביז איצט האט זיך נאך נישט געפונען קיין אנדער ארגאן, וואס זאל טראגן די דאזיקע ריזיקע אויפגאבע — אן אויפגאבע וואס איר ווערט אינעם לעבן פון דער געזעלשאפט איז אזוי חשוב ווי די ווערט פון דער בלוט-צירקולאציע אינעם לעבן פונעם גוף — אויסער יענעם אינדיווידועלן סוחר, וועמען מיר האבן זיך געאיילט צו דערקלערן אלס אן איבעריקע זאך. ער איז נישט קיין איבעריקער, ער האט נאך א פאסטן אין דער וועלט-עקאנאמיע; און פאר אונדז, פארן ציוניזם, איז ע ר דער פאקטאר וועמען מיר דארפן איצט רופן צו אונדזער הילף, ווייל אן אים וועלן מיר נישט אויפבויען דעם שטאט.

דער איניציאטאר און דער ארבעטער אינעם לאנד האבן געטאן

זייערס; זיי האבן באשאפן די גוטע סחורה פאר דער נארמאלער פרייז. איצט זאל דער יידישער סוחר טאן דאס זייניקע און העלפן דעראבערן די מערק דורך דער אינדוסטריע פונעם ישוב. און פון צווישן אייך, מענטשן פון דער אינדוסטריע, דארף ארויס דער ערשטער מאניפעסט צו דעם דאזיקן קרעפטיקן שטאנד — דער שטיין וועלכן עס האבן פאראכטעט ביז איצט די בויער פון אונדזער לאנד. אויף אייך איז מוטל זיך צו דערמאנען אין דעם סוחר אייער ברודער, ווייל ער האט א ראל פון א חלוץ, און דווקא אין זיין קראם, דווקא צווישן זיינע קליענטן — דאס פעלד פון זיין ציוניסטישער ארבעט. נאך דעם ארגאניזירן זיך פון די אינדוסטריאלן אינעם לאנד דארף קומען דאס ארגאניזירן זיך פון די עסקנים פון דער יידישער קאמערץ פאר דער פארשפרייטונג פון דער אינדוסטריע פונעם ישוב.

איר זאָלט נישט אויסקלייבן קיין דעלעגאַטן צו דער „אויסגעברייטערטער" אַגענץ!

אַ דערקלערונג אין דער „אסיפת הנבחרים" פון דער כנסת ישראל, אויף דער צווייטער סעסיע, תל־אביב, אין זאַל „אוהל שם", סיון תרפ"ט.

צו דער געלעגנהייט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „אויס־געברייטערטער" אַגענץ, וועלכע האָט זיך באַדאַרפט פאַרזאַמלען אין ציריך סוף זומער תרפ"ט (1929), איז זיך צוזאַמענגעקומען די אסיפת הנבחרים פון דער כנסת ישראל אין דעם זאַל פון „אוהל שם" אין תל־אביב, כדי אויסצוקלייבן דעלעגאַטן פונעם ישוב פאַר „דער נישט־ציוניסטישער העלפט" פון דער אַגענץ.

די גרופּע ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן וואָס אַן איר שפּיץ איז געשטאַנען זשאַבאָטינסקי, האָט געמאַכט אַ שטורמישע אָבסטרוקציע קעגן דעם פּרעזידענט פאַר דעם באַשרענקען די דיסקוסיעס וועגן דער טעמע. אַלס ענטפער אויף דער אָבסטרוקציע זענען די דעלעגאַטן פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אָנגעפאַלן אויף די רעוויזיאָניסטן מיט קלעפּ. די זיצונג איז איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ סקאַנדאַל.

אויף מאָרגן איז זשאַבאָטינסקי אויפגעטראָטן און האָט געלייענט די דערקלערונג פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, מאָטיווירנדיק איר שטעלונג און אויך דערקלערנדיק אַז די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די זיצונג.

די ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי האָט מיך באַפולמעכטיקט אייך איבערצוגעבן אָט וואָס:

מיר זענען קעגן דער אויסגעברייטערטער אַגענץ אין איר איצטיקער פאָרם אויס דעם פּרינציפּ, ווייל דורך איר ווערט איבערגעגעבן אַ וויכטיק ציוניסטיש רעכט אין נישט באַגלויבטע הענט. דאָס דאָזיקע וויכטיקע

רעכט איז די דערמאנטע אויפגאבע אין דעם ארטיקל פיר פונעם מאנ-דאט: „עס וועט געשאפן ווערן א יידישע אגענץ צו געבן עצות דער רעגירונג". די דאזיקע אגענץ איז, דעריבער, די איינציקע אינסטאנץ וואס מיט איר הילף קען דאס ציוניסטישע פאלק, אויף אן אפיציעלן אופן אויסדריקן זיינע פאדערונגען אדער ציוניסטישע קלאגעס פאר די באערדן, דער איינציקער אפיציעלער ארגאן פון אונדזער פאליטישן קאמף; און מיר גלויבן, ווי עס האט אונדז געלערנט הערצל, אז דער פאליטישער פאקטאר איז דער הויפט-פאקטאר אין דעם אויפבוי פונעם לאנד, דער פאקטאר וואס אויב ער וועט זיך נישט איינגעבן, וועט אויך נישט מצליח זיין אונדזער עקאנאמישע ארבעט אין דעם מאכשטאב וואס איז נויטיק צו קענען באשאפן דעם יידנשטאט. אבער עס איז יעדן באוווסט, אז די נישט-ציוניסטישע קרייזן, וואס פיל פון זיי זענען אויך אנטי-ציוניסטן, זענען נישט גרייט, און ווילן נישט פירן דעם קאמף פארן שטאט; און ווען מיר געבן איבער אין זייערע הענט די העלפט פון דער גאנצער השפעה אויף דער אגענץ, פארשטאפן מיר דאך דאס מויל פונעם פאלק אין זיינע באציאונגען מיט דער רעגירונג, און דערמיט ברענגען מיר שאדן דעם ציוניזם. אט דעריבער זענען מיר קעגן דער דאזיקער פארם פון אויסברייטערן די אגענץ.

מיר וואלטן נישט געווען קעגן אן אנדערער אויסברייטונג. אן אויסברייטונג וואס הויבט זיך אן פון דער באזע, נישט פונעם האלדז. מיר מיינען — אן אלוועלטלעכן יידישן קאנגרעס. מיר גלויבן אין די מענטשן-מאסן און מיר גלויבן אויך אין דעם פאלקס-קאנטראל, אין דער ריינינקדער השפעה פון דעם פאלק וואס ווייזט אויס און שיקט אוועק זיינע אויסגעוויילטע לויט זיין ווילן. אבער איבערצוענטפערן די אגענץ אין די הענט פון א באגרעניצטן קרייז, וועלכע איז נישט אפהענגיק פון קיין אמתע וואלן, און וואס איז לויט זיין נאטור נישט ציוניסטיש, דאס איז א געפאר פארן ציוניזם, קעגן וועלכן ער האט געקעמפט אין דעם מאמענט און אין יעדן אנדערן מאמענט.

אבער אונדזער אפאזיציע אז עס זאלן אויסגעוויילט ווערן דעלעגאטן פונעם ישוב צו דער אגענץ אין דעם מאמענט שטאמט נישט נאר

פון אונדזער באציאונג צו דער אויסגעברייטערטער אגענץ. דווקא צו אט דער פארזאמלונג און אין דעם מאמענט טאר מען נישט אויסוויילן קיין דעלעגאטן פאר אן אנשטאלט וועלכער עקזיסטירט נאך נישט אפיציעל. ווייל דער קאנגרעס האט נאך נישט באשלאסן און האט נישט גוטגע־הייסן זיינע סטאטוטן. דער 14־טער קאנגרעס האט געפאדערט 5 באדינ־גונגען אויסצובריימערן די אגענץ, וואס אפילו איינע פון זיי איז נישט אויסגעפולט געווארן. באזונדערס איז געווען וויכטיק דער באדינג וואס איז באקאנט מיטן נאמען „פראוויזאריש״: אז די דאזיקע שותפות זאל געמאכט ווערן נאר אויף 3 יאר. געוויס האט דערמיט באטאנט דער 14־טער קאנגרעס אז אויך ער זעט אין אויסברייטערונג א געפאר פארן ציוניזם, און וויל נישט פארבינדן די ארגאניזאציע אויף אייביק, נאר מאכן א פרווו. אויך דער 15־טער קאנגרעס האט גוטגעהייסן די דאזיקע פאדערונג. אבער זי איז נישט אנגענומען געווארן. און איצט לייגט מען פאר סטאטוטן לויט וועלכע נישט אלס פרווו, נייערט אן א באגרענצונג זאל געשלאסן ווערן די שותפות; און דער עיקר — אז אויב עס וועט אויך וועלן די גאנצע ציוניסטישע העלפט ארויס פון דער אגענץ, זאל זיך דאן נישט בטל ווערן דאס שותפות. אז צו דעם איז נויטיק א מאַ־יאריטעט פון צוויי דריטל אדער דריי פינפטל, דאס הייסט, אז אויב עס וועט אויך זען די ציוניסטישע ארגאניזאציע, אז די אויסגעברייטערטע אגענץ ברענגט שאדן דעם ציוניזם, וועט זי איר נישט קענען בטל מאכן; און אויב זי וועט פון איר אוועק — וועט זי פארבלייבן אין די הענט פון די נישט־ציוניסטן.

עס פארשטייט זיך אליין, אז אין אזעלכע באדינגונגען דארף מען לאזן דעם 16טן קאנגרעס אנאליזירן די דאזיקע סטאטוטן, אויב מען זאל זיי גוטהייסן אדער צוריקווייזן אויף א פרייען אופן, אן א שום דרוק פון דרויסן. אבער אויסקלייבן דעלעגאטן צו אן אויסגעברייטערטער אגענץ אין דעם דאזיקן מאמענט, איידער דער קאנגרעס האט זיך ארויסגעזאגט — הייסט א דרוק. מען וויל אוועקשטעלן דעם קאנגרעס פאר א פאקט. אפילו אויב עס האבן אזוי געטאן נישט־ציוניסטישע קערפערשאפטן אין חוץ לארץ, — טאר נישט דווקא די אסיפת הנבחרים, א ריין ציוניסטישע

קערפערשאפט, זיך באטייליקן אין א דרוק וואס זאל פענטען די הענט פונעם קאנגרעס.

און אויב אזא וויכטיקע פראגע איז פארגעבראכט געווארן פאר דער אסיפת הנבחרים — אן אנשטאלט וואס האט בכלל אפילו נאך קיין איין מאל נישט דיסקוטירט דעם גאנצן ענין פון אויסברייטערונג — איז נישט מער ווי גערעכט צו געבן אמווינציקסטן איר די מעגלעכקייט צו באטראכטן די פראגע ערנסט. נישט דורך פינף רעדעס פון א פערטל שעה יעדע איינע וועט קלאר ווערן אזא קאמפליצירטער ענין. מיר האבן געפאדערט א פרייע און אלזייטיקע דעבאטע. דאס האט נישט געוואלט די מאיארימעט. מיט דעם האבן זיי אפן ארויסגעוויזן די כוונה צו אנטשיידן וועגן אזא וויכטיקער פראגע, אן א ריכטיקן ישוב הדעת, דורך צוואנג און פארשטאפן די מיילער פון די קעגנער און די צווייפלער.

די מאיארימעט וועט האבן גרויס חרטה אויף דעם דאזיקן שריט אירן. די רעוויזיאניסטן זענען נישט מסכים צו טראגן א שמץ אחריות פאר דעם טאט, וואס וועט פאראורזאכן גרויסן שאדן דעם ציוניזם. און מיר, די רעוויזיאניסטן, פארלאזן די אסיפת הנבחרים אלס פראטעסט.

(די דעלעגאטן פון דער רעוויזיאניסטישער פארטיי פארלאזן דעם זאל.)

דער אַנטי-ציוניסטישער ציניזם פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ ישראל

אַ רעדע געהאַלטן אויפן 16־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ציריך, אויגוסט 1929.

באַלד נאָכן 16־טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ צוזאַמענקום די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „אויסגעברייטערטער" אַגענץ — אַ העלפט ציוניסטן און אַ העלפט נישט־ציוניסטן.

די גרופּע ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן אינעם קאָנגרעס האָט באַשלאָסן מיט אַן איבערוועלטיקנדער מערהייט נישט צו שיקן אירע דעלעגאַטן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער אויסגעברייטערטער אַגענץ.

זשאַבאָטינסקי דערמאָנט אין זיין רעדע די געשעענישן נעבן כותל המערבי יום־כיפּור פון תרפּ"ח (1928), ווען דער פּאָליציי־שעף דוגלאַס דאַף, מיט עטלעכע פּאָליציי־אַגענטן, האָבן מיט גוואַלד צוגענומען די מחיצה פון דער עזרת נשים אַ צוויי שעה פאַר „נעילה" — ווייל אַן אַראַבישע דעלעגאַציע איז דערשינען פאַרן ראַיאָנע קאָמיסאַר און געפאָדערט אַראָפּצונעמען די מחיצה תיכף ומיד, און אויב נישט — וועלן אויסברעכן אומאָרדענונגען.

דער דעלעגאַט זאב זשאַבאָטינסקי:

בעתן מאָטיווירן דעם סטאַטוט־פאָרשלאַג פאַר דער אויסגעברייטערטער יידישער אַגענץ האָט מען זיך נוהג געווען לויט אַ שיינעם ענגלישן מנהג: תחילת האָט מען געבראַכט דעפיניציעס פון די טערמינען. איך דענק, אַז אויך מיר דאַרפן אָנהייבן דערמיט. אויף דעם דאָזיקן קאָנ־גרעס פון שייד-וועגן, זענען אויך אונדזערע רעדעס ווי אַ מין היסטאָרישע פּאָסטולאַטן, און אפשר וועט קומען אַ טאָג ווען מען וועט פון אונדז פאָדערן אחריות פאַר יעדן וואָרט. לאָמיר אַלזאָ איבעראַנייס איבערחזרן אונדזערע אַלטע ווערטער.

וואָס איז אַזוינס אַ „נאַציאָנאַלע היים״? לויט איך פאַרשטיי דאָס וואָרט, האָט דאָס אין דער נשמה פונעם יידישן פאָלק נאָר איין באַדייטונג: דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער שטאַט, אַ שטאַט מיט אַן איבערוועלטיקנדער מערהייט, ווו דער יידישער ווילן אַנשיידט אין אים וועגן די פאָרמען און דרכים פונעם כלל־לעבן. און איך בין זיכער, אַז אויך דער אויסדרוק „אַ עפנטלעך־אַנערקענטע געזיכערטע היים״ האָט אין דעם באַוווסטזיין פונעם יידישן פאָלק נאָר די דאָזיקע איינציקע באַדייטונג. טיילמאָל קען מען צווינגען אַ מענטשן מיט אַ רעוואָלווער אַז ער זאָל מסכים זיין אַז דאָס דאָזיקע וואָרט קען אויך האָבן אַן אַנדער באַדייטונג. אָבער דער ייד, און אפילו אַ ייד אַ אנוס, האָט דאָס רעכט איינמאָל אין יאָר זיך אוועקשטעלן פאַרן עמוד פון דער אומה און דערקלערן עפנטלעך: אמת, מען האָט מיך געצוואונגען מיט גוואַלד, אמת, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין אמונה, אָבער — „כל נדרי״!

וואָס באַדייט „ארץ־ישראל״? ארץ־ישראל איז אַ שטיקל ערד, וואָס דער עיקר פון איר געאָגראַפישן כאַראַקטער איז, וואָס דער טייך ירדן שטראָמט נישט אויף דער גרעניץ פון דער טעריטאָריע, נייערט אין איר מיט.

וואָס מיינט „ציוניזם״? ציוניזם איז נישט קיין שטרעבונג צו דערגרייכן פאַרן אָנגעפייניקטן יידישן פאָלק אַ מאָראַלן אָנשפּאַר, אַ וועלכע נישט איז טרייסט אין ארץ ישראל. תמיד איז די באַדייטונג פונעם וואָרט ציוניזם געווען: אַ ממשותדיקע לייזונג פון דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער טראַגעדיע פון פיל מיליאָנען. דעריבער איז די באַדייטונג פונעם ציוניזם נישט נאָר די שטרעבונג צו שאַפן אַ מאַיאָריטעט אין ארץ ישראל, נייערט: צו באַשאַפן אַ פּלאַץ פאַר מיליאָנען אין ארץ ישראל, פון ביידע זייטן ירדן. מעגן די וויסנשאַפטסלייט דיסקוטירן, אויב דאָס איז מעגלעך אָדער נישט, און וויפיל צייט עס וועט אוועק ביז דאָס וועט קענען פאַרווירקלעכט ווערן. מיר האָבן זיך דאָ נישט פאַרזאַמלט כדי זיך צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער דיסקוסיע. איך וויל בלויז פעסטשטעלן דאָס: אַז אין דער נשמה פונעם פאָלק איז דאָס וואָרט ציוניזם

קיינמאָל נישט געווען אַ נחמה־שפּילכעלע, נייערט שטענדיק די שטרע־בונג צו ראַטעווען מיליאָנען פון זייער טראַגישער לאַגע.

און נאָך עפּעס: „טשאַרטער" אָדער מאַנדאַט" איז דער פּשט די פאַר־פליכטונג פון דער ציוויליזירטער וועלט, און אויך די פאַרפליכטונג פון אַ גרויסער נאַציע, אַ פאַרפליכטונג וועלכע זי האָט אונטערגעשריבן מיט איר ערנוואָרט, נישט „צו קוקן אויף אונדז מיט סימפּאַטיע", נישט „זיך צו באַציען צו אונדז מיט אַ פריינטלעכער באַציאונג", נייערט אַ פייער־לעכע הבטחה צו באַשאַפן אין ארץ־ישראל אַ קאָלאָניזאַציע־רעזשים, כדי די אַרבעט פון דער גאַנצער אַדמיניסטראַציע זאָל געריכטעט זיין צו דעם, אַז די שטחים פון ביידע זייטן ירדן זאָלן אַנטוויקלט און צוגעגרייט ווערן אַריינצונעמען גרויסע מאַסן אימיגראַנטן.

היינט ווייסט יעדער איינער דאָס וואָס מען האָט נישט פאַרשטאַ־נען ווי עס באַדאַרף צו זיין מיט פיר יאָר צוריק, און אפשר מיט צוויי יאָר צוריק: די דאָזיקע פראַגע וועט נישט אַנטשידן ווערן דורך געלט־זאַמלו־נגען. דער אמתער בנין, דער „ציוניסטישער", פונעם לאַנד וועט נישט גע־שאַפן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלער געלט־זאַמלונג, נייערט דורך דער פריי־וויליקער מאָביליזאַציע פון אינדיווידועלע קאַפּיטאַלן. און עס איז אַ פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַל גייט פרייוויליק נאָר אין יענע ערטער אין וועל־כע עס עקזיסטירן פאַסיקע פּאָליטישע באַדינגונגען. אויב מירן נעמען, למשל, די וויכטיקע פראַגע פון קויפן ערד, האָבן מיר זיך שוין היינט זייער פיל דערוויטערט פון דער מיינונג וואָס האָט געהערשט ביי אונדז נאָך אין 1925, אַז אויב מען באַקומט פאַר 5 לירעס איין דונאַם, קען מען פאַר פינף מיליאָן לירעס קויפן אַ מיליאָן דונאַם. היינט פאַרשטייט מען שוין, אַז דער דאָזיקער ענין איז אַ סך מער קאָמפּליצירט, און אַז די פרייז פון דער ערד, איז פאַר אַלץ אָפּהענגיק פון דער אַגריקולטור־פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דעם דאָזיקן פאַקט — וועלכן מען פאַרשטייט שוין היינט — קען טיילמאָל אַריינברענגען אין אַ טעות די ציוניסטן. מיר זעען, למשל, אַ דין וחשבון, וועלכן עס האָבן געמאַכט גוטע און ערנטלעכע עקספּערטן, וואָס די גרעסטע טייל זייערע איז שיינט מיר אינגאַנצן קיין יידן נישט. אין

דעם דאָזיקן דין וחשבון שטייט געשריבן, פאַרשטייט זיך אַז כדי דורכ־צופירן אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע מוז די אַדמיניסטראַציע אין ארץ ישראל אָננעמען באַשטימטע שריט און ענדערן איר סיסטעם פון אַקטיוויטעט. און דאַן קומען די ציוניסטן און זאָגן: גיט נאָר אַ קוק, איז דען דאָס נישט קיין באַווייז, אַז צווישן ציוניסטן און נישט ציוניסטן הערשט אַ פולשטענ־דיקער הסכם?

אויב איינער פון אייך זאָל געשיקט ווערן אַלס עקספּערט קיין אַל־באַניע, וועט ער דאָך אויספאָרשן דעם מצב גרינטלעך און וועט אָנשרייבן אַ באַריכט, וואָס וועט געווייס איינשליסן אַלץ וואָס אינטערעסירט אַן אַל־באַנישן פּאַטריאָט.

אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אַזאַ מין עקס־פּערט און אַן אַלבאַנישן פּאַטריאָט, צווישן דער אָביעקטיווער פעסטשטע־לונג פון דעם וואָס איז געוווּנטשן און דעם ווילן צו פאַרווירקלעכן דאָס געוווּנטשענע. אַזוי וועל איך, אפשר, קענען אָנשרייבן אַ גענוג גוטע מיי־נונג פון עקספּערטן וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און אפילו אין רוסלאַנד. אָט אַזוי איז דאָס, ברידער. אָבער קעמפן וועל איך פאַר דעם נישט קעמפן, ווייל דאָס איז נישט מיין אידעאַל. און אַזוי אַרום קום איך איבעראַניים צו דער פראַגע פון אַ דעפיניציע: וואָס איז אַזוינס אַ „ציוניסט" און וואָס איז „אַ נים ציוניסט"?

אַ ניט־ציוניסט איז אַ האַר, וואָס האָט מעגלעך סימפּאַטיעס צו ציו־ניזם (און מעגלעך אַז נישט), און ער פאַרשטייט אַלע אונדזערע באַדער־פעניש, אויב ער איז אַ חכם און אַ לייט, און אפשר וועט ער אונדז אויך העלפן ממש ביז אַ באַשטימטער גרעניץ — אין דער מאָס וואָס ער וועט זען אַז דער ענין „איז אויפן וועג", אַז ס'איז נישט קיין דורכפאַל.

אָבער אַ ציוניסט איז אַ מענטש וואָס הויבט זיך און פאַלט מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן אידעאַל. אַ מענטש וואָס דורכפאַלן זענען אין זיינע אויגן נישט קיין באַווייזן און האָבן קיין שום ווערט נים, ווייל פונעם אָנהויב פון דער באַוועגונג און ביזן סוף פון דער מלחמה האָט ער געלעבט נאָר מיט דורכפאַלן, און דאָך האָט ער געגלויבט אין דער־פאָלג. און אפילו אויב וויסנשאַפטלייט האָבן אים טאָג־טעגלעך דערוויזן,

אז א יידישע מדינה איז נישט מער ווי א זינלאָזע אילוזיע, האָט ער ווײ-טער געגלויבט אין דער דאָזיקער אילוזיע; ווייל ער עקזיסטירט און פאַלט מיט דער הצלחה פונעם ציוניסטישן אידעאַל.

און אויב מירן זיך צוקוקן ביי דער שיין פון די דאָזיקע דעפיניציעס צום איצטיקן מצב אינעם לאַנד, וועלן מיר קומען צו זייער טרויעריקע מסקנות. דעריבער וויל איך דאָ נישט אַנאַ-ליזירן דעם דאָזיקן מצב ביי דער שיין פון גרויס-ציוניזם, נאָר בלויז ביי דער שיין פון די באַשיידענע פּאָליטישע באַשלוסן פונעם 15־טן ציוניס-טישן קאָנגרעס. עס איז דאָרט געווען א ריי זייער סאָלידע פאָדערונגען: פאָדערונגען וועגן דער אַגריקולטור־פּאָליטיק, וועגן אַנדערע פאַרשידענע ענינים. אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צום מצב פון ארץ ישראל פון אָט דעם באַשיידענעם שטאַנדפּונקט, וועלן אים אויסטיילן דריי ביישפּילן:

1) די מעשה ביים כותל המערבי. דאָס איז דער ענטפער אויף דעם וואָס דער פופצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געפאָדערט צו שוינען אונדזער כבוד. איך וויל בלויז אונטערשטרייכן איין פּרט: ווען די ארץ ישראל רעגירונג זאָל געווען ווארטן נישט מער ווי צוויי מיט א האַלבער שעה, ביז נאָך דעם זונפאַרגאַנג, ביז די יידן וועלן אוועק אהיים, וואָלט זי איצט, פרא מיר, געקענט באַשטראָפן די זון אָדער אָנקלאָגן דעם ראַ־בינאַט. דאָס יידישע געפיל און דער נאַציאָנאַלער כבוד פון די יידן האָבן אין די אויגן פון די דאָזיקע הערן קיין ווערט נישט געהאַט אַז זיי זאָלן צוליב זיי וואַרטן צוויי מיט א האַלבער שעה, און זיי האָבן געשיקט א פּאָליציי-באַאַמטן און האָבן אים געגעבן אינסטרוקציעס וועלכע האָבן אומפאַרמיידלעך געפירט צו גוואַלדאַקטן. איך בין געבוירן געוואָרן אין א טרויעריק לאַנד, אין וועלכן עס קומען פאָר גרוילטאַטן, אָבער צו אַזא „כאַמסטוואָ" — איך געפין נישט קיין וואָרט אין דייטש — אום יום-כפור, אויף אַזא הייליקן פּלאַץ פאַרן יידנטום, אבי נאָר נישט צו פאַר-שפּעטיקן צוויי מיט א האַלבער שעה — דאָס צווייפל איך אויב עס וואָלט געווען מעגלעך דאָרט. און די שולדיקע אין דעם זענען מיט גאָרנישט באַ-שטראָפט געוואָרן. דער גובערנאַטאָר פון ירושלים זיצט נאָך היינט אויף זיין פּלאַץ. און אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט איבעראַניים קומען דער

הייליקער טאָג, און יעדן טאָג געשען לעבן כותל המערבי גורלדיקע זאכן. און מיר איז אומאנגענעם נביאות צו זאָגן וואָס וועט זיין דער סוף.

2) וואָס באלאנגט די באשיידענע פאָדערונגען וועגן דער אגריקול־טור־פּאָליטיק איז נישטאָ עפּעס דערפריַיענדעס צו דערציילן. דאָס צו־גרייטן פון די דערוואַרבונג-שיינען וועט דויערן אמווינציקסטנס זיבעצן יאָר, ביז מירן קענען שטעלן די פראגע, אוועלכע טיילן אינעם לאנד זענען פוסטע ערדן. די ערדן פון בית שאן, וועלכע זענען אוועקגעשאָנקען גע־וואָרן די אראבער, אונטערן אויסרייד, אז אָן זיי וועלן זיי נישט קענען עקזיסטירן — לאָזט מען זיי איצט פאַרקויפן צו די יידן. און אזוי ארום דינט די דאָזיקע מתנה פון הערבערט סעמיועל פאַר שפּעקולאציע מיט ערדן. איך זאָג נישט, אז הערבערט סעמיועל האָט זיך דערצו מתכוון גע־ווען. אָבער איך זאָג, אז ער און זיין רעגירונג האָבן געמאכט א זייער לייכטזיניקן שריט, און אז מען עקספּלאָטירט אומפאַרשעמט די ערדן פאַר שפּעקולאציע קעגן די יידן.

אָבער חוץ דעם איז אויך פאַראן די מעשה אינפיעאת. אזא געפאַר האָט נאָך אויף אונדז נישט געלויערט אין ארץ ישראל. עס איז שווער פּאָרויסצוזען, ווי ווייט זי וועט גרייכן, אָבער איך האָב מורא, אז די גע־פאַרן וועלכע שטעקן אין איר זענען זייער ווייט גרייכנדע. אָט פּראָ־טעסטירט מען קעגן א גאַנצער העלפט ערד פון דער קאָלאָניע חדרה. דווקא פון דער קאָלאָניע, וואָס איז אויסגעבויט און אויפגעשטעלט גע־וואָרן מיט אזוי פיל אָנשטרענגונגען און קרבנות. שוין 38 יאָר אז די קאָלאָניסטן האָבן קויפשיינען („קושאנען") וועלכע עס האָט זיי ארויס־געגעבן די טערקישע רעגירונג, און די ענגלישע רעגירונג האָט זיי איער־קענט און זיי זענען פאַרצייכנט געוואָרן אויף מאַפּעס; און היינט צווייפלט די רעגירונג אין דעם קויף-רעכט פון די יידן אויף אינפיעאת — נעמט אין אכט, נישט נאָר אין דעם רעכט צו האלטן ערדן, נייערט אין דעם פּרינציפּיעלן רעכט צו קויפן ערד; (א צווישנרוף פון סאקר: אָבער האָט דער הער געזען די קויף-שיינען?) איך האָב געזען די קויפשיינען. אין יעדן לאנד, דאכט מיר, עקזיסטירט דער דאָזיקער כלל: דער וואָס וויל ארויסציען ביי זיין חבר, דער דאַרף ברענגען באווייזן. איך בין דער בעל־

הקנין, אין מיין האנט זענען די קויפשיינען, און אויב דו ווילסט צוזייפּ־לען אין מיין קויף־רעכט, ביזטו מחויב, און נישט איך, צו קומען פאַרן געריכט און ברענגען באַווייזן. אָבער די ארץ־ישראל־אדמיניסטראַציע האָט געזאָגט צו די קאָלאָניסטן, אַז דווקא זיי, ביי וועמען אין די הענט עס זענען פאַראַן די קויפשיינען, זענען מחויב זיך צו ווענדן צום געריכט ווי מאָנער, כדי צו באַווייזן זייער קויף־רעכט אויף אינפיעאת. און אַז די קאָלאָניסטן האָבן זיך געוואָלט פּאַרטיידיקן, האָבן זיי באַקומען פון דער רעגירונג אַ בריוו די קאָפּיע פון וועלכן איך וועל ווייזן דער פּאָליטי־שער קאָמיסיע. דער וויצע־דיסטריקט־קאָמיסאַר פון חיפה שרייבט זיי: אויב די קאָלאָניסטן פון חדרה וועלן זיך נישט אונטערגעבן ביז אַ וואָך צייט און וועלן זיך נישט ווענדן צום געריכט כדי צו באַווייזן, אַז זייערע קויפשיינען שליסן אויך איין די דיסקוטירבאַרע ערד פון אינפיעאת, וועט די רעגירונג גופא פאַרן געריכט אָפּפרעגן דאָס רעכט פון דער קאָלאָניע חדרה אויף אַ באַשטימטן שטח פון זאַמדן. וואָס באַטייט דאָס? אויב די זאַמדן געהערן צו דער רעגירונג על פי דין, האָט זיך דאָך דאָס רעכט צו פאָדערן די דאָזיקע זאַמדן פאַר אַ געריכט; אָבער אויסצונוצן די זאַך, כדי צו צווינגען די קאָלאָניסטן צו פאַרוואַנדלט ווערן פון אייגנטימער אין מאָנער — דאָס איז דאָך אַ מעטאָד וואָס שטייגט אַריבער אַלע גרעניצן פון קולטור און אנשטענדיקייט. (צווישנרופן: אויספּרעסונג!) איך האָב מיך נישט געוואָלט באַנוצן מיט דעם דאָזיקן וואָרט.

3) און מעגלעך אַז דאָס איז דאָס ערגסטע: דער מצב פון די געריכטן אין ארץ ישראל. דער זיכערער גלויבן פונעם בירגער: „עס זענען פאַראַן ריכטער אינעם לאַנד — ("il y a de juges á Berlin") דער דאָזיקער גלויבן איז אונדז צעטרייסלט געוואָרן אין ארץ ישראל. אַ קלאַסישער באַוויז פון דעם איז דער ווערדיקט בנוגע דעם יידן פאַלוויטש, וועל־כער איז געזעסן אין א״י 3 יאָר, און דאָך האָט מען אים נישט געוואָלט געבן קיין בירגער־רעכט מיטן אויסרייד אַז זיין פרוי איז אוועקגעפאָרן אויף צוויי יאָר קיין איטאַליע. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס ווענדן זיך צו דעם אַפּעלאַציע געריכט. אויך אין דעם העכסטן געריכט האָט געווו־נען דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער אימיגראַציע...

שוין אין דעם לעצטן קאָנגרעס, באַזונדערס פאַר דער פּאָליטישער קאָמיסיע, האָט אונדזער עקזעקוטיווע געמאַכט אַ „צידוק הדין", און יע־דעם מאָל איבערגעחזרט: אַלע טענות פונעם ישוב האָבן נישט קיין יסוד. מען דאַרף רעכענען, אַז איצט וועט זיך די זאַך איבערחזרן אויפסניי. און דאָך עקזיסטירן אין ארץ ישראל שלעכטע געזעצן, אַ טייל נאָך פון דער צייט פון די טערקן, און די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע באַשטעטיקט זיי. און עס זענען פאַראַן געזעצן וועלכע די אַדמיניסטראַציע האָט אַליין גע־שאַפן. נאָר וואָס האָב איך באַקומען פון תל־אביב אַ טעלעגראַמע, און אין איר רופט מען מיין אויפמערקזאַמקייט אויפן שיינעם טערקישן געזעץ, וואָס עקזיסטירט נאָך, און לויט וועלכן מען זעצט איין אַ מענטשן אין טורמע פאַר זיין שולדיק געלט. איך ווער געבעטן צו ווירקן, אַז אַמווינ־ציקסטנס די ציוניסטישע לייטונג זאָל זיך נישט באַנוצן מיט דעם דאָזיקן געזעץ קעגן דעם וואָס איז איר שולדיק געלט. די ארץ־ישראל־אַדמיניס־טראַציע — אַפילו נישט אין פאַרבינדונג מיט ציוניזם, פּשוט אין הינ־זיכט פונעם געוויינלעכן בירגער־געפיל פון אַ קולטור־מענטש — איז נישט קיין גוטע אַדמיניסטראַציע. דאָס איז נישט קיין סיסטעם מיט וועל־כער ענגלאַנד זאָל זיך קענען באַרימען; דאָס איז נישט קיין סיסטעם פון ערשטער מדרגה, און אויך נישט פון צווייטער אָדער דריטער מדרגה. יע־דער ייד אין ארץ־ישראל, אויסער פון יענע אָפּציעלע פּאַרטיידיקער וועל־כע זוכן שטענדיק מלמד זכות צו זיין אויף דער רעגירונג — יעדער ייד אינעם לאַנד זאָגט: די אַדמיניסטראַציע פון ארץ־ישראל איז אַ שלעכטע.

און אַט דער 15טער קאָנגרעס האָט אַרויסגעשמועסט באַשטימטע פּאָ־ליטישע פראַגן. און עס אַנטשטייט די פראַגע: פאַרוואָס זענען די דאָזיקע פאָדערונגען נישט דערפילט געוואָרן?

איך וועל דאָ איבערחזרן דעם ענטפער, וואָס עס האָט מיר געגעבן אַ וויכטיקער קריסט, איך מעג זאָגן: אַ קריסט פון גרויסן איינפלוס. און דאָס איז דאָס לשון פונעם ענטפער: באַשלוסן אָנגעשריבענע אויף פּאַפּיר האָבן נישט קיין ווערט. וויכטיק איז נאָר וועמען איז איבערגעגעבן גע־וואָרן אויסצופירן די באַשלוסן. (אַפּלאָדיסמענטן). דער פריערדיקער קאָנ־גרעס האָט געמאַכט 2 דעמאָנסטראַציעס.

און איצט קום איך — דאָ וועל איך איבערחזרן דאָס וואָרט וואָס עס האָט געזאָגט מיט צוויי יאָר צוריק אַ חשובער ציוניסט — צו דער „יערלעכער" רעדע (פון ווייצמאַנען). איר האָט ווידעראַמאָל געהערט די רעדע פון אַלע יאָר. ווידעראַמאָל איז אַלץ אין אָרדענונג, אַלץ צופרידנ־שטעלנד: אַן אַדמיניסטראַציע וואָס האָט זיך צו אונדז באַצויגן מיט גע־נוג סימפּאַטיע, אַן איידעלער הויך־קאָמיסאַר — יענער ליבער האַר, דער גוטהאַרציקער און חכם, וואָס אונטער זיין מאַכט האָט זיך נאָר וואָס אָנ־געהויבן די מעשה אינפיעאַת, — אָבער אפילו אָט די מעשה איז נישט דערמאָנט געוואָרן אין דער יערלעכער רעדע. דאָס הייסט, אין ארץ־יש־ראל איז אַלץ אין אָרדענונג...

עס איז נישטאָ קיין שום מאָטיוו צו פאַסן רעזאָלוציעס. אוודאי איז אויך נישטאָ קיין מאָטיוון צו האַלטן רעדעס, עס איז נישטאָ קיין מאָ־טיוו צו פּראָטעסטירן, עס איז נישטאָ קיין מאָטיוו צו האָפן, אויב איך לאָזט איבער די לייטונג אין דער האַנט פון מענטשן, וואָס זענען נישט פעיק קיין איין מינוט צו הערן קריטיק קעגן דער אַדמיניסטראַציע; אין דער האַנט פון מענטשן, וואָס זענען מסוגל איבערצוטראָגן אַלץ מיט אייזערנער דיסציפּלין, מיט קאַלטקייט, שווייגנדיק, אָבער אויב עפּעס זאָל געזאָגט ווערן קעגן דער הייליקער בריטישער אַדמיניסטראַציע, קע־נען זיי מער נישט רוען. סאַקר איז אַ טיפּ. (אַפּלאָדיסמענטן און צוויי־שנרופן).

דער פאָרזיצנדער ל. מאָצקין: — איך בעט נישט אָנרירן פערזאָנען. (אַ צווישנרוף פון דער גאַלעריע). מען רופט מיר די אויפמערקזאַמקייט, אַז די גאַלעריע מישט זיך אריין. פאַרשטייט זיך אַז דאָס ווערט נישט גענומען אין אַכט. דורך דעם זענט איר אויסגעשטעלט צו צוגרייטע גע־פאַרן (געלעכטער), הער זשאַבאָטינסקי, ביטע פאָרזעצן.

דער דעלעגאַט זשאַבאָטינסקי זעצט פאָר:

מיר וואָלטן געמעגט זאָגן, אַז היינט זענען פאַראַן נייע מעגלעכ־קייטן, ווייל אין ענגלאַנד האָט זיך געביטן די רעגירונג. לאָמיר זיך נאָר נישט אָפּנאַרן: די פּריינטלעכסטע רעגירונג וועט נישט קענען זיין מער קאַטוילישן פּונעם פּויפּסט, וועט נישט קענען געבן מער וויפל מען פאָ־

דערט. אויב איר וועט ווידעראַמאָל מאַכן נאָר פּאַפּיר-דעמאָנסטראַציעס, און צוזאַמען מיט דעם וועט איר איבעראַניים אויסקלייבן די זעלבע לייטונג, וועט איר דאָך אויך צונישט מאַכן די נייע מעגלעכקייטן, ווי איר האָט צונישטגעמאַכט אַן ענלעכע פּאָליטישע קאָניונקטור מיט פיר יאָר צוריק, — און די ענדערונג אין דער געשיכטע פונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט וועט אונדז גאָרנישט העלפן. באַזונדערס וועלן אונדז נישט העלפן ווייטגרייכנדע באַשלוסן, אויב אין דער זעלבער צייט וועט דער קאָנגרעס באַשליסן איבערצוגעבן די לייטונג אין די הענט פון מענטשן, וועלכע זענען אפילו נישט קיין שוואַכע ציוניסטן, נייערט זענען בכלל נישט קיין ציוניסטן.

מען פּרווט אייך איבעררײדן, אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן ציוניסטן און נישט ציוניסטן, ווייל עס איז מער נישטאָ קיין ווערט פאַר געדאַנקען און אידעאַלן; אַז עס איז נישטאָ קיין קשר און קיין בריק צווישן אַרבעטספּעיקייט, אָנשטרענגונג צו אַקטואירן, פּליים פון איין זייט און צווישן אידעאַלן פון אַ צווייטער זייט. ווייל אידעאָלאָגישע ווערטן, דערציאונג, ענטוזיאַזם, טראַדיציע, נאַציאָנאַליזם האָבן נישט קיין פּראַקטישע ווערט. „די נישט־ציוניסטן האָבן דאָך איינגעשלונגען די באַלפור-דעקלאַראַציע, דעם מאַנדאַט, אא״וו״, — איז דאָס נישט גענוג?״ ביאַליק האָט אַמאָל געזאָגט: „אַט גייען זיי די נבלים, אַט קומען זיי און די תפילה וואָס איך האָב זיי געלערנט איז אויף זייער צונג״. דאָס איז אין זיינע אויגן געווען די שרעקלעכסטע קללה. און ער איז געווען גערעכט. ווייל לגבי ווערטער און נוסחאות איז נישט דאָס געשריבענע וויכטיק, נאָר ווי אַזוי מען פּאַרטייטשט דאָס געשריבענע. ביז איצט האָבן, הויפּטזעכלעך, נישט-אידן אינטערפּרעטירט די באַלפור־דעקלאַראַציע אַלס אַ זאַך וואָס איז ליידיק פון אינהאַלט. איצט האָבן מיר אויך יידן באַוויזן צו ראַטיפיצירן די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע. מיר האָבן געזאָגט צו די יידן: איר גלויבט נישט אין ציוניזם, איר אַנערקענט נישט די יידישע אומה, אָבער עס מאַכט נישט, אונטער דעם נוסח פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע מעגט איר זיך גאַנץ רואיק אונטערשרייבן, עס איז דאָך אין איר גאָר נישטאָ, זי פּאַרפליכ־

טעט דאָך נישט אויף ציוניזם. און דאָס איז אַ געפערלעכער פּרעצעדענט. ביין! עס איז פּ אַ ר אָ ן אַן אונטערשיד צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, און אַזאַ גרויסער אונטערשיד, אַז אַלע פילן אים. אויך די נישט־ציוניסטן פילן אים, און דעריבער אַרבעטן זיי אויס די דאָזיקע פאַרפּלאָנטערטע סטאַטוטן (פון דער אויסגעברייטערטער יידישער אַגענץ). דעריבער היטן זיי זיך פון אָנהויב אָן זיך צו פאַרפליכטן און באַמיען זיך צו פאַרמיידן יעטווידע מעגלעכקייט אַז די מאַיאָריטעט זאָל איבערוועגן. און אויך די ציוניסטן פילן דעם אונטערשיד. פאַרוואָס האָט דער 14טער קאָנגרעס געפאָדערט, יענער קאָנגרעס, וועלכער האָט מסכים געווען פאַרזעצן די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ — פאַרוואָס האָט ער געפאָדערט אַ גאַנצע ריי גאַראַנטיעס? די געשריבענע גאַראַנטיעס זענען געווען: דעמאָקראַטישע ריינע וואַלן, פּרעזידענץ, פּראָוויזאָריום; און חוץ דעם די ניט געשריבענע פאָדערונג — געלט! נישט געקוקט אויף דעם באַרימטן פּסוק „מיר קענען נישט וואַרטן", האָט געוואוסט דער 14טער קאָנגרעס: אויב מען גיט שוין איבער אַ פּאָליטיש און גייסטיק פאַרמעגן פונעם פאָלק, אַ וויכטיק פאַרמעגן ווי די יידישע אַגענץ, דאַרף מען דאָך אַמווינציקסטן איר איבערגעבן אויף דער באַזע פון אַ וויכטיקן קאָנטראַקט, מיט אַלע גאַראַנטיעס.

און וואָס איז פאַרבליבן פון די פאָדערונגען פונעם 14־טן קאָנגרעס? ראשית, די נישט־געשריבענע פאָדערונג: געלט. מען זאָגט דאָך היינט: די אַגענץ איז שוין אַ פאַקט". פאַרוואָס האָט מען אַלזאָ פאַרשלאָסן דעם שפּיטאָל „הדסה" אין חיפה? פאַרוואָס האָט מען ערשט נישט לאַנג טעלעגראַפירט, אַז דעם ארץ־ישראל־בודזשעט דאַרף מען רעדוצירן אויף 27 פּראָצענט? ווייל דער קאַמפּיין אין אַמעריקע איז געווען אַ דורכפאַל? ווו איז דער כישוף פון די התימות פון די ה"ה נישט־ציוניסטן, וואָס פון זיי האָט מען אַרויסגעקוקט אויף דעם דאָזיקן נס, אויף דעם רעגן גאָלד? פאַרוואָס האָט דער נס פאַרזאַמט צו קומען? די רעטעניש האָט אונדז אָפנהערציק געלייזט מר' וואַרבורג אינעם ועד לאומי. ער האָט געזאָגט: איר זאָלט נישט אַרויסקוקן אויף אַ רעגן גאָלד;

נאָר געציילטע צווישן אונדז זענען מסוגל מיט זייער גוטן ווילן צו געבן היפשע סומעס פאַר ארץ ישראל; און סאָקאָלאָוו האָט זיך אומגעקערט אָהער קיין ציריך מיט עטלעכע טעג צוריק און האָט פעסטגעשטעלט דעם פאַקט וועגן דער ארבעטספעיקייט פון די נישט-ציוניסטן. איר זעט אַלזאָ, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם הויפּט-תנאי — הגם ער איז נישט קיין געשריבענער.

און איצט — צו די געשריבענע באַדינגונגען. דער פּרעזידענט וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורכן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאַרף אויך זיין דער פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ — אַזוי האָט באַשלאָסן דער 14-טער קאָנגרעס. אָבער די סטאַטוטן זאָגן: ניין, דער ראַט פון דער אַגענץ קען ענדערן דעם אויסוואַל פונעם קאָנגרעס און אויסקלייבן אַנדערע דעלעגאַטן. דער קאָנגרעס האָט געוווסט, מחמת וואָס ער האָט געפאָדערט אַז די דעלעגאַטן אין דער אַגענץ זאָלן קענען פאַרבייטן פערמאַנענטע ממלאי-מקום: ער האָט געוואָלט צו פאַרמיידן אַ רעזשים פון פאַרבייגייער און גלייכגילטיקע. אויך דער באַדינג איז נישט אָנגענומען געוואָרן: אַ האַר, וואָס קומט נישט צו דער סעסיע, קען איינפאַך איבערגעבן זיין שטים צו זיין חבר. דער פּראָוויזאָריום: דאָ האָט דער 14-טער קאָנגרעס געהאַנדלט אָרנטלעך. ער האָט באַשלאָסן תחילת צו מאַכן אַ פּרוּוו נישט מער ווי אויף דריי יאָר. אויך פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. אמת זיי האָבן באַקומען אַ בריוו פון דער רעגירונג, אָבער איך ראַט די פּאָליטישע קאָמיסיע אים גרינטלעך דורכשטודירן, ווייל ער איז אפשר דאָס געפערלעכסטע וואָס האָט אונדז פּאַסירט פונעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. אין אים זאָגט זיך: אויב די אַגענץ וועט געשטרויכלט ווערן, דאַן — דאַן וועט פריער די רעגירונג אַנאַליזירן, אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך צופרידנשטעלנד אין די אויגן פון דער מאַנדאַט-מאַכט. און אין וואָס פאַר אַ מאָמענט וועט געמאַכט ווערן דער דאָזיקער אַנאַליז? דווקא אין יענעם מאָמענט, ווען די ציוניסטן וועלן שטעלן דער בריטישער רעגירונג אַזעלכע עקסטרעמע פאָדערונגען, אַז די נישט-ציוניסטן וועלן אַרויסטרעטן פון דער אַגענץ — דווקא אין דעם מאָמענט וועט אונדז „בודק" זיין די בריטישע רע-

גירונג. אָבער אפילו אָט דער געפּערלעכער צוגאָב האָט מער נישט קיין זין: אין דעם דאָזיקן הייראַט איז מער נישט מעגלעך קיין גט. תּחילת האָבן מיר געדענקט, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט האָבן דאָס רעכט צו באַשליסן בטל מאַכן דעם קאָנטראַקט. ניין, איצט פאָדערט מען אַ מאַיאָריטעט פון צוויי דריטל. אָן דער צושטימונג פון די נישט-ציוניסטן וועלן מיר נישט קענען אַרויסטרעטן, אויב אפילו דער גאַנצער קאָנגרעס זאָל איינשטימיק זען אין דער געמישטער אַגענץ אַ שלעכטע זאַך, וואָס גראָבט אונטער דעם ציוניזם. אַזוי פירט מען אָן ביי אונדז די אָנגעלעגנהייטן פון דער אומה. (אָרלאָזאָראָוו: ווי אַזוי קען די אַגענטור פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנטי-ציוניסטישער זאַך?) אַן אַנטי-ציוניסטישע זאַך איז אַן אַנשטאַלט וואָס שטייט פאַר אַ שלעכטער סיטואַציע אין ארץ-ישראל, און קען ראַטעווען די לאַגע דורך אַ פּאָליטישער אַקציע — און וויל נישט דורכפירן די דאָזיקע פּאָליטישע אַקציע. אָט-דאָס איז אַן אַנטי-ציוניסטישער אַנשטאַלט. (אַפּלאָדיסמענטן, צווישנרופן פון מערמינסקין: דיינע 5% פונעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל זענען מער אַנטי-ציוניסטיש).

מיינע דאַמען און הערן! נאָך איין וואָרט. איך שעם זיך כמעט דאָס אַרויסצורייד, אַזוי איז דאָס געוואָרן נישט פּאָפּולער. דער 14טער קאָנגרעס האָט געפאָדערט נאָך איין גאַראַנטיע. דעמאָקראַטיע! זאָל זיין די דעמאָקראַטיע וואָס זי איז — גוט צי שלעכט (מערמינסקי: זשאַבאָטינסקי אין דעמאָקראַטיע! בערל לאָקער: עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אויב דעמאָקראַטיע איז גוט אָדער שלעכט?). מיין מיינונג וועגן דער דעמאָקראַטיע וועל איך אייך, מיינע הערן, באַלד זאָגן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין רוסלאַנד, אין איטאַליע און אין פיל אַנדערע לענדער צווייפלט מען איצט אין דער ווערט פון דער דעמאָקראַטיע, דענק איך, אַז פאַר אונדז, יידן, איז נאָר די דעמאָקראַטיע אַ געריכט פאַר אַפּעלאַציעס. אויב די לייטונג געפעלט אונדז נישט, קענען מיר זיך ווענדן צו די פאָלקס-מאַסן און אויסקלייבן אַן אַנדערע. דעריבער האָט דער 14טער קאָנגרעס געפאָדערט דעמאָקראַטישע וואַלן אויך פאַר דער נישט-ציוניסטישער טייל פון דער אַגענץ. „אויף וויפל דאָס איז מעג-

לעך" דאַרפֿן צוגעגרייט ווערן דעמאָקראַטישע וואַלן״ עס איז אײנטערע־סאַנט אונטערצושטרייכן, מיינע דאַמען און הערן, אַז אין דער דאַזיקער פּראָגראַם איז אפילו נישטאָ קיין איין וואָרט וועגן דער סיסטעם פֿון וואַלן. די סיסטעם פֿון וואַלן פֿון די נישט־ציוניסטן הענגט בכלל אין דער לופֿטן; — אַלץ איז לויטן ווילן פֿון די דאָזיקע הערן. צו ווירקן אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלן אופֿן — איז אוממעגלעך. און ווי זעט היינט אויס די דאָזיקע וואַל־סיסטעם, — דאָס ווייסן מיינע הערן דעלעגאַטן אַליין. איר האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט באַגייסטערט צו ווערן פֿון איר אין אייערע לענדער.

דער עצם איינטיילן די פּלעצער צווישן די פֿאַרשידענע לענדער זאָגט עדות אויף דעם אַנטידעמאָקראַטישן גייסט פֿון דער גאַנצער קאָנ־סטיטוציע. איך בין נישט קיין פּוילישער ייד, און בין נישט קיין אַמערי־קאַנער ייד, אָבער דעם דאָזיקן קאָנטראַסט אין באַציאונג צו צוויי לענ־דער וואָלט איך קיינמאָל נישט טאָלערירט. די צאָל יידן אין ביידע לענדער איז מער ווינציקער איינע און די זעלבע. אָבער צו אַמעריקע גיט מען 44 דעלעגאַטן און צו פּוילן 13. פֿאַרוואָס? ווייל אַמעריקע איז אַ רייך לאַנד, און פּוילן — אַן אָרימס. און ס'איז נישט וויכטיק וואָס דאָס פּוילישע יידנטום נויטיקט זיך מער אין ארץ ישראל, וואָס זי גיט אונדז די גרעסטע צאָל עולים; פּוילן באַקומט בלויז 13 פּלעצער. די זאַך איז אַזוי קלאָר, אַזוי נאַקעט. מיר ווילן זיך נישט רעכענען מיט דער צאָל מענטשן. מיר ווילן בלויז גבירים!

זעט, איך בעט אייך, מיינע דאַמען און הערן, דער היינטצייטיקער ייד איז מער נישט דאָס וואָס ער איז געווען מיט 30 יאָר צוריק. ער איז שמאָליק, ער האָט באַוווסטזיין, ער איז אַ בירגער. און עס ווערט גע־פֿירט אַ פּאָלעמיק, באַזונדערס אין דעם לאַנד פֿון וואַנען איך שטאַם: וועמענס זכות איז דאָס? די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זאָגן: מיר האָבן געמאַכט דעם יידן פֿאַר אַ בירגער, פֿאַר אַ קעמפֿער. אָבער פֿונעם היס־טאָרישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט ריכטיק. עפּעס אַנדערש האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער נשמה. דאָס איז געווען אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, דער שקל. די וועלכע זע:ען

אויסגעוואקסן אין אנדערע לענדער, אין מער גליקלעכע לענדער, קענען זיך, פיליכט, די זאַך נישט פאָרשטעלן. ווען מען האָט גערעדט צום אָרימען און איינגעבויגענעם יידן מיט אַ 30 יאָר צוריק וועגן דעם קאַמף פאַר רעכט און גערעכטיקייט, האָט ער געענטפערט: „וואָס בין איך און ווער בין איך? איך בין דאָך אַ קבצן. איך דאַרף שווייגן. נאָר תקיפים און גבירים האָבן אַ רעכט צו אַנטשיידן אין ענינים פון פאָלק, סיי ווען עס האַנדלט זיך פון אַ דעלעגאַציע צום גובערנאַטאָר אָדער וועגן ישוב פון ארץ־ישראל". עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז אויך ער האָט אַ רעכט צו זאָגן אַ דעה, און דאָן איז דערשינען הערצל. אַ סך פון הערצלס אויפטוען וויל מען פאַרלייקענען, אָבער איין זאַך האָט ער אָן ספק געשאַפן: ער האָט דעם דערשלאָגענעם מענטשן געגעבן דעם שקל. נאָך 3, 4 יאָר האָבן מיר געזען וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקומען אין דעם אונטערטעניקן מענטשן. די ציוניסטישע וויזיע, די האָפענונג פון דער אומה, אַ נייע זון אין הימל, די ישועה פונעם יידישן פאָלק; און ער, דער איינגעבוירענער מענטש, ער איז דער וואָס איז מכריע, וואָס אַנטשיידט. ער טראַכט ביי זיך אין הארצן: „אָט דערנענטערט זיך אַן אַל־וועלטלעכער קאָנגרעס, און ווער ווייסט, אפשר וועט אין דעם קאָנגרעס אַרויפגעבראַכט ווערן אַ פראַגע, אין וועלכער עס וועט מכריע זיין איין־איינציקע שטים. און אפשר וועט דאָס זיין די שטים פון דעם דעלעגאַט וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן אין מיין שטאָט. און אפשר וועט ער אויסגעקליבן ווערן מיט אַ מאַיאָריטעט פון עטלעכע שטימען, און אפשר וועט צווישן זיי זיין אויך מיין שטים. און די פראַגע, אויב דאָס יידישע פאָלק, וועט אויסקלייבן דעם גוטן אָדער שלעכטן וועג, וועט אַזוי אַרום, אַנטשיידן ווערן דורך דעם וואָס איך, דאָס קליינע מענטשל פון דער מאָלדאַוואַנקע, האָב געשטימט אַזוי און נישט אַנדערש! איך בין דער וואָס אַנטשיידט, אויף מיר ליגט די אחריות, איך קאָן גורם זיין, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל גיין אויפן גוטן אָדער שלעכטן וועג! איך בין דער וואָס בויט, דער וואָס מאַכט געשיכטע! איך, נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין אַן אָרימאַן, און דו ביסט דער גביר — יעדער איינער פון

אונדז האט אין דעם מאמענט פון אנטשיידונג בלויז איין שטים. מיר זענען גלייכע. מיר זענען בירגער".

צוואנציק יאר רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע וואלטן קיינמאל נישט געקענט שאפן אזא וואונדער אין דער נשמה פונעם דערשלאגענעם מענטש, ווי דאס האט געטון דער שקל, דער דאזיקער גערא"ק או אָרים און רייך זענען גלייכבארעכטיקט.

„צו דעבלינג איין פריעדהאף, אים פריעדהאף איין גראב — דארט ליעגט ער, דער גראססע, דער ד י ע ז ע ס אונדז גאב!"

עס זענען פאריבער 25 יאר, און אט געפינט איר זיך פאר דער ליקווידאציע. און איצט זאגט אליין, אויב איך האלט די דעמאקראטיע פאר גוט אדער שלעכט.

ניין, עס איז פאראן אן אונטערשיד צווישן דעמאקראטיע און צווישן גביראקראטיע, צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן. און עס איז פאראן א פראקטישער קשר צווישן אידעאליזם און ארבעטספעיקייט. און עס איז געפערלעך צו פארגעסן די דאזיקע אונטערשידן און די דאזיקע קנופן. די דאזיקע אונטערשידן האבן אנערקענט נישט נאר די נישט־ציוניסטן, עס האט זיי אנערקענט דער 14-טער קאנגרעס: היינט האט זיי אויך אנערקענט די ציוניסטישע לייטונג, זי ווייסט וואס פאר א מין סחורה זי האט אייך געבראכט. דעריבער ברענגט מען די דאזיקע סטאטוטן נישט פאר א פרייען קאנגרעס, נאר פאר דעם קאנגרעס וועמענס הענט עס זענען שוין געפענטעט. ווען אפילו די מאיאריטעט פונעם קאנגרעס שטיצט פון אנפאנג אין אן אויסגעברייטערטער אגענץ: אבער די פראגע פון גאראנטיעס וואלט נאך דער קאנגרעס געוואלט קאנטראלירן, ווען ער וואלט זיין פריי. דעריבער האבן זיי נישט געוואלט קיין פרייען קאנגרעס און דעריבער האבן זיי געטון א זאך וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט: די נישט־ציוניסטן זענען איינגעלאדן געווארן זיך צוזאמענצוקומען דאהי אין ציריך שוין דעם 11־טן אויגוסט. (צווישנרופן: זיי זענען שוין דא!) אין דער געשיכטע פון די פארלאמענטן פון אנדערע פעלקער קען מען נישט געפינען קיין ביישפיל, אז א פארלאמענט זאל אזוי אפן אוועקגעשטעלט ווערן פאר א געשעענעם

פאַקט. מיר, רעוויזיאָניסטן, האָבן מיט אַ שטיקל צייט פריער געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער לייטונג אין פאַרבינדונג מיט דער דעקלאַ־ראַציע פון אונדזער קאָנגרעס אין ווין, אַז ווייטער פירן אונטערהאַנד־לונגען מיט די נישט־ציוניסטן איז נישט קאָנסטיטוציאָנעל. די לייטונג האָט אונדז געפרעגט: פאַרוואָס „נישט־קאָנסטיטוציאָנעל"? און דערויף האָבן מיר געענטפערט: אַז די באַזע פאַר די אונטערהאַנדלונגען איז נאָך נישט פאַסיק פאַר די באַדינגונגען וואָס עס האָט געשטעלט דער 14־טער קאָנגרעס. דערויף האָט געענטפערט די לייטונג: דאָס זענען דאָך נישט מער ווי „צוגרייטונגען". זענען אָבער דאָס נישט מער ווי „צוגרייטונ־גען"? פרוווט נאָר פאָדערן דאָ, אַז דער ענין — די פראַגע פון די גאַ־ראַנטיעס — זאָל אומגעקערט ווערן אין דער לייטונג פאַר צוגאָב־אונ־טערהאַנדלונגען! איר ווייסט גוט, וואָס מען וועט אייך ענטפערן: „די מענטשן זענען שוין דאָ. ווילט איר באמת עס זאָל אויסברעכן אַ וועלט־סקאַנדאַל, אַ גראָבע באַליידיקונג, אַ ריס צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן?" אָט אַזאַ איז די לאַגע! מען לייגט פאַר דעם קאָנגרעס אַ שלעכטן קאָנטראַקט, און זיינע הענט זענען שוין געפּענטעט.

איך וויל זאָגן נאָך אָט וואָס. אין גיכן וועט איר אַהיימפאָרן און דאָרט וועט איר אַריינקוקן אין די אויגן פון אייערע קינדער. עס וואַקסט אַ יוגנט, וועמענס צוקונפטיקן פּרצוף איר קענט נאָך נישט. (צווישנ־רופן פון לינקס: דאָס וועט נישט זיין דיין יוגנט). דאָס וואָס איר טוט, וועט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף אַלע קרייזן פון דער יידישער יוגנט. זי וועט פון דעם לערנען אַ לעקציע: א ט א ז ו י איז מען זיך, אַלזאָ, נוהג מיט אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן! קיין אַדוואָקאַט, קיין בעל־הבית, קיין פאָטער פון אַ פאַמיליע וועט נישט איבערגעבן זיין פאַרמעגן אין נייע הענט, פרעמדע, נישט זיכערע, אָן גאַראַנטיעס. אָבער ווען דעם פאַרמעגן פון דער אומה, ווען קודש הקדשים, וואָס דורות נאַנצע האָבן געקעמפט פאַר דעם, אַנטשיידט מען דאָ, נישט טראַכטנדיק פון אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אויף צוריק... איר וועט טייער באַ־צאָלן פאַר דעם!

און איצט, ווען מיר געפינען זיך אויפן שיידוועג, אַ טאָג פאַר דער

אָפּשטימונג, אַ טאָג איידער פיל פון אייך וועלן זאָגן: „יאָ", מיט אַ שווער האַרץ — דערקלער איך נישט נאָר אינעם נאָמען פון די 18.000 ציוניסטן, וועלכע האָבן געשיקט צום קאָנגרעס אונדזער בלאָק, נייערט אינעם נאָמען פונעם געוויסן, אינעם נאָמען פונעם נאַציאָן און רייגעם גלויבן פון דער יוגנט, אינעם נאָמען פונעם גלויבן פון אונדזערע על־טערן, אינעם נאָמען פון די אַלע אידעאַלן פאַר וועלכע מיר האָבן אַמאָל געקעמפט צוזאַמען, זיי אַלע און איך — אינעם נאָמען פון אַלע דער־קלער איך פאַר גאָט און פאַר דער געשיכטע אונדזער קאַטעגאָרישן באַ־שלוס: Non possumus! (מיר קענען נישט!) (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

וועגן די געשעענישן פון תרפ״ט

א רעדע אויף א פאלקס־פארזאמלונג אין פאריז, דעם 29־טן אויגוסט פון 1929.

דעם 29־טן אויגוסט איז זיך צונויפגעקומען אין פאריז אונטער דער פרעזידענץ פון ד״ר זאב טיאמקין, א פראטעסט־מיטינג קעגן די געשעענישן אין ארץ ישראל, וועלכער איז ארגאניזירט געווארן דורך דעם פארבאנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאניסטן. א סך פריער איידער עס האט זיך אנגעהויבן דער מיטינג איז דער זאל געווארן פול געפאקט. אויף דער גאס האט זיך פארזאמלט א גרויסע מאסע, וועלכע האט נישט געקענט אריין אינעווייניק, ווייל עס האט געפעלט פלאץ. אויף דער בינע זענען געזעסן די פארשטייער פון דער פרעסע. עס זענען געווען אנוועזנד קארעספאנדענטן פון די פאריזער צייטונגען און פון אויסלאנד.

אין קורצע און דורכגעפילטע ווערטער האט ד״ר ז. טיאמקין פארגעלייגט די פארזאמלטע, אז זיי זאלן באערן דעם אנדענק פון די פאגראם־קרבנות אין ארץ ישראל. דער גרויסער עולם האט זיך אויפגעשטעלט ווי איין מענטש. נאכדעם איז דאס ווארט געגעבן געווארן צו זאב זשאבאטינסקי.

עס איז א טעות צו זען דעם שורש פונעם סכסוך אין ארץ־ישראל אין יענער געשעעניש וואס איז פארגעקומען פאראיארן יום כפור ביים כותל המערבי. אויב איר וועט אנאליזירן די זאך וואס איז געשען פאראיארן ביים כותל המערבי, וועט איר זיך איבערציינגן, אז ס׳איז דארט נישט געשען גארנישט קיין נייעס: עס זענען דארט פאראן פאדערונגען און פראטעסטן, וועלכע זענען באקאנט פון א צייט און ציען זיך פון דורי דורות. שוין אין דער צייט פונעם טערקישן רעזשים האט מען זיך געקריגט איבער דער פראגע, אויב די יידן מעגן אוועקשטעלן לעבן דעם כותל המערבי די טראדיציאנעלע מחיצה. טיילמאל איז זיי די זאך דערלויבט געווארן און טיילמאל האט מען זיי נישט דערלויבט. דאס מאל איז דארט בכלל נישט געוועזן קיין שום בנין. די יידן האבן נישט גע־

בראכט מיט זיך קיין שטולן. אָבער די אַראַבער האָבן פּראָטעסטירט און געמענהט אַז מען האָט צעשטערט דעם „סטאַטוס קוואָ”. זיי האָבן אַל־זאָ, פּראָטעסטירט קעגן עפּעס וואָס איז שוין אַמאָל געווען...

דאָס נייע וואָס איז געשען איז געווען אין דער האַנדלונג פון דער רעגירונג. אַזאַ זאַך האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט אפילו אין די טעג פונעם טערקישן רעזשים. און אָט וואָס איז געשען: אייניקע אַראַ־בער זענען געקומען פאַרן גובערנאַטאָר פון ירושלים און האָבן אים מו־דיע געווען, אַז אויב די מחיצה וועט נישט צוגענומען ווערן באַלד, וועלן קומען 200 יונגע אַראַבער און מאַכן אומאָרדענונגען. מען דערציילט אַז איינמאָל האָט מען אַזוי געזאָגט צו לאָרד פּלומער: „אויב איר וועט נישט טון דאָס און דאָס, וועל איך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָרדענונג אין ירושלים”. ער האָט געענטפערט: „איר זאָלט גאָרנישט זאָרגן, פאַר אָרדענונג אין ירושלים בין א י ך פאַראַנטוואָרטלעך”, און פאַרזיכערט זיך אַז ס'איז גאָרנישט געשען. אנשטאָט צו געבן אַזאַ ענטפער, וועלכער וואָלט אבסאָלוט געווען באַפרידיקט, האָט די רעגי־רונג נישט געוואָלט אויסוואַרטן עטלעכע שעה, ביזן ערשטן שטערן, און האָט געשיקט פּאָליציי, וועלכע האָט פּראָוואָצירט ביים כותל המערבי, אינמיטן די תפילות פון יום כפור די ברוטאַלע געשעענישן, וועלכע איר אַלע געדענקט. אויף די אַראַבער האָט דאָס געמאַכט באַזונדערן רושם. ביי זיי אין די אויגן איז די שעה פון תפילה קודש קדשים. זיי קענען נישט פאַרשטייען, ווי איז מעגלעך צו שטערן אין מיטן דאַווענען נישט נאָר א יידן, א מוסולמאַנער אָדער א קריסט, נאָר אפילו א געצ:דינער. אַן אַראַבישע לעגענדע דערציילט, אַז אַן אַראַבישער באַנדיט וואָס האָט געוואָלט באַפאַלן א דורכפאָרער, האָט אויסגעוואַרט ביז דער מענטש האָט געענדיקט זיין תפילה. אָבער אין דעם דאָזיקן פאַל איז דער ציבור־דאַוונער נישט געווען הייליק. די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע איז גענוג, אַז מיר זאָלן פאַרשטייען די גאַנצע טיפקייט פון דער אויפרעגונג.

דער דאָזיקער טאַט מצד דער רעגירונג לערנט יעדן גאַסן־אַראַבער, אַז לגבי יידן עקזיסטירן נישט אפילו די עלעמענטאַרסטע רעכט פון פאַרטיידיקונג.

ביז איצט האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געפּרווט פאַרוואַנדלען דעם כותל המערבי אין אַ שלאַכטפעלד, אויף וועלכן די אַראַבער זאָלן פירן קעגן אונדז דעם לעצטן קאַמף. אויף דעם אָרט האָט זיי אָנגעוויזן די רעגירונג אַליין. דער סכסוך צווישן אונדז איז נישט קיין רעליגיעזער. זייגע טיפערע וואָרצלען שטעקן אין קאָנטראַסטן צווישן די צוויי פעלקער, וואָס איינס פון זיי באַטראַכט זיך אַלס אייגנטימער פון דער ערד און דאָס צווייטע באַזעצט זיך אויף איר. עס האַנדלט זיך נישט וועגן כותל המערבי; נישט וועגן דער יידישער און נישט דער אַראַבישער אָנשווינג. עס רעדט זיך איינפאַך פון די נעגאַטיווע טאַטן פון דער אַדמיניסטראַציע פון יענער שלעכטער, פיינטלעכער און אומפּאַראַנטוואָרטלעכער ארץ ישראל-אַדמיניסטראַציע וואָס הערשט דאָרט. אין אַן אָפיציעלן קאָמוניקאַט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו מיין גרויס באַדויערן פון אַן אָפיציעלן יידישן מקור, לייענען מיר, אַז די אַדמיניסטראַציע פון ארץ ישראל איז איבערראַשט געוואָרן פונעם פאַרנעם פון די אומאָרדענונגען וואָס האָבן אויסגעבראָכן. דאָס איז נישט אמת! איך זאָג אויף דער דאָזיקער אַדמיניסטראַציע אַז זי איז אַ שלעכטע, נישט קיין לאָיאַלע, אַ פיינטלעכע, אָבער איך וועל איר קיינמאָל נישט זאָגן אַז זי איז אידיאָטיש. עס האַנדלט זיך דאָ פון ענגלענדער; און אויב זיי זענען נישט אַלע מענטשן פון אַ טיפער קולטור, זענען זיי דאָך אַלע באַהאַוונט אין דער ענגלישער געשיכטע. זיי פאַרשטייען עפּעס אין אָנגעלעגנהייטן פון קאָלאָניזאַציע. זיי ווייסן, ווי אַזוי זייערע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין צפון-אַמעריקע און אין דרום-אַפריקע, און זיי ווייסן, דעם פּרייז וואָס זיי האָבן באַצאָלט. זיי ווייסן אַז יעדע קאָלאָניזאַציע נויטיקט זיך אין פאַרזיכערונגס-מיטלען, ענטוועדער דורך דעם רעגירונגס-מיליטער אָדער דורך זעלבסט-פאַרטיידיקונג. און דאָך האָט די אַדמיניסטראַציע געטון אַלץ וואָס זי האָט געקענט אַז דאָס לאַנד זאָל פאַרבלייבן אָן באַוואָפנטע קרעפטן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דעמאָביליזאַציע פונעם יידישן לעגיאָן. היינט האָבן מיר אין לאַנד כמעט קיין זאַך; אייניקע עראָפּלאַנען, אייניקע טאַנקען און אַן אַבסאָלוט נישט גענוגנדע צאָל מיליציאַנטן, וואָס די צאָל יידן צווישן זיי איז

לעכערלעך קליין. חוץ דעם, עקזיסטירט אַ גרעניץ-וואַך פון עבר-הירדן, און אין איר זענען פאַראַן קוים 20 יידן. אָבער דעם לייבן-חלק אין די אויסגאַבן אויסצוהאַלטן די גרעניץ-אַרמיי ליגט אויפן ארץ-ישראל בוד-זשעט, און דאָס רוב שטייער-צאָלער זענען יידן. עס אַנטשטייט אַלזאָ די פראַגע, פאַרוואָס האָט מען נישט צונויפגעבראַכט די דאָזיקע 700 מיליציאַנטן, וועלכע שטייען אונטער דער קאָמאַנדע פון ענגלישע אָפי-צירן, וועלכע זענען באַוואָפנט און דיסציפּלינירט ווי עס געהערט צו זיין? אין אַ האַלבער שעה האָבן זיי זיך געקענט געפינען אויפן פּלאַץ פון די אומאָרדענונגען. אָבער די רעגירונג האָט גוט געוווּסט וואָס זי טוט: איך האָב אייך שוין געזאָגט אַז די דאָזיקע מענטשן זענען נישט קיין אידיאָטן, און זיי ווייסן אַז מען רופט נישט קיין אַראַבישע פּאָלי-ציילייט צו שלאָגן אַראַבער און פאַרטיידיקן יידן. די געשעענישן זענען נישט געווען קיין איבעראַשונג פאַר דער רעגירונג. און אויב לגבי דעם ציוניזם איז די דאָזיקע רעגירונג געווען נישט-לאָיאַל, און לגבי די יידן וועלכע וווינען אין ארץ-ישראל — פיינטלעך, זענען אירע לעצ-טע מעשים איינפאַך אומפאַראַנטוואָרטלעכע. און ווי איך האָב שוין געזאָגט פון דער טריבונע פונעם 15-טן קאָנגרעס, חזר איך איבער און זאָג: די דאָזיקע אַדמיניסטראַציע פאַרשאַפט נישט קיין כבוד דעם ענג-לישן פאָלק.

איצט דאַרפן מיר ציען שלוסן פון דער לעצטער לעקציע. ביי דער גאַנצער וויכטיקייט פון אַ גוטער אַדמיניסטראַציע, אָדער פון ספּעציאַ-ליסטן, מיט דער גאַנצער חשיבות פון אַ ריכטיקער עקאָנאָמישער פּאָ-ליטיק, איז דער וויכטיקסטער יסוד פון אונדזער אַרבעט אינעם לאַנד דער עיקר און פאַר אַלץ דאָס פעלן פון סכנה, די פיזישע זיכערקייט. דאָס פאָדערט נישט קיין באַווייזן. אַ מענטש וואָס איז נעכטן געווען גרייט עולה זיין קיין ארץ ישראל און דאָרט פאַרפלאַנצן אַ פּרדס פון מאַראַנצן-ביימער, שטעלט זיך היינט די פראַגע: און וואָס וועט זיין מיטן פּרדס? — און ער וואַקלט זיך. אַן אַנדערער שטעלט זיך אויסבויען דאָרט אַ פאַבריק, אַ אינדוסטריעלע אונטערנעמונג — און שטעלט זיך די זעלבע פראַגע. דאָס איז פאַר אַלץ אַ פראַגע פון זיכערקייט. און מיר האָבן

געזען, אַז מיט דער הילף פון אַ נישט-יידישער אַרמיי איז אוממעגלעך צו לייזן די דאָזיקע פראַגע. ווייל דאָס ענגלישע פאָלק האָט דערקלערט: „מיר האָבן געגעבן אונדזער פאַרשפּרעכן, אָבער דאָס פאַרפליכטעט אונדז נישט צו פאַרגיסן אונדזער בלוט. מיר האָבן פאַרשפּראָכן מאָראַלישע און פּאָליטישע הילף, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז צו באַצאָלן דעם בלוטיקן פּרייז פאַר זייער ארץ ישראל וועלן דאַרפן די יידן אַליין.”

און איצט, ווען מען האָט געשיקט קיין ארץ ישראל דריי באַטאַליאָנען, איז נאָך איידער זיי זענען אַריין אין לאַנד און נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט צו מאַכן אַ סוף צו די אומאָרדענונגען, אַנטוואַפנט מען שוין די יידן.

דער ציוניזם פאָדערט אויפבוי־אַרבעט. אָבער זי קען קיין קיום נישט האָבן אויב נישט אויפן יסוד פון זיכערקייט, פאַר וועלכער מיר אַליין זאָלן ערוב זיין. אויב עס זענען פאַראַן צווישן אייך אַ סך וואָס שטיצן דעם דאָזיקן געדאַנק, זאָלט איר נישט ענטפערן אויף מיינע ווערטער מיט דעמאָנסטראַציעס, זאָלט איר נישט פּאַטשן בראַוואָ, ווי איר וועט נישט פּאַטשן בראַוואָ דעם וואָס זאָגט אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר. אַלע ווייסט איר ווער עס האָט געראַטעוועט דעם ישוב נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט אים געלאָזט אָן אַ באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג. מיר דאַרפן זיך טיף פאַרנייגן פאַר די העלדן פון אונדזער פאַרטיידיקונג, פאַר יענע וואָס זענען געפאַלן און פאַר די וועלכע לעבן מיט אונדז, ווייל די פאַרטיידיקונג איז די וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דעם ישוב אין יענע פיר שרעקלעכע טעג ביז עס זענען אונטערגעקומען די ענגלישע סאָלדאַטן. אָבער אַ נישט-לעגאַלע קראַפט, וואָס האָט נישט קיין דערלויבעניש פון דער רעגירונג, קען נישט זיין באַוואָפנט און צוגעגרייט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און די סאָלדאַטן וועלן תמיד אין איר זען אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין עקזיסטעניץ-באַרעכטיקונג. אין דער רעזאָלוציע וואָס איך וועל פאַר אייך לייענען, וועט איר געפינען אַ גענויע פּראָגראַם פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער זיכערקייט אינעם לאַנד, און איך האָף, אַז דער קאָנגרעס וועט מיט מער ענערגיע שטיצן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג.

מיר פּראָטעסטירן קעגן אַלע פּרווון מצד דער ארץ ישראל פּאָליציי

צו אנטוואפענען די יידישע פארטיידיקונג. אין אן אפיציעלער טעלע-גראמע לייענען מיר: „די צוזאמענשטויסן אין חיפה ווערן פארגעזעצט, מען האט אנגעהויבן אנטוואפענען די יידן.”

מיר האבן נייטיק אין ארץ ישראל א יידישע הגנה. מיר דארפן פא-דערן אז די הגנה זאל געזעצלעך אנערקענט ווערן. און מיר מוזן איר פאר-זיכערן א נארמאלע עקזיסטענץ. ביז איצט איז וועגן דעם נישט גערעדט געווארן, אבער מיר האבן אויך נייטיק א פאנד, וואס זאל אונדז געבן די מעגלעכקייט אויסצוהאלטן די הגנה.

יעדער יונגערמאן און יונגע פרוי זענען מחויב זיך צוצוגרייטן צו פארטיידיקונגס-אפעראציעס, כאטש די דאזיקע אפעראציעס זענען טייל-מאל שווער און אפילו טראגיש. פונעם פינאנציעלן שטאנדפונקט דארפן מיר פארזיכערן די פערפעקטע פונקציאנירונג פון דער דאזיקער ארגאני-זאציע אינעם לאנד, דורך דעם „קרן תל-חי”, וועלכער אפעלירט צו דער גאנצער יידישער וועלט און גלויבט אין זיין געוויסן און זיין כוח פאר-אויסצוזען די צוקונפט.

און איצט דערלויבט מיר איבערחזרן די ווערטער, וואס איך האב געזאגט מיט ניין יאר צוריק נאכן טויט פון טרומפעלדארן, ווען עס האבן אויסגעבראכן די ערשטע אומארדענונגען אין ירושלים. איר זאלט נישט איבערטרייבן! איך זע דא מענטשן, וועלכע האבן אראפגעלאזט דעם קאפ, מענטשן וועלכע האבן פארלארן יעדע האפענונג. זיי רעדן וועגן א קא-טאסטראפע און האלטן אין איין זאגן: „מיר האבן נישט קיין פריינט, און די הבטחות וואס די גאנצע וועלט האט אינדז געגעבן האבן קיין ווערט נישט.” טרייבט נישט איבער! דאס וואס איז געשען אין ארץ ישראל איז א שרעקלעכע באליידיקונג פאר אונדז און אן ענגלישע נאציאנאלע שאנ-דע, — אבער דאס איז נישט קיין קאטאסטראפע. די אראבער האבן קיין כוח נישט צו מאכן א קאטאסטראפע אין ארץ ישראל. איר זאלט נית אי-בערשאצן דעם כוח פינעם באנדיט: דאס איז א שטארקער באנדיט, אבער ער איז נישט קיין אטילא. עס איז נישט געשען קיין קאטאסטראפע, און אויף מארגן פונעם טאג פון נסיון — וועט אויפשטיין דער יידישער ישוב אין לאנד אויף זיינע פיס — מיט מער כוחות און מיט מער האפענונג,

און מיר וועלן אויפסניי אויפשטעלן אלץ וואס זיי האבן חרוב געמאכט. ווייל מיר זענען באשאַפן געוואָרן מיט דעם דאָזיקן טאלאנט: אויפצושטעלן אין א פיל גרעסערן פאָרנעם אלץ וואס זיי האבן חרוב געמאכט און פארניכטעט.

***

אין א דעטאלירטער רעזאָלוציע, וואס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, זענען אויסגעדרוקט געוואָרן פאָלגנדע פאָדערונגען:

א) צו לעגאליזירן די יידישע פארטיידיקונג און שאפן אויפן חשבון פונעם ארץ ישראלדיקן געלט-אוצר א יידישע מיליטערישע איינהייט, וועלכע זאָל זיין איינגעשלאָסן אין דעם גאַרניזאָן פון ארץ ישראל און אונטערגעאָרדנט דער בריטישער ארמיי.

דעמאָביליזירן דאָס גרענעץ-מיליטער פון עבר הירדן.

ב) שיקן קיין ארץ ישראל אַן אויספאָרשונג-קאָמיסיע, וועלכע זאָל זיין אומאָפהענגיק פון דער אָרטיקער מאכט און באפולמעכטיקט אויסצוגעפינען די שולדיקע און קאָנטראָלירן די פעאיקייט פון דעם גאנצן רעזשים.

צו באשטראָפן די באאמטע און די אנדערע מענטשן וועלכע זענען שולדיק אין אומגליק.

באַלד אָפּזאָגן אלע באאמטע, וואס זייער אקטיוויטעט וועט דינען אלס טעמע פאר דער אויספאָרשונג פון דער קאָמיסיע.

אויפצובויען אויפסניי דאָס יידישע פארמעגן וואס איז פארניכטעט געוואָרן און אינדעמניזירן פולשטענדיק דעם גאנצן שאָדן פונעם יידישן ישוב אויפן חשבון פון דעם ארץ ישראלדיקן געלט-אוצר און אויפן חשבון פון די אראבישע ישובים וועלכע האבן זיך באטייליקט אין מאָרד און אין רויב.

ג) צואנערקענען אַנטגילטיק, אז דער כותל המערבי און די אויסברייטערונג וואס נעבן אים, זענען געהייליקט אויסשליסלעך פאר'ן יידישן רעליגיעזן קולט.

ד) צו פארעפנטלעכן א קלאָרע דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג פון בריטאַניע, דורך וועלכער עס זאָלן באשטעטיקט ווערן די התחייבותן וואס

בריטאניע האט אויף זיך גענומען, אז זייער באטייט איז אן אקטיווע באַטייליקונג אין דעם אויפבוי פון דער יידישער נאציאנאלער היים און דעם פארלייגן א יסוד פאר א פריינטלעכער אדמיניסטראציע פאר א יידישער קאלאניזאציע פון בײדע זייטן ירדן, און וועלכע זאל בטל מאכן דאס ווייַסע בוך פון סעמיועל-טשוירטשיל פונעם יאר 1922.

איינשטעלן דעם פרינציפּ פון א פרייער יידישער אימיגראציע.

אויפשטעלן א ספּעציעלן בירגער-אמט פאר ארץ ישראל, כדי אויסצובילדן די ספּעציעלע באאמטע פאר די באדערפענישן פון דעם ציוניסטישן בנין.

ה) דער קאנגרעס אפּעלירט צום יידישן פאלק, און באזונדערס צו דער יוגנט, צו לערנען א לעקציע פון די לעצטע געשעענישן און איינפירן א סיסטעמאטישע צוגרייטונג פון דער יידישער יוגנט פאר די באדערפענישן פון דער הגנה.

דער קאנגרעס באגריסט די אקטיוויטעט פון „קרן תל-חי”.

ו) דער קאנגרעס פּראקלאמירט דעם שטארקן ווילן פונעם יידישן פאלק צו אויפבויען אויפסנייַ די יידישע מדינה אין דער גאנצער ארץ ישראל און דערקלערט פייערלעך, אז קיינע שטרויכלונגען, סטראשונקעס אדער אומארדענונגען זענען נישט בכוח צו אונטערדריקן דעם דאזיקן ווילן.

די לעצטע פרווו

די דערעפענונגס־רעדע אויפן פערטן וועלט־קאָנגרעס פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן אין פּראג, דעם 10טן אויגוסט, 1930

דעם ציל פונעם ציוניזם האָבן מיר פאָרמולירט אלס פאָדערונג צו שאפן א יידישע מאיאָריטעט אין ארץ-ישראל. דאָס איז נישט מאקסימאַליזם. דאָס איז דער מינימום. פונעם ריין־מענטשלעכן שטאנדפונקט דארף מען נעמען אין באטראכט, אז אין צוויי-דריי קומענדע דורות וועלן באַדארפן עוקר זיין פון זייערע געבורטלענדער פיל מיליאָנען יידן — און דאָס וועט, פארשטייט זיך, זיין מער ווי איינפאך שאפן א מאיאָריטעט אין ארץ-ישראל.

און דאָס איז אונדז פארשפּראָכן געוואָרן אין די יאָרן 1917 און 1922. דער טעקסט פון דער באלפור-דעקלאראציע און פונעם מאנדאט און דאָס זעלבע די דאָקומענטן און דערקלערונגען פון די פאראנטוואָרטלעכע שטאטסמענער, זיי אלע זאָגן עדות אז די רעגירונגס-קרייזן אין בריטאניע האָבן געהאט בדעה צו פארוואנדלען גאנץ ארץ-ישראל אין א טעריטאָריע וואָס ווערט אדמיניסטרירט פון יידן. אין דעם בריוו פון באלפור וואָס איז באקאנט אלס באלפור־דעקלאראציע, רעדט זיך אין דעם ערשטן זאץ פון דער סימפּאטיע פון דער רעגירונג, מיט וועלכער זי קוקט אויף די ציוניסטישע אספּיראציעס. די דאָזיקע „ציוניסטשע אספּיראציעס" זענען געשילדערט געוואָרן אין אָפיציעלע ענגלשע דאָקומענטן פון די יאָרן 1917-1916 אלס א שאפן פון א יידישע מאיאָריטעט און דאָס איבערגעבן די אינערלעכע אדמיניסטראציע פונעם לאנד אין יידישע הענט. און פון דער צווייטער זייט, רעדט דער מאנדאט פון „אויפשטעלן אויפסניי" די יידישע נאציאָנאלע היים — אן איבעריקער באווייז, אז דאָס וואָרט „היים" איז טייטש — וואָס די יידן האָבן געהאט אין ארץ-ישראל אמאָל.

אין 1917 האט לארד ראבערט סעסיל מיט אט די ווערטער פארטייטשט די באלפור-דעקלאראציע: „אראביע — פאר די אראבער, יהודה — פאר די יידן"; אין 1919 האט סעמיועל געזעדט וועגן ארץ ישראל ווי וועגן אן „אויטאנאמער טעריטאריע מיט א מערהייט פון יידישע איינוווינער"; אין 1920 האט באלפור דערמאנט אין זיין זאץ העדזשאס און איראק, וועלכע זענען איבערגעגעבן געווארן די אראבער, און ארץ-ישראל „וועלכע איז איבערגעגעבן" געווארן צו די יידן. אפילו מאקדאנאלד האט געטענהט אין 1922, אז די רעגירונג „האט פארשפראכן די יידן איבערצוגעבן אין זייער רשות ארץ ישראל פאר קאלאניזאציע און אדמיניסטראציע". עס איז נישט ריכטיק אז די מחברים פון דער באלפור-דעקלאראציע האבן גע-קוקט אויף איר צווייטער טייל (דאס אפהיטן פון די אינטערעסן פון די נישט-יידישע איינוווינער) אלס גלייכגעוויכט צו איר ערשטער טייל (די גרינדונג פון דער יידישער נאציאנאלער היים). שטענדיק איז מען זיך נוהג אין לעבן ארויסצושטעלן א פרינציפ מיט געוויסע באגרענעצונגען. אויך וועגן דער פרייהייט פון רעליגיע רופט מען אוים נאר מיט באשרענ-קונגען, ווייל עס זענען דאך פאראן קולטן, וועלכע מען קען נישט דער-לויבן, — אבער עס איז תמיד אנגענומען אז דער עצם פרינציפ איז וויכ-טיקער פון זיינע באגרענעצונגען. און די באגרענעצונגען, וועלכע זענען איינגעשלאסן אינעם מאנדאט זענען נישט קיין נייעס; עס איז אין זיי נישטא גארנישט, וואס די קאלאניאלע רעגירונג האט נישט געוווסט אין 1917.

דער פארשפרעכן פון בריטאניע האט געשאפן א מין פאקט צווישן איר און די יידן. און די יידן האבן דערפולט זייער פליכט. אונדזערע דערגרייכונגען אין ארץ ישראל אין די לעצטע צען יאר (100.000 נייע אימיגראנטן, מיר האבן פארגרעסערט אונדזער לאנד-שטח דריי מאל אזוי פיל, 107 קאלאניעס, אנשטאט די 45 פון פאר דער מלחמה, א 600 אינ-דוסטריע-אונטערנעמונגען מיט 6.000 ארבעטער און מיט א קאפיטאל פון צוויי מיליאן לירעס) זענען נישט קיין קלענערע פון די וועלכע ענגלאנד גופא האט געשאפן, למשל, אין דער ברייטער און רייכער דרום-ראדעזיע (44.000 ווייסע איינוווינער אין 1928, אלס רעזולטאט פון דער קאלאני-

זאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין די 80־ער יאָרן, אין דעם לאַנד וואָס איז 1½ מאָל גרעסער פון ארץ ישראל, און וואָס אירע נעגער-מאַסן ציילן נישט מער פון אַ מיליאָן נפשות, און דער קלימאַט איז אויסגעצייכנט). אָבער די בריטישע רעגירונג איז נישט געווען לאָיאַל צו דעם פאַקט. איר באַציאונג צו אונדזער קאָלאָניזאַציע דעפינירט די רעגירונג אַלס „נייטראַליטעט”, — און דאָס אַליין דאַרף דאָך באַטראַכט ווערן אַלס ברעכן דעם קאָנטראַקט. אָבער אין דער אמתן, איז די „נייטראַליטעט” פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַס. קיינמאָל איז די יידן נישט געגעבן געוואָרן קיין שום הילף, און פאַר יידישע געלטער זענען אויסגעבויט געוואָרן שולעס און שפּיטאָלן פאַר נישט-יידן. צווישן די באַאַמטע איז אַבסאָלוט אָפן אַריינגעדרונגען דער אַנטיסעמיטיזם, ביז די אַראַבער האָבן געגלויבט, אַז די רעגירונג קוקט אַרויס אַז זיי זאָלן מאַכן אַנטשידענע אַנטי-יידישע דעמאָנסטראַציעס. די פּאַרטיידיקונג פונעם לאַנד איז רעדוצירט געוואָרן ביז נול. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין 1920, ווען עס איז דעמאָביליזירט געוואָרן דער יידישער לעגיאָן. און אין אַט-דער אַטמאָספער האָט די רעגירונג אָנגעהויבן שפּילן מיט פייער — מיט די געשעענישן ביים כותל המערבי.

אָבער דאָ הויבט זיך אָן די שולד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

עס איז אַלעמען באַוווּסט דער פאַקט, אַז דאָס רעכט וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס, קען מען נישט דורכפירן אין דערווירקלעכקייט נאָר דורך אַ סיסטעמאַטישער אָנשטרענגונג. אין דער באַלפור-דעקלאַראַציע איז שוין איינגעשלאָסן דער פאַרשפּרעכן פון אַ קאָלאָניזאַציע-רעזשים. אָבער כדי אים צו פאַרווירקלעכן האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געמוזט אויסאַרבעטן פריער אַ פּראָגראַם פון פּאָליטישע תביעות און פירן אַ העפלעכן און עקשנותדיקן קאַמף, פאַר יעדער איינער פון די דאָזיקע תביעות. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. פון 1920 און ווייטער, און באַזונדערס אין דעם יאָר 1923, אַנטוויקלט זי סיסטעמאַטיש דעם געדאַנק, אַז מיר האָבן כלומרשט גאָרניט וואָס צו פאָדערן פון דער רעגירונג, אַז עס איז אונדז גענוג וואָס זי האָט אָנגענומען אַ נייטראַלע שטעלונג, און וואָס אירע השגות וועגן שיבת ציון

זענען כלל נישט פארבונדן מיטן רעזשים און זענען אויסשליסלעך אפהענ־גיק פונעם שטראם יידישע געלטער.

דער ציוניסט-רעוויזיאניסט האט זיך אויפגעהויבן קעגן אט דער וועלט-אנשויאונג. ער האט דערקלערט און געזאגט, אז א צו גרויסע געלט־אנשטרענגונג, אויב זי וועט נישט באגלייט ווערן פון קאלאניזאציע, וועט בלויז ברענגען ארעמע רעזולטאטן. ווייל עס קען נישט געמאלט זיין קיין „נייטראליטעט" מצד א רעגירונג לגבי קאלאניזאציע — ווייל די דאזיקע שטעלונג אירע וועט בהכרח פארוואנדלט ווערן אין א פאליטיק פון אויס־געשפראכענער פארטייאישקייט אדער וועט דעגענערירט ווערן אין אן אד־מיניסטראציע וואס באציט זיך מיט האס און העצט תמיד די אראבער צו גוואלד־אקטן. דעריבער זענען מיר באשטאנען אז מען זאל אונטער־שטרייכן אז די עקזיסטירנדע אָרדנונג אין א"י שטימט נישט מיט די פארפליכטונגען פון ענגלאנד: אז עס זאל קלאר דעפינירט ווערן דער ציל פונעם ציוניזם — א יידישע מאיאריטעט; אז עס זאל פארגעשלאגן ווערן דער ענגלישער רעגירונג א פראגראם פון רעפארמען, וועלכע מוזן גע־מאכט ווערן אין א קאלאניזאציע־רעזשים, און אז עס זאל אויך געווארנט ווערן ענגלאנד, אז פון דעם עקזיסטירנדן מצב קען אנטשטיין א קאטאס־טראפע.

צו אונדזער באדויערן האט מען נישט גענומען אין אכט דעם רוף פון די ציוניסטן-רעוויזיאניסטן, און אין דעם מאמענט זעען מיר דעם אומ־גליק, וואס איז געשען.

די ארץ-ישראל-רעגירונג איז אזוי ווייט אוועק, אז מען רופט איר „די רעגירונג פון חברון", ווי מען האט אמאל גערופן די רוסישע רעגירונג די „רעגירונג פון קעשענעוו". אבער נאך מער איז דערשיטערט געווארן דער גלויבן פונעם פאלק ישראל מחמת דער אויפפירונג פון דער צענ־טראלער רעגירונג. דער דאזיקער פעסימיזם, וואס האט נישט קיין בארעכ־טיקונג; די שטרעבונג אראפצונעמען די שולד פון דער מאכט און איר ארויפלייגן אויף די יידן; די שאו־קאמיסיע, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך דעם קאלאניאל-מיניסטעריום (דאס הייסט דורכן באשול־דיקטן צד), און אן איר שפיץ שטייט א באאמטער וואס איז אונטערגע־

ווארפן אונטער דעם דאזיקן מיניסטעריום; דאס אפשטעלן פון דער אימיגראציע, און צוזאמען דערמיט די שבועה פון דער רעגירונג, אז עס עקזיסטירט נישט קיין איבעררייס; אין אלגעמיין אן אויפפירונג, וואס דערמאנט אן די דרכים פון אוריה היפ, אונדזער אלטער באקאנטער פון „דוד קאפערפיעלד"; און צום שלוס, די מיטיע פון סער האפ סימפסאן, וועמען די דאזיקע רעגירונג האט געשיקט אויסצופארשן אויב ארץ־ישראל טויג פאר קאלאניזאציע.

אמת, אז האפ סימפסאן איז א מענטש, וואס פארשטייט אין די דאזיקע פראבלעמען, — אבער אזוי מאכט מען נישט קיין אויספארשונג. איין מענטש קען נישט „אויספארשן" אין צוויי חדשים צייט 15.000.000 דונאם וויסטע ערד און זאגן, וויפל פון זיי טויגן פאר ערד־ארבעט; ער איז אויך נישט אימשטאנד אויסצופארשן די מעגלעכקייטן צו אנטוויקלען דאס לאנד און די וויכטיקייט פון א שטארקן „הינטערלאנד". ווען אפילו האפ־סימפסאן זאל מאכן די אפטימיסטישסטע אויספירן, ווען ער זאל אפילו שווערן, אז ס'איז דא פלאץ אין א"י פאר אלע 15 מיליאן יידן, וועלן מיר זיך נישט באציען ערנסט צו זיינע אויספירן, ווייל אזא ארבעט־סיסטעם הייסט „פעליאטאניסטיק" און נים אויספארשונג.

מיר שלאגן פאר אן הסכם מיט די אראבער. יא — אויב מען קען קומען צו אזא, נישט אגרירנדיק די פרייהייט פון אונדזער אימיגראציע. ניין און קיינמאל נישט — אויב דאס איז די פרייז וואס עס פאדערן די אראבער. אבער אויך אן דער הסכמה פון די איינגעבוירענע איינוווינער דארף מען נישט קוקן אויף דער קאלאניזאציע ווי אויף א נישט־מאראלישער זאך. די אראביש־רייידנדע שבטים ציילן אין גאנצן א 40 מיליאן נפשות און זיי פארנעמען א שטח וואס איז אזוי גרוים כמעט ווי א העלפט אייראפע. ארץ ישראל איז אין פראפארץ נישט מער פון א 170־טל טייל, „א סמאל נאטש" (א קליינער איינשניט), לויטן אויסדרוק פון לארד באלפור. און דאס איז דאך א שרייענדע אומרעכט, אז איין אומה זאל געוועלטיקן איבער שטחים לאנד, וועלכע זענען איבער אירע כוחות צו עקספלאטירן, און א צווייטע אומה זאל גארנישט האבן. די זעלבסט־באַשטימונג פון די פעלקער איז טייטש אזא ענדערונג אין דעם סדר העולם,

אַז מען זאָל געבן לאַנד אויך צו אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין לאַנד. די פאָדערונג אַז אַן אומה וואָס איז רייך אין לאַנד, זאָל מוותר זיין אויף איין 170-טל טייל פון אירע ערדן, איז דאָך אַן אַבסאָלוט־גערעכטע פאָדערונג, באַזונדערס אויב די טייל איז ארץ־ישראל און דאָס לאַנדלאָזע פאָלק איז דאָס יידישע פאָלק.

מען דאַרף נישט לייקענען, אַז די געשעענישן פונעם לעצטן יאָר האָבן אויפגעקלערט פיל זאַכן פאַר אַלע פאַראינטערעסירטע צדדים. די ציוניסטן און ענגלאַנד ווייסן איצט קלאָר, אַז קאָלאָניזאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב קען נישט געמאַכט זיין אַן אַ קאָלאָני.אַציע-רעזשים, אַז נישט־זיכערקייט קען געמאַכט זיין אָן אַן אַרמיי, און אַז אין דער ווירקלעכקייט באַמ׳ט מען זיך נישט צו דערנענטערן זיך צום אמתן ציל פונעם ציוניזם — צו שאַפן אַ יידישע מאַיאָריטעט.

אָבער, דאָס קלאָר מאַכן פּראָבלעמען דורך אַ קאַטאַסטראָפע האָט נישט די זעלבע באַדייטונג, וואָס ווען מען באַגרייפט איר פאַר דער קאַטאַסטראָפע. די קריזן וועלכע האָבן די שולד פון דער קאַטאַסטראָפע, זענען אויך נישט מער ווי בלוט- און פליישׂ און דעריבער זענען זיי גע-נויגט אַרויפצולייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אומגליק וואָס האָט געטראָפן די יידן, באַזונדערס אויפן ציוניזם, אַנשטאָט צו קעמפן פאַר די פרינציפן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

דעריבער דאַרף מען נישט באַהאַלטן, אַז די פּאָליטישע אויפגאַבן פונעם ציוניזם איז איצט פיל שווערער ווי זי איז געווען מיט אַ יאָר צו-ריק. דאַן איז געווען כמעט נישט מער ווי איין שולדיקער — די רעגירונג פון ארץ ישראל. די צענטראַלע רעגירונג און די עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד דענקט מען זאָל נאָך זיין אַן אָביעקטיווער שופט. אָבער די בלוטיקע געשעענישן האָבן אוועקגעשטעלט פאַרן טריבונאַל דאָס גאַנצע ענגלישע פאָלק, און עס קען מער נישט אַנגענומען ווערן אַלס אָביעקטיווער שופט.

צווישן די יידישע מאַסן איז פאָרגעקומען אַ זייער שאַרפע ענדערונג. עס איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע ענגלישע פאָלק האָט פאַרלאָרן ביי אונדז אינגאַנצן דעם צוטרוי.

אויף די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן איז מוטל דער חוב צו אַנאַליזירן אויך איצט מיט אַבסאָלוטער רואיקייט, אין וואָס פאַר אַ מאָס איז די דאָזיקע באַציאונג צו די ענגלענדער נישט מער ווי אַן איבערגעאיילטער איינדרוק און אין וואָס פאַר אַ מאָס שפּיגלט זי אָפּ רעאַלע פאַקטן.

מיר דענקען נישט אַז אונדזער דערפאַרונג מיט דער מאַנדאַט־מאַכט הײַנט באַרעכטיקט אַן אַבסאָלוטן אומצוטרוי-אויסדרוק. מיר האָבן געהאַט שלעכטע פּאַרטייאיקער, וואָס אַנשטאַט צו פּראָטעסטירן קעגן דער אַדמיניסטראַציע, האָבן זיי געזונגען לויב-לידער דעם אונטערדריקער. דאָס דערלויבט אונדז נישט צו וואַרפן די גאַנצע שולד פאַר דער אומגערעכטי־קייט נאָר אויפן „שופט" אַליין.

אין דער הינזיכט איז פאַר אונדז נויטיק איצט נישט איבערצורייסן די באַציאונגען מיט דער מאַנדאַטן-מאַכט, נייערט אַ ענדערונג פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין אַ ריכטונג וואָס זאָל שאַפן אַן אַבסאָלוטע ענ־דערונג אין דער פּאָליטיק פון ענגלאַנד.

און אַזוי מײנען מיר, אַז דער יסוד פאַר אונדזער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ ענדערונג אין דער בריטישער פּאָליטיק — די גע־מיינזאַמע אינטערעסן פון ענגלאַנד און פון ציוניזם — דער דאָזיקער יסוד עקזיסטירט איצט אין דער זעלבער מאָס ווי פריער.

אָט די זענען די טראַדיציאָנעלע פּאָסטולאַטן פון די ציוניסטן-רע־וויזיאָניסטן. אָבער איצט דאַרף מען זיי דעפינירן מיט עטלעכע ערנסטע דעפיניציעס.

ראשית־כל דאַרף מען נישט לייקענען, אַז דעם סקעפּטיציזם פון די יידישע מאַסן דאַרף מען נישט דערקלערן נאָר מיט דעם געפיל פון באַ־ליידיקונג אַליין; ער באַזירט זיך אויף אייניקע סימפּטאָמען, וועלכע וועקן אויף אַ ספק, אויב די היינטיקע ענגלאַנד איז פונעם פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט יענע ענגלאַנד פון דער גרויסער אימפּעריע. ווירקן אפשר נישט אין איר איצט אַנדערע, צענטריפוגאַלע כוחות, וואָס צוליב זיי זענען די פּאָליטישע פאַקטאָרן פון ענגלאַנד מער נישט אימשטאַנד צוצו־פּאַסן די מלוכה־פּראָבלעמען צו די ממשותדיקע אינטערעסן פון דער אימ־פּעריע? די דאָזיקע ספיקות הערשן ביי פיל בעאָבאַכטער. מען קען זיי

נישט איגנאָרירן און מען קען זיי נישט אוועקמאַכן מיטן וואָרט אימפּעריאַליזם. מען דאַרף זיי נעמען אין באַטראַכט בעת דעם גייעם פּאָליטישן קורס פונעם ציוניזם. דאָס הייסט, מיר קענען נישט נישט נעמען אין אַכט די מעגלעכקייט פון אַנדערע אָריענטאַציעס.

און נאָך עפּעס: מען דאַרף נישט לייקענען, אַז אפשר וועלן אַנטשטייען קאָנסעקווענצן, דורך וועלכע די אָנוועזנהייט פון דער ענגלישער מאַנדאַט-מאַכט וועט שאַדן דעם ציוניזם מער ווי איר אָפּוועזנהייט פונעם לאַנד — אומאָפּהענגיק פון דער פראַגע וועגן אַן אַנדער מאַנדאַטן-מאַכט. אַזעלכע קאָנסעקווענצן קענען אַנטשטייען, אויב ס'וועט קלאָר ווערן, אַז מער ווי די מאַנדאַטור העלפט דעם ציוניזם, העלפט זי צו פאַרשטאַרקן יענע עלעמענטן אינעם לאַנד, קעגן וועלכע מיר קעמפן. אַזעלכע קאָנסעקווענצן קענען למשל, אַנשטייען אויב עס וועט פאַרגעלייגט ווערן די לייזונג פונעם איצטיקן קריזיס אין דער פאָרעם פון „סטאַטוס קוואָ אַנטע מאַסאַקרום" (דער מצב פאַר דער שחיטה) — דאָס הייסט אַ רעזשים וואָס דערלויבט אַ באַשרענקטע אימיגראַציע פאַר גרויסע געלט-הוצאות און אויסנוצנדיק אונדזערע געלטער פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזערע קעגנער. איינע פון די געפערלעכסטע זאַכן פאַר אונדז איז די איינרעדעניש, וואָס הערשט אין ענגלאַנד, אַז די ציוניסטן ווילן אַז ארץ ישראל זאָל פאַרבלייבן ביי די ענגלענדער אין די הענט א ו נ ט ע ר א ל ע באַדינגונגען. אָט די איינרעדעניש דאַרף מען אויסרייסן מיטן שורש.

און נאָך: דאָס יידישע פאָלק קען נישט וואַרטן אָן אַן ענדע אויף אַן ענדערונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק. די פּאָליטיק פון פּאַרציען פון פּלומערן, (שווין נישט רעדן אין אַלגעמיין וועגן דער איצטיקער פּאָליטיק) האָט באַטייט דווקא די פאַרשטאַרקונג פון די עלעמענטן, וועלכע זענען פיינטלעך צו אונדז. די עפּאָכע וואָס דערוואַרט אונדז וועט זיין די עפּאָכע פון דעם ל ע צ ט ן נ ס י ו ן . ווען די עפּאָכע וועט זיך ענדיקן וועט דאָס יידישע פאָלק קענען ציען די פּאַסיקע שלוסן און קלאָר מאַכן אויב דאָס פאַרבלייבן פונעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט אין די הענט פון ענגלאַנד טויג פאַר די אינטערעסן פונעם ציוניזם.

די דרינגענדע באַדערפעניש אין דעם מאָמענט איז — צו פאָדערן

פון ענגלאנד אַ קאַטעגאָרישע ענדערונג אין איר פּאָליטיק, אינעם גייסט פון שטאַטלעכן ציוניזם. מיר האָבן שטענדיק זיך אויסגעצייכנט מיט פּאַראַוויסזען די צוקונפט, און מיר גלויבן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דאָס איז מעגלעך — אויב די איצטיקע ענגלאַנד איז נאָך די ענגלאַנד פון אמאָל. און די דאָזיקע פראַגע דאַרף דאָס יידישע פאָלק שטעלן ענגלאַנד, אין דער האָפענונג אַז דער געוויסן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט וועט אים העלפן אין זיין געראַנגל.

וועגן דעם „מאַקדאָנאַלד-בריוו״ און דעם ציל פונעם ציוניזם

אַ רעדע אויפן 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, יולי 1931

די אַקס אויף וועלכער עס האָט זיך געדרייט דער ויכוח אין דעם קאָנגרעס, איז געווען די גענויע פאָרמולירונג פונעם ציוניזם. דער פאָר־שלאָג פון די ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן (וועלכער איז געווען איינגעשלאָסן אין זשאַבאָטינסקיס רעדע) איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך אַ אינדיווי-דועלער אָפּשטימונג, און מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען איז אָנגענומען גע-וואָרן דער פאָרשלאָג פון דער ארבעטער-פּאַרטיי „איבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג״. נאָך דער אָפּשטימונג איז איבערגעריסן געוואָרן די קאָנגרעס־זיצונג אין אַן אַמביענט פון אַ טומל און סקאַנדאַל. (זשאַבאָטינסקי האָט צעריסן זיין דעלעגאַט-קאַרטע, די רעוויזיאָניסטן האָבן געזונגען די „התקוה״ און האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל).

ד״ר ווייצמאַן האָט געזאָגט אַ איטאַ־קאָרעספּאָנדענט, אַז לויט זיין מיינונג איז נישט נויטיק קיין יידישע מאַיאָריטעט אין לאַנד כדי צו שאַפן אין דעם אַ „יידישע ציוויליזאַציע״. דאָס האָט ארויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט ביי דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן, און אַנשטאָט אים איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו. די רעוויזיאָניסטי-שע פראַקציע (מיטן אויסנאַם פון זשאַבאָטינסקין), האָט זיך אומגעקערט אין זאַל פונעם קאָנגרעס כדי צו שטימען פאַר סאָקאָלאָוון און אים פאַרזי-כערן דורך דעם אַ מאַיאָריטעט פון שטימען.

*

זאב זשאַבאָטינסקי (דעלעגאַט פון מצרים און סיריע, ווערט אויפ-גענומען מיט שטורמישע און לאַנגדויערנדע אַפּלאָדיסמענטן — ער רעדט דייטש).

די פּראַקציע ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן האָט מיך באַאויפטראַגט צו עקספּאָנירן איר שטעלונג לגבי דעם היינטיקן פּאָליטישן מצב. איך וועל מיך אָפּשטעלן אויף צוויי פּונקטן: איין פּונקט קען מען אין קורצן דעפינירן מיטן נאָמען מאַקדאָנאַלד-בריוו, און דער צווייטער איז — דער ציל פונעם ציוניזם.

דער קשר צווישן דעם עקאָנאָמישן בנין און דער פּאָליטישער אָרדענונג איז היינט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך פאַר יעדן מענטשן, און עס איז מער נישט נויטיק צו דערווייזן דעם דאָזיקן קשר אינעם קאָנגרעס. אמת, מען איז זיך נוהג ביי אונדז צו זאָגן אַז ממשותדיקע פּאָזיציעס זענען וויכטיקער פון פּאָליטישע רעכט. אָבער איך גלויב נישט, אַז מען קען באַווייזן דעם געדאַנק. געוויס, צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם איז מעגלעך נאָר דורך דעם אָנזאַמלען פון פּאָזיטיווע פּאָזיציעס, באַזונדערס עקאָנאָמישע. אָבער עס וועט זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פּאָזיציעס וועלן פון זיך אליין ברענגען פּאָליטישע אויסבעסערונגען. פאַרקערט, עס זענען פאַראַן פאַלן אַז אַ פאָלק האָט אין זיין מאַכט נישט נאָר „וויכטיקע פּאָזיציעס”, נייערט געוועלטיקט אינעם גאַנצן לאַנד, און דאָך ווערט דאָס פאַראַרימט צוליב אַ שלעכטער פּאָליטישער אָרדענונג. רוסלאַנד איז געווען די רייכסטע פון אַלע לענדער אין דער וועלט, אָבער דער רוסישער פויער איז געווען דער אָרימסטער, דער אַרבעטער, דער אומגליקלעכסטער, און דאָס זעלבע דער ייד — ווייל אין לאַנד האָט געהערשט אַ שלעכטע פּאָליטישע אָרדענונג.

און געוויס איז איבעריק צו זאָגן, אַז עס איז גענוג צו שאַפן עקאָנאָמישע „פּאָזיציעס”, כדי צו דערגרייכן אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן פּאָליטישע קאָנצעסיעס. דוקא אין די לעצטע וואָכן האָבן מיר אין דער היינטיקער געזען צוויי אומאַנגענעמען ביישפּילן: עפולה איז אַן אָנהויב פון אַ יידישער שטאָט, דאָס הייסט — זי אַליין איז שוין אַ פּאָזיציע; און חוץ לזה איז זי אַ שטאָט אין כּאָל, און דער טאָל ווערט דאָך גערעכנט אַלס איינע פון אונדזערע גלענצנדסטע „פּאָזיציעס” אינעם לאַנד. און פונדעסטוועגן איז אונדז נישט געלונגען צו דערגרייכן אַז אונדזער פאָדערונג זאָל דערפילט ווערן, מען זאָל בעת דעם דורכלייגן דעם שאָסיי וואָס גייט

דורך עפולה אויך באשעפטיקן יידישע ארבעטער אין א גענוגנדער צאל. איר קענט אויך זיך געשיכטע פון אן אנדערער יידישער „פאזיציע”, פון דער שולע „בדורי”: אלץ איז דארט יידיש — די גרינדונג, דאס געלט, דער ציל. אבער מיר האבן זיך אנגעטראפן אן יענער שוועריקייט אין דער הינ־זיכט פון יידישער ארבעט. מיר האפן צו פארבעסערן דעם מצב — אבער דאס וועט נישט קומען אנדערש ווי נאר דורך א געוויסן „דרוק”, דאס הייסט, דורך פאליטיק — און דאס איז דער סוד פון דעם גאנצן מצב. פארן ציוניסטישן בנין זענען נויטיקביידע זאכן: עס זענען נויטיק פאק־טן, מעשים, אבער א פארבאדינג פאר וויטערדיקן פראגרעס, וועט שטענ־דיק זיין אויך פאליטישער קאמף. און פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט זע־נען מיר מחויב זיך צוקוקן צום מצב אין ארץ-ישראל און ארום איר.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין די קאמפליצירטע באדינגונגען וואס הערשן אין ארץ ישראל וועט די פאליטישע לאגע קיינמאל נישט קענען זיין „אינגאנצן גוט”. אין יעדער סיטואציע, אויך אז זי איז גוט, זענען פאראן פעלערן און דעפעקטן. ווען אויך דער ענגלישער מיניסטער זאל געוועזן וועלן פאר אונדז פארטיידיקן די לאגע, וואלט ער נישט געזאגט אז זי איז „אידעאל”. ער וואלט געזאגט, אז עס זענען דא פעלערן אין דער לאגע, אבער אז אין אלגעמיין דענקט ער אז מען קען איר טאלערירן. די פראבלעם פון דער פאליטישער לאגע איז נישט אלזא די פראגע, אויב זי איז לחלוטין גוט, אדער נישט — נאר די פראגע איז, אויב מען קען איר טאלערירן אדער נישט. דענקט דער ציוניסט אז ער וועט קענען וויטער אנטוויקלען דעם ציוניזם אויף דער עקזיסטירנדער פאליטישער באזע, אדער דענקט ער, אז אין אזא לאגע איז דאס אוממעגלעך? די גאנצע פראבלעם איז נישט א קריטיק וועגן דעם אדער צווייטן פרט. עס האט קיין זין נישט אז מיר זאלן איבערלאזנייס געבן לעקציעס איינער דעם אנ־דערן, ווייל ס'איז נישטא קיין ליכט אן קיין שאטן און ס'איז נישטא קיין שאטן אן ליכט. עס האנדלט זיך דא בלויז פון איין זאך: צי קען מען טאלערירן די פאליטישע לאגע אדער נישט? איז זי צופרידנשטעלנד אדער נישט? איז פאראן א מעגלעכקייט פארצוזעצן די ארבעט אין דער האפע־נונג אויף אט דער באזע, אדער נישט?

ווען מען רעדט וועגן צוזאַמענאַרבעט מיט דער מאַנדאַטן-מאַכט, איז נישטאָ קיין מאָטיוון אונדז צו לערנען, אַז די דאָזיקע געמיינזאַמקייט איז אַ מוז. דווקא דער ציוניסט-רעוויזיאָניסט האָט תמיד אונטערשטראָכן, ווי נויטיק עס איז אַז די רעגירונג זאָל זיך באַטייליקן אין דעם בנין פאָזיטיוו. דאָס איז קלאָר, אָבער דאָס איז נישט די פּראָבלעם: איז דער איצטיקער פּאָליטישער מצב אַ „באַזע", אויף וועלכער דער ציוניזם קען געמיינזאַם צוזאַמענאַרבעטן מיט דער מאַנדאַטן-מאַכט, אָדער נישט?

און פון דאַנען קום איך צו מאַקדאָנאַלדס-בריוו. מיר שיינט, אַז צו דער „סטייטמענט אָוו פּאָליס", וועלכע לאָרד פּאַספילד האָט פּאַרעפנטלעכט אין אָקטאָבער פון 1930, באַציט זיך דער קאָנגרעס איינשטימיק נעגאַטיוו. אָבער עס עקזיסטירן נאָך וואַקלעניש בנוגע מאַקדאָנאַלדס בריוו. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז לגבי פּאַספילדס דערקלערונג איז פאַראַן אין מאַקדאָנאַלדס בריוו איי׳נ׳יקע פונקטן, וועלכע אויך מיר, פאַרשטייט זיך, ווייסן אָפּצושאַצן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דער גאַנצער טאָן פון דער דאָזיקער דערקלערונג איז מער ווינציקער אַ פריינטלעכער, בעת דער טאָן פון דעם ווייסן בוך איז אַ פיינטלעכער. אין מאַקדאָנאַלדס בריוו ווערט געזאָגט, אַז די רעגירונג קוקט אויף דעם פּראָצעס פון שאַפן די יידישע נאַציאָנאַלע היים נישט ווי אויף אַ קריסטאַליזירטער און פאַרענדיקטער זאַך, נייערט ווי אויף אַ זאַך וואָס האַלט נאָך אין ווערן. און אַזוי איז אין אים איינגעשלאָסן די זייער וויכטיקע אָנערקענונג (אויף פּאַפּיר), אַז אין דעם רעכענען די צאָל „ערדלאָזע אַראַבער" וועלן נישט אַריין אין׳עם חשבון אַלע אַראַבער, און נאָר די וועלכע וועלן קענען באַווייזן, אַז מען האָט ביי זיי צוגענומען זייערע אַרענדירטע ערד, ווייל מען האָט געקויפט יידישע ערד. עס ווערט דאָרט אויך געזאָגט, אַז ביים באַשטימען די צאָל יידישע טוער אין די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן וועט מער ווינציקער גענומען ווערן אין באַטראַכט די חלק פון די יידן אין די שטייערן פונעם לאַנד. וועגן פיל, אַמווינציקסטן, וועגן צוויי פון די דאָזיקע פריינטלעכע פונקטן, זענען שוין צו אונדז דערגאַנגען געטרייע ידיעות פון באַשטימטע פאַקטן, וועלכע זענען געשען נאָכדעם ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאַקדאָנאַלדס בריוו. אָבער דאָ רעדן מיר פון דעם,

וואס עס ווערט געזאגט אין דעם בריוו אויפן פאפיר, און מיר דארפן מודה זיין, אז די דאזיקע פונקטן אנטפלעקן א מער ווייניקער פריינטלעכן גערדאנקען-גאנג. אבער, קעגן דעם זענען פאראן אין דעם בריוו אנדערע פונקטן, וואס זייער ציל איז לגמרי אן אנדערער, און איך האב מורא, אז די דאזיקע פונקטן זענען וויכטיקער און מער אנטשיידנד.

ראשית-כל הויבט אן דער מאקדאנאלד-בריוו מיט א באשטעטיקונג פון דער קראפט פון פאספילדס דערקלערונג. ער זאגט אז דער דאזיקער בריוו איז נישט עפעס אנדערש ווי „אן אויטאריזירטער פירוש צום ווייסן בוך וועגן די ענינים וואס ווערן דיסקוטירט אין דעם דאזיקן בריוו". פון דאנען שטאמט די קראפט פונעם ווייסן בוך. און אזוי ארום טאר מען נישט פארגעסן, אז נאך איידער עס איז פארעפנטלעכט געווארן מאקדאנאלדס בריוו, האט מאקדאנאלד גופא דערקלערט אין פארלאמענט, און אויך דער סוב-שטאטס-סעקרעטאר ד"ר שילס, אז דאס ווייסע בוך פארבלייבט ווייטער אין זיין קראפט, און אז אפילו ער איז דער מער אנטשיידענדער פון ביידע. און נאך איז דערפון געדרונגען, אז יענע פונקטן און ענינים אינעם ווייסן בוך, וועלכע זענען נישט דיסקוטירט געווארן אין דעם בריוו, וועלן פונדעסטוועגן פארבלייבן אין קראפט, ווייל עס פארבלייבט דאך אין קראפט דאס ווייסע בוך אלס גאנצעס און נישט דווקא אין זיין פארעם, וואס איז קארעגירט געווארן דורכן „פירוש". צווישן יענע פאראגראפן אין פאספילדס דערקלערונג, וואס וועגן זיי איז נישט געמאכט געווארן קיין שום „פירוש", געפינט זיך אויך א זאץ וואס רעדט אין א פאזיטיוון גייסט וועגן דעם פארלאמענט אין ארץ-ישראל, און דארט זאגט זיך (אין די זייטן 14 און 15): „דעריבער האט די רעגירונג בדעה אויפצושטעלן אין ארץ-ישראל א לעגיסלאטיוון ראט. אויב א טייל פון די דעפוטאטן וועט נישט אויסגעקליבן ווערן, צוליב אבסטינענץ מצד די מאסן אדער צוליב אן אנדער סיבה, וועט באשטימט ווערן א פאסיקע צאל דעפוטאטן דורך דער רעגירונג".

דעריבער, מיינע דאמען און הערן, אויב מיר וועלן היינט אנערקענען דעם מאקדאנאלד-בריוו אלס „באזע פאר א שותפות" וואס איז, מער ווייניקער, צופרידנשטעלנד, וועט דאך דאס האבן א קלארן און לאגישן בא-

גריף, און דער באגריף וועט זיין פאלגנדער: דורך דעם וועלן מיר אנערקע־נען פאספילדס ווייסן בוך, וואס זיין קראפט איז באשטעטיקט געווארן אין דעם מאקדאנאלד-בריוו, דורך דעם וועלן מיר אויך אנערקענען יענע פאראגראפן פונעם ווייסן בוך, וועלכע זענען פארבליבן אין קראפט אין זייער אורשפרינגלעכער פארעם, אויך די דראונג צו גרינדן א פארלא־מענט. און אין די אלע זאכן וועלן מיר דארפן אנערקענען אלס א „באזע פאר א שותפות?!"

אבער, דאס געפערלעכסטע, פיליכט, איז דער פלאנטער וואס איז געשאפן געווארן דורך דעם וואס מען אינטערפרעטירט דעם מאנדאט, דעם ציוניזם און די פאליטיק פון דער רעגירונג פון דערקלערונגען וועלכע גלייכן זיך אין וועלכע זענען אנדערש, וואס ווידערשפרעכן זיך איינס ס'אנדערע, אבער וועלכע זענען אלע גילטענדע און אלע אין קראפט. פאר די אויגן פון די באאמטע, פאר די אויגן פון דער רעגירונג פונעם לאנד, שטייט אלזא א גאנצע ביבליאטעק און אין איר זענען פאראן פירושים וועגן די כוונות פון דער רעגירונג. יעדן באאמטן ווערט דורך דעם געגעבן די מעגלעכקייט זיך היינט צו באנוצן מיט ארטיקל 1 און מארגן מיט אר־טיקל 2, און אויך זיך באזירן אויף דעם וואס ארטיקל 1 איז סוף כל כוף דער „אנטשיידנדער ארטיקל" און דווקא לויט די ווערטער פון דער העכס־טער רעגירונג. דאס שאפט א לעגאלע באזע פאר אדמיניסטראטיוון וויל־קיר. דורך דעם ווערט געגעבן יעדן טשינאווניק די דערלויבעניש אייך צו זאגן: „אמת, אין ארטיקל 2 שטייט געשריבן, אז מען דארף נעמען אין באטראכט נאר יענע לאנדלאזע אראבער, וועלכע קענען באווייזן, אז מען האט צוגענומען זייער ארענדירטע ערד צוליב דעם וואס יידן האבן גע־קויפט דעם באדן — אבער אין דעם „אנטשידענעם ארטיקל" שטייט דאס זעלבע אויף אן אנדער אופן". און דא רעד איך נישט וועגן מעגלעכקייטן, גייערט וועגן פאקטן וואס זענען אייך אלעמען באקאנט.

אבער אויך די זאכן, וועלכע דער מאקדאנאלד-בריוו גייט נישט ארי־בער, נאר „אינטערפרעטירט" זיי, זענען זיי טיילמאל נישט ווינציקער שלעכט פונעם אורשפרינגלעכן ווייסן בוך; און טיילמאל זענען זיי נאך ערגער. אין זיין פריינטלעכן טאן וועסטו דא און דארט געפינען פראזן,

וועלכע זענען רעדאקטירט געוואָרן מיט וווּנדערלעכער איידלקייט אַז מען פילט נישט אויפן מאָמענט אַלע מעגלעכקייטן פון שעדלעכע „פירושים״ וואָס מען קען מאַכן וועגן זיי. נעמט, למשל, דעם זאַץ: „מען דאַרף נישט פאַרזען די השפּעה פון דער יידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אויף דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג״. איך דער־מאָן מיך אין אַ פאַל וואָס האָט געטראָפן אין 1919, ווען איך האָב באַ־דאַרפט פירן אונטערהאַנדלונגען, אינעם נאָמען פון דער ארץ־ישראלדי־קער ציוניסטישער לייטונג, מיט דעם פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט אין ירו־שלים צו קריגן אַ דערלויבעניש צו ברענגען מאַשינעריע פאַר אַ זייף־פאַבריקל, און דאָן האָבן זיי מיר געזאָגט: „אָבער איר זאָלט נאָר נישט פאַרגעסן, אַז אין דער סביבה פון שכם עקזיסטירט אַ בליענדע זייף־אינ־דוסטריע פון די אַראַבער! אויב די יידן וועלן אויך אויפשטעלן אַ זייף־פאַבריק, און זיי וועלן געווים שאַפן אַ ביליקערע און בעסערע סחורה, טאָ וואָס וועט זיין מיט דער אַראַבישער זייף־אינדוסטריע?״ דער דערמאָנ־טער זאַץ אין דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו איז נאָך נישט געהאַט אָנגעשריבן געוואָרן, אָבער, אַזאַ מין פירוש צו יענעם זאַץ פילט דאָך אָן די לופט פון ארץ ישראל. נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר רירן נישט אָן דאָס פאַרמעגן פון די אַראַבער, אַרבעטן מיר דאָך בעסער פון זיי, און דעריבער זאָגט מען אונדז, אַז אונדזער פאַרשריט האָט אַ געוויסע „השפּעה״ אויף די ווינציקער אַנטוויקלטע עלעמענטן אינעם לאַנד. און איצט ווערט, אין מאַקדאָנאַלדס בריוו אָנגעגעבן דער דאָזיקער „מאָטיוו״ קעגן ציוניזם אַלס אָפיציעלע מיינונג.

דער מאַקדאָנאַלד־בריוו חזרט איבער די דראָונג פונעם ווייסן בוך, אַז מען וועט „פאַרבאָטן״ צו קויפן באָדן, און נישט מער ווי אַ באַמערקונג, ווי אַ געדאַנק, נייערט ווי אַ באַשלוס. און דער דאָזיקער באַשלוס איז שוין, ווי אייך איז באַוווּסט, דורכגעפירט געוואָרן דורך געזעצגעבערישע פאַקטן.

און נאָך שטייט געשריבן אין מאַקדאָנאַלדס בריוו, אַז אויך להבא דאַרף מען רעגולירן די יידישע אימיגראַציע „ווי עס געהערט צו זיין״, — איך דאַרף אייך דערצו נישט געבן קיין אילוסטראַציע. אָבער איך וויל

פונדעסטוועגן דערמאָנען דעם פאַל — וואָס איז שוין דערווייל באַקאַנט געוואָרן — מיט יענעם יינגל־אימיגראַנט וואָס האָט געקראָגן אָפיציעלע שמיץ, ווייל דאָס רעגולירן די אימיגראַציע דאַרף געמאַכט ווערן „ווי געהעריק".

און ווייטער ווערט געזאָגט אין מאַקדאָנאַלדס בריוו: „די יידישע אַגענץ מעג זיך באַציען פּאָזיטיוו צום פּרינציפּ, לויט וועלכן יידישע אַרבעטער ווערט געגעבן אַ פּריווילעגיע, אָדער אפילו די איינציקע פּריווילעגיע, צו זיין באַשעפטיקט ביי יידישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער דאָס וועט פירן אָפּצוזאָגן אַראַבישע אַרבעטער, אָדער אויב דאָס וועט ברענגען צו פאַרגרעסערן די אַלגעמיינע אַרבעטלאָזיקייט אינעם לאַנד, וועט דאָס זיין אַ פאַקטאָר, וועלכן די מאַנדאַטן-מאַכט וועט דאַרפן נעמען אין באַטראַכט". און אַלס ביישפּיל צו דעם ליגט פאַר מיר אַ בריוו, וואָס איז מיר נאָר וואָס אָנגעקומען פון ארץ-ישראל. איינער פון די מענטשן, מיט וועמען איך שטיי אין פאַרבינדונג, האָט באַקומען אין דער פראַגע פון עפולה און אין דער פראַגע פון כדורי פאָלגענדע דערקלערונג פון אַ זייער חשובן און פאַרשטענדיקן ענגלישן באַאַמטן. דער דאָזיקער טשינאָווניק האָט נישט גערעדט אויפן סמך פונעם ווייסן בוך, נייערט אויף מאַקדאָנאַלדס-בריוו. ער האָט געזאָגט: „אין דעם דאָזיקן בריוו ווערט דאָך פעסטגעשטעלט אַז איר זענט, פאַרשטייט זיך, פריי צו באַשעפטיקן אין אייערע אַנשטאַלטן יידישע אַרבעטער. אָבער אויב די רעגירונג קומט צום אויספיר, אַז דורך דעם ווערט צוגענומען די מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די אַראַבער, האָט זי דאָס רעכט צו איגנאָרירן דעם פּרינציפּ, אַז אין די עפנטלעכע אַרבעטן זאָלן אויך באַשעפטיקט ווערן יידן". און אויב די זאַך וועט קומען צו אַן עפנטלעכער דיסקוסיע, וועט איר זיך בכלל איבערצייגן, אַז די פאַרטיידיקער פון דער ארץ־ישראל־אַדמיניסטראַציע, די זייער קלוגע, וועלן זיך באַזירן נישט אויפן ווייסן בוך, נייערט דווקא אויף דעם מאַקדאָנאַלד-בריוו — און יעדער וואָס איז אַ בקיא אין יורי, וועט זאָגן, אַז די דאָזיקע באַגרינדונג איז אַ ריכטיקע.

אָבער נאָך ערגער אין דעם מאַקדאָנאַלד-בריוו איז דער זאַץ וואָס גיט דעם אראַבישן פּאַקט דאָס „וועטאָ"־רעכט אויף יעדן שריט, וועלכעס די רעגירונג וועט פּילייכט מאַכן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם מאַנדאַט. אין דעם דאָזיקן זאַץ זאָגט זיך: „די מאַנדאַטן-מאַכט האָט נישט דאָס רעכט צו איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז עס עקזיסטירן אין ארץ-ישראל פאַר־שידענע אינטערעסן און פאַרשידענע מיינונגען. און זיי קען מען נישט פאַרענטפערן סיידן מען פאַרשטייט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַז די פולע לייזונג פון דער פּראָבלעם איז אָפּהענגיק פון דער קעגנזייטיקער פאַר־שטענדיקונג צווישן יידן און אראַבער. כל־זמן מען האָט נאָך נישט דער־גרייכט די דאָזיקע קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג, איז די רעגירונג פאַר־פליכטעט צו באַשטימען די פּאָליטישע דרכים, נעמענדיק אין אַכט נוי־טיקע באַטראַכטונגען פון גלייכגעוויכט".. אויב מיר וועלן איבערזעצן די ווערטער אויף אַ פּראַקטישער שפּראַך, וועט זייער באַדייטונג זיין פאָל־גענדע: מיר, די רעגירונג, זענען גרייט צו פאַרווירקלעכן דעם מאַנדאַט אין פולן, אָבער — פריער דאַרף זיין אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג. און אויב די אראַבער ווילן נישט קומען צו קיין „פאַרשטענדיקונג", אויב זיי זאָגן ניין — איז דאָך די רעגירונג געצווונגען, אַנשטאָט צו דורכפירן אין דער פּראַקטיק דעם מאַנדאַט, אויפצוהאַלטן דעם „גלייכגעוויכט". און איר ווייסט דאָך, וואָס דער פּשט פון „גלייכגעוויכט" איז אין דער ארץ-יש־ראל פּראַקטיק: אַז די יידן פאָדערן אַ וועלכע נישט איז פאַרבעסערונג און די אראַבער זענען קעגן, האַלט מען אויף דאָס גלייכגעוויכט — און עס פאַרבלייבט דער סטאַטוס־קוואָ. קיין מענטש אין דעם דאָזיקן זאַל וועט נישט לייקענען, אַז דער סטאַטוס קוואָ אַנטע איז געווען און איז אין ארץ ישראל אַ פּערמאַנענטער „ווייסער בוך". דאָס דאָזיקע רעכט „אויפ־צוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט", וואָס די רעגירונג נעמט זיך, דאָס רעכט צו אַנולירן די באַדייטונג פונעם מאַנדאַט פאַר אונדזער טובה וועגן, כל־זמן די אראַבער ווילן נישט צוקומען צו אַ „פאַרשטענדיקונג" — דאָס אַלץ קען מען דערקלערן נאָר אַלס אַ וועטאָ-רעכט וואָס ווערט געגעבן צו די אראַבער. מען גיט זיי אַ לייכטן מיטל, דורך וועלכן זיי וועלן קענען אָפּ־האַלטן יעדן אַקט פון דער רעגירונג לטובת דעם ציוניזם, נאָר דורך דעם

וואס זיי וועלן זיך אפזאגן צו געבן זייער הסכמה, וואס זיי וועלן פארבלייבן אין אפאזיציע — און די רעגירונג זעט זיך פטור פון איר פליכט לויטן מאנדאט!

און איצט וועל איך מיך אומקערן צו יענער טייל פון פאספילדס דערקלערונג, וועלכע פארבלייבט „אין קראפט", און דוקא אן א שום „פריינטלעכן" פירוש: דאס איז דאך די דראאונג צו גרינדן א פארלאמענט. די באציאונג פונעם קאנגרעס צו דער אויסזיכט אז עס זאל געגרינדעט ווערן א לעגיסלאטיווער ראט אינעם לאנד איז נישט קיין פריינטלעכע באציאונג, פארשטייט זיך. און דאך פרווון מיר דא פארשטעלן דעם ענין אפטימיסטיש. דאס הייסט מיר ווילן גלויבן, אז דאך וועלן זיך געפינען מעגלעכקייטן צו ארגאניזירן דעם דאזיקן אנשטאלט אזוי, אז ער זאל נישט פאראורזאכן קיין שאדן, למשל, דורך דעם וואס זאל צוגענומען ווערן פון זיין יוריסדיקציע אזעלכע ענינים, ווי אימיגראציע, דאס קויפן באדן, קאלאניזאציע. דאס איז זעלבסטגענארעריי. ווען אפילו דאס זאל זיין אזוי, וועט דאס גארנישט העלפן נישט אונדזער עליה, נישט צו קויפן באדן און נישט צו קאלאניזאציע. יעדע עליה איז פאר אלעמען אפהענגיק פון דער אויפנאמס-פעאיקייט פון דעם לאנד און דאס ווערט באשטימט דורך דער א ל ג ע מ יי נ ע ר קאנסטיטוציע. מען קען מאכן די עליה אוממעגלעך פונעם עקאנאמישן שטאנדפונקט, נישט ארויסגעבענדיק קיין איין געזעץ וועגן עליה דירעקט. יעדער ארטיקל אין דער קאנסטיטוציע — צינז־מאריפן, פארזיכערונג, שפראך־רעפארמען, דער צוזאמענשטעל פון דער אדמיניסטראציע — אלץ ווירקט אויף דער עקאנאמישער אטמאספער אינעם לאנד, אלץ באשווערט — אדער פארלייכטערט — די עליה. יעדער איינער פון אונדז וועט זיך קענען אויסמאלן אין זיין פאנטאזיע, ווי עס וועלן געשאפן ווערן אינעם פארלאמענט געזעצן, וואס זענען נישט נוגע אימיגראציע אדער דעם איינקויפן פון באדן, אבער זיי באשרענקען דעם גאנג פון דער עליה דורך אבסאלוט-אנדערע תקנות. אין יעדן לאנד קען מען דורכפירן און באגיין שארפע מעשים קעגן א חלק פון די איינוואוינער, נישט אנרופנדיק זאכן ביי זייער ריכטיקן נאמען. אבער דער גאנצער עקאנא־

מישער שטח פאַרבלייבט אין דער יורידיקציע פונעם פּאַרלאַמענט, אויך אויב דער פּאַרלאַמענט פאַרנעמט זיך נישט דירעקט מיט דער אָדער יע־נער פראַגע. דער פּאַרלאַמענט וועלכער איז געצילט קעגן אונדז וועט האָבן פאַר זיך וועגן אַן אַ צאָל, צו פאַרמיידן אונדזער פּראָגרעס. און אפילו אויב אַן אויסגעוויילטע טייל פונעם פּאַרלאַמענט וועט קענען ווירקן נאָר ווי אַ ראַטגעבערישע קערפּערשאַפט און וועט נישט האָבן מער ווי אַ האַלבע מאַכט, פאַרמינערט דאָס נישט די סכנה. ווייל מען שאַפט דאָך נישט אַזאַ קערפּערשאַפט, אַרויסצוגעבן געזעצן קעגן דעם ווילן פון דער גרעסטער טייל אויסגעקליבענע דעלעגאַטן. אויב די רע־גירונג האָט געגעבן די אַראַבער די דאָזיקע מתנה, האָט זי דאָס נישט געטאָן, כדי שטענדיק צו איגנאָרירן זייער פאַרלאַנג. אַזאַ מין פּאַרלאַ־מענט וועט נישט ווילנדיק פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם שטאַרקסטן אינ־סטרומענט צו פאַרניכטן דעם ציוניזם.

און מיר זענען נישט די איינציקע וועלכע זעען די דאָזיקע סכנה. פאָלגט נאָך די דיסקוסיעס אין דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, אין יולי 1924 האָט אָרמסבי גאָר געזאָגט אין גענף: „אויב אין דעם דאָזיקן לעגיסלאַ־טיוון ראַט וועט זיין אַן אַנטי־ציוניסטישע מאַיאָריטעט, וועט דאָך די רעגירונג אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל, ווייל, פון איין זייט, איז דאָך אונ־דזער פליכט דורכצופירן אין דער פּראַקטיק באַשטימטע אינסטרוקציעס, וועלכע זענען איינגעשלאָסן אינעם מאַנדאַט, און פון דער צווייטער זייט, וועלן דאָך מיטלען פון דעם מין זיך אָנשטויסן אָן דער קעגנער־שאַפט פון אַ פיינטלעכער מאַיאָריטעט". אין אָקטאָבער פון יענעם יאָר האָט הערבערט סעמיועל געזאָגט פאַר דער קאָמיסיע, „אַז די אַראַבער האָבן דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן האָבן אַ מאַיאָריטעט, וועלן זיי איר אויסנוצן קעגן דער גרינדונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים". אין דעם גייסט האָבן גערעדט די מיטגלידער פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, למשל, דער פּאָרטוגעזישער דעלעגאַט, פריירע אַנדראַדע, און אויך פּראָ־פעסאָר ראַפּאַר, וועמעס ווערטער איך וועל ברענגען דאָ: „אין דעם פאַל (פּאַלעסטינע) איז נ י ש ט באַשטימט געוואָרן פון אָנהויב אָן, נישט אין דעם מאַנדאַט און נישט אין דעם פּאַקט פון דער פעלקער־ליגע,

א פּאָרעם פון א דעמאָקראַטישער און פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג. נאָך מער: די דאָזיקע פּאָרעם שטימט נישט מיט די פּאַר־פליכטונגען, וואָס דער מאַנדאַטאַר האָט גענומען אויף זיך לגבי ארץ ישראל".

איך דענק, אַז דער קאָנגרעס דאַרף זיך אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן צוגאַנג און זיך ארויסזאָגן קעגן יעדער פּאָרעם פון פּסעוודאָ־פּאַר־לאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס. און זאָל מען נישט אַריינברענגען קעגן אונדז מיט פּאַלשקייט אין דער שפּיל די פראַגע פון „גערעכטיקייט". אויב עס איז געווען גערעכט צו אנערקענען דאָס רעכט פון די יידן זיך אומצוקערן קיין ארץ ישראל — איז דאָך יעדער טאַט וואָס שטערט דאָס דאָזיקע אומקערן זיך א נישט־באַרעכטיקטער טאַט. אויב מען האָט אנערקענט, אַז נישט אַלע בירגער פון ארץ־ישראל געפינען זיך אין דעם לאַנד, אַז מען דאַרף געפינען באַזונדערע פאָרמען, כדי צו געבן די דאָזיקע פיל בירגער פון ארץ־ישראל, וועלכע געפינען זיך אין דער פרעמד, די מעגלעכקייט צו קומען אין א באַשטימטער צייט אין זייער לאַנד אריין — איז דאָך נישט גערעכט צו געבן פּאַרלאַמענטאַרישע אנשטאַלטן די מענטשן וואָס געפינען זיך דאָרט היינט, כדי זיי זאָלן שטערן דאָס אומקערן זיך פון די אַנדערע.

אָבער די דראָאונג צו גרינדן א פּאַרלאַמענט, לויט עס שטייט גע־שריבן אין פּאַספּילדס דעקלאַראַציע, איז ראַטיפיצירט געוואָרן דורך דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו, ווייל דער בריוו באַשטעטיקט די גילטיקייט פון פּאַספּילד־דאָקומענט, און מאַקדאָנאַלד גופא שטעלט פעסט אַז דער דאָקומענט איז אַנטשיידנד.

נאָך די אַלע באַטראַכטונגען, האָט דער דערהויבענער קאָנגרעס דאָס רעכט צו באַשליסן, אויב ס'איז מעגלעך צו טאָלערירן די פּאָלי־טישע לאַגע היינט אָדער נישט. די דאָזיקע לאַגע באַשטייט פון צוויי עלעמענטן. איין עלעמענט איז די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק פון דער מאַכט אין ארץ ישראל. דער צווייטער עלעמענט איז דער סכום געזעצ־לעכע אַקטן פון דער בריטישער רעגירונג אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן איצט דערגרייכט זייער קולמינאַציע־פּונקט אין פּאַספּילדס ווייסן בוך.

וועלכער איז נאָך גילטיק און עקזיסטירט, און אין דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו. איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן אַנאַליז פון רעגירונגס־דאָקומענטן, דער מאַקדאָנאַלד־בריוו איינגעשלאָסן, עפּעס אַ יסוד פאַר געמיינזאַמעס צווישן אונדז און דער רעגירונג, אָדער נישט? דער קאָנגרעס דאַרף ענט־פערן אויף דער פראַגע אַ קלאָרע און גענויע תשובה. איך האָב געזען ביי אייניקע הערן, וועלכע שרעקן זיך זייער פאַר די רעזולטאַטן פון דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו, די ערשטע פאָרעם פון רעזאָלוציעס וואָס אין גרונט זענען זיי זייער גוטע כוונות, אָבער זיי זענען נישט קיין פּינקטלעכע. אמת, זיי רעכענען אויס די זינד פון מאַקדאָנאַלד, אָבער דאָס איז נישט גענוג. אויך מיסטער מאַקדאָנאַלד וועט מודה זיין, אַז זיין בריוו איז נישט ריין פון פעלערן. מיר רעדן דאָך אויפריכטיק, צווישן אונדז. קיי־נער וועט נישט זאָגן אַז אַלץ איז שלעכט, און קיינער וועט נישט זאָגן אַז אַלץ איז גוט. אָבער די פראַגע איז: אויב דער בריוו איז אַ „באַזע" אָדער איז נישט קיין „באַזע"? וועלן מיר קענען ווייטער אַקטואירן אויף דער דאָזיקער געזעצלעכער באַזע און זאָגן צו די יידן, אַז די לאַגע איז אמת נישט צופרידנשטעלנד, אָבער „מען קען איר טאָלערירן"? אָבער אויב דער מצב איז אומדערטרעגלעך, דאַרף דאָך דער קאָנגרעס זאָגן בפירוש אַז די „סטייטמענט אָוו פּאָליסי" פון 1930 און אויך דער מאַק־דאָנאַלד־בריוו זענען נישט קיין באַזע פאַר געמיינזאַמער אַקטיוויטעט. (הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן).

און איצט קום איך צו דער פראַגע פונעם ציל. דעם ציל פונעם ציו־ניזם איז מען זיך נוהג צו דעפינירן מיט דריי פאַרשידענע טערמינען: אַ זיכערע היים לויט אַן עפנטלעכן געזעץ — אַ נאַציאָנאַלע היים — אַ יידנשטאַט. לאָמיר אַנאַליזירן דעם אורשפּרונג פון יעדן פון די דאָזיקע באַגריפן. קלאָר, אַז דער טערמין „אַ זיכערע היים לויט אַן עפנטלעכן געזעץ" איז נישט קלאָר. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט נישט קיין יורידישע טראַדיציע, און דעריבער גיט דאָס אַ מאָטיוו פאַר כל המינים פירושים. דווקא ווייל דער דאָזיקער באַגריף איז געווען אַזוי פאַרנעפּלט, האָט מען זיך אָן אים אָנגעכאַפּט, אין דער האָפענונג נישט אויפצורייצן די טער־קישע מאַכט. און אויך דער באַגריף „נאַציאָנאַלע היים" איז פאַרנעפּלט.

און דאָס ווערן מיר געוווויר פון די פיל דיסקוסיעס וועגן זיין באַדייטונג. אויך ער האָט נישט קיין טראַדיציע. קלאָרער פון זיי אַלע איז דער באַגריף „שטאַט". אָבער אויך דאָס וואָרט שטאַט האָט אין דער פּאָליטישער וועלט פאַרשידענע באַדייטונגען. מיר ווייסן קיינמאָל נישט קלאָר, אויב מען באַציט זיך מיט דעם וואָרט צו פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט אָדער נישט. פראַנקרייך איז אַ שטאַט אין דעם זין פון פולער אומאָפּהענגיקייט. אָבער אילינויס און קענטאַקי ווערן אויך גערופן „שטאַטן", און זיי זענען נישט מער ווי טיילן פון אַ שטאַט. אויף דער פראַגע פון מאַיאָריטעט גיט דאָס וואָרט שטאַט נישט קיין קלאָרן ענטפער. דרום-אפריקע, למשל, איז דער שטאַט פון די בורן און בריטן, און דאָך בילדן נישט די דאָזיקע צוויי די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג.

דאָס וואָרט „שטאַט" איז קלאָרער פון די צוויי אַנדערע אויסדרוקן, און דאָך איז אונדזער פליכט נאָך מער אויפצוקלערן דעם באַגריף און פעסטשטעלן, אַ וועלכע די דערקענונג־צייכנס, וואָס זענען ביי אונדז אין די אויגן אַ פאַרבאַדינג צו ציוניזם. און מיר זעען, אַז דער קערן פונעם באַגריף „יידנשטאַט" שטעקט אין די פאָלגענדע צוויי זאַכן: 1) אַ עטנישע מאַיאָריטעט פונעם יידישן עלעמענט צווישן די איינוווינער פונעם לאַנד, און 2) אויטאָנאָמיע. דער צווייטער יסוד איז זייער עלאַסטיש. ווען מיר זאָלן היינט געווען האָבן אַ יידיש לאַנד, מיט אַ מאַיאָריטעט פון אַ יידישער באַפעלקערונג, און ווען דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל זיך געפינען אונטערן יאָך פון אַ פרעמדער מאַכט, וואָלטן מיר איצט, מן הסתם, געקעמפט קעגן דער דאָזיקער מאַכט, אָבער דער ציוניזם וואָלט נישט עקזיסטירט, ווייל די יידן אין יענעם לאַנד וואָלטן זיך געפינען אין דער לאַגע וואָס עס לעבן אין איר, היינט פיל נאָרמאַלע פעלקער, וועלכע לעבן שוין אויף זייער ערד.

און אַזוי אַרום קענען מיר זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער צוקונפט וועט זיין די מאָס סוווערעניטעט, אפילו פון אַ זעלבסטשטענדיקן שטאַט פיל קלענער פון איר מאָס היינט. צוליב דעם איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גענף אַ באַשטימטער אנשטאַלט, כדי די סוווערעניטעט פון די

שטאַט זאָל נישט גייען ווייטער פון דעם ווי זי דאַרף, כדי די פעלקער־משפחה זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצומישן אויך אין די אינער־לעכע אינטערעסן פון די סוווערענע שטאַטן.

דער דאָזיקער ענין פון זעלבסט-באַשטימונג, פון סוווערעניטעט, איז אַן עלאַסטישער ענין. אַז עס וועט אויפשטיין אַ יידישע ארץ-ישראל, וועט די דאָזיקע ארץ־ישראל אויך האָבן אויטאָנאָמיע. אָבער מיר ווייסן נישט, אויב זי וועט עקזיסטירן אַליין אָדער זי וועט זיין אַ מיטגליד אין אַ גרע־סערן שטאַטלעכן אָרגאַניזם, פּונקט אַזוי ווי אַ אָרגאַן אין אַן אָרגאַניזם ווי עס שטעלן זיך פאַר די ענגלענדער ווען זיי רעדן וועגן דער „בריטיש קאָמאָנוועלטה אָוו ניישאָנס". אָבער א יי ן זאַך איז נישט עלאַסטיש; זי עקזיסטירט אָדער עקזיסטירט נישט; דאָס איז — די מאַיאָריטעט פון דער צאָל איינ־וווינער.

דאָס לאַנד וועט ווערן אַ יידיש לאַנד אין דעם מאָמענט, ווען עס וועט זיין אין דעם אַ יידישע מאַיאָריטעט. איך ווייס, אַז עס זענען פאַ־ראַן צווישן אונדז פיל, וועלכע דענקען, אַז אויך אָן אַ מאַיאָריטעט איז מעגלעך צו אַנטוויקלען אַ נאַציע און פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ אויף אייביק, אויב מען שאַפט אין יענעם לאַנד עקאָנאָמישע און קולטורעלע ווערטן. זיי דערמאָנען אונדזערע קאָלאָניעס, אונדזער תל אביב, אונדזער העברעאישע שפּראַך, אונדזערע שולעס, און נאָך אַנדערע ווערטן, און זיי זאָגן, אַז די אַלע זאַכן באַשיצן זיך אַליין, אַז זיי וועלן אייביק בליען, און ס'איז נישט נויטיק קיין מאַיאָריטעט ווי שיין עס וואָלט געווען, ווען די וועלט זאָל זיין אַזוי; אָבער די וועלט איז נישט אַזוי.

עס זענען געווען און עס זענען פאַראַן גרויסע פעלקער און שטאַר־קערע פון אונדז, וועלכע האָבן באַשאַפן אין פאַרשידענע לענדער גרעסע־רע קולטור־ווערטן, אָבער זיי האָבן נישט געשאַפן קיין מאַיאָריטעט. אין די באַלטישע שטאַטן האָט געוווירקט במשך פון 400 יאָר אַ פאָלק מיט גרוי־סע קולטור-פעאיקייטן — די דייטשן. זיי זענען געווען גרויזאַמע הער־שער, אָבער קולטור־טרעגער. קיין עסטאָנישער פּאַטריאָט אָדער ליטווי־שער וועט נישט לייקענען, אַז פאַר אַ סך זאַכן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס זיין פאָלק לגבי די שכנישע פעלקער, פאַר די זאַכן וואָס האָבן

אים געמאכט פאר אן אייראפעער, דארף ער זיין דאנקבאר זיין דייטשן לערער און האר. דער דייטש האט דארט איינגעפירט די מאדערנע אגריקולטור; ער איז געווען דער ארגאניזאטאר, דער ריכטער, דער לערער, דער גייסטלעכער; א דייטש האט אנגעשריבן דעם ערשטן ווערטערבוך פון דער לאטווישער שפראך; א דייטש האט צונויפגעזאמלט די עסטאנישע פאלקס-לידער. אלץ טוט ער דארט, אויסער איין זאך: ער האט ניט אויפגעשטעלט קיין גומערישע מאיאריטעט פון איינוווינער. און איר זעט די קאנסעקווענצן. (א צווישנרוף פון גרינבוימען: זיי זענען נישט געווען קיין פויערים און ארבעטער!) דאס איז אבסאלוט נישט ריכטיק, אבער מיר ווילן אויך קומען צו די פויערים און ארבעטער.

עס איז געווען אן אנדער פאלק, די גריכן. 4.000 יאר זענען זיי געווען די איינציקע קולטור-טרעגער אויף זייער אנאטאלישן ברעג פונעם שווארצן ים און דעם עגעאישן ים. אלץ וואס ווערט אנגערופן מיטן נאמען ציוויליזאציע איז געווען גריכיש. אויך די פויערים און ארבעטער זענען געווען גריכן. יעדער נאמען פון א שטאט איז געווען גריכיש, אין יעדער פאבריק, אין יעדן האפן האט מען געזען גריכישע ארבעטער. און אט איז, מיט 500 יאר צוריק געקומען אן אנדער פאלק, אן קולטור, אן אינדוסטריעס, און האט געשאפן א מאיאריטעט, און האט פארמינערט די גריכישע מינאריטעט צו א „סימוואל"; און אמענדע, אין 1923, האט עס פארטריבן אלע גריכן פונעם לאנד. צו אונזער באדויערן, איז נישט גענוג אין דער היינטיקער וועלט צו שאפן קולטור-ווערטן, ווייל די דאזיקע ווערטן דויערן ניט, נאר אויב דאס פאלק פון דער דאזיקער קולטור בילדעט א מאיאריטעט אינעם לאנד. און דאס זעלבע געשעט אפילו אין יענע פאלן, ווען עס שטייען איינם קעגן ס'אנדערע צוויי ראסן, וועלכע זענען כלומרשט נישט, פון גלייכער ווערט מיט זייערע קולטור-פעאיקייטן. אין דרום-אפריקע שטייען איינס קעגן ס'אנדערע צוויי ראסן: די ווייסע, וואס זייערע פארשטייער דארטן זענען פון די רייכע און די מער פעאיקע עלעמענטן, די ענגלענדער און די האלענדער; און די צווייטע ראסע שטייט נאך אויף א זייער נישט אנטוויקלטער שטופע פון קולטור, און א סך צווייפלען, אויב זי וועט קענען שאפן אין דער צוקונפט א ווערטפולע ציוויליזאציע אדער

זי וועט אונטערגיין. אָבער מען קען נישט לייקענען, אַז יעדער בור, יע-
דער בריט און יעדער ייד אין יענעם לאַנד שטייט אויפגעפרעסן פון ספי-
קות פאַר דער פּראָבלעם, אויב דאָס לאַנד וועט פאַרבלייבן דאָס לאַנד
פון די ווייסע אָדער ענדלעך וועט דאָס ווערן דאָס לאַנד פון די שווארצע.
לויט דעם אַספּעקט פון ציוויליזאַציע וועגט איבער די שאָל צו גונסטן פו-
נעם ווייסן עלעמענט. אָבער די צאָל פון 5 מיליאָן שווארצע לגבי אַנדער-
האַלבן ביז 2 מיליאָן ווייסע — איז די שטרויכלונג אויפן וועג צו דער צו-
קונפט. א נאַציאָנאַלע היים איז א לאַנד אין וועלכן דאָס פאָלק בילדעט
די מאַיאָריטעט. דאָס איז נישט דער אנטגילטיקער ציל
פונעם ציוניזם. היינט איז גענוג א מיליאָן יידן אַז זיי זאָלן בילדן א רוב
אין ארץ ישראל. אָבער דאָס איז נישט די גרעניץ צו אונדזערע האָפע-
נונגען; מיר ווילן א היים פאַר אַלע יידן וואָס ליידן, און קיינער קען נישט
פאָראויסזען, ווי גרויס עס וועט זיין די צאָל יידן וואָס וועלן ליידן אין די
קומענדע דורות. אָבער דער דירעקטער ציל פון דער פּראַקטישער ציוניס-
טישער אַקטיוויטעט איז צו באַשאַפן א מאַיאָריטעט.

מיר שיינט, אַז קיין מענטש דאַ צווייפלט נישט, אַז אויב מען דענקט
וועגן א יידנשטאַט שטעלט מען זיך אים פאָר אַלס א שטאַט פון א פול-
שטענדיקער גלייכבארעכטיקונג. איך האָב אפי-
לו מורא, אַז די ענגלישע הערן, וועלכע זאָרגן אזוי שטאַרק פאַר דער זאַך,
שטעלן זיך נישט פאָר די גלייכבאַרעכטיקונג אזוי פולשטענדיק, ווי מיר.
מיר, יידן פון מזרח-אייראָפּע, זענען אויסגעוואַקסן מיט די טעאָריעס פון
רענער און באַואר (צוויי עסטרייכישע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער,
וועלכע האָבן אָנגעשריבן ווערק וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע), מיר
האָבן זיך צוגעקוקט צו דער עסטרייכישער אַנטוויקלונג; מיר האָבן זיך
קיינמאָל נישט טועה געווען צו פאַרמישן די באַגריפן, — ווי דאָס איז אָנ-
גענומען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, — צו פאַרבינדן נאַציאָנאַליזם
מיט בירגערשאַפט. אונדזער באַגריף וועגן נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטי-
קונג איז דעפינירט געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק אין העלסינגפאָרס. אָבער
אויך דאָרט, ווו עס עקזיסטירט צווישן די אומות אַבסאָלוטע גלייכע רעכט,
דאָרט ווו צוויי קולטור-פעלקער שטייען איינס קעגן ס'אַנדערע ווי פול-

שטענדיק גלייכע — איז דער אמת אז אויך דאָרט שטעמפּלט דער רוב דעם שטאַט מיט זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די שוועדישע מינאָריטעט אין פינלאַנד קלאָגט זיך נישט אויף קיין באַשרענקונג, דאָרט איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן א פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג. די קולטור פונעם לאַנד איז נאָך עטוואָס שוועדיש. אָבער דאָס לאַנד איז פיניש, ווייל די פינלענדער בילדן אין איר אַ מאַיאָריטעט. אַט דער איז דער מצב וועלכן מיר זעען ווי נאָרמאַל און ווי געוואונטשן.

מיינע דאַמען און הערן! עס איז מיר אַ שאָד, וואָס איך דאַרף איצט רעדן פאַרן קאָנגרעס וועגן דער פראַגע — גלייך ווי דאָס איז נאָך אַ פראַגע! — אויב דער ציל אַז עס זאָל זיין אַ מאַיאָריטעט אין ארץ ישראל שטימט באמת מיט די יידישע שטרעבונגען. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אָפּגעלייקנט די זאַך. און דעריבער דאַרף מען „באַווייזן" די דאָזיקע אַלטע און אויסגעדראָשענע זאַך.

מען דאַרף נישט צווייפלען, אַז הערצל איז געווען אַן אָנהענגער פון אַ יידנשטאַט. אָבער, ווי אַזוי פאַרענטפערט מען וואָס הערצל האָט אָנ־געשריבן דעם „יידנשטאַט"? ווייל ער האָט נישט געטראַכט פון ארץ יש־ראל. נאָכדעם האָט ער אַנטדעקט ארץ ישראל און האָט זיך אין איר פאַר־ליבט אויף אַזוי ווייט, אַז אוים ליבע צו ארץ ישראל האָט ער זיך אָפּגע־זאָגט פון דעם געדאַנק פון אַ יידנשטאַט (אַפּלאָדיסמענט).

איך לייג פאָר אַן אַנדער פירוש צו הערצלס געדאַנקען־גאַנג. ער האָט אָנגעשריבן דעם „יידנשטאַט". נאָכדעם איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דעם גויטיקן ענטוזיאַזם אינעם יידישן פאָלק קען מען מאָביליזירן נאָר פאַר ארץ ישראל, און דאַן האָט ער געטראַכט ביי זיך אין הארצן: לאָמיר אַלזאָ שאַפן דעם יידנשטאַט אין ארץ ישראל. דעריבער האָט הערצל שפּע־טער פּראָקלאַמירט דעם אידעאַל „טשאַרטער". ווייסט איר וואָס עס באַ־טייט „טשאַרטער"? „טשאַרטער" איז אַ פיל מער עקסטרעמע זאַך ווי דער שטאַנדפּונקט, וועלכן איך האָב נאָר וואָס דאָ אַנטוויקלט. אונדזער שטאַנדפּונקט איז: פריער אַ מאַיאָריטעט, נאָכדעם, פאַרשטייט זיך, פאַר־לאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס, און אין זיי וועט מכריע זיין דער דאָזיקער רוב. דער „טשאַרטער" וואָס ווערט געגעבן דער „סאָסייעטי אָוו דזשוס"

איז דאָך אַ סיטואַציע אין וועלכער עס הערשט אַ יידישע אדמיניסטראַציע, אַ יי ד ע ר די יידן וועלן דאָרט זיין אַ מאַיאָריטעט, אַלס פּאָרבארייטונג, ווי אַ מאַנדאַט־מאַכט פאַר באַזעצונג.

און דער פאַקט, וואָס דאָס וואָרט „יידנשטאַט" איז נישט אָנגעשריבן אין דער באַזעלער פּראָגראַם? דאָס איז דאָך געשען אין 1897. אין טערקיי האָט געקיניגט דער סולטאַן. דאַן איז מעגלעך געווען צו רעדאַקטירן אַ פּראָגראַם נאָר אַזוי ווי מיר זענען געווען געצוווּנגען צו טון אין דער צאַרישער רוסלאַנד. און אויב מיר האָבן פאַרנעפּלט אונזערע פּאָליטישע פּראָגראַמען, איז דאָך נישט לאָגיש צו דערקלערן די דאָזיקע פּראָגראַמען עטימאָלאָגיש און זאָגן צו אונדז: „דו האָסט נישט אָנגעשריבן דאָס וואָרט „גלייכבארעכטיקונג" — (און איך האָב דאָס נישט געשריבן, מען זאָל מיך נישט איינזעצן אין טורמע!) — דעריבער ווילסטו נישט קיין גלייכע רעכט!

און אויב ד"ר מאַקס נאָרדוי האָט עפּעס פאַרבאָרגן אין דער פּאָררעדע צו אַ ענגלישער בראָשור אין 1916 — איז דאָך דאָס געשען אין 1916, ווען דער פאַנאַטיזם פון די יונגע טערקן האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט, און שרייבנדיק האָט ער אין זינען געהאַט די לאַגע פון צענדליקער טויזנטער יידן אין טערקיי. מען טאָר אַלזאָ זיך נישט באַנוצן צום שלעכטן מיט דער דאָזיקער פּאָרזיכטיקייט, מען טאָר נישט אָננעמען די ווערטער, גלייך ווי ער וואָלט זיי געווען אויסגעדריקט מיט זיין איייגענעם ווילן (אַפּלאָדיסמענטן). עס איז כדאי אַז מיר זאָלן געדענקען די ווערטער וואָס מאַקס נאָרדוי האָט געזאָגט אין 1920, אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ, ווי אַזוי ער האָט געשטורעמט און געצאָרנט דאָרט, פאַר־וואָס מען האָט פאַרגעסן דאָס וואָרט „יידנשטאַט" אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

און די יאָרן ווען מען איז געווען פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג פון געם טעקסט פונעם מאַנדאַט, איז שוין די יידישע שטימונג געווען איינגאַנצן קלאָר. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס האָט געשיקט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ זיין טעקסט און אין אים זענען געווען קלאָרע ווערטער: דער ציל פונעם ציוניזם און דער ציל פונעם בריטישן מאַנדאַט דאַרף זיין צו העלפן שאַפן אַ יידישע מאַיאָריטעט, ווען די מאַיאָריטעט

וועט געשאַפן ווערן — צו גרינדן אַ זעלבסטרעגירונג; און דאָס איז עפּעס מער פון אויטאָנאָמיע. אין 1919, צוויי יאָר נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע, האָט הערבערט סעמיועל געהאַלטן אַ רעדע און אין איר האָט ער פאָרמולירט אַזוי דעם ציל וואָס ער שטעלט דעם ציוניזם און דעם מאַנדאַט: „אַז אין דער קורצסטער צייט זאָל דאָס לאַנד פאַרוואַנדלט ווערן אין „אַ פולשטענדיק אויטאָנאָמישער „קאָמאָנוועלטה" אונטער דער אָנפירונג פון אַ סטאַבילן יידישן רוב".

דאָ האָט מען זיך אָנגעשפאַרט אויף אחד העמס ווערטער און מען האָט אים צוגעשריבן אַ ראָל, וואָס אחד העם, דער אָרנטלעכסטער צווישן מענטשן, האָט קיינמאָל אויף זיך נישט גענומען: צו זיין דער אינטערפּרעטאַטאָר פונעם פּ אָ ל י ט י ש ן ציוניזם! אָבער אויך אחד העם האָט פּראָטעסטירט, אַמווינציקסטן איינמאָל, ווען מען האָט געפּרוּווט טענהן אין זיין נאָמען, אַז ער האָט געמיינט מיט אַ גייסטיקן צענטער אַ געטאָ. אין 1926, דריי חדשים פאַר זיין טויט, האָב איך געהאַט מיט אים אַ שמועס, אין דער אָנוועזנהייט פון זיין סעקרעטאַר פּאָגראַבינסקי. בעת דעם שמועס האָט אחד העם געזאָגט: „איך האָב די זאַך נישט אַזוי פאָרגעשטעלט". און ער האָט געהייסן זיין סעקרעטאַר ברענגען זיין מאמר „דריי מדרגות". און דאָרט האָט ער מיר געוויזן שוואַרץ אויף ווייס, וואָס עס מיינט דער געדאַנק גייסטיקער צענטער: „אַ לאַנד אין וועלכן מיר וועלן זיין דער רוב" (אַפּלאָדיסמענטן).

און עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אפילו נאָך די ערגסטע געשעענישן אין 1920 - 1921, דאָס הייסט נאָך צוויי בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן אַז די אַראַבישע מאַסן זענען קעגן ציוניזם, האָבן זיך נאָך געפונען מענטשן, וועלכע ווערן געוויס גערעכנט צו זיין זייער מעסיקע, און אויך איך בין גרייט זיי צו רעכענען פאַר זייער מעסיקע, אָבער זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי דער מיינונג. אַזוי זאָגט זיך, למשל, אין דעם אָפיציעלן דאָקומענט „באַריכט פון דער אויספאָרשונג-קאָמיסיע וועגן די אומאָרדענונגען אין מאי 1921", אַז פאַר דער קאָמיסיע איז געקומען עדות זאָגן אַ ייד, וועמען די קאָמיסיע באַצייכנט אַלס אַ „זייער חשובן עדות". און ווייטער זאָגט זיך: „ער איז

נישט געווען אגרעסיוו, ער איז געווען פריי פון יעדן ווילן אנצורירן דעם כבוד פון די אראבער, אבער אויף די פראגן וואס ער האט געפרעגט, האט ער געענטפערט מיט אבסאלוטער ארנטלעכקייט און האט גערעדט וועגן די צילן פון דעם ציוניסטישן אידעאל. לויט זיין מיינונג איז אין ארץ ישראל בלויז פאראן א פלאץ פאר א יי ן נאציאנאלער היים, און דאס איז די יידישע נאציאנאלע היים. נישט קיין גלייכע שותפות, נייערט א יידישע „פרעדאמינאנס" אין דעם מאמענט וואס די צאל פון דער יידישער ראסע וועט דאס דערלויבן". און עס איז אינטערעסאנט, וואס דער עדות איז געווען — ד"ר אידר (געלעכטער און אפלאדיסמענטן).

דער פארזיצנדער מאצקין: — איך רוף די אויפמערקזאמקייט פונעם רעדנער, אז עס זענען אים פארבליבן בלויז 15 מינוט, און מען פארלענגערט נישט די צייט צו ריידן.

זאב זשאבאטינסקי (זעצט פאר): — אט אזעלכע זענען געווען און זענען די יידישע ציוניסטישע אספיראציעס. דערלויבט מיר נאר זיך צו באנוצן פאר דעם מיט דעם ענגלישן אויסדרוק “Jewish Zionist Aspirations” ווי אזוי האט די רעגירונג פארשטאנען די “Jewish Zionist Aspirations” צו יענער צייט? וועגן דעם האבן מיר צוויי דאקומענטן. איינער פון זיי איז די טעלעגראמע, וואס עס האט געשיקט אין 1916 סער עדוארד גריי, ענגלישער אויסערן-מיניסטער צו סער זשארזש ביוקענען, ענגלישער אמבאסאדאר אין פעטערבורג, און אין איר האט ער אויף אים ארויפגעלייגט די אויפגאבע צו דערגייען קלאר ביי דער רוסישער רעגירונג, אוועלכע איז איר באציאונג צום ציוניזם. אין דער דאזיקער טעלעגראמע דערציילט גריי אוועלכע זענען די „ציוניסטישע אספיראציעס", און דאס איז דער טעקסט פון דער טעלעגראמע: „די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט דענקט אז מען דארף איצט דערגרייכן א הסכם, דורך וועלכן מען זאל צושיקן דאס הארץ פון די יידן. די רעגירונג איז מיט דער מיינונג אז די צוציאונגס-קראפט וועט זיין באזונדערס גרויס, אויב מען וועט פון אנהויב אן אזוי ארגאניזירן די זאכן, אז אין דעם מאמענט וואס די יידישע איינוואנדערער אינעם לאנד וועלן זיין גענוג שטארק, צו קענען קאנקורירן מיט זייערע אראבישע שכנים, וועלן זיי נעמען אין זייערע הענט

די אַנפירונג פונעם לאַנד (חוץ פון ירושלים און די הייליקע פלעצער)". דער צווייטער דאָקומענט איז אַ מעמאָראַנדום, וועלכן דאָס ענגלישע אויסערן-מיניסטעריום האָט צוגעגרייט אין פעברואַר אין 1917, צוזאַמען מיט אַנדערע מעמאָראַנדומס, און וועלכער איז באַשטימט געווען צו דינען אַלס באַזע פאַר דער רעגירונג אין אירע דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע פראַגן. נאָכדעם (1920) זענען די דאָזיקע העפטן אָפיציעל פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איינע פון זיי הייסט „ציוניזם" און שילדערט די „ציוניסטישע אַספּיראַציעס" ווי פאָלגט: די ציוניסטן ווילן אַז דאָס לאַנד זאָל צייטווייליק אַדמיניסטרירט ווערן ווי איינע פון די „דעפּענדענסים" פון דער בריטישער אימפּעריע, אָבער שוין איצט זאָל איבערגעגעבן ווערן די אַדמיניסטראַציע אין אַ גרויסער מאָס צו די יידן פונעם טיפּ איינזידלער. זיי האָפן, אַז דורך אַזאַ קאָאָרדינאַציע וועט שנעל זיך פאַרגרעסערן די יידישע באַפעלקערונג אַזוי ווייט, ביז זי וועט ווערן דער דאָמינירנדער עלעמענט (דער דעלעגאַט מאָריס מייער: „דאָרט זאָגט זיך פאַקטאָר!") גוט אַלזאָ: „וועט בילדן דעם דאָמינירנדן פאַקטאָר" (דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער „צייט" וועט מיר נאָכדעם אויפקלערן דעם אונטערשייד, לויט זיינע טיפע ידיעות אין דער ענגלישער שפּראַך). דאָס איז אַלזאָ געווען דער אָפיציעלער באַנעם וועגן דעם וואָס אַזוינס זענען די „אַספּיראַציעס". דער דאָזיקער העפט איז אָנגענומען געוואָרן דעם 2-טן נאָוועמבער 1917, אַלס אָפיציעלע באַזע, אויף יענעם טיש און אין יענעם חדר, אין וועלכן עס איז אַנטשידן געוואָרן די באַלפור-דעקלאַראַציע, און דאַן איז געקומען די דעקלאַראַציע.

מען טאָר נישט פאַרגעסן די וויכטיקסטע טייל פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, דעם אַריינפיר. באַלפורס בריוו צו לאָרד ראָטשילד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך האָב דעם גרויסן פאַרגעניגן אייך איבערצוגעבן אינעם נאָמען פון דער רעגירונג די פאָלגנדע דעקלאַראַציע וועגן אירע סימפּאַטיעס מיט די „יידישע ציוניסטישע אַספּיראַציעס" און נאָכדעם קומט דער באַקאַנטער טעקסט. איר ווייסט דאָך אַז עס זענען פאַראַן רעגירונגס-דאָקומענטן, אין וועלכע דער אַריינפיר פולט אויס די הויפּט-ראָל. און אפשר ווייסט איר אויך, אַז פון אַלע שטאַטסמענער, וועלכע

שאָטלאַנד האָט געגעבן דער בריטישער אימפעריע, איז באַלפור געווען דער פּאַרזיכטיקסטער. ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין וואָרט, וואָס ער האָט באמת נישט געוואָלט זאָגן. און אויב אזא מענטש האָט פאָרמולירט זיין דעקלאַראַציע אין דעם נאָמען פון דער רעגירונג — אַלס אויסדרוק פון סימפּאַטיע צו „די ציוניסטישע אַספּיראַציעס", — איז די טייטש: אַז דאָס איז געווען דער פּשט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און דעריבער שטייט געשריבן אויך אין דעם אַריינפיר צום מאַנדאַט דער אויסדרוק, וועלכער איז דורך די צענזור פון 25 סקעפּטישע שטאַטסמענער, און איז דאָך פאַרבליבן אויף זיין פּלאַץ: „דער ווידעראויפבוי" פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. יעדער ענגלענדער און יעדער ייד, ציוניסט אָדער נישט־ציוניסט, ווייסט, וואָס עס מיינט ווען אין דעם דאָקומענט ווערט גערעדט וועגן „אויפשטעלן אויפסניי". דאָס הייסט דאָך נישט אַז עס ווערט גערעדט אויף אַ לחלוטין נייער שאַפונג. אויפשטעלן אויפסניי קען מען נאָר אַ זאַך, וואָס האָט שוין עקזיסטירט. און וואָס אַזוינס איז געווען די יידישע נאַציאָנאַלע היים, וועלכע האָט שוין אַמאָל עקזיסטירט אין ארץ ישראל, איז באַוווסט יעדן קינד אין ישראל און אין ענגלאַנד. די שטאַטסמענער, וועלכע האָבן רעדאַקטירט דעם טעקסט פונעם מאַנדאַט, האָבן נישט געזען אין דער יידישער נאַציאָנאַלער היים עפּעס אַנדערש ווי נאָר דאָס דווקא.

וואָס איך זאָג דאָ איז נישט קיין ענדערונג פונעם מאַנדאַט, נאָר זיין אינטערפּרעטאַציע. אונדזערע שותּפים „אינטערפּרעטירן" דעם מאַנדאַט. און דעריבער איז אויך אונדזער פליכט צו זאָגן איין מאָל, ווי אַזוי מיר זענען מפרש דעם מאַנדאַט און דעם אויסדרוק „נאַציאָנאַלע היים".

מען וועט מיך פרעגן פאַרוואָס דאַרפן מיר לאָזן הערן דעם דאָזיקן פּירוש אונדזערן אויף אַ קול. מיר דאַרפן דאָס זאָגן, ווייל דאָס איז דער איינציקער לעגאַלער יסוד פאַר אונדזער פאָדערונג פון אַ גרויסער עליה. מיינע געהערטע פריינט און מיינע געהערטע קעגנער וועלן אומזיסט זוכן אינעם מאַנדאַט אַ פּונקט וואָס דעפינירט קלאָר אונדזער רעכט פאַר אַ גרויסער און שנעלער עליה. און אונדזערע קעגנער נוצן דאָס אויס. דער איינציקער לעגאַלער

יסוד, לויט וועלכן מיר מעגן פאָדערן אַ ג ר ו י ס ע עליה, איז אַז דער אויסדרוק נאַציאָנאַלע היים באַטייט אַ יידישע מאַיאָריטעט. און מיין עצה איז אַז מיר זאָלן גישט מוותר זיין אויף דעם יסוד, ווייל די קעגנער פון ציוניזם טענהן, אַז ס'איז מעגלעך צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים אויך דורך אַ מינאָריטעט, און דעריבער איז אויך גענוג אַ קליינע אימיגראַציע. אויב איר ווילט אַ לעגאַלע באַזע פאַר אַ גרויסער אימיגראַציע, זאָלט איר ענערגיש פאַרטיידיקן ד ע ם ד אָ ז י ק ן פירוש.

די צווייטע סיבה, וואָס עס איז פאַרקלענערט געוואָרן דער שוווּנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און די רעזולטאַטן זענען שוין אויגנשיינלעך אין אַלע לענדער. וואָס באַלאַנגט אַ נייעם דור פון לויטערן ציוניזם איז אונדזער מצב שלעכט. דער ציוניזם האָט פאַרלוירן זיין צויבערמאַכט אויף די יידישע נשמות. אמת, עס זענען פאַראַן פּאַרטייען וואָס האָבן אָנגעפּולט דעם דאָזיקן לײדיקן חלל מיט אַן אַנדער תוכן, וואָס אויך ער איז פיליכט גוט, אָבער ער איז נישט ציוניסטיש. עס דראָט אונדז אַ געפאַר אַז עס זאָלן פּלוצים פאַרשווינדן דער ריינער ציוניסטישער פּאַטאָס און דער ריינער ציוניסטישער ענטוזיאַזם. און דער אימפּעראַטיוו פון דער שעה איז צו באַשטימען אַז דער ענדציל פונעם ציוניזם איז באמת די לייזונג פון דער יידישער פּראָבלעם און דאָס באַשאַפן דאָס וואָס ווערט גערופן „יידנשטאַט".

די דריטע זאַך: דער אמת האָט אַ לייטערנדע השפּעה. איז דען יעדער איינער פון אונדז נישט מיד געוואָרן, האָט דען יעדן איינעם פון אונדז נישט אָנגעכאַפּט אַ עקל, פון דעם דאָזיקן שטענדיקן אַרויסמאַכן זיך? צו ריניקן די אַטמאָספער איז געוואָרן אַ פּאָליטישע נויטווענדיקייט, און זי וועט פאַרווירקלעכט ווערן דורך דעם וואָס מיר וועלן זאָגן דעם אמת. פאַרוואָס זאָלן מיר דערלויבן, אַז מען זאָל דאָס וואָרט יידנשטאַט באַצייכענען אַלס עקסטרעמיזם? די אַלבאַנער האָבן זייערע אייגענע מדינה; די בולגאַרן האָבן זייער אייגענע מדינה; אַ מדינה איז דאָך די נאָרמאַלע לאַגע פון יעדן פאָלק. ווען עס זאָל הײנט עקזיסטירן אַ יידישע מדינה, וואָלט קיינער נישט געזאָגט, אַז דאָס איז נישט נאָרמאַל. און אויב מיר שטרעבן צו נאָרמאַליזאַציע, איז דערלויבט צו זאָגן אַז דאָס

איז עקסטרעמיזם — און דאָס דאַרפן מיר אַליין זאָגן? (הילכיקע אַפּלאָ-דיסמענטן).

דער פּרעזידענט מאַצקין:

מר. זשאַבאָטינסקי, אויב מיין הער וועט נעמען אַפּהיטן די צען מינוט, וואָס זיין פּאַרטיי — ווי זיי האָבן מיר געזאָגט — איז מסכים אָראָפּצו-רעכענען פון דעם קומענדן רעדנער, קען מיין האַר אויף אַזאַ אופן פאַר-זעצן צו רעדן.

זאב זשאַבאָטינסקי:

איך דאַנק דעם פּרעזידענט, און וועל באַלד ענדיקן. איך בעט דעם קאָנגרעס אַז ער זאָל אַריינברענגען אַבסאָלוטע קלאָרקייט אין דער דאָ-זיקער פראַגע פונעם יידנשטאַט. פיל דעלעגאַטן פאָדערן אַ קלאָרן אויס-דרוק. עס זענען פאַראַן פאַרשידענע פּלענער, איך האָב געזען אַ גוט רע-דאַגירטן פּראָיעקט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אונדזערע פריינט פון אַמעריקע. אָבער זיי רעדן פון אַ „פּרעפּאָנדעראַנט באָדי". דאָס איז נישט גענוג, דאָס איז נישט קלאָר. מיט דריי יאָר צוריק האָב איך גע-האַט אַ פריינטלעכן געשפּרעך מיט אַ יידישן הויך-באַאַמטן אין ארץ ישראל, איינער פון די אָנהענגער פון „ברית-שלום". ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן נישט גייטיק אַ מאַיאָריטעט אין דער צאָל איינוווינער, מיר דאַרפן בלויז זיין „פּרעפּאָנדעראַנט"". איך האָב געפרעגט: „וואָס הייסט „פּרעפּאָנדעראַנט"?" און ער האָט געענטפערט: „שכל" (אַפּלאָדיסמענטן און געלעכטער). פיליכט זענען פאַראַן מענטשן וואָס זענען מסכים מיט דעם געדאַנק. אָבער צו וואָס באַשליסן אינעם קאָנגרעס זאַכן, וועלכע וועלן שפּעטער דאַרפן האָבן אַ פּירוש? עס איז בלויז פאַראַן איין קלאָר און פּשוט וואָרט, און זי דאַרף פאַרשריבן ווערן אין אונדזער באַשלוס: אַ מאַיאָריטעט.

אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ פראַגע, די פראַגע פון דער גרויס פו-נעם שטח פון אונדזער באַזעצונג. איך האָב נישט קיין צייט צו רעדן גע-נוי פון עבר הירדן. די פראַגע איז שוין פאַרגעבראַכט געוואָרן אַפילו אין דער רעגירונג אין אָפיציעלע באַריכטן. אויף אַ וועלכן נישט איז אופן דאַרף מען איינשליסן דעם דאָזיקן שטח אין דער אַרבעט פון קאָלאָני-

זאציע. די בריטישע רעגירונג האט איינגעזען אז ס'איז נייטיק צו באַשאפן פאַרן עבר הירדן א באזונדערע אדמיניסטראציע. דאָס איז נישט גוט, עס איז דאָ אין דעם א סכנה. דער דאָזיקער סכנה האָט אויך די מאַנדאטן-קאמיסיע געווידמעט א לאַנגע סעסיע, און דאָן האָבן אונטערגעשטראָכן אייניקע פון אירע מיטגלידער, אז די פּראָבלעם צו פאַרטיידיקן ארץ-ישראל שטעקט אין יענער זייט ירדן. אָבער דערווייל איז נישט נויטיק אַרויפצובריינגען די פראגע פון דער באזונדערער אדמיניסטראציע פון עבר הירדן, כדי צו שטעלן אן אנדער פראגע וואָס איר דאַרפן מיר שטעלן: פאַרוואָס דאַרף דער דאָזיקער שטח פאַרבלייבן פאַרשלאָסן פאַר דער יידישער באזעצונג? אייער פליכט איז צו זאָגן: מיר ווילן נישט מסכים זיין צו דעם דאָזיקן מצב פון שליסן די טויערן. (אַפּלאָדיסמענטן פון רעכטס, אויפברויז) מען קען דאָס זאָגן אויף אזא אָדער אנדער אופן. מען קען נאָך סטיליזירן מיין פּאָרמול, מען קען זאָגן אנשטאָט „ביידע זייטן ירדן" — „די היסטאָרישע גרעניצן אין די צייטן פון דוד המלך" אָדער „אין די צייטן פון די 12 שבטים", אָדער „די באזעצונג אויף דעם גאַנצן שטח פונעם מאַנדאַט", אָבער די פּאָרמול מוז נעמען אין אכט ביידע זייטן פון א באַשטימטן טייך. אָבער אין איין חלק פון דער פּאָרמול זאָלט איר נישט אריינברענגען קיין ענדערונגען, דאָרט זאָלט איר זאָגן פשוט: מאַיאָריטעט. אין דער רעזאָלוציע דאַרף זיך זאָגן: דער ציל פונעם ציוניזם, וואָס ווערט אויסגעדרוקט אין די באגריפן „יידנשטאַט", נאַציאָנאַלע היים" אָדער „געזיכערטער מקום מקלט לויט עפנטלעכן רעכט", איז די שאַפונג פון א יידישן רוב אין דער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן (לאַנגדויערנדע אַפּלאָדיסמענטן פון רעכטס).

או איצט קום איך צו דער פראַגע, וואָס עס האָבן אַרויסגערוקט פאַר אונדז אונדזערע סטאטוטן. די אַלגעמיינע דעבאַטע אונדזערע איז געצילט צו פאַרפּאַלקאָמען די אַרבעט פונעם קאָנגרעס. אין אַרטיקל 26 א' ווערט געזאָגט „ווען עס ווערט פאַרענדיקט ווערן דער אַלגעמיינער ויכוח דאַרף מען באַטראַכטן די באַשטעטיקונג פונעם ראַפּאָרט פון דער אַדמיניסטראַציע און אירע מעשים אין דער פאַרגאַנגענהייט Décharge ווי געגעבן אָן אַנטשיידונג, סיידן עס איז אָנגענומען געוואָרן א פאַרקערטע

רעזאָלוציע אויפֿן סמך פֿון אַן אויסגעשפּראָכענעם פֿאָרשלאָג". דעריבער, איז שווייגן די טייטש־הסכמה. אין די פֿריערדיקע קאָנגרעסן האָבן מיר געהאַט דעם שייגעם מנהג פֿון „אבסאָלוטאָריום", אָבער צוריק מיט 2 קאָנגרעסן איז דער מנהג בטל געוואָרן צוליב טעמים פֿון פּאַרזיכטיקייט. עס איז מעגלעך אַז אייניקע זאָלן וועלן האָבן די דאָזיקע „דעשאַרזש", אָבער עס זענען פֿאַראַן מענטשן וועלכע ווילן איר נישט. מען דאַרף קלאָר מאַכן, אויב מיר ווילן „דעשאַרזש" אָדער נישט. איר האָט דאָ געהערט אַ פּאָליטישן באַריכט, וועלכער האָט קלאָר געמאַכט אַ באַשטימטן שטאַנדפּונקט בנוגע צוויי ענינים: דער ציל און דער מאַקדאָנאַלד־בריוו אַלס „באַזע". אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿאַרפּליכטעט זיך נישט נאָר מיט די ווערטער וואָס זי זאָגט, נייערט אויך מיט איר שווייגן. אייער שווייגן וועט זאָגן, אַז איר זענט מסכים צום שטאַנדפּונקט פֿונעם באַריכט און באַשטעטיקט די מעשים וועלכע האָבן פֿון אים געשטאַמט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. און אויך דאָ דאַרפֿן מיר מכריע זיין קלאָר. עס איז נישט פֿיין, אויב ווען די אַלגעמיינע דעבאַטע וועט פֿאַרענדיקט ווערן וועלן מיר זיך אַרויסמאַכן פֿון אַן אַנטשיידונג און מיר וועלן זיך באַנוצן מיט קליינלעכע מיטלען, ווי איבערצושיקן דעם ענין צו אַ קאָמיסיע א. א. וו. אַמאָל איז געווען דער „אבסאָלוטאָריום", און איצט דאַרף קומען אויף זיין אָרט אַ מאָטיווירטע אָפּשטימונג. איך פֿאָדער אויף דעם קאָנגרעס, וואָס זיינע ביידע פֿליגלען, באַשטייען פֿון ווירדיקע מענטשן, אַז ער זאָל האָבן דעם מוט אויסצודריקן אָפֿן זיין מיינונג. איינמאָל איז דער קאָנגרעס פֿאַרפּליכטעט צו זאָגן: די דאָזיקע רעדעס, דער דאָזיקער באַריכט, די דאָזיקע גאַנצע טראַדיציע פֿון מעשים — באַשטעטיקן מיר זיי אָדער נישט? וועלן מיר ווייטער גייען אויף די אַלטע וועגן אָדער ווילן מיר מאַכן ענדערונגען?

איך ענדיק שוין. איך דאַרף אייך בלויז איבערלייענען אַ קורצן „אני מאמין", אַן אָפּטימיסטישן „אני מאמין". מיר זענען אַלע טיף דערשיטערט פֿון דער אויפֿפֿירונג פֿון ענגלאַנד. אויך איך בין טיף דערשיטערט, ווייל איך ווייס, אַז אויך איך האָב בייגעטראָגן מיין חלק צו פֿאַרבינדן די יידישע פּאָליטיק מיט דער ענגלישער פּאָליטיק. און אָפֿטמאָל האָב איך מיך געפֿרעגט: האָב איך דען דעמאָלט געזאָגט ליגן דעם יידישן פֿאָלק?

יעדער מענטש קען מאַכן אַ טעות, אָבער יעדער מענטש קען זיך אויך פרעגן: ביסטו געווען אַ נאַר אָדער נישט? און אויב איך וועל אַמאָל קו־מען צום באַוווסטזיין אַז מיר וועלן מער נישט קענען גייען מיט ענגלאַנד, וועל איך דאָס אָפן דערקלערן. איך האָב נישט קיין צייט און גענוג שאַרפע ווערטער, אויסצודריקן מיין צאָרן קעגן דער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל און אויך קעגן דער ענגלישער רעגירונג אין לאָנדאָן. קיינער פון אונדזער איז נישט צופרידן, קיינער פון אונדז וועט נישט זאָגן: England plays the game (ענגלאַנד שפּילט אָרנטלעך) אָבער מיר שטייען דאָך פאַר דער הויפּט־פראַגע: ווי אַזוי זענען מיר געקומען דערצו? עס איז אויך אין דער פּאָליטיק פאַראַן אַ גלייכגעוויכט. אין אונדזער פּאָ־ליטיק איז איין זייט פון דעם גלייכגעוויכט ענגלאַנד, דער געוויסן פון ענגלאַנד, די אינטערעסן פון ענגלאַנד. אָבער די צווייטע זייט איז אונ־דזער פּאָליטיק, און פון איר ריכטונג איז אָפּהענגיק די ריכטונג פונעם „געוויכט", און פאַרוואָס האָט אונדזער „געוויכט" אַזאַ ריכטונג? איינס פון די ביידע: אָדער דאָס איז די גזירה פונעם גורל, און עס וואָלט דערצו געקומען ווען מיר זאָלן אויך געווען זיך האַלטן ביי אַ בעסערער שיטה, און ווען מיר זאָלן געווען האָבן אַ בעסערע לייטונג, און קיין זאַך וואָלט אונדז נישט געווען געהאָלפן, ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער גורל און אַזוי האָבן געוואָלט די אָביעקטיווע פּאַקטאָרן אין דער וועלט. ווען דאָס זאָל זיין אמת, אַז די בעסטע סיסטעמען קענען גאָרנישט העלפן, איז דאָך גימאָ קיין האָפענונג. אָבער אויב מען קען זאָגן, אַז אויך אין דער קאָניונקטור וואָלט דער רעזולטאַט געקענט זיין אַ בעסערער, ווען מיר זאָלן האָבן אַ בעסערע שיטה, דאַן איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג. אָפּטימיסטן זענען די צווישן אונדז וועלכע זאָגן: אונדזער פּאָליטיק איז שולדיק, זי האָט איינגעפּלאַנצט אינעם האַרצן פונעם ענגלישן פּאָלק דורך אומצאָ־ליקע רעדעס דעם גלויבן, אַז דער פּאָליטישער מצב איז צופרידנשטעלנד. איצט ווילן מיר צוגרייטן דעם נייעם און אַנטיגילטיקן אַנאַ־ליז, אָבער דורך נייע שיטות. איך דענק אַז כ'מעג זאָגן, פּיליכט אינעם נאָמען פונעם גאַנצן קאָנגרעס, אַז די יידישע שטעלונג לגבי די דאָזיקע פראַגן איז אַבסאָלוט אָפּטימיסטיש און מען קען איר נישט דערשיטערן.

איידער דער ייד וועט זאָגן צו זיך אַליין, אַז אַלע אינטערעסן אין דער וועלט זענען געצילט קעגן אונדז, אַז איינס פון די גרעסטע קולטור-פעלקער האָט נישט קיין יושר, אַז גאָט האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן רוקן, — איידער דאָס איז געזאָגט געוואָרן, איז אַ יושר אַז מיר זאָלן זאָגן: „אשמתי, בגדתי", און מיר זאָלן ענדערן אונדזערע דרכים און אונ-דזער שיטה. ווען עס זאָל באמת קלאָר ווערן אַז דאָס ענגלישע פאָלק וועט נישט האַלטן זיין וואָרט, וואָלט דאָס איצט געווען אַן אומגליק. אָבער מיט אונדזער גאַנצן יידישן ווזזן זענען מיר איבערצייגט, אַז אויך אין אַזאַ פאַל איז נישט פאַרלאָרן אונדזער האָפענונג. מיר וואָלטן געפונען אַנדערע וועגן. אָבער די פראַגע שטייט נאָך נישט אַזוי. היינט דאַרפן מיר דורכפירן דעם נייעם עקספּערימענט — דעם אַנטגילטיקן — מיט ענגלאַנד, אָבער דאָס מאָל דורך בעסערע מעטאָדן. און מיט יענעם תמי-מותדיקן גלויבן, וואָס האָט געקלאַפּט אינעם הארץ פון די מענטשן, וועל-כע האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט פיל יאָרן צוריק אין באַזעלער קאַזינאָ, (דאָס פּלאַץ פונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס) און איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין יינגל, — מיט יענער תמימות גלויב איך אינעם יושר פון דער וועלט, אינעם כוח פון דער גערעכטיקייט; גלויב איך, אַז גרויסע פּראָב-לעמען ווערן אַנטשידן מיטן כוח פונעם מאָראַלישן דרוק, און אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ שטאַרקער פאַקטאָר פון מאָראַלישן דרוק. נעמט יאָ אָן מיינע ווערטער אָדער נישט — דאָס איז מיין גלויבן, אָט דאָס איז אונ-דזער גלויבן: „איך גלויב". (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, וועלכע באַגייען זיך אָן אויפהער).

דערקלערונג וועגן דעם 17-טן ציוניסטישן קאָנגרעס

אַ געשפּרעך מיט אַ קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוויעט"

וועגן די רעזולטאַטן פונעם 17־טן קאָנגרעס קאָן איך גאָרנישט זאָגן. נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט אָפּגעוואָרפן די פאָרמול פונעם יידנשטאַט און נאָכדעם ווי איך האָב צעריסן מיין דעלעגאַט־קאַרטע, בין איך מער נישט אריין אינעם זיצונגס־זאַל. דאָס וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען אויף דעם קאָנגרעס אינטערעסירט מיך נישט.

און איין זאך בין איך זיכער: די טאַקטיק פון די רעוויזיאָניסטן אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס איז געווען אַ פּעסטע, טאַקטישע און פּאַרגונפּטיקע. און איך מעג איר ליבן דוקא ווייל איך האָב אין איר נישט געהאַט קיין חלק. מיין פּערזענלעכע מיינונג איז געווען פריער און איז אויך איצט, פאָלגענדע: מיר האָבן מער נישט וואָס צו טון אויפן קאָנגרעס פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאָכשלעפּעניש פון דער נישט-ציוניסטישער „אגענץ". אָבער קוים זענען מיר געגאַנגען צו דעם קאָנגרעס, האָבן מיר דווקא אַזוי באַדאַרפט האַנדלען ווי מיר האָבן דאָרט געהאַנדלט.

און איצט, נאָך דער לעצטער פּרווו, האָט געשלאָגן די שעה אַז די רעוויזיאָניסטן זאָלן ענדלעך אַנטשיידן וואָס וועט ווייטער זיין: דאַרפן זיי אויך להבא אָנגיין מיט זייערע עקספּערימענטן אריינצובלאָזן לעבן אין דער אויסגעלײדיקטער „ציוניסטישער" אָרגאַניזאַציע, אָדער אַליין פאַר-וואַנדלט ווערן אין אַ נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך דאַרף אונ-טערשטרייכן, אַז אויך אין דער דאָזיקער פראַגע — אין די פּיל וויטאַלע פּונקטן אירע — זענען שוין די רעוויזיאָניסטישע מנהיגים געקומען צו אַ פולן הסכם. מיר זענען אַלע איינשטימיק, אַז די פּאָליטישע האַנדלונגען פוגעם ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן פאַרבאַנד דאַרפן זיך אַנטוויקלען אויף דער באַזע פון אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט. אַז די רעוויזיאָניסטן דאַרפן אַרויסטרעטן פון אַלע ציוניסטישע לאַנדס פעדעראַציעס און פון די לאָקאַלע אָפּטיילן. אַז די רעוויזיאָניסטן זענען נישט מחויב צו קויפן דעם שקל, אויב זיי ווילן נישט. און אַז די פראַגע פון אונדזער יאָ אָדער נישט באַטייליקן זיך אינעם קומענדן „ציוניסטישן" קאָנגרעס וועט פאַר-בלייבן אָפן און וועט אַנטשיידן ווערן דורך דעם פּאַרטיי-ראַט ערב דעם שקל-קאַמפּיין פון 1933, און אין אַנקלאַנג מיט דער קאָניונקטור וואָס וועט געשאַפן ווערן אין יענעם מאָמענט. עס איז בלויז פאַרבליבן איין וויכטי-קע פראַגע, אין וועלכער עס איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן קיין איינ-שטימיקייט: די פראַגע אויב צען פון אונדזערע דעלעגאַטן אינעם ציוניס-טישן אַקציאָנס-קאָמיטעט דאַרפן זיך באַטייליקן אין זיינע סעסיעס. און אויך די דאָזיקע פראַגע האָט לייכט געקענט געפינען איר לייזונג, (און

לויט מיין מיינונג, אויף א צופרידנשטעלנדן אופן), דורך דער אפשטי-מונג אויף דער זיצונג פון אונדזער בארעטונג נאכן קאנגרעס דאנערשטיק, דעם 16-טן יולי. אבער אזא קאטעגארישקייט פונעם באשלוס האט גע-קענט מאכן דעם איינדרוק אז עס איז דא פאראן עפעס א מין פערזענלע-כער דרוק פון מיין זייט — א דרוק אויף די דעלעגאטן, וועלכע זענען גע-ווען מיד נאך צוויי וואכן פון א שווערן קאנגרעס-קאמף. חוץ דעם, איז נישט די טראדיציע פון אונדזער רעוויזיאניסטישער פארטיי — צו אנ-משידן אין גרונט-פראגן לויט דער אפשטימונג און נישט איינשטימיק. צו-ליב אט דער סיבה האב איך פארגעשלאגן אפלייגן די דאזיקע פראגע ביז אונדזער פינפטן וועלט-קאנגרעס, וועלכער וועט זיך צוזאמענקומען אין דעצעמבער. דערווייל וועלן קענען אונדזערע צען דעלגאטן פון דער עקזע-קוטיווע, אויב זיי וועלן דאס וועלן, זיך באטייליקן אין זיינע סעסיעס, — און איך, וואס וויל נישט אפילו במשך פון 5 חדשים טראגן די אחריות פאר קיין שותפות פון רעוויזיאניסטן מיט אנשטאלטן פון דער „ציוניס-טישער" ארגאניזאציע, איך וועל דערווייל דעמיטירן, באזונדערס ווייל איך האב באמת נויטיק רו.

אונדזער עקזעקוטיווע, אין וועלכן דער ראט האט אויך אריינגענומען ה' ר. שטריקער, געניסט פון דעם אלגעמיינעם צוטרוי פון אלע רעוויזיא-ניסטן, און צווישן זיי אויך פון מיין צוטרוי. אין אים גייען אריין דעלע-גאטן פוןביידע טענדענצן, און ער וועט אכטונג געבן אויף אבסאלוטער ניטראליטעט. קיין „קריג" קומט נישט פאר אין דעם פארבאנד פון ציו-ניסטן-רעוויזיאניסטן: עס איז נאר פאראן א דיסקוסיע וועגן דער פראגע, אוועלכער פון די ביידע דרכים וועט פירן מיט מער זיכערקייט צו דער פאר-רייניקונג פון אלע ציוניסטן הערצליאנער. און איך בין זיכער אז דער דא-זיקער וויכוח וועט זיך ווידעראמאל פארענדיקן איינשטימיק.

אויף אן אינדיווידועלן אופן האב איך פאר מיר באהאלטן, פאר-שטייט זיך, דאס רעכט צו פארטיידיקן ביז דעם קאנגרעס פון דעצעמבער, און אויף דעם קאנגרעס גופא מיין מיינונג, און אט די איז מיין מיינונג:

אזוי ווי עס זענען פאראן רעוויזיאניסטן, וואס ס'טוט זיי ווי דאס הארץ איבערצורייסן אין דעם מאמענט אלע קנופן מיט דער אלטער ציו-

ניסטישער אָרגאניזאציע, בין איך נישט דאקעגן, אז עס זאָלן פאר־בלייבן קנופּן ריין סימוואָלישע. למשל: איך וועל זיך נישט ארויסזאָגן קעגן דעם פּאָרשלאג, אז מיר זאָלן, צום ביישפּיל, שיקן צען דעלעגאטן צו די קאָנגרעסן אָדער צוויי דעלעגאטן צו די זיצונגען פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אלס „בעאָבאכטער". אָבער איך וועל קעמפן אָן קאָמ־פּראָמיסן קעגן יעטוועדער פאָרעם פון ממשותדיקער שותפות פון אונדזער זייט (און זאָל דאָס זיין אין דער פאָרעם פון אַן „אָפּאָזיציע") מיט דער „ציוניסטישער" אָרגאניזאציע וועלכע איז פארעלטערט געוואָרן, און איז פאַראורטיילט געוואָרן — צוליב איר אייגענער שולד — זיך קייקלען באַרג אַראָפּ צו אָנמאכט און ווערטלאָזיקייט. די איינציקע יורשטע פון יענער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע עס האָט געוואָלט אויפשטעלן הערצל, איז דער פארבאנד ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן. דאָס דאָזיקע אָרט דאַרף ער איצט באַוווסטזיניק פאַרנעמען, און יעדער וואָס וויל פאָרזעצן הערצלס ווערק וועט זיך דאַרפן גרופּירן אַרום אים.

אַ פּעטיציע אין גלות, קעגנערשאַפט אין ארץ ישראל

אַ רעדע געהאַלטן אויף דעם פינפטן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פונעם פאַרבאַנד פון ציוניסטן רעוויזיאָניסטן.

ווין, אויגוסט־סעפּטעמבער 1932: — עטלעכע חדשים פאַר דעם פינפטן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט די פירער פון דער באַוועגונג אין דער האַפּנשטאָט קאַלע, אין פראַנקרייך און זענען געקומען צו אַ הסכם וועגן אַ פשרה אין דער פראַגע פון פּאָליטישער אָפּהענגיקייט פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי און אירע באַציאונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לויט דעם דאָזיקן הסכם וועט די ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי זיין אַ זעלבס־שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע חברים מעגן יאָ אָדער נישט קויפן דעם שקל; אָבער פון דער צווייטער זייט, וועט פאַררעכנט ווערן די אַק־טיוויטעט פון רעוויזיאָניסטישע שקל־קויפער אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אַלס אומאָפּטיילבאַרע טייל פונעם לעבן פון דער באַוועגונג און פון די מיטלען וואָס וועלן פאַר איר געגעבן ווערן פון איר קאַסע. די רעוויזיאָניסטן וועלכע קויפן אַ שקל וועלן טון זייער אַרבעט אין דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון די שקל־קויפער וואָס אין דער פאַרוואַלטונג פונעם אַלוועלטלעכן ציוניסטיש־רעוויזיאָניס־טישן פאַרבאַנד.

דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין ווין, אין אויגוסט פון 1932, איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דער קאַלע־הסכם פאַר אַן אַנטגילטיקער באַשטעטיקונג. אָבער דאָ איז אַנטשטאַנען די פראַ־גע פון „פּרימאַט": אויב עס וועט קומען צו אַ ווידערשפּרוך צווישן דער דיסציפּלין פונעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן און צווישן דער דיסציפּלין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — טאָ ווי

אזוי וועלן זיך נוהג זיין די רעוויזיאָניסטן שקל-קויפער? זשאבאָטינסקי האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל קלאָר פעסטגעשטעלט ווערן, אַז „פרימאַט" דאַרף געגעבן ווערן די רעוויזיאָניסטן; זיינע קעגנער, און אָן זייער שפּיץ גראָסמאַן און שטריקער, האָבן זיך קעגנגעשטעלט זיין פאָדערונג, טאָמער וועט דאָס נאָכשלעפּן מיט זיך דאָס אַרויסטרעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוליב פאַרמאַלע טעמים. די דיסקוסיעס אין דער פראַגע זענען געווען זייער שאַרפע, באַזונדערס אין די קאָמיסיעס, און אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָט אויך אויסגעזען, אַז זשאַבאָטינסקי וועט צוזאַמענשטעלן איינגאַנצן אַ נייע עקזעקוטיווע, אָן די שקל-דעלעגאַטן. אָבער צום סוף איז דערגרייכט געוואָרן אַ פּשרה, עטוואָס אַ פאַרנעפּלטע (וועלכע ווערט דערמאָנט אין זשאַבאָטינסקיס ענטפער אויף אַ וויכוח), וואָס יעדער איינער פון די צדדים האָט אים אינטערפּרעטירט לויט זיין ווילן. אין דעם דאָזיקן וויכוח איז געקומען צום אויסדרוק די קעגנערשאַפט וואָס האָט געפירט די באַוועגונג צו אַ שפּאַלטונג אין קאַטאָוויץ, אין מערץ 1933, ווען גראָסמאַן און זיינע חברים האָבן זיך אָפּגעטיילט פון זשאַבאָטינסקין און האָבן ענדלעך געשאַפן די יידנשטאַטס-פּאַרטיי.

די דערעפענונגס-רעדע

דער ציוניזם איז שוין אַן ערנסטער ענין, אָבער אין די לעצטע הונדערט יאָר זענען ביי יידן געבוירן געוואָרן אויך אַנדערע חלומות, געוואַגטע חלומות וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן אין די הימלען, האָבן געשטרעבט צו פאַרבעסערן דעם מצב פונעם יידישן פאָלק אין גלות און לייזן די יידנפראַגע אויסער די גרעניצן פונעם ציוניזם. דער מצב פונעם יידישן פאָלק אין אונדזער צייט איז דער חורבן פון די דאָזיקע חלומות. אַ חורבן אויפן עקאָנאָמישן געביט, אין דער פּאָליטיק און אין דער קולטור — אָט אַזאַ איז דאָס בילד פונעם מצב פון אונדזער פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. און יעדער ייד, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער זאָל נישט געהערן, איז שוין מודה אין דעם חורבן.

דער קריזיס האָט צוטרייסלט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער

גאַנצער וועלט, פון די יידן אַזוי גוט ווי פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. אָבער עס איז פאַראַן אַזאַ אונטערשיד צווישן דעם עקאָנאָמישן חורבן פונעם יידישן פאָלק און דער עקאָנאָמישער אויפטרייסלונג ביי די גויים — ווי דער אונטערשיד צווישן אַ הויז וואָס איז אונטערגעגראָבן געוואָרן און אַ קאָרטן שטיבל וואָס איז איינגעפאַלן.

און די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין אַלע לענדער — עס איז נישטאָ קיין בעסערער מעטאָד איר צו דעפינירן ווי צו אַנאַליזירן: ווי אַזוי באַגרייפט זיינע גלייכע רעכט דער ייד אַליין? היינט צו טאָג לעבט דער ייד אין דעם פוילן באַוווסטזיין, אַז ס'איז בעסער ער זאָל נישט נע-מען זיינע גלייכע רעכט מיט איבעריקן ערנסט.

און אין אַ מער בולטער פאָרם האָט זיך אַנטפּלעקט דער חורבן דווקא אויפן געביט פון קולטור. אָט איז געווען ביי יידן אַן אַסימילאַציע-באַוועגונג, אַ ערנסטע און גרויסע באַוועגונג, פון אַריבער הונדערט יאָר, אַ באַוועגונג וואָס האָט באַשאַפן אַזוי פיל און גלענצנדע זאַכן, סיי פאַרן יידנטום און סיי פאַר די גויים, גרויסע און וויכטיקע ווערטן, אומשטערבלעכע ווערטן. די דאָזיקע אַסימילאַציע האָט ווי עדות געזאָגט אַז דעם יידנטום איז געלונגען זיך צוזאַמענגיסן מיט דער ארומיקער קולטור; אַז אָט זענען אויסגעקריצט אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער פרעמדער קולטור יידישע נעמען אויף אַ בכבודיקן אָרט. עס איז פאַראַן אַ גאַנצע געשיכטע פון יידן וואָס זענען אַסימילירט געוואָרן אין דעם הערשנדן פאָלק אַבסאָלוט גייסטיק, נישט נאָר אויסערלעך, נייערט אויף אַן אמת און אויפריכטיק, אַזוי אַז עס איז נישט געבליבן אין זייער נשמה קיין פונק פון אַנדערן ענטוזיאַזם — אויסער דעם נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם פונעם הערשנדן פאָלק. און אויף דער דאָזיקער איבערגעגעבנקייט, אויף די דאָזיקע לאַנג-דויערנדע און ווערטפולע לייסטונגען, האָט דאָס הערשנדע פאָלק געענטפערט מיט דעמאָנסטראַציעס, אַז דער דאָזיקער טייל פונעם יידישן פאָלק איז נישט געלונגען זיך צוזאַמענגיסן מיטן הער-שנדן פאָלק און זיך צו אַסימילירן פולשטענדיק פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל. און דאָס הערשנדע פאָלק פילט, אַז אויך נאָך 125 יאָר פון דייטשער אַסימילאַציע זענען געווען און עס זענען פאַר-

בליבן יידן ווי א פרעמדער גוף אין אים. דאָס איז דער דורכפאַל פון א גוואַלדיקן עקספּערימענט צו לייזן די יידישע פּראָבלעם אויסער די גרעניצן פונעם ציוניזם, אַן עקספּערימענט אין וועלכן עס זענען אריינגעלייגט געוואָרן פיל כוחות. און דער דאָזיקער מצב חזרט זיך איבער אומעטום, אין אַלע עקן פון דער ציוויליזירטער וועלט. יעדער איינער וואָס האָט אויגן אין קאָפּ, אַן אונטערשיד פון פּאַרטיי, איז אים קלאָר, אַז אַלע י ע נ ע עקספּערימענטן צו לייזן די יידנפראַגע זענען אבסאָלוט דורכגעפאַלן. דער אויסדרוק „וואַנדערנדער ייד" האָט אין אונדזער צייט אויפסניי באַקומען אַ ממשותדיקן אינהאַלט, און די צעשפּרייטע יידן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקער מחנה, וואָס איז געצוווּנגען אויסצוואַנדערן. אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן עטלעכע מיליאָנען זיין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די אומגליקלעכע צענטערס, און זיי וועלן עמיגרירן צו שאַפן דעם יידנשטאַט אין ארץ ישראל.

און צוזאַמען מיט דער צעשטערונג פון די געמאַ־פּלענער צו לייזן די יידנפראַגע זענען פאַר אונדזערע אויגן חרוב געוואָרן יענע טיילן פונעם ציוניזם, וואָס אויך זייערע שרשים וואָרצלען זיך אינעם געטאָ: די פּרווון אויפצושטעלן „אַ גייסטיקן צענטער" — דער חלום פון אַ גן-עדן וואָס איז איינגאַנצן „גייסט", די פּרווו אויפצושטעלן אַ צוויי-נאַציאָנאַלן שטאַט, אין וועלכן די יידן וועלן קיינמאָל נישט קענען גרייכן צו זייער פולער אַנטוויקלונג. אַלע פאַרשטייען אַז די פאַקטן האָבן אָפּגערייניקט אַלע די דאָזיקע פאַרקריפּלונגען פונעם ציוניסטישן געדאַנק. און דווקא אַלס רעוויזיאָניסט דאַרף איך אייך זאָגן, אַז דיווירקלעכקייט האָט ארויסגעשפּאַרט אויך פון די גרעניצן פונעם געדאַנק פונעם יידנשטאַט אין זיין רוּאיקן באַנעם. מיר האָבן געדענקט אַז דער יידנשטאַט וועט פאַר אונדז בלויז זיין אַן אָנהייב צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם. אָבער אויך דאָס איז פאַרבליבן הינטער אונדז. איין מיליאָן יידן איז גענוג צו שאַפן היינט אַ רוב אין ארץ ישראל. אָבער איין מיליאָן האָט נאָך נישט קיין כוח צו לייזן די יידנפראַגע. ווייל היינט האָבן נויטיק שנעל צו עמיגרירן פיל גרעסערע מאַסן.

קעגן אָט דער טראַגישער אַנטוישונג פונעם גלות וואָס ליגט איצט

פאר אונדז מיט זיין גאנצער נאקעטקייט, איז אונדז נישט פארבליבן מער ווי איין וועג, א רעאליסטישער און וואס פארדינט די אנשטרענגונג: א קאנצענטרירטע מאסן-אימיגראציע אינעם לאנד אריין — קיין ארץ ישראל פוןביידע זייטן ירדן אלס יידנשטאט. איבעראנייס איז פאר אונדז געווארן דער ציוניזם דאס וואס ער איז געווען אין די צייטן פון הערצלען — נישט נאר נאציאנאלע אויפלעבונג, נישט נאר א באוועגונג צו לייזן די גייסטיקע פראבלעמען פון דער אומה, נייערט אויך א מענטשלעכער רעטונגס-געדאנק פאר ריזיקע מאסן מענטשן, א כמעט משיחישער געדאנק אין דעם איינפאכסטן זין פון די דאזיקע ווערטער.

אבער אין די לעצטע יארן האט דער ציוניזם זיך אנגעטראפן אז אן אומדערווארטעטער שטערונג. יעדער וואס באזוכט ארץ ישראל איילנדיק וועט נישט לייכט אנטדעקן די דאזיקע שטערונג. דעם פרילינג האבן באזוכט דאס לאנד הונדערטער טוריסטן און זיי האבן זיך אומגעקערט פון דארטן פול מיט ענטוזיאזם, און זייער ענטוזיאזם איז באַרעכטיקט. ווער ס'איז דארט געווען מיט צוויי יאר צוריק און האט היינט געמאכט א נייעם באזוך, האט נישט דערקענט דאס לאנד, — אזויפיל האט זיך פארמערט דער פראגרעס אינעם ישוב. און מיר דארפן קיינמאל נישט פארגעסן, אז דער דאזיקער פארשריט פונעם יידישן ישוב אינעם לאנד איז א זעלטענע דערשיינונג, דאס איז אן אנטפלעקונג פון יידישער אנשטרענגונג, א זאך וואס זיינס גלייכן איז נאך קיינמאל אין דער וועלט נישט געשען. אפילו די ענגלענדער זענען מודה, אז דאס איז די גרעסטע קאלאניזאציע-דערגרייכונג אין אונדזער צייט, א ווערק וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע, ווייל קיין פאלק האט נישט געטראפן דאס וואס עס האט געשאפן דער יידישער חלוץ אין ארץ ישראל — אויב מיר וועלן נעמען אין באטראכט דעם מאסשטאב פונעם לאנד, די קורצע צייט און דאס פעלן פון דער רעגירונגס-שטיצע, וועלכע האט שטענדיק געהאלפן די אנדערע פעלקער וואס האבן זיך קאלאניזירט.

אבער דער ווונדערלעכער אויפבלי פונעם ישוב האט גארנישט צו טאן מיטן פראגרעס פונעם ציוניזם. דער פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג אינעם לאנד אין פארגלייך מיט דער אראבישער באפעל-

קערונג ווא קסט נישט אין דער נייטיקער פראפארץ, אז די מאַכט זאָל קענען אריבער צו די אימיגראנטן. אין 1926 איז דער פראָ־צענט יידן אין ארץ ישראל געווען גרעסער ווי אין 1931. דער צוזוקס פון די נישט־יידן איז געווען שנעלער פון אונדזער צוזוקס דורך אימי־גראציע.

דער פאַרשריט פונעם ציוניזם, דאָס הייסט די פאַרוואַנדלונג פון ארץ ישראל אין אַ לאַנד מיט אַ יידישער מאַיאָריטעט, האָט זיך אָנגע־שלאָגן אין אַ שטערונג; און די שטערונג איז געווען — די פּאָליטיק פון דער מאַנדאַטן־מאַכט. הייגט קענען מיר רעדן וועגן דעם אַלעמען אָן שום פיינטשאַפט. צו וואָס פיינטשאַפט, רוגז, פאַרביטערונג? מיר קענען באַטראַכטן זאַכן רואיק און לאָגיש. מיר, רעוויזיאָניסטן, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז שולדיק אַמטייסטן אין דעם דאָזיקן רעזולטאַט פון אונדזער שותפות מיט ענגלאַנד איז די שלעכטע יידישע פּאָליטיק. מיר האָבן שטענדיק דאָס געזאָגט, און מיר זאָגן דאָס אויך היינט: ווען מען זאָל געווען פון אָנהייב געווען אָנגעמען די נייטיקע מיט־לען, ווען מען זאָל נישט געווען דערלאָזן אַז דער שלעכטער מצב זאָל זיך דערקייקלען און פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ צופאַל אין אַ שיטה, ווען מען זאָל נישט געווען לאָזן די גיפטיקע פלאַנצן זאָלן שלאָגן וואָרצלען, ביז ס'איז געקומען איין פאַרטיי, און נאָכדעם אַ גאַנצע אַדמיניסטראַציע, און נאָכדעם איין רעגירונג און אַ צווייטע רעגירונג, און זיי האָבן פאַרוואַנדלט די שלעכטע שיטה, די שטענדיקע שטערונג צו פאַרווירקלעכן דעם מאַנ־דאַט, אין אַ געוווינהייט וואָס קען נישט אויסגעוואָרצלט ווערן — ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר נישט דערגרייכט צו דעם מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך היינט. אונדזערע פאַרטיידיקער דאַרפן אויפהייבן זייער שטים און באַשולדיקן די רעגירונג פאַרוואָס זי שטעלט זיך קעגן דעם מאַנדאַט. ווען זיי וואָלטן דאָס געטאָן, וואָלט אונדזער לאַנד היינט גע־האַט אינגאַנצן אַן אַנדער צורה.

מיר האָבן שטענדיק געוואָרנט קעגן שלעכטער פּאָליטיק. מיר האָבן געזאָגט, אַז אונדזער וואָגן קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ. אָבער אויב מען הערט זיך נישט צו צו די אַלע וואָרנונגען, קומט אַ מאָמענט, ווען מען

האָט שוין פאַרשפּעטיקט די צייט, און וואָרנונגען האָבן שוין קיין זין נישט. אַזוי איז געשען, צו אונדזער באַדויערן, מיט דעם פּאָליטישן וואָגן פון דעם אָפיציעלן ציוניזם. צווישן דעם זומער פון 1929 און דעם זומער פון 1931 — אין דעם צייט־אָפּשניט איז נאָך אפשר געווען מעגלעך אָפּ-קירעווען דעם וואָגן אויף עטלעכע מעטער ווייטער פון דעם באַרג-אָפּהאַנג. דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעלאָזט די דאָזיקע געלעגנהייט. און היינט שטייען מיר פאַר אַן אַבסאָלוט אַנדער'ן מצב.

אין דעם צייט־אָפּשניט האָט, לויט אונדזער מיינונג, געשלאָגן די שעה ווען אַלע לייטנדע קרייזן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט האָבן פאַר־שטאַנען צום ערשטן מאָל, אַז אין ארץ ישראל קומען פאָר זאַכן וועלכע זענען אין ווידערשפּרוך מיט די התחייבותן פון ענגלאַנד, און אַז זיי זע-נען אַן אומרעכט לגבי דעם יידישן פאָלק. די פּאָליטישע שטימונג אין די אַנטשיידנדע קרייזן פון ענגלאַנד האָט זיך דאַן געפונען אויפן שייד־וועג. און דעם יידישן פאָלק איז דאַן געגעבן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו פאַסן גרויסע באַשלוסן, צו דעמאָנסטרירן זיין פּראָטעסט אין דער עפנט־לעכקייט און צו צווינגען די דאָזיקע מענטשן אַז זיי זאָלן באַשליסן: וועלכן פון די צוויי וועגן וועט אויסקלייבן די ענגלישע געזעלשאַפט? די דאָזיקע געלעגנהייט האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע-פּונקט אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

דער דאָזיקער קאָנגרעס און די טעג פאַר'ן קאָנגרעס זענען געווען די לעצטע שעה וואָס איז נאָך געגעבן געוואָרן דעם יידישן פאָלק צו ווייזן דער ענגלישער אומה, וואָס עס וואַרפט אָפּ און וואָס עס פאָדערט — דורך דעם וואָס עס וועט אויסדרוקן זיין ווילן אָדער ווידערווילן, דורך אַנטפּלעקן זיין פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע באַציאונג.

אָבער דער דאָזיקער שריט, די דאָזיקע פאָדערונג — זענען נישט געמאַכט געוואָרן. און איבעראַניים האָט אין ענגלאַנד אָנגעהויבן הערשן די באַרויקנדע מיינונג: „אמת, די דאָזיקע מענטשן זענען נישט צופרידן מיט אַביסל, אָבער מען קען דאָס אַזוי פאַרזעצן; דער צאָרן איז נישט אַזוי גרויס ווי מיר האָבן געמיינט".

און זינט דאַן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין דעם געוויסן פּונעם

ענגלישן פאלק דער באקוועמער גלויבן, אז די התחייבות פון דער ענגלי-שער רעגירונג איז א דאפלטע: די פליכט נישט צו באזעצן יידן אין ארץ ישראל, און די פליכט צו פארבעסערן די לאגע פון די נישט-יידן. עס איז געשאפן געווארן די „תורה" וועגן גלייכגעוויכט, און אויף יעדן שריט און טריט קען א נישט-ייד, אדער עמיץ אינעם נאמען פון די נישט-יידן, אויפהייבן זיין שטים און פראטעסטירן. דאס איז דער מצב היינט.

אזא קאנצעפט איז נישט ריכטיק. עס איז נישטא קיין געזעץ, וואס זאל נישט האבן באשרענקונגען, אבער נאך קיינמאל האט קיין מענטש נישט געוואגט צו טענהן, אז די באשרענקונגען זענען אזוי וויכטיק ווי דער געזעץ גופא. דאס ווייסן מיר. דאס ווייסן אויך אלע לייטנדע קרייזן אין ענגלאנד. די ארץ ישראל-פראבלעם האט געשלאגן טיפעווארצלען אין דעם געוויסן פונעם ענגלישן פאלק. און מאדנע, וואס די באלפור-דעקלאראציע שליסט אין זיך איין אויך איר היפוך; אז די יידישע אנט-וויקלונג אין ארץ ישראל זאל אנגיין אין באדינגונגען וועלכע האבן נישט קיין שמץ ענלעכקייט צו אן אויפבוי פון א יידישער נאציאנאלער היים, צו דער לייזונג פון דער יידנפראגע, צו דער גאנצער פראגע. און ווי איז מעגלעך צו פארגלייכן דעם גורל פון א באשטימטן שיכט פון דער באַ-פעלקערונג צו דער טראגעדיע פון א גאנץ פאלק, — ווי מען איז זיך נוהג צו טאן לגבי די אראבער? די אראבער האבן דאך פאר 40 מיליאן נפשות א שטח די גרויס ווי א העלפט אייראפע, און דאס לאנד פון 15 מיליאן יידישע נפשות איז דאך נישט גרעסער פון א 200-טייל פון דעם אראבישן שטח!

אבער אין די ברייטערע שיכטן פון די לייטנדע קרייזן אין ענגלאנד האט זיך געשאפן די מיינונג, אז די באלפור-דעקלאראציע האט זיי גע-געבן אויטאריטעט צו ארגאניזירן די אנטוויקלונג פון ארץ ישראל לויט אנטי-יידישע פרינציפן. און מיר דארפן מאכן די אויספירן פון אט דעם פאקט.

די ענגלישע פאליטיק אין ארץ ישראל האט זיך אויך פ ר א ק-ט י ש פארפלאנטערט. ביז מיט צוויי יאר צוריק איז די דאזיקע פא-ליטיק געווען געצילט צו שטערן אונדזער ארבעט. אבער במשך פון די

לעצטע אנדערטהאלבן יאָר איז אונדז קלאָר געוואָרן, אז די בריטישע פּאָ־ליטיק אין מזרח, און באַזונדערס אין ארץ ישראל, הייבט אָן כּסדר בּאַשטימטע אנטי־יידישע באַוועגונגען, וועלכע זענען אויך אַנטי־אייראָ־פּעישע באַוועגונגען. זי אָרגאַניזירט אנטי־קולטור כּוחות, העצט זיי — פּיליכט אומבאַוואוסטזיניק — קעגן אונדז. שוין לאַנג האָבן זיך פאַר־שפּרייט איבערן מזרח ידיעות וועגן דער דאָזיקער פּאָליטיק. אין יענעם מזרח־מארק וואָס נעמט אַרום מיליאָנען און פאַרשפּרייט זיך פון קאַיר ביז בצרה, פון מויל צו אויער די בשורה, די נייס, די סענסאַציע: „האָסטו געהערט, אחמעד, אז היינט שטייט הינטערן איסלאַם די שטאַרקסטע און קולטורעלסטע פון אַלע אייראָפּעישע אומות?" אז הינטער די קורדן, וועלכע האָבן רעבעלירט קעגן די רעפאָרמען פון קעמאַל פּאַשאַ, אז הינ־טער דער מלחמה פון די דרוזן קעגן דער מאַכט פון פראַנקרייך, הינטער דער רעוואָלוציע אין אַפגאַן — הינטער די אַלע שטיין דערוויש, וועלכע זוכן צו צעשטערן די גאַנצע אייראָפּעישע קולטור? — וועגן דעם שעפּטשעט מען זיך שוין פון לאַנג אין אַלע ווינקלען פונעם מארק.

די דאָזיקע ווערטער ווערן אריינגעשעפּטשעט פון מויל צו אויער. אויף אַ קול רעדט מען וועגן דעם מוסולמאַנער קאָנגרעס. מיר אַלע ווייסן, אז ער איז נישט קיין געהויבענער, אז עס האָבן אויף אים געפעלט די אַממייַנסטן אויטאָריזירטע קרייזן אינעם איסלאַם. אָבער, לאָמיר נישט פאַרגעסן: ס'איז נישט וויכטיק, דאָס וואָס מיר ווייסן דאָ, אין דעם זאַל. און נישט דאָס וואָס עס איז באַוווסט איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע. עס איז וויכטיק דעם רושם וואָס עס האָט זיך געשאַפן ביי די מיליאָנען אין יענעם קאָלאָסאַלן מארק צווישן קאַיר און בצרה. און די אחמעדן ווייסן גאָרנישט וועגן דער סטאַטיסטיק פון דער רעפּרע־זענטאַנץ. זיי ווייסן נישט וואָס איז דאָרט געשען, אין ירושלים — זיי ווייסן בלויז דאָס: עס איז פאַראַן אַ פּאַן־מוסולמאַנישע באַוועגונג וואָס אָרגאַניזירט זיך קעגן אייראָפּע און קעגן די צווייגן פון אייראָפּע, קעגן די יידן אין ארץ ישראל. וויפל גרויסע שטעט זענען היינט פאַראַן אין דער וועלט וועלכע פירן זיך לויט דער ריינקייט פונעם איסלאַם? עס זענען דאָ דמשק, קאַיר און מעקאַ. אָבער נישט דמשק, נישט

קאַיר, נישט מעקאַ; ניין — עמיין האָט געגעבן דאָס רעכט דווקא אויס־צוקלויבן ירושלים, כדי אויסצושרייען די דאָזיקע לאָזונגען. און איבעראַניים טראָגט זיך דורך דער געמורמל אין מארק: „אהא, איצט פאַרשטייען מיר!".

און ס'איז נישט וויכטיק, אויב די מענטשן אין לאָנדאָן האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געטאָן באַוווסטזיניק אָדער נישט מער ווי לייכטזיניק. ווען מיר האָבן דעפינירט די דאָזיקע אַקטיוויטעט אַלס „אומפאַראַנטוואָרט־לעך העצן", האָבן מיר דאָס געזאָגט נישט ווי יידן וואָס גיסן אויס זייער ביטערן צאָרן, נייערט ווי זייטיקע בעאָבאַכטער, וועלכע פאָדערן פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל וויסן וואָס זי טוט. און פיליכט איז דאָס אויך אַ פריינטלעכער אַקט לגבי ענגלאַנד, ווען איך דערקלער דאָ אינעם נאָמען פון די רעוויזיאָניסטן, אַז די דאָזיקע פּראָוואָקאַציע אינעם מזרח איז בלויז באַגאַנגען געוואָרן לייכטזיניק און נישט אויס בייזוויליקייט.

דער דאָזיקער מצב, ווען מען מאָביליזירט קעגן אונדז גרויסע און זייער געפערלעכע כוחות, האָט נישט קיין שום קשר מיט דער פראַגע, אויב דער הויך־קאָמיסאַר אין לאַנד איז אַ ליבער און איידעלער האַר, אָדער נישט. אויב מיר וועלן האָבן צייט, וועלן מיר מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז אין דעם און דעם יאָר האָט געהערשט אין ארץ ישראל אַן איידעלער און אנגענעמער האַר. אָבער די פראַגע, אויב דער הויך־קאָמיסאַר וואָס זיצט אין ירושלים אין דעם און דעם יאָר איז אַן אַנגענעמער האַר אָדער נישט; און אפילו אויב ער טוט עפּעס אין די יידישע אינטערעסן — די דאָזיקע פראַגע איז אַבסאָלוט נישט אין פּראָ־פּאָרץ מיט דעם פּאָליטישן רעזשים, וואָס איז פיליכט געשאַפן געוואָרן תחילת פון לייכטזין, איז נאָכהער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוווינ־הייט, און האָט געבוירן דורך אַ טראַדיציע אַ באַשטימטע סיסטעם.

דאָס איז אַ פאַקט און מען קען אים נישט באַשטרייטן, ווייל די בריטישע אַדמיניסטראַציע איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער גרעס־טער שטערונג אויפן וועג פונעם ציוניזם. פון דעם דאָזיקן פאַקט קען מען ציען פאַרשידענע שלוסן. עס זענען פאַראַן צווישן אונדז — צווישן די יידן בכלל, און אויך צווישן די דעלעגאַטן פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס —

מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז די נאַטיר־לעכע אַנטוויקלונג, אין איר שטענדיקן דרוק, וועט ענדלעך פירן צו אַן אַבסאָלוטער רעוויזיע פון דער בריטישער פּאָליטיק, און עס וועט קומען די שעה, ווען די ענגלישע רעגירונג וועט זיך צופּאַסן צום גייסט פונעם מאַנדאַט. עס זענען אויך פאַראַן צווישן אונדז מענטשן וועלכע דענקען, אַז אונדזער בונד מיט ענגלאַנד האָט דערגרייכט זיין קאַטעגאָרישן סוף, און אַז מיר דאַרפן פון דעם ציען באַשטימטע שלוסן. אָבער מיט איין זאַך זענען מיר אַלע מסכים: מיט דער פעסטשטעלונג פונעם פאַקט, אַז די באַציאונגען צווישן דעם יידישן פאָלק און ענגלאַנד האָבן זיך אין די לעצטע צוויי יאָר גרינטלעך געענדערט.

די דאָזיקע באַציאונגען זענען הויפּטזעכלעך געווען געבויט אויף צו־טרוי. איצט איז דאָס דער היפּוך פון צוטרוי. איצט איז דאָס טיפער אומ־צוטרוי. דער דאָזיקער אומצוטרוי האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידן — אויך צווישן די וואָס טענהן, צוליב עפּעס אַ סיבה, אַז דער צוטרוי עקזיסטירט נאָך. אין דער יידישער נשמה היינט אַ טיפער אומ־צוטרוי, און דאָס ווערט פאַרקערפּערט — פּיליכט זעט מען דאָס נאָך נישט — אין דער ענדערונג וואָס קומט איצט פאָר אין דעם מ אָ ר אַ ל ן מ צ ב ארום ארץ ישראל.

מיר אַלע ווייסן ווי גרויס עס איז די וויכטיקייט פון מאָראַלישע און גייסטיקע פאַקטן; באַזונדערס לגבי ארץ ישראל. מיר אַלע ווייסן, אַז נאָך דער מלחמה איז איבערגעגעבן געוואָרן ענגלאַנד נישט קיין פּ אָ ל י־ט י ש ע ר מאַנדאַט אויף ארץ ישראל, נייערט אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע ר מאַנדאַט. דאָס רעכט אין שריפט איז נישט מער ווי די אָפּשיין פון דעם נישט געשריבענעם רעכט. די פּאָזיציע פון ענגלאַנד לגבי ארץ ישראל דאַרף מען נישט פאַרגלייכן מיט איר פּאָזיציע אין אַן אַנדער קאָלאָניאַל לאַנד. דאָס איז נישט סתם קיין מאַנדאַט, דאָס איז נישט סתם קיין מלוכה־אויפגאַבע, וועלכע מען קען פאַרהאַנדלען אין אַ פּאָליטישן עסק ווי אַ קראַנטנע מטבע. דאָס ווערט נישט געקויפט און עס ווערט נישט פאַר־קויפט. דאָס איז אַ ענין פון קדושה. אָט די איז די אמתע באַדייטונג פו־נעם מאַנדאַט. אויב עס זענען אַמאָל געווען פעלקער און לענדער, וועלכע

האָבן אַ חשק געהאַט צו ארץ ישראל, האָבן זיי זיך שוין אין האַרצן פון איר אָפּגעזאָגט. קלאָר, אַז פון דעם צד זענען שוין היינט נישטאָ קיין אַמביציעס, און דאָס פאַרמעגן איז שוין אַרויס פון די תחומים פון מסחר.

און דעם דאָזיקן מאָראַלישן מאַנדאַט האָט ענגלאַנד באַקומען פון אונדזערע הענט. מיר, יידן, וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און די וועלט וועלכע האָט זיך דאָס דערוווּסט פון אונדזער מויל וועט נאָך לערנען אַ לעקציע: יעדער מאַטעריאַלער מאַנדאַט ציט זיין כוח פון אַ מאָראַלישן מאַנדאַט. יעדער געשריבענער זכות האָט נישט קיין קראַפט, נייערט כל-זמן ער ציט יניקה פון דעם נישט געשריבענעם זכות. און איצט האָט ענגלאַנד אַנולירט דאָס דאָזיקע מאָראַלישע רעכט. אַוועלכע וועלן זיין די קאָנסעקווענצן? די דאָזיקע פראַגע וועט נישט קענען דעבאַטירן דער קאָנגרעס וואָס קומט זיך צונויף אין ווין אין דעם יאָר 1932.

די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך שטענדיק געווענדעט צום יידישן פאָלק מיט אַ רוף, אַז עס זאָל אויפשטיין און קעמפן קעגן דעם קאָלאָניזאַציע-רעזשים אינעם לאַנד. פון איצט אָן וועט, פאַרשטייט זיך, פאָרקומען אַן ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער מלחמה. ביז איצט איז דער שווערפונקט פון אונדזער קאַמף געליגן אין דעם אַפּיל צום געוויסן פון דעם ענגלישן פאָלק — אין נישט פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס געווענדעט צו אַנדערע פעלקער. איצט איז קלאָר, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ ענדערונג אין אונדזער פּאָזיציע. אונדזער פּראָטעסט וועט מער נישט זיין געווענדעט צו ענגלאַנד, נייערט צו פאַקטאָרן אויסער איר. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר געדענקט, אַז ס'איז נישט נויטיק צו מאַכן ענדערונגען אין דעם גרינטלעכן מצב; מיר האָבן געדענקט, אַז ס'איז גענוג אַז עס זאָל פאָרקומען אַן ענדערונג אין דער בריטישער פּאָליטיק, און ממילא וועט אין דעם זיין אַ גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט. היינט איז דער מצב נישט אַזוי, און קיין שום ייד וועט נישט קענען זאָגן, אַז מען דאַרף נישט ענדערן דעם עקזיסטירנדן רעזשים אינעם לאַנד. עפּעס איז איבערגעריסן געוואָרן אין די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און די יידן. דאָס איז נישט קיין פיינטשאַפט; די דאָזיקע

פארביטערונג איז נישט אזא וואס וועט אונדז מאכן פארגעסן די פופצן יאר שותפות מיט ענגלאנד; מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן, אז מיר האבן פראגרעסירט אין די דאזיקע פופצן יאר, און אז די ערשטע יארן נאך דער באלפור-דעקלאראציע זענען געווען זייער שיינע און וויכטיקע יארן. אבער עפעס האט זיך געענדערט אין דעם אביעקטיוון אופן.

ווען דער מאראלישער מאנדאט, ווען דער ענין וואס איז נעכטן געווען הייליק, איז היינט פארוואנדלט געווארן אין איינעם פון די 77 עסקים פון דער גאנצער וועלט, וועלכע ווערן אנגעפירט מיטן נאמען „קאלאניזאציע״ — איז אונדז קלאר, אז דער מצב האט זיך געענדערט נישט נאר צו אונדזער שלעכטס, נייערט אויך צום שלעכטס פון יענעם צד, וועלכער האט נישט פארשטאנען צו דערפילן זיין פארשפרעכן און האט נישט געוווסט צו מאכן דעם אמיינסטן ממשותדיקן פאליטישן „געשעפט״ וואס האט זיך אים געטראפן אין זיין גאנצער לאנגער געשיכטע.

די סטראטעגיע פון אונדזער קאמף איז נישט קיין טעמע פאר א פאליטישן מיטינג. קלאר, אז דער קאמף וועט פון איצט געפירט ווערן, נאך מער ווי פריער, איןביידע זאנעס פון יידישע השפעות: אין גלות און אין ארץ ישראל. ווען מיר קוקן זיך צו צו די פארמען פון דעם קאמף אינעם גלות, מאלן מיר זיך אוים א פראטעסט וואס ווערט גערופן „פעטיציע״: אן אלוועלטלעך יידישע פעטיציע. דאס איז נישט גלאט א טעקסט פון ווערטער מיט א סך חתימות. דאס איז א **באוועגונג**; א ברייטע מאסן-באוועגונג, עפעס ענלעכעס צו דער טשארטיזם־באוועגונג אין ענגלאנד אין דעם פארגאנגענעם יארהונדערט, נאר די טריבונע פאר דער דאזיקער באוועגונג — איז די גאנצע וועלט, און נישט נאר איין איינציק לאנד. דאס איז א פראצעס וואס זיינע פאזן וועלן עלעקטריזירן די נשמה פון דער וועלט, און דאס איבערגעבן פון דער פעט־ציע גופא וועט בלויז זיין דאס לעצטע בילד אין דעם לעצטן אקט פון דער דראמע: די צושויער פון דער גאנצער וועלט וועלן זען מיליאנען הענט, וועלכע זענען אלע אויסגעשטרעקט אין איין ריכטונג, און רופן, און מאנען און פאדערן: — וועגן די פארמען פון דער אקציע, וועגן דער פראגע צו ועמען וועט אדרעסירט ווערן די פעטיציע, ווען וועט זי איבערגעענטפערט

ווערן — וועגן די אלע זאכן וועט באשליסן דער קאנגרעס. אבער עס איז קלאר, אז דער מצב פונעם יידישן פאלק פארפליכטעט אונדז צו אן אנשטרענגונג וואס האט צו זיך קיין גלייכן, צו א פאליטישער אפענסיווע וועלכע זאל צווינגען ענגלאנד צו ענדערן איר פאליטיק און אומקערן דעם יידישן פאלק זיין רעכט.

און פון דער צווייטער זייט וועלן קומען ברייטערע און טיפערע מיטלען, וועלכע וועלן אנגענומען ווערן אין ארץ ישראל גופא. וועגן די אטאקעס פון די פיינטלעכע כוחות, וועגן דער פארשטארקונג פונעם אנטי-יידישן רעזשים, וועט דער ישוב נישט קענען אויך להבא מאנען מיט ווערטערלעכע פראטעסטן. ארץ ישראל דארף זיך אנטוויקלען צו א לאנד פון קעגנערשאפט, אין וועלכן עס הערשט א טיפע קעגנערשאפט צווישן דער רעגירונג און צווישן א טייל פון דער באפעלקערונג, א טיפע און ממשותדיקע קעגנערשאפט, — און דאס וועט סיי ווי געשען, סיי עס וועט זיך צוזאמענקומען אין ווין א קאנגרעס אין 1932 און סיי ער וועט זיך נישט צוזאמענקומען, און אפילו אויב עס וועט יא זיין א רעוויזיאניסטישע פארטיי אדער ס'וועט נישט זיין. די גרייזן פון אונדזער שלעכטער פאליטיק און די גרייזן וועלכע ענגלאנד האט געמאכט שפילן שוין היינט זייער גרויסע אומאפהענגיקע שפיל. און מיר זענען דא נישט מער ווי צושויער.

איך רייד דא מיט עכטער באשיידנקייט. איך אליין בין א קינד פון אן ארימען געמא. זינט איך לעב האב איך נישט געזען קיין יידישן נצחון, נאר יידישע נידערלאגעס. אין אט דעם מאמענט פון דער גרעסטער פון די יידישע נידערלאגעס זאג איך מיט דער גאנצער באשיידנקייט אינעם נאמען פון א שוואך פאלק: דאס וועט נישט זיין! די גרעסטע ריזן אזוי גוט ווי די קלענסטע קארליקעס זענען היינט אפהענגיק פון עטישע ווערטן וועלכע קענען נישט געמאסטן און געוווגן ווערן. ענגלאנד איז א ריז אין פארגלייך מיט אונדז, אבער נאר אין פארגלייך מיט אונדז. ווייל אין אנדערע הינזיכטן קען מען איר מער נישט פארגלייכן צו דער אמאליקער ענגלאנד. אין עגיפטן איז מער נישט ענגלאנד די פון אמאל. דער אופן ווי אזוי זי

אַדמיניסטרירט אירע אינטערעסן אין אינדיע זאָגט עדות אַז ס׳איז געפאַלן דער ענגלישער פּרעסטיזש. עס זאָגן עדות דערויף אויך די פאָלגעפאַקטע טורמעס. ווייל נישט אַזאַ איז אַמאָל געווען די ענגלישע רעגירונגס־סיסטעם. ענגלאַנד טוט דאָס נישט מיט גוטן ווילן; דאָס ווידערשפּרעכט דעם ענגלישן ליבעראַליזם; און ענגלאַנד טוט דאָס נאָר אין אַ מאָמענט ווען זי האָט נישט קיין אַנדערע מיטלען צו רעגירן. איצט גרייט מען אין לאָנדאָן און אין אינדיע נייע געזעצן וועלכע — אויב זיי וועלן אריין אין קראַפט, — וועלן באַטייטן נאָך מער רעאַקציע. ענגלאַנד האָט נישט קיין כוח צו הערשן אין מזרח. און ענגלאַנד וועט מער נישט הערשן אין מזרח קיין סך צייט. ווייל די מאַסן אין מזרח זענען קעגן דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. און אַזוי ווי ס׳איז קלאָר אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַזוי איז קלאָר, אַז קיינער וועט נישט קענען הערשן קעגן דעם ווילן פונעם פאָלק, קעגן דעם פאָלק וואָס רעבעלירט קעגן דער מאַכט — זאָל דאָס לאַנד הייסן עגיפּטן, סיריע אָדער אינדיע. דאָס ווייסט יעדער ענגלענדער וואָס האָט אויגן אין קאָפּ, נישט ווייניקער פון אונדז.

און אויב עס איז פאַראַן איין פּאָזיציע אויפן ברעג פונעם מיטללענדישן ים, אויף וועלכער אייראָפּע האָט אויסזיכטן זיך צו האַלטן, איז דאָס ארץ־ישראל. אָבער — ארץ ישראל פון אַ יידישער מאַיאָריטעט.

אַ צו געזונטע עקאָנאָמיע, אויב איר יסוד איז אַ מאָנאָפּאָל, מוז ענדלעך צוזאַמענברעכן אין דעם מאָמענט ווען דער מאָנאָפּאָל הערט אויף. די אויפגאַבע וואָס שטייט איצט פאַר ענגלאַנד איז צו לייזן איר ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פראַגע. דאָס ווייסן און אָנערקענען די בריטישע שטאַטסלייט. און די דאָזיקע פראַגע וועט געוויס האַלטן פאַרנומען די כוחות פון אַ גאַנצן דור.

דער האָריזאָנט אין מזרח הויבט אָן ווערן פאַרוואָלקנט. אין דעם גאַנצן מזרח — קומען פאָר אינטריגעס און געמיינקייטן. יעדער טאָג ברענגט אין דעם ענין נייע ידיעות. נאָר ד י י י ד ן זיצן רואיק און זאָגן (יענע יידן, וועלכע רעפּרעזענטירן אונדז זאָגן), אַז די לאַגע איז כּאַליד און וועט זיך נישט ענדערן. די פּאָליטיק איז דאָך די קונסט פון דעם מעגלעכן. אָבער אַזוי ווי עס איז כמעט זיכער אַז עס וועט זיין אַ שטור־

רעם, אויב עס באַווייזן זיך וואָלקנס אויפן האָריזאָנט, דאָס זעלבע איז אין פּאָליטיק. די פּאָליטישע קונסט איז צוצוגרייטן די הענט, מאַכן פּאַסיק די באַדינגונגען צו אַ צווייטער געלעגנהייט פון אַ י י ד י ש ן ל ע ג י א ן , כדי די דאָזיקע געלעגנהייט זאָל אויסגענוצט ווערן — אויב זי וועט קומען — אויף אַן אַנדער אופן ווי עס איז אויסגענוצט געוואָרן די ערשטע געלעגנהייט.

מיר גייען צו דעם דאָזיקן כוחות-פּאַרמעסט מיט דעם יידישן אַלטן גלויבן, וועלכער איז אָפּגעהיט געוואָרן אין אונדזער פאָלק ביז היינט — מיט דעם פולשטענדיקן גלויבן, אַז שטאַרק איז דער כוח פון אַ גערעכטן ענין און אַז דער ווילן פונעם פאָלק ווייסט נישט פון נידערלאַגע: אָט די איז די איינציקע אמתע רעאַליטעט אין דער וועלט-געשיכטע.

דער ענטפער אויף אַ וויכוח

אין שטריקערס עקספּאָזע האָב איך עפּעס געפונען, וואָס איז אַ נייס — אויך אין הינזיכט פון „קעגנוואַרט-אַרבעט" אין גלות, — אַ נייס אין אונדזער באַציאונג צו דער פעלקער-ליגע אין גענף. פיליכט איז נאָך נישט געקומען דער מאָמענט אויסצואַרבעטן די מינדסטע פּרטים פון די דאָזיקע פּלענער, אָבער אויך איך דענק, אַז אונדזערע פּאָליטישע געדאַנ-קען דאַרפן זיך אַלץ מער קאָנצענטרירן אויף דער אידעע פון דער פעל-קער-ליגע. ווייל זי פאַרקערפּערט דאָך יענעם מעכטיקן פּרינציפּ, אויף וועלכן עס האָט זיך שטענדיק באַזירט די יידישע פּאָליטיק — דער וועלט-געוויסן. די פעלקער-ליגע וועט אין אונדז געפינען אַ ק ל י ע נ ט און אויך אַן אַ נ ש פּ אַ ר — ווייל, איר ווייסט דאָך, אַז איך שאַץ זייער דעם כוח פונעם יידישן פאָלק אין דער וועלט.

סאָסקינס עקספּאָזע איז געווען פול מיט נייע געדאַנקען. צו מיין באַדויערן האָב איך נישט קיין צייט זיך אָפּשטעלן אויף אַלע, און דערי-בער וועל איך באַרירן בלויז איינעם פון זיי. דאָס איז די פראַגע, פיליכט דעם שיידוועג פאַר וועלכן מיר שטייען אין דער אַנטוויקלונג פון אונ-

דזער ווערק אין ארץ ישראל. די דאָזיקע עקספּערימענטן וועלכע זענען נישט געמאַכט געוואָרן דורך אונדזער אדמיניסטראַציע, נייערט זענען געשאַפן געוואָרן פון זיך אַליין אינעם לאַנד: מעגלעכקייטן פון קאָלאָני־זאַציע, פון נהלות פאַר אונדזערע אַרבעטער. אויך פונעם שטאַנדפּונקט פון אונדזער ס אָ צ י אַ ל ע ר פּראָגראַם זענען מיר מחויב שעג־קען דער זאַך גרויסע אויפמערקזאַמקייט.

ד״ר לובאַצקי האָט באַרירט דעם ענין וואָס האָט אונדז נישט לאַנג צוריק פאַרשאַפט גרויס פּיין. ער האָט גערעדט וועגן דעם „ברית טרומ־פּעלדאָר״ ווי אייך איז באַוווּסט, איז די דאָזיקע באַוועגונג געשאַפן גע־וואָרן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, אָן דעם רעכט איינצושליסן אין זיינע רייען דערוואַקסענע. „ברית טרומפּלדור״ וואָלט איצט געווען גרייט צו באַגעגענען מיט אַ ברכה די הילף פון דערוואַקסענע פרייוויליקע, ווען מען זאָל געווען עפּעס טון פאַר דעם „טרומפּלדור בונד״ אין די לעצ־טע יאָרן. אָבער די זעלבס־דערציאונג פונעם „טרומפּעלדאָר בונד״ רינגט אַרויס פון אַ שטאַטלעכער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. דעריבער דאַרפן מיר נישט זיך אַריינמישן און נישט אָנרירן דעם דאָזיקן עקספּערימענט פון זעלבסט־דערציאונג און זעלבסט-אחריות!

אין דער פראַגע צו אונדזער שטעלונג לגבי דער מעגלעכקייט, אַז עס זאָלן קומען קאַטאַסטראָפאַלע קאָמפּליקאַציעס, אויף אַ באַשטימטן שטח פון דער וועלט-פּאָליטיק, בין איך געניגט צו דער מיינונג פון ד״ר ווייזל. אויב עס וועלן אַנטשטייען קאָמפּליקאַציעס אין מזרח, דאַרפן מיר זיין גרייט. איר זאָלט גאָרנישט זאָגן, מיינע הערן, און איר זאָלט גאָרנישט טון, וואָס קען אָפּשוואַכן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין אונדזער באַ־וועגונג. די הויפּט-אויפגאַבע איז — הכשרה אין אַ באַשטימטן טעכנישן זין. אונדזער מאָראַלישע פליכט איז צו אינטענסיפיצירן דעם גייסט פון דער דאָזיקער הכשרה. יעדער טאָג, אין וועלכן איר האָט גאָרנישט געטון אין דער ריכטונג, איז אַ גרויסע שאָד. איך ווידערהאָל און שטרייך אונטער: די הויפּט־אויפגאַבע פון הצה״ר איז געווען און איז דער לעגיאָן. נישט נאָר ווי איינער פון די פּרינציפּן אין דער פּראָגראַם. מיר האָבן נויטיק דעם

גייסט פון לעגיאָניזם, און אויב נישט — וועלן מיר דורכלאָזן אַלע גע־לעגנהייטן.

טײלמאָל זאָגט מען ביי אונדז: טוט דאָס, אָבער שווייגט! איך וואָלט געוועזן זייער גליקלעך, ווען דאָס וואָלט געווען מעגלעך. אָבער מען האָט אונדז נאָך נישט באַוויזן, אַז ס'איז מעגלעך עפּעס צו טון אינעם יידישן פאָלק, אַז מען זאָל וועגן דעם נישט ריידן. דאָס וואָרט „מיליטאַ־ריזם" האָט אַ מיאוסן קלאַנג. ביי די וועלכע שטרעבן אַנצוגרייפן — איז דאָס אַ מיאוסע זאַך. ביי אונדז, וועלכע געפינען זיך אין סכנה — איז דאָס אַ גוטע זאַך. איר זאָלט קיינמאָל זיך נישט אונטערגעבן דעם דרוק פון דער גאַס. צי ס'איז יאָ אָדער נישט פּאָפּולער — איז אַלץ וואָס טויג פאַרן רעיון פון אַ יידנשטאַט לאַגיש און גוט.

און איצט וועגן דער פראַגע פון אָ פּ אָ ז י צ י ע. מיר וועלן נאָך דאַרפן טראַכטן און געפינען, ווי אַזוי צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון דער רעגירונג און אין דער זעלבער צייט אויסצונוצן דעם מצב פאַר אונ־דזערטוועגן. איך זע אין דעם נישט קיין סתירה. די יידן צאָלן דער רע־גירונג פון 40 ביז 48 פּראָצענט פון אַלע שטייערן. דאָס יידישע געלט, וואָס קומט אריין קיין ארץ ישראל, איז די לופט צו אָטעמען פאַרן גאַנצן לאַנד. אַ לאַנד, אין וועלכן די פּאָסט לעבט פון יידן, די באַנען — פון יידן, דער צאָל־אַמט פון יידן, אין אַזאַ לאַנד זענען פאַראַן באַשטימטע מעגלעכקייטן. אָבער עס זענען אויך פאַראַן מעגלעכקייטן אויסער ארץ־ישראל. און פיל וועט זיין אָפּהענגיק פון אונדזער ענערגיע און פון אונ־דזער אָרגאַניזאַציאָנעלע קראַפט.

און וואָס באַלאַנגט די סעקונדערע פראַגן ביי אונדז אין דעם אינערלעכן קאַמף, דאַרף איך זאָגן, אַז איך טראָג די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר אַלץ וואָס עס האָט געטון די ליטונג. נאָך צוויי יאָר אָן אַ סענט — האָבן מיר דערגרייכונגען. געוויס קאָן איך, פאַרשטייט זיך, נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער האַנדלונג פון אונדזערע חברים אינעם אַקציאָנס־קאָמיטעט. איך האָב נישט קיין רעכט דערויף: לויט דעם קאָ־לע־הסכם האָט קיין רעכט נישט דער וואָס קויפט נישט אַ שקל זיך אריינצומישן אין די ענינים פון די שקל־קויפער.

די פראגע פון די שולן אינעם לאנד איז איינגעשלאסן אין אונדזער פראגראם. דארט זאגט זיך, אז שולעס דארפן איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג. אבער, פארשטייט זיך אליין, אז א פארבאדינג דערצו אז עס זאל געשאפן ווערן א ספעציעלער מיניסטעריום פאר דער יידישער שול-נעץ. אויך דאס איבערגעבן די שול-נעץ צום ועד הלאומי זעט מיר אויס פונעם פראקטישן שטאנדפונקט ווי אן אוממעגלעכע זאך, כל זמן עס שטייט אן דער שפיץ פונעם ועד הלאומי א פארטיי אדער א סאציא-ליסטישע באוועגונג, וועלכע פרעדיקט קלאסן-קאמף. קלאסן-קאמף איז פאסקודסטווע. איך בין גרייט זיך אוועקזעצן און אונטערהאנדלען מיט יעדן מענטשן; אבער צו זיצן צוזאמען מיט די, וועלכע האבן אלס פאן קלאסן-קאמף, וואס האט גארנישט צו טון מיט קאלאניזאציע — דאס איז מיר דערווידער. ביי מיר אין די אויגן איז מיין קלאס גוט אדער שלעכט נישט ווינציקער פון יעדן אנדערן קלאס, און איך וויל נישט האבן קיין שום מגע ומשא מיט א מענטשן וואס באליידיקט מיין באגריף וועגן מענטשלעכער גלייכהייט.

מען דארף פולשטענדיק ליקווידירן די השפעה פון די שטערנדע-עלעמענטן פון קלאסן-קאמף — ווייל זיי שטערן דעם גאנג פון דער קא-לאניזאציע. און כל זמן די דאזיקע עלעמענטן האבן אזא גרויסן איינ-פלוס, וועל איך נישט שטימען פארן פארשלאג צו פארטרויען די שולעס צום ועד לאומי.

נאך א פראגע איז די אויטאנאמיע פון די רעוויזיאניסטן אינעם לאנד. לויט דער לאגיק, האט יעדער לאנדעס-פארבאנד פון די רעוויזיא-ניסטן דאס רעכט אנצופירן זיינע לאקאלע אנגעלעגנהייטן אז מען זאל זיך נישט אריינמישן פון דרויסן. דער כלל איז גילטיק לגבי יעדן לאנ-דעס-אפטייל — באזונדערס לגבי ארץ-ישראל. דארט איז דאס נישט גע-מאלט. ווייל אלץ וואס געשעעט דארט איז א טעמע פאר דער פאליטיק פון דער רעוויזיאניסטישער פארטיי. אבער, פון דער צווייטער זייט, איז נישט ריכטיק, אז די פון ארץ-ישראל קענען נישט אפשאצן דעם מצב ווי עס געהערט צו זיין. איך וועל קיינמאל נישט שטימען פארן פארשלאג, אז די פראבלעמען פון ארץ-ישראל זאלן שטענדיק איבער-

וועגן אין אַ וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד. איך בין קאַטעגאָריש דערפאַר אַז מען זאָל געבן אַ פרייע האַנט די ארץ־ישראל־יידן. פונעם שטאַנד־פונקט פון לאָגיק דאַרף מען נישט אָנצייכענען גרעניצן פאַר דער ארץ־ישראל־אויטאָנאָמיע. אָבער אין דער זעלבער צייט וועל איך אויך נישט מסכים זיין מיטן פּרינציפּ, אַז נאָר מענטשן וועלכע וווינען אין ארץ־ישראל זאָלן אנטשיידן אין די דאָזיקע ענינים. איך שלאָג פאָר אַז די ארץ־ישראל־אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן זאָל זיין אויטאָנאָמיש אין איר אָרטיקער ארבעט; אַז זי זאָל אויסגעקליבן ווערן דורך אַ פאַר־זאַמלונג אין ארץ־ישראל, און אַז אַ חלק פון איר זאָל זיין צוזאַמענגע־שטעלט פון די ארץ־ישראליקע רעוויזיאָניסטן־דעלעגאַטן און אַ חלק — פון די דעלעגאַטן פונעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד „הצה"ר".

איך וואָלט אינגאַנצן נישט באַרירט די פראַגע פונעם „מנהיג", אָבער איר, מיינע פריינט, וועלכע זענט קעגן דיקטאַטור, באַנוצט זיך מיט אַ פאַלשן טערמין, וואָס האָט שוין אָנגעטאָן פיל צרות. דאָס וואָרט „מנהיג" שטאַמט פון אַן ענגלישן טערמין און איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די איבערזעצונג פונעם ענגלישן וואָרט Leader. אָבער היינט צו טאָג האָט דאָס וואָרט „מנהיג" אַ גאַנץ אַנדערן באַגריף. היינט איז דאָס אַ סינאָנים פון אַ וואָרט, וואָס אייך געפעלט נישט. איך וויל נישט גלויבן אַז עס זענען פאַראַן אין דער מענטשהייט גראַדאַציעס. איך וועל קיינמאָל נישט צוזאַמענאַרבעטן מיט מענטשן וואָס זענען גרייט אונ־טערצוּוואַרפן זייערע געדאַנקען צו מיינע געדאַנקען. איך האָב מיר גע־שאַפן די אילוזיע, אַז די וועלט באַשטייט פון פּרינצן, און איך וויל נישט צונישטמאַכן מיין גלויבן אין דעם דאָזיקן געדאַנק. איך האָב מורא אַז דער ענין דיקטאַטור איז אפילו נישט פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער פּערזענלעכקייט, נאָר עס איז היינט פאַראַן אַזאַ שטרעמונג איבער דער גאַנצער וועלט. איך באַדויער, וואָס אין דער וועלט אויסער אונדז האָט מען דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישער דאָקטרינע. איך בין פונעם 19־טן יאָרהונדערט. דאַן האָט געהערשט אין דער וועלט די מיינונג, אַז יעדער מענטש, אויך אויב ער איז שלעכט און שמוציק, וועט זיין גוט און פאַרשטאַנדיק, אויב מען זאָל אים געבן די געהעריקע דערציאונג.

אַט דאָס איז מיין מיינונג. אַ ווינער דיכטער האָט אַמאָל געזאָגט: „איך קום פון אַנדערע צייטן און צו אַנדערע צייטן וועל איך גייען". אויך מיר געפעלט בעסער צו פאַרשווינדן און אַוועק פון דער וועלט איידער מסכים צו זיין צום געדאַנק, אַז מיין זון און דער זון פון אַ פרעמדן זענען נישט פון איינער און דער זעלבער ווערט, אַז מיין זון און מיין שוסטער זענען נישט גלייך.

איך פאַרטיידיק מיט דער גאַנצער ענערגיע די דעמאָקראַטישע סטרוקטור פון אונדזער באַוועגונג. איך פאַראַכט דעם היטלעריזם אין אַלע זיינע פאָרמען, ווייל ער רירט אָן די גלייכהייט, די גלייכהייט פון די יידן.

דאָ האָט מען געמאַכט אַ צווישנרוף. עמיץ האָט געזאָגט, אַז מיט בלוט און פייער, און נישט מיט וואַסער, וועט קומען די גאולה. פאַרוואָס נישט מיט וואַסער? כדי אויסצובויען דעם יידנשטאַט איז נויטיק וואַסער און ס'איז אויך נויטיק פייער — אַלץ איז הייליק. זאָל קיינער נישט זאָגן: איך וועל זיך פאַרנעמען מיט וואַסער, און דעריבער איז דיר פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט פייער. איך וועל מיך דאָ באַנוצן מיט צוויי סימוואָלישע אויסדרוקן: „בעל הבית" און „שיילאָק". מיין פאָזיציע פון אַ „בעל הבית": אַלץ האָב איך נויטיק אין מיין ווירטשאַפט און אַלץ איז מיר ליב. איך וועל נישט דערגרייכן מיין ציל, אויב מיין האָריזאָנט וועט נישט איינשליסן אויך דאָס „אימפּעריאַליסטישע" געפיל פון די רעוויזיאָניסטן. איין זאַך דאַרף אונדזער פּאַרטיי לערנען: אויסצופאָרשן דעם חבר און זיינע געדאַנקען, — אויב ער היט אָפּ די אידעאָלאָגיע פון הצה"ר, דעם קאָלאָניזאַציע-רעזשים אינעם לאַנד, די אינדיווידועלע פּראָגראַם, דעם געדאַנק פונעם לעגיאָן, דעם געדאַנק פון „בית"רי־שיינ־קייט", וואָס איז געקומען פאַרוואַנדלען יידישע יינגלעך אין אמתע פּרינצן!

אחי מאיר! איך וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין אַז מען זאָל אויסשליסן אַ מענטשן פון אונדזערע רייען, ווייל ער האָט געטון פון רעוויזיאָניסטישן ענטוזיאַזם עפּעס פאַר וואָס די פּאַרטיי קען נישט טראָגן די אחריות. ווער עס רעספּעקטירט נישט דעם גלויבן פון זיין חבר, גרייכט

צו דעם וואס עס ווערט אנגערופן אין יידיש „נישט פארגינען". פאר וואס „נישט פארגינען" אז אונדזערע חברים זאלן זיך באטייליקן אין ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט? האבן זיי זיך דען אומגעקערט פונעם אקציאנס־קאמיטעט מיט ליידיקע הענט? „מען פארגינט נישט". און פון דער צווייטער זייט: שאצט מען אפ דאס וואס עס קומט פאר אין ארץ ישראל און מען רעספעקטירט דאס. איך אליין, למשל, שטיי פאר־גאפט און פארנויג זיך פאר דעם אלעמען. אבער די פארטיי, פארשטייט זיך, האט דאס רעכט צו נעגירן און זיך באשרענקען.

און דא איז די בריק צו „קאלע". אין אונדזער פארטיי זענען היינט פאראן, פונעם שטאנדפונקט פון התלהבות, צוויי טיפן מענטשן. איינע האבן ענערגיע און גלויבן צו דעראבערן די ציוניסטישע ארגאניזאציע און די יידישע אגענץ. זיי ווילן פארטרייבן די נישט־ציוניסטן און בא־גייען די טעג פון דער אגענץ ווי אמאל. אבער עס איז אויך פאראן אן אנדער שטימונג: ענטוזיאזם און גלויבן אין עפעס אנדערש. מיר אלע ווייסן אז „קאלע" איז געווען א פשרה. יעדער הסכם איז דאך א פשרה. מיר האבן געשאפן א קינסטלעכע זאך, כדי צו פאראייניקןביידע פרינ־ציפן וועלכע זענען זיך איינס ס'אנדערע סותר — ווי פייער מיט וואַ־סער. אבער איך האב דאך שוין אייך געזאגט, אז אויפצובויען דאס לאנד זענען נויטיק פייער און וואסער. אין באשטימטע מאמענטן לעבן די דא־זיקע צוויי עלעמענטן בשלום. „קאלע" איז דער רעזולטאט און די באטיי־טונג פון אלע קאנסעקווענצן פון אונדזער באוועגונג. מיר וועלן זען ווי אזוי עס וועלן זיין די אומשטענדן אין עטלעכע יאר ארום. נאכדעם ווי מיר וועלן זיך בארואיקן, און אויב אלץ וועט גיין גלייך, וועלן מיר האבן א שטארקע ארגאניזאציע, אן אומאפהענגיקע באוועגונג פארן יידנ־שטאט.

דער רוסישער מוזשיק זאגט: פיר און פיר איז אכט; פינף און דריי איז דאך אויך אכט, אבער דאס איז שוין יידישער שווינדל. אמת, „קא־לע" איז עטוואס א קאמפליצירטע אריטמעטיק, און דער איבערגאנג וועט זיין אומאנגענעם אבער דאס איז דער וועג.

הערצל האט געשאפן דעם שקל, כדי יעדער ייד זאל דורך אים מא־

גיפעסטירן אז ער שטיצט די באזעלער פראגראם. און די געפאלענע ציוניסטישע ארגאניזאציע טענהט איצט אינעם נאמען פונעם שקל, אז איר דיסציפלין איז וויכטיקער פון אונדזער דיסציפלין, איך פאדער אלזא, פון אייך, שקל־קויפער פון אונדזער באוועגונג, אז איר זאלט זאגן: „מיר וועלן פרווון פארמיידן רייבונגען צווישן הצה"ר און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אבער אויב עס וועט דאך קומען צו א רייבונג, וועט דער רעיון פון א יידנשטאט אנצייכענען אונדז דעם וועג וועלכן מיר וועלן אויסקלייבן".

איך וועל נישט זיין קיין קאנדידאט צום קומענדן קאנגרעס, און דעם שקל וועל איך נישט קויפן. אין מיין צימער איז פאראן א קליין רעמל און אין דעם איז אריינגעשטעקט דער שקל, געהילט אין שווארצן. דריי פלעקן זענען פאראן אויף אים: איינער — נישט שטאט, דער צווייטער — די ערשאפט פון א רעאקציאנערער פארטיי, וועלכע איז קעגן דער גלייכהייט פון מענטשן, דער דריטער — די אונטערוואדפונג פונעם ציוניסטישן געדאנק צו „פיפטי־פיפטי", צו מענטשן וועלכע האבן נישט קיין געדאנק, וועלכע האבן נישט קיין וויזיע און נישט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיקונג.

עס איז מעגלעך אז דאס ווארט „קאלע" וועט אין צוויי יאר ארום פארוואנדלט ווערן אין א סימוואל פון גרויסער אינטעליגענץ. די מענטשן וועלן זאגן: פון וואנען האט זיך גענומען צו די דאזיקע מענטשן די דאזיקע טייוולאנישע פלינקייט צו פארוואנדלען די יידישע קריגעריייען אין אחדות? פריינט מיינע, „קאלע" וועט נאך ווערן א סימוואל פון לויב און דאנק.

די שלום־רעדע

ביים אנהויב פון מיינע ווערטער וויל איך שיקן די ברכה פונעם אלוועלטלעכן הצה"ר־פארבאנד צו די יידן וועלכע שמאכטן אין די טורמעס פון ארץ־ישראל: חינקעס און אורפאלי. מיר הויבן אויף אונדזער שטים און פאדערן זייער באפרייאונג, און מיר זוכן אויך וועגן צו זייער באפרייאונג.

מיר האָבן געקעמפּט אויפן קאָנגרעס איינער קעגן אַנדערן, אָבער די דאָזיקע מלחמה וועט נישט שטערן אונדזער אַרבעט. אין דער אונ־טערשטער שורה האָבן מיר דערגרייכט אחדות, און מיר קענען פאַרגעסן אַלע רייבונגען.

מיר נעמען מיט אונדז פון דאַנען עפּעס מער פון נאָר באַשלוסן. מיר נעמען מיט אויך אַ דערהויבן געפיל פון פאַרפליכטונג וועלכע מיר האָבן גענומען אויף זיך. מיט דעם דאָזיקן קאָנגרעס אונדזערן האָבן זיך געשלאָסן די יוגנט־טעג פון אונדזער באַוועגונג. אונדזער באַוועגונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ קערנדל אין אַ וואַקסנדער און בליענדער פלאַנץ. פון איצט אָן האָט זי אייגענע אויפגאַבן און אייגענע וועגן. אַן אומאָפּטיילבארער חלק פונעם גייסט פון הצה"ר איז דאָס באַטאָנען דעם געדאַנק פון אַ יידנשטאַט. דעם דאָזיקן געדאַנק וועלן מיר אַריינברענגען אומעטום, אויך אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס וואָרט „קאַ־לע", איז נאָך נישט פאַרשטאַנען ווי עס באַדאַרף צו זיין אויף דעם דאָ־זיקן קאָנגרעס, אָבער אין דער צוקונפט וועט דאָס באַטראַכט ווערן אַלס באַווייז פון פּאָליטישער פאַרזיכטיקייט און בירגערלעכן פאַרשטאַנד, און אויף דעם וועלן זיך פיליכט אָנשפּאַרן אויך פרעמדע פעלקער.

איצט זענען מיר פריי. קיינער וועט נישט שטערן אונדזער אַנטוויק־לונג און דער דערפאָלג איז אָפּהענגיק נאָר פון אונדז אַליין.

די פּעטיציע־באַוועגונג וועט עלעקטריזירן די יידישע מאַסן אין דער וועלט און וועט זיי אַריינברענגען אונטער די פליגל פון אונדזער באַווע־גונג. זי וועט אָנגעמען די פאָרעם פון אַ ריי דעמאָנסטראַציעס איבער דער גאַנצער וועלט. אונדזער נייע לייטונג האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע אחריות, און דורך דעם האָט זי אַנטפּלעקט דעם צוטרוי וואָס זי פילט צו די דעלעגאַטן און די מאַסן וויילער. ווען מיר הויבן אָן שטעלן די ערשטע טריט, דאַרפן זיין אין אונדזערע הענט די מיטלען דערצו. אַריבערצופירן דעם זיגפלאַץ פון דער לייטונג קיין גענף איז נויטיק אַ גרויסע פּאָליטישע און מאָראַלישע דיסציפּלין. נישט דאָס איז די פראַגע, אויב מיר זענען „ברוגז" מיט דער מאַנדאַט־מאַכט אָדער נישט... און עס

איז אויך נישט די פראגע אויב עס וועט פארבלייבן די דאזיקע מאנדאט אדער עס וועט קומען אן אנדערע אויף איר ארט. געגנט באטייט: פראָקלאמירן רעוויזיאניסטישע האפענונגען, דעם רעוויזיאניסטישן גלויבן, רעוויזיאניסטישע פראטעסטן און באשולדיקונגען. מיר פארבינדן זיך שטענדיק מיט יענער טייל פון דער מענטשהייט, וועלכער אנטפלעקט גלויבן, האפענונג און מאראל. איצט וועלן מיר ריכטן אונדזער פראפאגאנדע לויט דעם „גייסט פון געגנט". דער רעוויזיאניסטישער צענטער אין געגנט און די רעוויזיאניסטישע און יידישע פעריפעריע אין אלע יידישע תפוצות וועלן דערגענצן איינס ס'אנדערע. און אנהויב פעברואר 1933 וועלן מיר אנהויבן אונדזער ארבעט אין געגנט, און צוזאמען מיט אונדז וועלן אנהויבן ווירקן אויך די מאסן רעוויזיאניסטן, די מאסן פונעם פאלק ישראל. מיינע חברים און איך וועלן דאן דורכפירן א ציוניסטישע אויפגאבע, און דאסווארט „ציוניסט" וועט מער נישט זיין א דרוק-פעלער.

עס איז מעגלעך אז אין די צוויי קומענדע יאר וועט שוין נישט האבן קיין וויכטיקייט דער פרינציפ „קאלע". אפשר וועלן מיר זיין גענוג שטארק צו אנפירן אונדזער באוועגונג לויט פארלאמענטארישע פארמען, און דער הצה"ר-פארבאנד וועט פארוואנדלט ווערן אין אן אפאראט וואס פירט אויס אלע אויפגאבן אין דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה. אבער ביז דאן בין איך שטאלץ אויף דעם נוסח — „קאלע".

מיר האבן געגעבן דעם יידישן פאלק א ביישפיל פון נאציאנאלער און ארגאניזאציאנעלער באנייאונג. און איך באגרים אייך פאר דער ארבעט וואס איר האט אפגעטון. אויף דעם קאנגרעס זענען מיר געווען פאראייניקט, און אן ספק וועלן מיר אויך האבן דערפאלג אויף אנדערע געביטן פון אונדזער אקטיוויטעט.

װעגן דעם דורכפאַל פונעם אַכצנטן קאָנגרעס

אַ פּרעסע־דערקלערונג נאָכן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס

אין פּראַג, סעפּטעמבער 1933.

דער 18־טער ציוניסטישער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען פונקט אין דער צייט װען עס איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פונעם מאָרד פון אַרלאָזאָראָװ. לויט דעם פאָרשלאַג פון דער ארבעטער־פּאַרטיי איז דער רעװיזיאָניסטישער פּאַרטיי נישט געגעבן געװאָרן קיין רעפּרע־זענטאַנץ אין פּרעזידיום פונעם קאָנגרעס. זשאַבאָטינסקי האָט זיך אָפּ־געזאָגט צו אויפטרעטן מיט זיין טראַדיציאָנעלער רעדע אויף דער טרי־בונע פונעם קאָנגרעס, און אָנשטאָט דעם האָט ער גערעדט צוויי מאָל פאַר די פּרעסע־פאָרשטייער, פון דער יידישער און פרעמדער פּרעסע.

די אַטמאָספער פון האַס צווישן דער רעװיזיאָניסטישער פּאַרטיי און די לינקע האָט אין דעם דאָזיקן קאָנגרעס דערגרייכט איר קולמי־נאַציע־פּונקט.

אין דער צייט פונעם קאָנגרעס האָט זיך די „גראָסמאַן־גרופּע" אײנ־גאַנצן אָפּגעטיילט פון „הצה"ר" און זינט דאַן האָט זי זיך גערופן „יידנ־שטאַטס־פּאַרטיי".

***

קרוב צו אַ מיליאָן יידן האָבן געקױפט שקלים צום 18־טן קאָנגרעס. דאָס איז דאָך אַ קלאָרער באַווייז, וויפל ברענענדע האָפענונגען דאָס יידישע פאָלק האָט געלייגט אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס. זיי האָבן גע־האָפט אַז דער קאָנגרעס וועט געבן דעם ענטפער אויפן חורבן פונעם דייטשן יידנטום, אויף דער יידישער טראַגעדיע וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, און זיין ענטפער וועט זיין די פאָדערונג אַז סוף־כל־סוף זאָל ארץ־ישראל פּראָקלאַמירט ווערן פאַר דעם וואָס זי האָט באַדאַרפט

זיין, אז זי זאָל ווערן, אין דער מעגלעך קורצסטער צייט, א יידנשטאַט. מען האָט דערוואַרט אז דער קאָנגרעס וועט ארויסטראָגן א טויט־אור־טייל קעגן דעם היטלעריזם. מען האָט דערוואַרט אז ער וועט דערמאָנען דער וועלט אז דער ירדן איז נישט די גרעניץ פון דער יידישער ארץ־ישראל. און מען האָט דערוואַרט, אז דער קאָנגרעס וועט מאַכן שלום צווישן יידן און אינעם ציוניזם איינפירנדיק אינעם ישוב אָבליגאַטאָרישן ארביטראַזש אַנשטאָט קלאַסן־קאַמף.

אָבער, דער 18־טער ציוניסטישער קאָנגרעס איז דורכגעפאַלן אין יעדער פון די ממשותדיקע זאַכן, וואָס מען האָט פון אים דערוואַרט. פון דעם אַלעמען וואָס ער האָט באַדאַרפט טון האָט ער גאָרנישט אויסגע־פירט. און ער איז נאָך געשטרויכלט געוואָרן דורך דעם אבסורדישן טעות, וואָס דווקא פאר אים האָט ער זיך באַדאַרפט היטן: ער האָט דער־נידעריקט אונדזער פאָלק פאר דער חוצפה פונעם „דריטן רייך". ער האָט נישט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פונעם אַנטי־ציוניסטישן כאַראַקטער פון דער פאָליטיק פון דער מאַנדאַט־מאַכט, וועלכע פאַרדעקט זיך אונטער א טלית פון שיינע ווערטער וועלכע זי האָט נישט בדעה צו דערפילן. דער קאָנגרעס האָט פאַרשטאַרקט די אַגרעסיוויטעט פונעם קלאַסנקאַמף. אָבער דאָס ערגסטע פון אַלץ איז וואָס דער קאָנגרעס האָט געוויזן דער וועלט א מיאוסן ספּעקטאַקל פון אינערלעכער שנאה, וואָס האָט גע־בראָכן די טראַדיציע פון פרייער פּאַרלאַמענטאַרישער פּראָצעדור, און האָט געטון א זאַך, וועלכע איך וואָלט זיך נישט אַנצורופן מיטן נאָמען: זינד. — דורך דעם אריינמישן זיך אין אן ענין וואָס געפינט זיך אין א יורידישער דיסקוסיע. און ער האָט זיך אַזוי ארום אריינגעמישט אין א פּאָרעס וואָס קען שטויסן צו דער תליה דריי יונגע יידן, וועלכע טענהן, אז זיי זענען ריין פון זינד — און אויך איך גלויב באמונה שלימה, אז זיי זענען ריין פון זינד.

דער פאַרבאַנד הצה"ר האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געקענט טון אָפּצוהאַלטן דעם קאָנגרעס פון די דאָזיקע געמיינע מעשים, — פון האַנדלונגען וועלכע באַטייטן זעלבסטמאָרד. אָבער עס איז א פאַקט אז אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען זענען געווען אומזיסט. און איצט זע איך

נישט אײן קײן מאָטיוו מער צו באַהאַלטן, אַז איך בין צופרידן פונעם טויט־אורטײל וואָס עס האָט אַרויסגעטראָגן די יידישע עפנטלעכע מײ־נונג קעגן אָט דער בולטער אַנטפּלעקונג פון ירידה און אונטערגאַנג. דער ציוניזם פון „פּיפּטי־פּיפּטי" האָט איצט פאַרלאָרן איר איבעריק ביסל מאָראַלישע אויטאָריטעט: איצט איז אָפן פאַר אונדז דער וועג, עס איז געקומען דער מאָמענט פונעם אינטעגראַלן ציוניזם. און מיר האָבן בדעה אויסצונוצן די דאָזיקע געלעגנהייט אין פּוילן.

די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטײ האָט איצט פאַר זיך דרײ אויפגאַבן. ערשטנס — צו פאַרשטאַרקן, צו פאַרטיפן און צו אָרגאַניזירן די באָי־קאָט־באַוועגונג קעגן דײטשלאַנד. פאַר דעם דאָזיקן צ״ל זענען מיר גרייט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַקטיווע גרופּעס אויף דעם געביט. צווייטנס — אין די נאָענטע חדשים וועט זיך אָנהויבן די פּעטיציע־באַוועגונג — די דאָזיקע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, וועלכע וועט אויסגעפירט ווערן דורך מיליאָנען יידן, און וועלכע פאָדערט ארץ־ישראל פאַר די דאָזיקע מיליאָנען. דריטנס — מיר געפינען זיך אין ארץ־ישראל אויפצושטעלן די צווייטע „הסתדרות", די גרויסע פאַך־פאַראייניקונג פון ציוניסטישע אַרבעט־מענטשן, וועלכע זענען קעגן קלאַסן־קאַמף.

איך צווייפל נישט, אַז מיר וועלן האָבן דערפאָלג אין די דרײ ריכ־טונגען. די לעצטע וואַלן צום קאָנגרעס האָבן אונדז געגעבן 97.000 שטימען (קעגן 65.000 אינעם יאָר 1931) — מער וויפל עס האָבן באַקו־מען די אַלגעמיינע ציוניסטן, — כאָטש, לויט דעם אַבסורדישן וואַל־רע־גלאַמענט, איז זיי געגעבן געוואָרן צוויי מאָל מער מאַנדאַטן וויפל עס זענען אונדז געגעבן געוואָרן. פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען זענען מיר די שטאַרקסטע פּאַרטײ, און מיר זענען אויך די איינציקע פּאַרטײ, אין וועלכער עס גלויבט דער יידישער ליידנדער מיטלקלאַס, דער דאָזיקער רוקנביין פון אונדזער פאָלק. אפילו אין דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער אינטערעס אַרום דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטײ. אונדזער שווייגזאַמקייט האָט גערעדט מער פונעם גאַנצן רעש פון אונדזערע קעגנער. אין די נאָענטע יאָרן וועלן מיר זיין דער לייטנ־דער כוח אינעם ציוניזם. מיר האָבן נישט בדעה צו קעמפן קעגן דער

יידישער אגענץ. מיר דענקען איר צו איגנאָרירן, ווי דאָס לעבן גופא איגנאָרירט איר. און פאָלגלעך וועלן מיר נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט דער שעדלעכער רכילות מיט וועלכער מען פרווט טויטן דעם רעוויזיאָניזם, צי דער שרעקלעכער צעיושעטקייט פון דער קלאַסן־קאַמף־פאַרטיי, וועלכע איז פאַרכאַפּט פון אַ פּאַניק דורך אונדזער וווקס. מיר וועלן איגנאָרירן זייער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע — אויב זיי וועלן וואַגן שיקן אַזאַ קאָמיסיע אין אַ מאָמענט ווען אין ארץ ישראל שטייען איצט מענטשן פאַרן יוסטיץ־טריבונאַל. קיין שום רעוויזיאָניסט און קיין שום יונגער ביתרי וועט נישט ריידן מיט אַזאַ קאָמיסיע. איך צווייפל בכלל, אויב עס וועט זיך געפינען אַ ווירדיקער ייד וואָס וועט וועלן מיט איר ריידן. ווייל נאָכן גאַנצן רעש וואָס איז געמאַכט געוואָרן ארום דער דאָזיקער „אויספאָרשונגס־קאָמיסיע", וועט זי אוועקלייגן דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס זי האָט פאַר דער פּאָליציי. מיר האָבן נישט מורא פאַר אויספאָרשונג ווייל מיר זענען זיכער, אַז עס איז נישט געווען און עס עקזיסטירט נישט ביי אונדז קיין שום „טעראָריסטן"־גרופּע. אָבער קיין אָנשטענדיקער ייד וויל נישט ריידן מיט מענטשן וועלכע געבן אויס אינפאָרמאַציע דער פּאָליציי, צי זיי טוען דאָס באַוווסטזיניק אָדער נישט באַוווסטזיניק. דעריבער וועט דער סוף פון דעם פּלאַן זיין צו שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועלכע וועט זיך ענדיקן מיט שאַנדע ווי זי איז געבוירן געוואָרן מיט שאַנדע. עס וועט נישט אריבער קיין סך צייט און דער אמת וועט אַנטפּלעקט ווערן אָן אַ שום אויספאָרשונג־קאָמיסיע: דער אמת איז, אַז דער גאַנצער שענדלעכער בלבול אין ארץ־ישראל — איז נישט מער ווי אַ פּרוכט וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ געמיש פון טפּשות און פּאַרטיי־פאַלשקייט. דעריבער וועלן מיר נישט דערלאָזן אַז זי זאָל אונדז פאַרהאַלטן. מיר געבן אַ צי מיט די אַקסלען און גייען זיך ווייטער אונדזער וועג.

צו אַ נייער ציוניסטישער קאָאַליציע?

די דערעפענונגס־רעדע אויף דעם 6־טן אַלוועלטלעכן צו־זאַמענפאָר פונעם פאַרבאַנד פון ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן (הצה״ר), קראָקוי, יאַנואַר 1935.

אין דער אויסערן־פּאָליטיק האָט זשאַבאָטינסקי זיך קאָנצענטרירט אין 1934, דער עיקר, אויף אָרגאַניזירן דעם באָיקאָט אויף דייטשע סחו־רות, צו אויפזוכן יידישע און נישט יידישע פאַרבינדעטע פאַר דער דאָ־זיקער אַקציע, און באַזונדערס אויף דעם פּרווו צו האַרמאָנירן און קאָנ־צענטרירן אין איין אָרגאַניזאַציע אַלע באָיקאָט־באַוועגונגען איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט געפּרווט דער בונד הצה״ר, דורך אַ ווענדונג צו דער פעלקער־ליגע, צו פאַרמיידן אַז דאָס סאַאַר-געביט זאָל איבער־געגעבן ווערן דייטשלאַנד, נאָך אַ פּלעביסציט וואָס איז דאָרט דורכגע־פירט געוואָרן, איידער עס ווערט געשטעלט דער אויסגעשפּראָכענער באַ־דינג, אַז אין יענער געגנט זאָלן קיין קראַפט נישט האָבן קיין שום ראַסן־אונטערשידן.

אין דער אינערלעכער ציוניסטישער פּאָליטיק איז פאָרגעקומען אַ ווענדונג סוף יאָר 1934, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער אַרלאָזאָראָ'ו־פּראָצעס. דורך דער פאַרמיטלונג פון פּנחס רוטענבערג האָבן זיך באַ־געגנט זשאַבאָטינסקי און בן גוריון אין לאָנדאָן אָפּצוהאַלטן עטלעכע גרינטלעכע געשפּרעכן, און אַלס רעזולטאַט האָבן זיי אונטערגעשריבן צוויי אָפּמאַכן:

1 — מען זאָל מאָמענטאַל אויפהערן באַנוצן גוואַלד אינעם קלאַסן־קאַמף, און 2 — ברענגען אין אָרדענונג די באַציאונגען צווישן דער אַל־געמיינער „הסתדרות העובדים״ און דער נאַציאָנאַלער „הסתדרות העובדים״. דער צווייטער הסכם האָט באַדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון

ביידע הסתדרויות. (דער דאָזיקער הסכם איז שפּעטער אָפּגעוואָרפן גע-וואָרן מיט א מאַיאָריטעט פון שטימען דורך אַן אַנקעטע וואָס איז צוגע-גרייט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער הסתדרות). אין יענע געשפּרעכן איז אויך אָנגעצייכנט געוואָרן די מעגלעכקייט פון א פּאָליטישן הסכם און א ציוניסטישער קאָאַליציע.

אין מיטן פון די דאָזיקע געשעענישן איז זיך צוזאַמענגעקומען אין יאַנואַר פון 1935 אין קראָקוי דער זעקסטער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פונעם בונד הצה"ר.

***

א שטורעם קומט איצט פאָר אין דער יידישער וועלט, א שטורעם וואָס באַדראָט אויסצורייסן פונעם שורש דאָס יידישע לעבן אין די גלות-לענדער. און פאַר אונדזערע אויגן פאַרשפּרייט זיך דער בייזער ווינט אויך אין לענדער, ווו א לאַנגע צייט איז נישט געווען קיין שנאה צו יידן, אויף פעלקער וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס איז אַזוינס שנאה צו יידן. אָט האָבן מיר געהערט פון אונדזער טרייען פריינט וועדזשוווד, אַז אפילו אין דעם עלטסטן פון די פּאַרלאַמענטן זעט מען באַאומרואיקנדע סימפּטאָמען פון דעם איינפלוס פון דער מגפה וואָס איר מקור איז אין צענטראַל-אייראָפּע.

קעגן דעם לאַנד פון וואַנען עס איז אַרויס די דאָזיקע מגפה האָט דאָס יידישע פאָלק אונטערגענומען, אַלס רעאַקציע, אַן עקאָנאָמישע מל-חמה. עס פעלט נאָך אין דער דאָזיקער מלחמה די אַלוועלטלעכע סאָלי-דאַריטעט. די לעצטע פּרווו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין לאָנדאָן, אויפצושטעלן א וועלט-אָרגאַניזאַציע פון יידישער פאַרטיידיקונג, איז, צו אונדזער באַדויערן, אויך דורכגעפאַלן. אָבער איין זאַך איז אויסער יעדן ספק: מיר האָבן געוויזן דער נישט-יידישער וועלט, די פיל אינ-דוסטריאַלן און סוחרים פון אַלע פעלקער, אַז איצט איז זיי געגעבן גע-וואָרן די געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן זייער אַלטן חלום — צו פאַרנע-מען אויפן וועלט-מאַרק דאָס פּלאַץ פונעם געפערלעכן קאָנקורענט. זאָלן גרעסערע פון מיר עקאָנאָמישע עקספּערטן זאָגן, אויב מיר, יידן, זענען

שטארק אלס באיקאטירער. אבער געווים זענען מיר שטארק אלס וועקער. און אין די לעצטע צוויי יאר האבן מיר אויפגעוועקט שטארקע פארלאנגען, — פארלאנגען וואס וועלן טון זייערס, נישט געקוקט אויף אלע שיינע מליצות און אויך נישט געקוקט אויף די פאפירענע קאנטראקטן. דעריבער וועט אונדזער קאמפיין ענדלעך זיגן. דער שונא פון דער וועלט איז שוין פאראורטיילט צום טויט און קיין זאך וועט אים נישט קענען ראטעווען.

דער רעזשים פון ראסנהאס האט געגעבן דעם פאלק — פון יענעם לאנד — הבטחות אויף הבטחות. אבער פון די אלע הבטחות וועט ער קענען דערפילן בלויז איין זאך: נאכדעם ווי ער וועט אנטוישן זיינע לאנדסלייט וועט ער נאך קענען פארשטאפן דאס מויל פון די סוחרים, אדוואקאטן, דאקטוירים און אנגעשטעלטע אין זיין לאנד דורך דעם „באקשיש" פון די פרנסות וועלכע האבן זיך געפונען אין די הענט פון די יידן. און דעריבער וועט דער דאזיקער רעזשים גייען אויף דעם וועג ביז צום סוף. פילייכט ביז זיין סוף, און פילייכט ביזן סוף פון אלע יידן אין יענעם לאנד.

אבער דער שווערסטער שאדן פון דעם דאזיקן וועלט-שטורעם איז געווען דער וואס עס האט פאראורזאכט דווקא די פעלקער-ליגע. איך מיין איר באשלוס בנוגע דעם סאאר-געביט. דורך דעם דאזיקן באשלוס האט די פעלקער-ליגע פאקטיש געגעבן איר ראטיפיקאציע און צושטימונג צום רעזשים פון ראסן-האס. אינעם נאמען פון אלע יידן, וועלכע זענען פון שטענדיק און ביז היינט געווען די טרייע שטיצער פון דער פעלקער-ליגע, מוז איך קעגן דעם שארף פראטעסטירן. מיר האבן געגלויבט אין דעם פעלקער בונד, און מיר ווילן אין אים גלויבן אויך אויף להבא. אפשר האט ער אן אינטערעס, אפשר איז די מענטשהייט פארינטערעסירט אין דעם, אז עס זאל אין אונדזער הארץ אנטשטייען א ספק, אויב דער פעלקער בונד איז באמת יענער סנהדרין פון דעם מענטשלעכן געוויסן וועלכער ער באדארף זיין? דאס יידישע פאלק איז א פאלק מיט א שטארקן כוח צו רייצן און וועקן. און א ספק, וואס אנטשטייט ביי אונדז, קען זיך שנעל פארשפרייטן איבער אלע עקן וועלט. מיר ווייסן,

אַז אין פּאָליטיק איז נישט יעדער „ניין" דער לעצטער „ניין". עס קען זיך נאָך פיל ענדערן אויך אין דער באַציאונג פונעם פעלקער-בונד צו דעם גורל פונעם סאַר-געביט. אָבער, די וואָרנונג — איז אַ וואָרנונג, און דער פעלקער-בונד דאַרף איר פאַרשטייען. אויב עס איז פאַראַן אַ באַזונדערע תורה פונעם פעלקער בונד, וועלכע די וועלט אין אונדזער דור מוז לערנען, געדענקען מיר דאָך וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אונדזער תורה: „אויב דו וועסט איר פאַרלאָזן אויף אַ טאָג — וועט זי דיך פאַרלאָזן אויף צוויי טעג".

אָבער דאָס יידישע פאָלק איז מחויב זיך צו פאַרטיפן איצט מער ווי ווען פריער אין צוגרייטן זיינע לעבנס-באַדינגונגען אין גלות. צו מאַכן פון גלות פּאָטערלאַנד — דאָס איז אוממעגלעך. אָבער, ב. באָרוכאָווס אַלט וואָרט „נאָרמאַליזאַציע פונעם גלות" האָט נאָך אַ ווערט, און פאַר דעם דאַרפן מיר איצט קעמפן דורך אַלע מעטאָדן.

דעריבער, פאַרפליכטעט די דאָזיקע שעה, אַז עס זאָל זיך צוזאַמענקומען אַן אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס און זאָל באַשטימען די סיסטעם פון דער פאַרטיידיקונג פונעם יידישן פאָלק פאַר דער „פאַרגיפטונג פונעם גלות". און אויף דער באַזע פון אונדזער פּראָגראַם האָבן מיר באַשלאָסן צו שטיצן אַקטיוו די באַוועגונג פון אַ יידישן קאָנגרעס. אָבער אין דער זעלבער צייט ווייסן מיר דאָך, אַז פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זענען די דאָזיקע שרעקלעכע גלות-קאָנוולסיעס נישט מער ווי אַ נויטיקער שטאַפּל און נאַטירלעכע פאַזע אין די וואַנדערונגען פונעם יידישן פאָלק פון זיין גלות צו זיין לאַנד, פון דער חרובער ציון צו דער ציון פון רענעסאַנס.

די דאָזיקע קאָנוולסיעס שטויסן די יידישע מאַסן צו גיין אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס שיינט אַרויס צו זיי פּערספּעקטיוון פון הילף. דער דאָזיקער שטורעם וואָס קומט איצט פאַר אין אונדזער וועלט איז דעריבער אַ גוטער שטורעם, פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אָבער צו אונדזער באַדויערן, פאַרשטייט נאָך נישט דאָס יידישע פאָלק ווי אויסצונוצן זיין קראַפט. די מאַסן פאַרשטייען, לעת עתה נישט, אַז ארץ ישראל איז נישט פאַר זיי היינט נאָר „אַ נאַציאָנאַלע היים", נייערט אויך דאָס אָרט

אין וועלכן עס דארף פולשטענדיק געלייזט ווערן די פראגע פון עקזיס־טעניץ. אויך די ציוניסטישע באוועגונג האט ביז איצט נישט אויסגענוצט די דאזיקע קאלאסאלע געלעגנהייט כדי צו דערגרייכן אדער, אמווינציקסטן, פ א ר מ ו ל י ר ן די פאליטישע פאדערונגען, וואס אן זיי וועט אויך איצט די גאולה פארבלייבן — נישט מער ווי א חלום.

און וואס איז נאך ערגער: דער ציוניזם האט נישט פארשטאנען אויסצונוצן ווי עס געהערט צו זיין אויך די גרויסע יידישע כוחות, מענ-טשן-כוחות און פינאנציעלע כוחות, וועלכע דער שטורעם האט פארטראגן אין די לעצטע צוויי יאר קיין ארץ־ישראל; און נישט געקוקט אויף דער איצטיקער „פראספעריטי” אינעם לאנד, פארשפרייט זיך און ווערט שטארקער דארט אינעם ישוב, און אומעטום, דער גרויסער חשד: קען נישט געמאלט זיין אז דער דאזיקער גאנצער מישמאש, מישמאש פון געלט, פון הייזער, פון צענדליקער טויזנטער מענטשן, אז דאס אלץ איז נישט מער ווי א פאלשע אילוזיע, א שלאס אין דער לופטן, אן שטארקע עקאנאמישע יסודות, אפשר איז דאס אלץ נישט מער ווי א קאלאסאלער זייפנבלאז און מער גארנישט?

הונדערט טויזנט נייע עולים וועלכע האבן זיך באזעצט אינעם לאנד, דארפן דאך פראדוצירן פאר זייער פרנסה און ארויספירן אויפן מארק סחורות פאר צען מיליאן לירעס. אמווינציקסטן, און ווו איז דער מארק פאר אזא ווקס פון דער פראדוקציע? און נאך עפעס: ווער ווייסט וויפל פון די עולים זענען, פאקטיש, בלויז „טוריסטן” — נישט מער ווי „אן אויסגעבלאזן איי” אין דער פארעם פון מענטשן און לירעס? און אז די דאזיקע טוריסטן זאלן קענען זיך איינארדענען אינעם לאנד, אז עס זאל קענען געזיכערט ווערן דער פארקויף פון דער נייער פראדוקציע. וועט נישט העלפן קיין נייע הלוואה. דאס איז נישט קיין פראגע פון לירעס. פאר דעם איז וויכטיק אז ענדערונג פון די גרונט-באדינגונגען: אגראר־רעפאר-מען, רעפארמען פון די שטייער־סיסטעמען, רעפארמען פונעם שטייער-טאריף. און אין דער הינזיכט איז ביז איצט נאך כמעט גארנישט געטון געווארן. דאס איינציקע, דערווייל אין דער ריכטונג, וואס איז נישט קיין

„אויסגעבלאָזן איי", איז דאָס דערגרייכן אַ רעכט אויף דער זאַמדיקער ערד. (חולה).

אמת, די באַדינגונגען לויט וועלכע מען האָט אונדז געגעבן דאָס דאָזיקע רעכט, זענען אויך אַ קלאָרער ביישפּיל, ווי אַזוי מען עקספּלאָטירט אויף אַ ציניש אופן די יידישע ליידן און דעם יידישן אידעאַליזם. אָבער די „חולה" איז, אַמווינציקסטן, אַ גרויסער שטח ערד, און נישט נאָר אַ פאַלשע אילוזיע. יאָרן לאַנג האָבן ענגלישע עקספּערטן, און אויך ציוניסטישע מנהיגים, האָבן געשריגן, אַז עס פעלן אין ארץ ישראל ערדן וואָס טויגן באַאַרבעט צו ווערן. אָבער, געווים, איז אַ דריטל פונעם ארץ-ישראל-שטח אַזוי ווי חולה, און די גרעסטע „חולה" הייסט עבר הירדן. היינט איז שוין קלאָר אַז נישט די אַראַבער וועלכע זיצן דאָרט, נאָר די בריטישע רעגירונג, איז די, וועלכע לאָזט אונדז נישט אַריין אין עבר הירדן. זי איז, אַלזאָ די וועלכע צווינגט אונדז אויפצוהאַלטן אונדזער קאָלאָניזאַציע אין די שלעכטע באַדינגונגען פון אַן אויפגעבלאָזענער „פּראָספּעריטעט".

איצט הויבן זיך אָן שרעקן פאַר דער אויסוויקלונג פון די געשעענישן אפילו יענע ציוניסטישע עסקנים גופא, וועלכע זענען שולדיק אין דעם עקזיסטירנדן מצב. איצט קומען זיי און קלאָגן זיך אויף „שפּעקולאַציע". אָבער אַנדערש האָט דאָך נישט געקענט זיין. די שפּעקולאַציע קומט נאָר דאַן ווען די עקזיסטירנדע פּאָליטישע אָרדענונג פאַרשטעלט אַלע וויכטיקע וועגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַ געזונטער עקאָנאָמיע. און קעמפן קענען דער שפּעקולאַציע קען נאָר די לייטונג צו וועלכער דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל זאָל האָבן צוטרוי. אָבער די ציוניסטישע לייטונג האָט אין פאַרלויף פון 10 יאָר געזען אין דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל בלויז אַן איבעריקן און שעדלעכן עלעמענט. ער איז געווען ביי איר אין די אויגן — דאָס מיסט פון שניפּעשאָק און נאַלעווקי. דעריבער האָט דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל נישט קיין צוטרוי צו איר. און דעריבער וואַרפט ער זיך אַהער און אַהין אָן שום קאָנטראָל.

דערפון אַנטפּלעקט זיך אַלזאָ די ערשטע אויפגאַבע וואָס עס שטייט איצט פאַר הצה"ר. עס איז אויף אונדז מוטל אויסצוקעמפן יענע רעוואָ-

לוציע וואָס מען רופט איצט אין אַמעריקע „ניו-דיל", עס איז אויף אונדז מוטל צו פירן אַ דאָפּלטן קאַמף: אין דרויסן און אינעווייניק.

אַן אויסערלעכן קאַמף: — פאַר אַ קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים. אַ פאַרבאַדינג דערצו — זיך אָפּזאָגן פון דעם פּראָיעקט פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט.

אין 1922 האָבן די אַראַבער באַיקאָטירט דעם לעגיסלאַטיוון ראַט — און די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אים. איצט פאָדערן אַלע יידישע פּאַרטייען, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם ראַט — אָבער די רעגירונג וויל נישט נאָכגעבן. ווו איז אַלזאָ, די גלייכע באַציאונג, ווו איז די באַרימטע „פעיר פּלעיי"?

אָבער דאָ דאַרף איך אויך וואָרענען אַ טייל פון מיינע חברים: — די באַזע פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאָליטיק איז — לאָגיק. אויב מיר פאָדערן פון דער מאַנדאַטאָר אַז זי זאָל איינשטעלן אַ קאָלאָניזאַטאָרישן רעזשים, קענען מיר נישט, אין דער זעלבער צייט, דערלויבן אַז עס זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז עס איז פאַראַן עמיץ וואָס וויל בכלל פּטור ווערן פון דער מאַנדאַטאָר. ווי רעאַליסטן דאַרפן מיר לערנען אַ לעקציע פון די לעצטע יאָרן. צוריק מיט אייניקע יאָר, ווען מיר, רעוויזיאָניסטן, האָבן געפאָדערט אַן עליה פון 30.000 מענטשן יערלעך, האָט מען אונדז געענטפערט אין ענגלאַנד: „דאָס איז אוממעגלעך!" און איצט האָבן מיר אַן עליה וואָס איז אַנדערטהאַלבן מאָל גרעסער פון דעם. דאָס הייסט אַז די ענגלישע פּאָליטיק איז אַן עלאַסטישע מאַשין, אַן אַפּאַראַט וואָס איז נעמאַכט געוואָרן נאָכצוגעבן אַן ערנסטן דרוק — ווען דער דרוק איז אַ גערעכטער און גענוג שטאַרקער.

אונדזער מעטאָד — באַטייט דרוק. אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס אַזאַ שטאָלץ פאָלק, ווי דאָס יידישע, פאָדערט עפּעס פון ענגלאַנד, הייסט דאָס נישט, אַז מיר בעטן אַ נדבה. מיר בעטן נישט ביי ענגלאַנד קיין אומזיסטיקע געשאַנקען. מיר ווילן אַז ענגלאַנד זאָל דערפילן מיט דער גאַנצער שטאַרקייט אונדזער פאָדערונג. אָבער מיר ווילן אויך, אַז ענגלאַנד זאָל האָבן נוצן דערפון, און גרויסע נוצן. ווייל ענגלאַנד איז דאָך אויפן מיטן

וועג וואָס פירט צום ווייטן מזרח נישט מער ווי אַ דורכגייערן, אָבער מיר וועלן דאָרט לעבן אין אונדזער היים.

ווי געזאָגט, אונדזער מעטאָד איז דער מעטאָד פון פּאָליטישן דרוק און די פאָרעם פון אונדזערע פאָדערונגען איז: דער קאַמפּיין פאַר אַ פּעטיציע. דער ערשטער עטאַפּ האָט אונדז שוין געגעבן אַריבער אַ האַלבן מיליאָן חתימות.

דער דאָזיקער פאַקט גופא עפנט דעם וועג אַזוי גוט פאַר די יידישע מאַסן ווי אויך פאַר די נישט-יידישע מלוכה-קרייזן. איצט דאַרף די אָנפירונג פון דער באַוועגונג אַריבער פון אונדזערע הענט אין די הענט פון אומפּאַרטייאישע פאַרייגען — פּעטיציאָנערן. נאָכדעם ווי די חתימות אויף דער פּעטיציע וועלן באַטרעפן פיל מיליאָנען, וועט זיך צוזאַמענקומען דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון פּעטיציאָנערן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויפן יאָר 1936, און ער וועט אויסקלייבן די לייטונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

אָן ספק, וועלן זיין פיל און שווערע שטרויכלונגען. וועגן איין שטרויכלונג קאָן איך אייך שוין מודיע זיין: די מאַנדאַטן-קאָמיסיע פון דער פעלקער-ליגע האָט אנערקענט אויף איר לעצטער סעסיע — נאָך אַ דעבאַטע וועגן דער פּעטיציע וואָס דער בונד „הצה"ר" פון ארץ ישראל האָט איר צוגעשיקט — אַז עס איז ריכטיק דער שטאַנדפּונקט פון דער מאַנדאַטן-רעגירונג, „אַז די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה איז אין קעגנזאַץ צום מאַנדאַט". איך האָב שוין געזאָגט אַז דער ערשטער „ניין" פון אַ פּאָליטישער אינסטיטוציע איז נישט קיין אומשיידנדער ווערדיקט. אָבער, איך וויל דאָ איבערחזרן די וואָרנונג וואָס איך האָב דערקלערט ביים אָנהויב פון מיין רעדע: אַז אויך די מאַנדאַטן-קאָמיסיע ווייסט גוט, אַז די איינציקע באַדייטונג פונעם מאַנדאַט איז דווקא: אַ יידנשטאַט.

אין ענגלאַנד גופא איז פאַרזיכערט געוואָרן די פאָרמעלע זייט פון דער פּעטיציע און אַזוי איז אויך פאַרזיכערט געוואָרן די שטיצע פון איינפלוסרייכע קרייזן. וועגן דעם וועט אייך מאָרגן מעלדן הער שעכטמאַן, אין צוזאַמענהאַנג מיט וועדזשוואודס בריוו, וועלכער וועט דאָ פאַרעפנטלעכט ווערן.

אָבער די באַדייטונג פון „ניו-דיל" פון אינעווייניק הייסט: אַ ראַדי-קאַלע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פונעם ציוניזם. איר צענ-טראַלע ראָל דאַרף זיין: צו ווירקן אויף די האַנדלונגען פון דער באַזונדע-רער פּראָגראַם אינעם לאַנד דורך דעם גרינדן פאָנדן צו פאַרזיכערן דעם קרעדיט; דורך דעם פאַרזיכערן מערק פאַר אָפּנעמען די ארץ-ישראל-פּראָ-דוקציע; דורך דעם אויסלייזן דאָס וואַסער — וואָס איז איצט דער עיקר פון דער דערלייזונג פונעם באָדן; און באַזונדערס — דורך דעם וואָס עס וועט איינגעשטעלט ווערן אינעם ישוב אַ סיסטעם פון נאַציאָנאַלער בור-רות, וואָס וועט פאַרמיידן יעדע מעגלעכקייט און יעדן זכר פון קלאַסן-קאַמף. דעם ערשטן טריט אין דער דאָזיקער ריכטונג האָבן מיר שוין גע-מאַכט — און דאָס איז — „די נאַציאָנאַלע הסתדרות פון ארבעטער". אָבער איצט איז געקומען דער מאָמענט אַז די רעוויזיאָניסטן זאָלן אָנ-הויבן אויפשטעלן אינעם לאַנד אייגענע עקאָנאָמישע פעסטונגען, און דער אינסטרומענט פאַר דעם וועט זיין „תל חי".

דאָ דאַרף איך זיך אָפּשטעלן אויך אויף די לאָנדאָנער אָפּמאַכן. איי-נער פון זיי איז דער הסכם וועגן אַ צייטווייליקן „מאָדוס וויווענדי" צווישן ביידע ארבעטער-הסתדרויות, ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערן אינעם ישוב אַ בוררות-רעזשים. איך האָב געלייענט, אַז דער צווייטער צד קען נישט באַשליסן זיך צו ראַטיפיצירן דעם הסכם ווייל ער איז מבטל דעם פּרינציפּ פון „רעכט צו שטרייקן". איך קען וועגן דעם בלויז זאָגן איין זאַך: ריכטיק, דער הסכם שטעלט פעסט, אַז דאָרט וווּ עס איז דאָ אפילו אַ קליינער מיעוט פון נאַציאָנאַלע ארבעטער, איז פאַרבאָטן צו פּראָקלאַ-מירן אַ שטרייק איידער עס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַ בוררות. פון דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ אָדער דאָס בטל ווערן פונעם גאַנצן הסכם.

דער צווייטער הסכם וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין לאָנדאָן באַרירט דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון דער יידישער אַגענץ צו פאַר-טיילן די סערטיפיקאַטן. דעם דאָזיקן מאָנאָפּאָל אנערקענען מיר נישט. דאָס ערשטע רעכט אויסצוקלייבן יידישע ארבעטער דאַרף געגעבן ווערן די פאַרשטייער פון די אינדוסטריעלע און אַנדערע אונטערנעמונגען. מיר

האבן זיך וועגן דעם געווענדעט צו דער לאנדאנער רעגירונג און אויך צו די פאראינטערעסירטע קרייזן אין ארץ־ישראל. אונדזערע אנשטרענגונגען זענען נישט געווען אומזיסט. די ליטונג פון דער אגענץ איז געווען גע־צוואונגען איבערצוגעבן א טייל פון איר לעצטער קוואטע צו די דאזיקע קרייזן. איצט קענען די בית״ר אנפירער רואיק מאכן ווייטערדיקע שריט, באזונדערס ווען דאס ווערט געטאן אויך בעסער צו מאכן די אטמאספער פאר ווייטערדיקע אונטערהאנדלונגען וועגן א שלום-בית אינעם ציוניזם

און וואס וועט זיין דער רעזולטאט פון ווייטערדיקע אונטערהאנדלונ־גען? איין זאך איז יעדנפאלס קלאר: איצט דארף קומען א קאנפערענץ פון א קייקעביקן טיש פון אלע ציוניסטישע פארטייען. וואס וועט ברענ־גען די דאזיקע קאנפערענץ? מעגלעך נישט פיל, מעגלעך א הסכם וועגן א שטענדיקן קא־טאקט. מעגלעך א הסכם אז איינער זאל נישט שטערן דעם אנדערן. ווען מיר זאלן קענען אנווייזן אז עס איז שוין פאראן א וועלכע נישט איז אידענטישקייט צווישן אונדזערע מיינונגען בנוגע דעם ענדציל פונעם ציוניזם און זיינעווירקונגס-מעטאדן, — וואלטן מיר איצט גע־קענט ריידן וועגן א קאאליציע אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, א קאא־ליציע וואס איז געבויט אויף דער באזע פון גלייכגעוויכט. אבער דער הצה״ר וועט פאר זיך, יעדנפאלס, לאזן דאס רעכט צו פארהאנדלען אומ־אפהענגיק אויף יענע געביטן אין וועלכע עס איז נאך נישטא קיין אלגע־מיינער הסכם. און מיר וועלן בשום אופן נישט אננעמען די „פראגער" מיינונג וועגן דיסציפלין, וואס באטייט — די הערשאפט פון דער מאיא־ריטעט איבער דער מינאריטעט. מיר געהערן נישט צו יענעם מין „מא-זאכיסטן", וועלכע זענען גרייט זיך אונטערצוווארפן אן א שום באדינג און אונטער יעדער צופעליקער מאיאריטעט, ווען אפילו דער דאזיקער רוב איז פריינטלעך צו זיי. לויט אונדזער מיינונג איז דער 18-טער קאנ־גרעס נישט פארגעקומען. דאס וואס איז געווען אין פראג איז נישט גע-ווען קיין קאנגרעס.

אויב די קאנפערענץ וועט באשליסן צו גיין צום קומענדן קאנגרעס — האב איך דעם איינדרוק, אז איצט קענען מיר מיט זיכערקייט האפן אויף אן אנטשיידנדן זיג פון דער אפאזיציע. אבער, איך גלויב אז אין אזא

פאל וועט אונדז נישט באהערשן די קליינלעכע תאוה „זיך נוקם" צו זיין אין אונדזערע קעגנער דורך דעם וואס מיר וועלן איינשטעלן די אויבער-מאכט פון דער נייער מאיאריטעט איבער דער מינאריטעט. איך האף, אז די נייע זיגער וועלן איינפירן א רעזשים פון קאאליציע און פרייען הסכם.

פון דער עפאכע פון ענויים און רדיפות גייט הצה"ר ארויס, אלזא, מיט א שטארק געפיל פון באוווסטזיין פון דער אייגענער ווערט. ער גייט ארויס שטאלץ און געבענטשט מיט אן ענטוזיאסטישער און העלדישער יוגנט, פשוטו כמשמעו, און ער ווייסט אז, ער האט זוכה געווען דערצו, נישט ווייל מיר זענען בעסערע מענטשן פון אנדערע, נייערט ווייל מיר גייען ביי דער שיין פון דער תורה פון אמתן ציוניזם, ביי דער שיין פון הערצלס תורה.

דער גרויס-ציוניזם

אַ רעדע אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווין, סעפּטעמבער 1935

נאָכדעם ווי דער ציוניסטישער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אין דעם פרילינג פון 1935, אַרויפצולייגן אַ דיסציפּלין-פליכט אויף יעדן שקל־קויפער, און אויך אָפּצודרוקן דעם נוסח פונעם באַשלוס אויפן שקל גופא, האָט זשאַבאָטינסקי דורכגעפירט אַן אַלגעמיינעם פּלעביסציט אי־נעם בונד הצה״ר וועגן דער גרינדונג פון אַן „אומאָפּהענגיקער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע״. 90% האָבן געענטפערט „יאָ״. באַלד נאָך דעם פּלע-ביסציט איז די לייטונג פון הצה״ר צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די וואַלן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע״. דאָס וואַלרעכט איז געגעבן געוואָרן יעדן יידן און יידישער פרוי פון 18 יאָר און עלטער, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן אַ קליינע דעקלאַ־ראַציע, וואָס האָט אַנטהאַלטן דעם ציל פונעם ציוניזם („אַ יידישע מדינה פון ביידע זייטן ירדן״). אויסער חברים פון הצה״ר און מאַסן סתם יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן אויך אָרגאַניזירטע קרייזן, און צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אַן אויסקריסטאַליזירטער קרייז פון ח ר ד י ם אין פּוילן, וואָס אַן זייער שפּיץ איז געשטאַנען לוי יונגסטער, פון די הויפּט־אָנפירער פונעם „מזרחי״. די צאָל וויילער אין אַלע לענדער האָט דערגרייכט אַריבער 713.000.

דעם 7-טן סעפּטעמבער פון 1935 איז דערעפנט געוואָרן די גרינ־דונגס-פאַרזאַמלונג אויף אַ פייערלעכער סעסיע אין דעם זאַל „קאָנצערט האוז״ אין ווין. נאָך קורצע דערעפענונגס-ווערטער פונעם עלטסטן פון די דעלעגאַטן, יעקב דע־האַז (פון אַמעריקע, וועלכער איז געווען פון הערצלס נאָענטע מיטאַרבעטער), האָבן באַגריסט רעפּרעזענטאַנטן פון דער

עסטרייכישער רעגירונג, פון דער וויגער מוניציפאליטעט, דעלעגאטן פון פארשידענע לענדער, פארשטייער פון דער יידישער קהילה, און אנדערע.

נאכדעם האט פארנומען די רעדנער־טריבונע, אין מיטן פון שטור־מישע אפלאדיסמענטן, זאב זשאבאטינסקי און האט געהאלטן די פראגראמאטישע דערעפענונגס-רעדע פון דער נייער ציוניס־טישער ארגאניזאציע.

***

זיבן הונדערט טויזנט וויילער פונעם שטאטלעכן ציוניזם האבן בא־שלאסן צו ארגאניזירן איבעראניים, אויף א נייער באזע, דאס יידנטום וואס איז פארבליבן טריי צו ציון. און דעריבער האבן מיר זיך אט דא פארזאמלט אין דער שליחות פון א צאל וויילער וואס האט נאך צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע פארלאמענטן. און אונזער פליכט איז דעריבער זיך גוט צו פארטיפן און פארשטייען: פארוואס זוכט די דאזיקע גרויסע מאסע נייע וועגן, און וועלכע זענען די נייע וועגן וואס זי זוכט?

מיר פארזאמלען זיך אין א מאמענט ווען עס ווערן פארענדיקט דריי פארשידענע עפאכן. הונדערט יאר פון בירגערלעכע גלייכע רעכט; 55 יאר פון דער נאציאנאלער באוועגונג, וואס 2/3 פון זיי זענען אוועק מיט פא־ליטישן ציוניזם; און 15 יאר זינט דער שותפות מיט בריטאניע אלס מאנ־דאטור-מאכט. פון די אלע דריי עקספערימענטן קענען מיר איצט מאכן די נויטיקע מסקנות.

נאר א מענטש ווי מאקס נארדוי איז געווען פעאיק צו רעזומירן ווי עס באדארף צו זיין די לעצטע קאנסעקווענצן פון דער עמאנציפאציע. איך וועל בלויז קענען זאגן בקיצור: דער דאזיקער אלזייטיקער עקספע־רימענט, מבטל צו מאכן די טראגעדיע פון דער יידישער ווירקלעכקייט דורך לעגאלע גלייכע רעכט און דורך קולטור-אסימילאציע, איז דורכגע־פאלן אין אלע אספעקטן. געווים, זענען פאראן פארשידענע גראדן פון טראגיזם; עס זענען פאראן אין גלות מער אנגענעמע און ווינציקער אנגע־נעמע פלעצער: אבער קיין האפענונג איז מער נישטא אין

קיין פּלאַץ, און דער איבערוויגנדער יסוד דאָ שטעקט, פּיליכט, אין דעם פּאַקט, וואָס פון דער פּראַגראַמאַטישער אַסימילאַציע, פון דער באַוואוסט־זיניקער אַסימילאַציע, איז נישט איבערגעבליבן קיין שריד ופּליט. מיר דאַרפן דערויף נישט פאַרגיסן קיין טרערן: דאָס איז געווען אַ פאַלשע תורה, אַ שענדלעכע און שעדלעכע, אָבער אמווינציקסטן אָפּטימיזם און האָפענונג איז געווען אין איר. אמת, עס זענען נאָך פאַראַן אַסימילאַנטן, אָבער זיי האָבן שוין אויפגעהערט פּראָפּאַגאַנדירן: די לעצטע אילוזיע האָט זיך אויסגעוועפּט. דאָס איז נישט קיין איבערגייענדע דערשיינונג, און אירע סיבות שטעקן נישט אין גרעסטן טייל אין דעם שלעכטן ווילן פון רעגירונגען און פון מאַסן. אויסער איין פאַל, אויף וועלכן איך וועל מיך ווייטער אָפּשטעלן, ליידן מיר היינט נישט פון דעם סוביעקטיווען אַנטיסעמיטיזם פון די מענטשן, נייערט פון דעם „אַנטיסעמיטיזם" פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. א ו נ ד ז ע ר ע ר ע כ ט וועלן מיר פאַרטיידיקן אומעטום, אין אַלע לענדער, און איך האָף אַז מיר וועלן מצליח זיין אָבער רעכט האָבן נישט קיין טעם, ווען עס ווערן בטל די אויס־זיכטן צו געניסן אין דער ווירקלעכקייט פון אַוועלכע נישט איז „רעכט", היינט מער פון נעכטן און מאָרגן מער פון היינט. דאָס לעבן אין גלות, און באַזונדערס די ווירטשאַפט פונעם גלות, וועלן אין דער צוקונפט, אויף וויפל מען קען איר פאָראויסזען, נישט האָבן קיין פלאַץ פאַר די יידן; און דאָס איז די באַדייטונג פון דער תקופה פון 110 יאָר, (איך וועל דערמאָנען צוויי נעמען פאַרשידענע לויט זייער ווערט, אָבער פון גרויסן סימוואָלישן אינהאַלט), וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן טויט פון משה מענדעל־סאָן און האָט זיך געענדיקט מיטן טויט פון אַלפרעד דרייפוס.

אויך פון דעם יובל־יאָר פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג קען מען היינט לערנען אַ קלאָרע און באַשטימטע לעקציע: „באַוועגונג", אָדער „אָרגאַניזאַציע" זענען באַגריפן וואָס זייער צייט איז שוין אוועק, מיניא־טורן פון אַ נאַציע, זענען זיי ענג צו קענען אַנטהאַלטן אין פולן די קאָלאָ־סאַלע אויפגאַבע. זיי זענען דאָך בלויז אויסגעברייטערטע „אגודות" אָדער „פּאַרטייען", וועלכע ווערבירן פאַר זיך „חברים" און גיט זיי אַ פּאַרטיי־

קארנעט פאר מזומן געלט. זיי זענען נישט קיין צופרידנשטעלנדע אינ־סטרומענטן פאר דער לייזונג פון דער וויכטיקער פראגע.

די דריטע און קורצסטע תקופה — די הערשאפט פונעם בריטישן מאנדאט — איז נאך זייער א קליינע, אבער אויך אין איר האט זיך שוין קאנצענטרירט א גענוג קריסטאליזירטע דערפארונג. איר הויפטשטריך — איז פראגראם־לאזיקייט. די אדמיניסטראציע־שיטה אין ארץ ישראל האט נישט קיין שום שייכות צו די צילן פונעם מאנדאט. די אגראר־געזעצן, די סיסטעם פון צינזן און שטייערן, די טאג־טעגלעכע אנפירונג — דאס אלץ איז נישט געצילט פאר די באדערפענישן פון דער קאלאניזאציע. די פראגע פון דער מזרח־טייל פון עבר הירדן און די פראגע פון אימיגראציע זענען איינגעארדנט געווארן אין אבסאלוטן ווידערשפרוך צו די יידישע אינטערעסן. און די גאנצע טענדענץ דערגרייכט איר אפאגיי אין דעם פראיעקט פון דעם „לעגיסלאטיוון ראט", וואס אפילו אין די רעגירונגס־קרייזן לייקנט מען נישט דעם אנטי־ציוניסטישן כאראקטער וואס שטעקט אין איר.

אבער די אלע אפהאלטן און סכנות האבן זיך נישט אנגעטראפן אויף א מערקבארן ווידערשטאנד מצד די יידן. עס איז קיין רמז נישטא פון א וועלכער נישט איז פאליטישער אקציע, אויך נישט פון א פארטיידיקונגס־אקציע, און שוין אודאי נישט פון אן אפענסיווע. דאס וואס מען רופט שטאטלעכקייט איז נישט מער ווי דיפלאמאטישע שמועסן אן עדות און אן אפקלאנג, אדער צירקולארן אן רעזולטאטן — פיליכט אן לייענער. און דער אלגעמיינער איינדרוק, דווקא אין קרייזן פון יידן־פריינט, איז, אז אין אלגעמיין זענען די ציוניסטן צופרידן פון דעם פאליטישן מצב אין ארץ ישראל... בקיצור: מצד דער מאנדאט־מאכט — א זייער שעדלעכער רעזשים, און מצד די יידן — א שעדלעכע פאליטישע שטעלונג.

איך רעזומיר: מיר לעבן, קענטיק, אויפן ראנד פונעם תהום, ערב דעם אנטשיידנדן כאאס אין דעם אלוועלטלעכן געטא: אין דער תקופה וועלכע אונדזער טראדיציע רופט „משיחס צייטן" אדער, אמווינציקסטן, „חבלי משיח". קענן אט דעם קראך שטייט דאס יידנטום נישט באוואפנט

אין אלע הינזיכטן: קליינלעכע צילן, אָרגאַניזאַציעס־פּיגמעען, אַ רעזשים פון שטרויכלונגען אינעם לאַנד און פּאָליטישע נישטיקייט אינעם ציוניזם.

אַט דאָס אַלץ האָט אונדז געבראַכט קיין ווין.

ווען מען האָט דערהערט מיט עטלעכע חדשים צוריק צום ערשטן מאָל דעם רוף צו באַשאַפן אַ נייע פאָלקס־באַזע פאַרן ציוניזם, זענען געווען אַ סך וואָס האָבן געצווייפלט אויב דאָס פאָלק וועט אָפּענטפערן אויף דעם רוף, ווייל דווקא איצט האָבן אַלע סכנות פון דער ארץ־ישראל ווירקלעכקייט זיך באַהאַלטן הינטערן גאָלדענעם רעגן פון דער „פּראָספּעריטעט". היינט קענען מיר ענטפערן די צווייפלער בלויז מיט איין ציפער: 700.000. דער יידישער ציבור דערלויבט נישט דער איבערגייענדער שיין צו פאַרבלענדן זיינע אויגן. ער האָט אונדז געשיקט אַהער אינעם נאָמען פון דער גרויסער בענקשאַפט. נישט צו קריטיקירן, נישט צוליב קאָנקורענץ, נישט כדי צו „מאכן בעסער". די שליחות איז „אַלטנוי־" (לויטן נאָמען פון הערצלס בוך „אַלטנוילאַנד") וואָס איז אַזוי גרויס ווי גרויס עס איז דער שטורעם אין זיין אַפּאָגיי, ווי דער תהום פון יסורים פון די חבלי־המשיח: גרויס־ציוניזם.

נישט קיין תיקון פאַרן גלות דורך אַ שטיקל לאַנד פאַר אַ מוסטער אין פּאַלעסטינע, נאָר די ליקווידאַציע פון דער דיאַספּאָרע: „יציאת מצרים" פאַר אַלע וועלכע דורשטן נאָך אַ פאָטערלאַנד — און אָמענדע, געוויס, נישט ווינציקער פון אַ סוף פון גלות. און פיליכט איז דאָס נישט מער ווי אַ זייער באַשיידענער ציל: בלויז — די נאָרמאַליזאַציע פונעם פאָלק ישראל. וועלכעס וועט זיין אַזוי נאָרמאַל ווי די גרויסע פראַנצויזישע נאַציע אָדער ווי די קליינע דענישע נאַציע: אַלע אין זייערע לענדער; אַלע פרייע: אָן גלות.

פון דער צווייטער זייט, איז דאָס אַן אויפגאַבע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט לויט איר שווערקייט: אָבער אַט דאָס איז די אויפגאַבע; איר אומפאַנג איז באַגרעניצט דורך דער ווירקלעכקייט, און מיר קענען איר נישט ענדערן. אויך די יידישע מדינה איז נישט קיין ענטגילטיקער ציל:

די יידישע מדינה איז נישט מער ווי דער ערשטער שריט אין דעם פּראָצעס פון דער פאַרווירקלעכונג פונעם גרויס-ציוניזם. נאָך אים וועט קומען דער צווייטער שריט: דאָס אומקערן זיך פונעם פאָלק קיין ציון, די יציאה פונעם גלות, די ליי‍זונג פון דער יידנפראַגע. און דער אמתער ענדציל פונעם גרויס-ציוניזם וועט נישט דערשיינען פאַר דעם דריטן עטאַפּ — די זאַך וואָס צוליב איר, פאַקטיש, עקזיסטירן די גרויסע אומות: די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע וועט אַפּטיילן פון איר שיינקייט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי עס שטייט געשריבן: „כי מציון תצא תורה".

נישט קיין הסתדרות אין דער פאָרעם פון אַן אגודה, אין דעם פּיגמייאישן מאַסשטאַב: וואָס מיר גרינדן דאָ איז דער קערן פון דער יורידישער געשטאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק אַלס גאַנצעס. נישט קיין פּאַרטייקאַרטע און אויך נישט קיין „חברים": בירגער; יעדער ייד איז אַ בירגער, כל זמן ער האָט אַליין נישט מותר געווען דאָס רעכט פון זיין בירגערשאַפט. אפילו די דעפינירטע אידעאָלאָגישע דעקלאַראַציע, וועלכע האָט אויסגעוויזן צו זיין נויטיק ביי די דאָזיקע ערשטע וואַלן — אויך איר שלאָגן מיר פאָר בטל צו מאַכן אין דער צוקונפט לגבי דעם אָביעקטיוון וואַל-רעכט. אין עטלעכע יאָר אַרום דאַרף זיך צונויפקומען אַ נייער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל אויסגעקליבן ווערן בפועל דורך דער גרעסטער טייל פונעם כלל ישראל: דאַן וועלן מיר פּראָקלאַמירן די „אַלוועלטלעכע קהילה פונעם ציוניסטישן יידנטום"; אירע פּאַרלאַמענטן וועלן מיר אָנרופן פּאַרלאַמענטן; מיר וועלן פאָדערן די אָפיציעלע אָנערקענונג פון איר אויטאָריטעט, אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ אין גענף און אומעטום. דאַן (און אפשר נאָך פריער) וועט דורך אַגב געפינען איר ליי‍זונג אויך אַן אַנדער פראַגע, די פראַגע פון באַשטימטע רעכט וועלכע ווערן דערמאָנט אינעם מאַנדאַט. היינט זעט אויס די זאַך ווייט, צופיל געוואַגט: אָבער דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די לאָגיק פון די פאַקטן; די ווירקלעכקייט, און נישט מיר שטעלט די דאָזיקע פאָדערונגען, און זי וועט זיי אויך פאַרוואַנדלען אין מעשים.

וועלכע וועט זיין די ליניע פון אונדזער אקטיוויטעט? דערלויבט מיר אייך איר צו דעפינירן מיט א טרעפלעכן אמעריקאנער אויסדרוק: New Deal (ניודיל). מיר ווילן פאדערן נייע אדמיניסטראציע־סיסטעמען מצד דער מאנדאטור, נייע בוי־סיסטעמען מצד די יידן גופא. די געוועלטיקונג־סיסטעמען, וועלכע די מאנדאטור פראקטיצירט אינעם לאנד, זענען פראגראם־לאז. פון מערב זייט פונעם ירדן זענען 2/3 פונעם שטח וויסטע ערד, ביז היינט איז נאך נישט צוגעגרייט געווארן קיין ממשותדיקע אויספארשונג פון די וויסטע שטחים, עס איז נישט געמאכט געווארן קיין פרווו צו באשאפן א באדנרעזערוו, עס איז נישט צוגעגרייט געווארן קיין הלואה פאר דער באדן־פארבעסערונג. און די מזרח־זייט פונעם ירדן, וואס איז פונעם קאלאניזאציע־שטאנדפונקט די וויכטיקסטע טייל, איז פארשלאסן געווארן פאר די יידן. דאס רעכט צו באשטייערן פון דער מלוכה, דינט נישט, ווי אין אלע ציוויליזירטע לענדער, צו סטימולירן די ארטיקע אינדוסטריע: מען נוצט דאס אויס פאר די באדערפענישן פונעם אוצר, כדי צו באַרייכערן די קאסע אויפן חשבון פון דער אגריקולטור און אינדוסטריע, און זייער אנטוויקלונג ווערט פארהאלטן. און אזוי ארום דערשטיקט דער דאזיקער רעזשים אויך דאס יידישע ווערק וואס האט פארצייכנט אין די דריי לעצטע יאר דערגרייכונגען וואס האבן צו זיך קיין גלייכן נישט. אן א לאנד־רעזערוו, אן עבר הירדן איז כמעט נישטא קיין מעגלעכקייט צו שאפן נייע אגריקולטור־ישובים. און די שטייער־סיסטעם וואס איז אונטערגעווארפן דער רעגירונגס־קאסע דערווייטערט דוקא די עקספערטן פון יעדן פראקטישן פלאן. און דאס איז די סיבה וואס נאר א קליינער פראצענט, א שרעקלעך קליינער פראצענט, פון דעם ריזיקן קאפיטאל וואס איז אינוועסטירט געווארן אין די לעצטע יארן האט געקענט גיין פאר נייע דערגרייכונגען אין אגריקולטור און אינדוסטריע. דוקא די דאזיקע צוויי געביטן, וועלכע דארפן בילדן דעם יסוד פאר יעדער געזונטער קאלאניזאציע, זענען, אלזא, פארנאכלעסיקט. דער „אויפבוי" ווערט פאקטיש אויסגעדריקט אין דעם פיבער פון בויען הייזער, און די הויפט־פראגע: פון וואס וועלן לעבן די איינוווינער פון די דאזיקע הייזער, — פארבלייבט אן אן ענטפער.

איינע פון די פּאַרטייען, וועלכע זענען דאָ הי פאַרטראָטן, דער בונד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, וואָרנט שוין זייט צען יאָר, אַז אָן דער שטיצע פון סטימולירנדע אַגריקולטור־געזעצן, שטייערן און צינזן, וועט דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־אויפטו בלויז האָבן אַ טיילווייזן דערפאָלג — פּילייכט, מעגלעך אפילו אַ דורכפאַל. הלואי זאָל טרעפן אַ נס — און דאָס בייזע זאָל נישט געשען; אָבער אויף מיר ליגט דער ביטערער חוב, אין דעם דאָזיקן פייערלעכן טאָג, אויסצודריקן די מורא, אַז פּילייכט די איצטיקע ברייט באַקאַנטע „פּראָספּעריטעט" וועט באַווייזן די גרויזאַמע אַקסיאָמע: און דאַן וועלן מיר איבעראַנייעס הערן דעם אַלטן פּזמון פון פּוסטע יונגען און עמי־ארצים — אַז ארץ ישראל „האָט צו אונדזער באַדויערן אַ זייער באַגרענעצטע עקאָנאָמישע אויפנאַמספּעאיקייט". דעריבער איז מיר אַנגענעם און וויל די אויפגאַבע אונטערצושטרייכן דאָ, אַז די אויפנאַמס־פעאיקייט פון ארץ ישראל קען נאָך במשך פון פיל צענדליקער יאָרן גערעכנט ווערן אַלס אומבאַגרענעצטע, אויב דאָס לאַנד וועט אַדמיניסטרירט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער עצם פאַקט וואָס דאָס דאָזיקע קליינע לאַנד, אונטער דעם איצטיקן רעזשים, נעמט אויף עולים און ווייסט נישט פון קיין קריזיסן, איז אַ באַוויז פון אַן אומגעוויינלעכן אויפנאַמס־כוח. און איצט לאָמיר זיך אויסמאָלן, וואָס וואָלט געקענט געשען, ווען אַ שטראָם מענטשן און גאָלד זאָל דאָרט געוועזן טרעפן אין די לעצטע יאָרן אַ ערד־רעזערוו, אָפּענע טויערן צום עבר הירדן פון מזרח און אַ געזיכערטער מאַרק פאַרן פאַרקויף פון דער פּראָדוקציע!

און דאָס איז די היסטאָרישע אויפגאַבע אין דער דאָזיקער היסטאָרישער שעה. אין דער צווייטער העלפט פון אונדזער צוזאַמענפאָר וועט פאַר אייך פאָרגעלייגט ווערן צו ראַטיפיצירן אַ פּראָגראַם פון צען יאָר, פאַר דער ערשטער פאַזע פון גרויס ציוניזם — צו פאַרווירקלעכן דעם שטאַאַט מיט אַ יידישער מאַיאָריטעט פון ביידע זייטן ירדן — און איר פאַרשלאָגן דער מאַנדאַט־רעגירונג. די פּראָגראַם דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אין אַלע אירע פּרטים פון עקספּערטן, באַזונדערס אין ארץ ישראל גופא. זי וועט זיין באַזירט אויף דער הנחה אַז לערך אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע אימיגראַנטן וועלן

זיך באַזעצן אינעם לאַנד; זי וועט דאַרפן צוטיילן די דאָזיקע צאָל צווישן די פאַרשידענע גלות־לענדער, כדי יעדעס לאַנד זאָל קענען פון אָנהויב אָן קענען געניסן פון דער גרויסער עוואַקואַציע. אַז די אויטאָריזירטע קערפּערשאַפטן זאָלן אָננעמען די צען־יאָר־פּראָגראַם דאַרף צוגעגרייט ווערן פאַר דעם דער געוויסן פון דער וועלט; און דאָס פאַרשטייען אַלע פּאָליטיש־געשולטע מענטשן מיט דעם נישט אינגאַנצן קלאָרן אויסדרוק „די פּעטיציע־באַוועגונג". אַלע ציוויליזירטע פעלקער און זייערע רעגי־רונגען, און באַזונדערס די אויסוואַנדערונג־לענדער דאַרפן איינגעשלאָסן ווערן אין דער דאָזיקער מאָביליזאַציע (פונעם געוויסן פון דער וועלט). צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן די רעוויזיאָניסטן אָנגעהויבן דורכ־לייגן אַ וועג אין דער דאָזיקער ריכטונג: די „אַלוועלטלעכע קהילה" דאַרף פאַרענדיקן די אַרבעט.

אויך אין אונדזערע יידישע בוי־סיסטעמען איז געווען אַ סך, און פּיליכט אינגאַנצן, זייער פעלערהאַפט. אויף דעם געביט איז פּאַקטיש קיינמאָל נישט געווען קיין שום אָנפירונג. מיט צען יאָר צוריק איז שוין געווען קלאָר, אַז דער הויפּט־מקור פון אונדזערע געלט־מיטלען — ביז 80 פּראָצענט — איז „פּריוואַטער קאַפּיטאַל". ווען עס זאָל זיין אַן „אָנ־פירונג", וואָלט זי דאָך געפונען וועגן צו סטימולירן די פּריוואַטע איני־ציאַטיוו, איר פלעגן, באַדינען און איר ווייזן אַ וועג; אויך די תרומה־געלטער, — די „קרנות", וואָלט זי אין גרעסטן טייל אויסגענוצט פאַר דעם דאָזיקן צוועק — אַלס קרעדיט־פאָנד פאַר ביליקע אַרבעט־בנינים, פאַר ביליקע אַרבעטער־הייזער, צו שטיצן אַ וועלט־באַוועגונג פאַר דער לאַנד־פּראָדוקציע... אָנשטאָט דעם האָט מען זיך ביי אונדז באַצויגן צו דער פּריוואַטער ווירטשאַפט מיט פיינטשאַפט און הוזק; און דאַקעגן איז די סימפּאַטיע, די זאָרג און די ביישטייערונגען פונעם מיטלקלאַס אויס־גענוצט געוואָרן פאַר אַן אַנדער ציל: צו שטעלן אין געפאַר, דורך די אַמעריקאַנער לוין־פאָדערונגען, די קאָנקורענץ־פעאיקייט פון דער יידישער יונגער ווירטשאַפט, וועלכע געפינט זיך נאָך אין אירע וויקעלעך; צו שאַפן אין ארץ ישראל אַן אַבסאָלוט גענוקסטען קלאַסען־קאַמף, און לאָזן די חלוצים־באַוועגונג, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט

אײדעלע בענקענישן נאָך קרבנות און לײדן, צו דעגענערירט און פאַר-
וואַנדלט װערן אין אַ הסתדרות פון מותרות. עס איז נײטיק אַ „גיודיל״
אױך אױף דעם געביט. די פּראָגראַם פון אַקטיװיטעט װאָס װעט פאַר
אײך פאַרגעלײגט װערן אין דער צװײטער העלפט פון אונדזער צוזאַ-
מענפאָר, װעט אױך אין דער הינזיכט אַנטהאַלטן אַ געװאַגטע קאָנצעפּ-
ציע, װאָס װעט פיליכט אױך דורכלײגן נײע װעגן. דאָרט װו עס איז
קײנמאָל נישט געװען קײן אָנפירונג דאַרפן מ י ר דערשײנען, תחילת
אַלס שטיצער, נאָכדעם אַלס ראַטגעבער, און צום סוף אױך אַלס װעגװײ-
זער צו דער פאַרװירקלעכונג פון דער פּריװאַטער איניציאַטיװ. די נײטיקע
הילף-מכשירים װעלן מ י ר שאַפן. און אױף אונדז איז מוטל פאַרצו-
זעצן און צו דערגענצן די איבערשאַצונג פון די פּסעװדאָ-מאָראַלישע
װערטן, װעלכע מערקט זיך און קומט פאָר אין דער סאָציאַלער אַטמאָס-
פער פון ארץ ישראל: צו באַגראָבן, אין מיטן פון דער אַלגעמײנער פאַראַכ-
טונג פון דער געזעלשאַפט, דעם דאָזיקן מיאוסן גײסטיקן בראַנפן, די אַל-
קאָהאָלישע משקה פון קלאַסן-רעטאָריק.

די פּראָגראַם װעט, פאַרשטײט זיך, אַרומנעמען אױך אַנדערע געביטן:
אונדזערע פאָדערונגען װעגן דעם פּאַרטײל פון אימיגראַציע-סערטיפי-
קאַטן, װעגן דער צוגרײטונג און דעם אױסװאַל פון די עולים, אונדזערע
פּראָגראַמען אױפן געביט פון עקאָנאָמיע און דערציאונג. איך װעל מיך
איצט נישט אָפּשטעלן אױף די פּרטים. אָבער שױן הײנט װיל איך װאָרענען
קעגן אײן טעות. טאָג-טעגלעכע דאגות פון דעם מין זענען הײליק, אָבער
זײ בילדן נישט די באַדײטונג און דאָס רעכט פאַר אונדזער נײער עקזיס-
טענץ. אונדזער .מיסיע איז גרויס-ציוניזם. מיר זענען אהער געשיקט
געװאָרן מיט דער אױפגאַבע דורכצולײגן נײע װעגן, צו עפענען אַ נײע
עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, און דאָס קען אונדז טײלמאָל צװינגען
אַז מיר זאָלן טײלמאָל פאַר דעם מקריב זײן די טאָג-טעגלעכע דאגות; און
דאַן װעלן מיר זײ מקריב זײן אָן רחמנות. סוף-סוף רעפּרעזענטירן מיר
נישט יענע מזלדיקע װאָס װאַרטן אױף סערטיפיקאַטן: מיר רעפּרעזענטירן
יענע מיליאָנען, פאַר װעמען די טױערן פון ארץ ישראל זענען פאַרשלאָסן.
פון אַט דעם שטאַנדפּונקט — פון דער צען-יאָר-פּראָגראַם — שטאַמט

אויף אונדזער שטעלונג צו דער מאַנדאַטן-מאַכט. דאָס איז אַ באַציאונג וואָס הייבט זיך אויף ווייט-ווייט איבער די באַנאַלע לאָזונגען ווי לאָיאַליטעט און אָפּאָזיציע, א. א. וו. דאָס איז אַן אקט פון העכסטן צומרוי, כמעט אַ פּרימיטיווער, אַ פאָרשלאַג וואָס נאָר אַ גרויסע אומה, אַ איידעלע און מאָראַלישע קען זיך ווענדן מיט אים צו אַ גרויסער איידעלער און מאָראַלישער אומה: דו ווילסט מיר העלפן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען דערפילן דעם פאַרשפּרעכן פון גאָט, אָבער, אָן „שאַכער מאַכער", אָן אַ „דיסקאָנט", בשלימות, מיט שטאָלץ, מיט איידלקייט — אַזוי ווי דו און אַזוי ווי איך? און פון דער תשובה וועט ממילא אַרויסקומען אונדזער אַנטגילטיקע שטעלונג, אונדזער אָביעקטיווע, היסטאָרישע און אייביקע שטעלונג. דאָס יידישע פאָלק נעמט נישט קיין נדבות. אויב ענגלאַנד וועט אונדז העלפן אויפשטעלן אַ יידנשטאַט, וועלן דערויף נישט חרטה האָבן אירע קינדס-קינדער. און אויב נישט? זאָל די דאָזיקע פראַגע געשטעלט ווערן אַנדערע, נישט מיר. איך קאָן די נאָבלקייט פון ענגלאַנד און אויך אירע שוואַכקייטן, און פיליכט מער פון יעמוועדן אַנדערן ציוניסט פון מיינע מיטצייטלער האָב איך געזען די שאָטנס אינעם ענגלישן כאַראַקטער. און צו להכעיס אַלעמען, ווי דער וואָס גלויבט אין האַלבער נאַכט אַז עס וועט נאָך שיינען די זון, אַזוי גלויב איך אין דעם אַנטגילטיקן באַשלוס פון דעם דאָזיקן פאָלק פון ריטער און ריכטער.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם טאָג-טעגלעכן געראַנגל זענען אויך פאַראַן דרינגענדע פראַגן — די אימיגראַציע-קוואָטע, טוריסטן, הונדערטער אַנדערע מוסטערן פאַר אַן אדמיניסטראַציע-סיסטעם, וועלכע ווערט נישט פאַרבעסערט צו אונדזער באַדויערן. עס איז פאַראַן די פראַגע פון דעם לעגיסלאַטיוון ראַט, וועגן וואָס איך וועל מיך באַזונדערס אָפּשטעלן. אין די אַלע טאָג-טעגלעכע זאָרגן זענען די רעוויזיאָניסטן ביז איצט געווען חלוצים פון דעם קאַמף; פון איצט אָן וועט דעם קאַמף פירן דער נייער כלל וואָס איז דאָ אַנטשטאַנען, און איך האָף אַז ער וועט אים פירן מיט דרייפאַכער קראַפט. אָבער די אמתע אַנטשיידונג צווישן ישראל און ענג-

לאנד וועט נישט קומען אנדערש ווי נאר דורך דער דאזיקער גרויסער וואנדערונג.

די גרינדונגס-פארזאמלונג וועט דארפן איבערטראכטן נעשטעלטן אויך די באציאונגען צווישן דעם נאציאנאלן רענעסאנס און דער רעליגיעזער טראדיציע. ביז איצט האבן אין דער יידישער נאציאנאלער באוועגונג געהערשט אויפריכטיקע לאזונגען און אבסאלוט ארגטלעכע וואס זענען געגר מען געווארן פון דער שיינער און גראנדיעזער פראגע פונעם פרייהייטס-קאמף אינעם 19טן יארהונדערט: „די רעליגיע איז א פריוואטער ענין", „דאס אפטיילן דעם שטאט פון דער קירכע". אבער די געשיכטע באוועגט זיך לויט א דיאלעקטישער באוועגונג, און היינט זענען מיר עדות פון א וואנדערונג וואס פאדערט א וויכטיקע רעוויזיע אויך אויף דעם געביט. די ליקווידאציע פון דער הערשאפט פונעם קלער איז געווען א מוז, — אבער דאס האט געפירט צו דעם פארשווינדן פון גאט. און מען דארף צווייפלען, און פיליכט נאך מער ווי צווייפלען, אויב ד א ס איז געווען דער געווונטשטער רעזולטאט. אמת, די רעליגיע איז געווען און וועט פארבלייבן א פערזענלעכער ענין — פונעם שטאנדפונקט פון ד י ן אינדיווידועלער וועלט-אנשויאונג, פון מיינער, פון זיינער. וועלכע דארף פארבלייבן פריי, פריי אינעם אומבאגרעניצטן זין פונעם עכטן, היילקן ליבעראליזם, וואס וועט פאר מיר פארבלייבן הייליק אויף שטענדיק. אבער עס איז נישט קיין „פערזענלעכער ענין", אויב עס זענען פאראן טעמפלען, אדער נישט; אויב דער בארג סיני און די נביאים זענען לעבעדיקע גייסטיקע פאקטארן אדער זיי ליגן אין א מוזיי אונטער גלאז ווי פרעהם באלזאמירטע און רעספעקטירטע מומיע אדער עפעס א טייערע רעליקוויע פון די אצטעקן. געווים „די אפטיילונג פונעם שטאט פון דער קירכע" — אין דער היינזיכט, אז קיין מענטש זאל נישט ליידן פאר זיינע רעליגיעזע אדער אטעאיסטישע אנשויאונגען; אבער עס איז א דערהויבענער ענין פאר דעם „שטאט" — און ביי אונדז פאר דער אומה — אז דאס אייביקע פייער זאל נישט פארלאשן ווערן, אז אין דעם געווירבל פון אומצאליקע השפעות, וועלכע פארפליצן די יוגנט אין אונזער צייט, און צייטנווייז פארפירן זיי און פארגיפטן איר, זאל אפגעהיט ווערן ד י ד א ז י ק ע השפעה, וואס איז

אָן ספק די ריינסטע פון אַלע, דער גייסט פון גאָט; וואָס אויף דער אַרץנע זאָל אָפּגעריכטעט ווערן אַ פּלאַץ פאַר אירע קעמפער און אויף דער טריבונע פאַר אירע פּריידיקער.

אונדזער שטעלונג צו די סאָציאַלע פראַגן וועט קודם-כל זיין אַ יידי־שע, צווייטנס אַ ציוניסטישע און דריטנס אַ חלוצישע. ווי יידן היטן מיר אָפּ אין אונדזער בלוט דעם רעיון פון יובל, די וויזיע פון דער גרויסער סאָ-ציאַלער רעוואָלוציע, די בענקשאַפט נאָך אַ וועלט אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין הונגער און טרערן. מיר וועלן קיינמאָל נישט מסכים זיין צו אַ רעזשים וואָס טאָלערירט הונגער און טרערן; און דער יידנשטאַט וועט זיין שטאָלץ, וואָס ער וועט דינען אַלס לאַבאָראַטאָריע פאַרן יידישן גייסט פאַר דער דאָזיקער סאָציאַלער רעפאָרמע און וועט ווייזן דער גאַנצער וועלט אַ מוסטער פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן געשטאַלט. אָבער, אַלס ציוניסטן ווייסן מיר, אַז די דאָזיקע לאַבאָראַטאָריע עקזיסטירט נאָך נישט. היינט איז אויף אונדז מוטל צו מאָביליזירן אַלע שיכטן פונעם פאָלק, כדי אויסצובויען דעם ערשטן גאָרן פאַר דעם דאָזיקן וואָלקנקראַ-צער. אַ איידעלע און יונגע שפּראָצונג, וואָס דאַרף וואַקסן שנעל, טאָר מען נישט אויפטרייסלען; אין יעדן קאָנפליקט זאָל אורטיילן דער ריכ־טער, און נישט דער פויסט וואָס הייסט שטרייק אָדער „לאָקאַוט". ווייל אויך אין כלל, און נישט נאָר אינעם ישוב, דאַרף הערשן דאָס געזעץ, און געזעלשאַפטלעכע „גערעכטיקייט", ווי אַלע אַנדערע מינים רעכט וועלן דערגרייכט ווערן נישט דורך אַ צווייקאַמף, נייערט דורך דעם ווענדן זיך צום בית־דין.

אָבער באַזונדערס וויל איך באַטאָנען דעם דריטן עלעמענט — דעם חלוצישן. דער חלוציזם איז כמעט פאַרשוווּנדן און עקזיסטירט מער נישט. היינט ווערט גערעכנט פאַר גרויזאַם און נישט מענטשלעך, אויב אַ מענטש קומט דערמאָנען דער יוגנט אַז „חלוציזם" איז טייטש ליידן, דחקות, קרבנות. מיר דאָ, אין דער דאָזיקער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועלכע רע־פּרעזענטירן אָן ספק די אָרימסטע אין ישראל, מיר האָבן דאָס רעכט צו זאָגן איינמאָל און אויף תמיד: דאָרט ווו חלוצים ווערן פעט, דאָרט איז נישטאָ קיין חלוצים, און דאָרט איז עפּעס נישט אין אָרדענונג אין דעם

גאנצן עסק פון פאָלקס־רעטונג. עס איז ניטאָ קיין פאָלקס־רעטונג אָן ליידן און דחקות. די דאָזיקע פעלשונג, וואָס די עליה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעמיע פון אינדיווידועלן פאַרגעניגן, און דער דערזאַץ איז פאַרשלייערט געוואָרן אין קלאַסן־מליצות — דאָס וועט נעמען נקמה. מיר רופן די חלוצישע יוגנט אַז זי זאָל זיך אומקערן צום שטאַלץ פון קרבן־גרייטקייט. חלוץ איז דער פשט: נזיר, אדלמאַן, נדיב.

און איצט צוויי דרינגענדע פראַגן.

דעם פּלאַן פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט וואַרפן מיר אָפּ. עס איז מעגלעך אַז עס זענען היינט פאַראַן פיל ענגלענדער וועלכע באַציען זיך צום ציוניזם מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע און וועלכע זוכן אַ פאָרם וואָס זאָל אַזוי נישט איבערשרעקן די יידן. אָבער דאָ וועט נישט העלפן קיין שום כשוף, און ס'איז נישט פאַרן כבוד פון יידן און ענגלענדער אַנצוקומען צו קונצן. עס איז נישטאָ קיין אָרט אין ארץ ישראל פאַר אַ קאָמיסאַריאַט אונטער וועלכן עס זאָל זיין דערלויבט דעם רוב אויפצוהויבן זיין שטים קעגן ציוניזם, סיי אויב דער דאָזיקער רוב זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט גאָר פון אַראַבער אָדער פון אַראַבער און בעאַמטע צוזאַמען. מיר פאַרגעסן נישט, פאַרשטייט זיך אַז אויך איצט וואַרפט אָפּ די מאַנדאַטור גאַנץ אָפט (און פּיילייכט תמיד) די ציוניסטישע פאָדערונגען; אָבער דאָס האָט נישט יענע באַדייטונג; דאָס איז מאַנדאַט־רעגירונג, דאָס איז די שטים פון „טשינאָווניקעס" אָדער, אַמהעבסטן, די שטים פון ענגלאַנד, אָבער נישט „די שטים פון פּאַלעסטינע" וואָס איז אַנערקענט אויף אַן אָפיציעלן אופן, דאָס קול פון ארץ ישראל וואָס רעדט קעגן דעם אומקערן זיך פון ישראל אין זיין לאַנד אַריין. אויב זיי ווילן דאָס ירשנען, וועט דאָס זיין מער ווי ברעכן דעם מאַנדאַט: וועט דאָס זיין אַ פאַראַט פון צוטרוי.

אין דעם ענין האָט, קענטיק, די מאַנדאַט־מאַכט שלעכטע און לייכטזיניקע ראַטגעבער. זיי ווייסן נישט וווהין זיי פירן. ביז איצט האָבן די יידן געהאַט אינעם לאַנד בלויז פּאָזיטיווע אויפגאַבן, אויפבוי־אויפגאַבן. איצט ווילן זיי שאַפן דאָרט עפּעס, וואָס זיי וועלן דאַרפן ליקווידירן איידער עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט צו פּראָגרעסירן. עס איז אין דעם נישטאָ קיין לאָגיק און עס איז דאָ אַ געפאַר אין אַריינברענגען אַזעלכע נעגאַטיווע פאַק־

מאָרן איינעם לעבן פונעם לאַנד; און באַזונדערס איז דאָס אומפאַרשטענד־לעך היינט, ווען נישט ווייט פונעם סועץ־קאַנאַל הויבט איבעראַנייס אָן צו זידן דער שדים־קעסל. אָבער אויך פון מאָראַלישן שטאַנדפונקט ווערט דאָס זיין שלעכט. אין 1922 האָט מען גענויט די ציוניסטן קעגן זייער ווילן צו שטיצן אַזאַ מין פּלאַן; אָבער די אַראַבער האָבן זיך קעגנגעשטעלט און דער פּלאַן איז בטל געוואָרן. היינט זענען קעגן אים די יידן, און זיי זענען וווּנ־דערלעך געאייניקט אין זייער קעגנערשאַפט. פאַרוואָס — וואָס איז דער אונטערשיד? איז דאָס די אנערקענונג פאַר דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעטאָן אין די לעצטע 13 יאָר? אַן ענגלענדער איז געווען דער וואָס האָט אַמאָל געזאָגט — אין שייכות מיט דער פּראָבלעם פון אינדיע — די ביטערסטע טאַדלונג־ווערטער קעגן זיין רעגירונג: „תמיד פאַרראַטן מיר אונדזערע פריינד, כדי צו חנפענען אונדזערע שונאים”. איך בין נישט קיין ענגלענדער, נאָר איך האָב אַן אויג, און דעריבער דאַרף איך פאַרריכטן דעם אורטייל: אָפטמאָל ב א מ י ע ן זיי זיך אַזוי צו טון, און קיינמאָל געלינגט דאָס זיי נישט, און דאַן טרעטן זיי צוריק, און דער שונא פאַר־בלייבט אַ שונא, אָבער דער פריינד — ציט שלוטן.

צוריק מיט צוועלף יאָר איז מיר געקומען צום ערשטן מאָל דער געדאַנק אין די האָפנונג פון אַ נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איינעם נאָך מען פונעם חלום וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, באַגריס איך אייך צום אָנהויב פון אייער אַרבעט; און אין אייער נאָמען וויל איך זאָגן דעם יידישן פאָלק: גיב אונדז גרויסקייט, גיב אונדז רייכטום, גיב אונדז כוח — מיר וועלן באַפרייען דיינע זין.

וועגן דייטשלאַנד

די שמעלונג פונעם „דריטן רייך” צו די יידן ווערט אויסגעדריקט אין אַ פאַרניכטונג־מלחמה; זי ווערט געפירט מיט אַ סיסטעם וואָס גייט אַרויס פונעם גרעניץ פון מענטשלעכקייט. עס איז נישט אונדזער זאַך, ווי אַזוי די דייטשע יידן רעאַגירן דערויף, ווייל זיי זענען נישט פאַרטראָטן אויף דעם דאַזיקן קאָנגרעס. אָבער די באַציִונג פונעם וועלט־יידנטום צום „דריטן רייך” איז געווען און פאַרבלייבט אַ באַציִונג פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג,

אויך אין דער הינזיכט, וואָס דער וואָס פאַרטיידיקט זיך זוכט אַראָפּצו-רייסן דאָס געוועהר פונעם שונא. און דאָס וועלן מיר ווייטער טאָן, און מיר האָפן אַז מיר וועלן האָבן דערפאָלג.

לאָמיר זיך נישט לאָזן איבעררייידן צו דענקען, אַז מיר שטייען פאַר אַן אייזערנעם ריז, און עס האָט נישט קיין זין אים געבן אַ ווידערשטאַנד. דאָס איז נישט אמת. דער ריז איז נישט פון אייזן, זייַנע פּאָליטישע אי-לוזיעס, זענען אילוזיעס, זיין ווירטשאַפט איז צעטרייסלט אין פונדאַמענט, און אינעווייניק, הינטער די קוליסן — הערשט אַ כאַאָס און אינטריגעס, סעקטעס און פּרעטאָריאַנער אָן אַ ליימענדן געדאַנק און אָן אַ באַשטימטן רצון. און אין גרעסטער טייל איז דאָס אַלץ בלויז אַ רעזולטאַט פון באָיקאָט און דרוק.

פאַרשטייט זיך, אַז שולדיק אין דעם איז נישט בלויז יידישער דרוק. אָבער מיר יידן האָבן מיטגעהאָלפן אין אַ זייער גרויסער מאָס. און מיר וואָלטן געקענט העלפן זיבן מאָל אַזויפיל, ווען עס זאָל זיך אונדז געווען איינגעבן פון אָנהויב אָן אָרגאַניזירן אין דער גאַנצער וועלט די סטראַטעגיע פון אונדזער פאַרטיידיקונג און איר קאָנסאָלידירן דורך אַ צענטראַלער אָר-גאַניזאַציע. אָבער, צו אונדזער באַדויערן, האָט זיך נישט געפונען קיין סאַ-סנדע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע. איצט האָב איך דעם כבוד פאָרצושלאָגן פאַר דער דאָזיקער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג: אַז די וועלט-אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלט דאָ ביי געשאַפן ווערן, האָט די נויטיקע גייסטיקע אויטאָרי-טעט, צו דערפילן די אויפגאַבע פון אַ קאָנסאָלידירנדן פאַקטאָר. איך שלאָג פאָר, אַז מיר זאָלן נעמען אויף זיך די דאָזיקע ראָל. עס זענען פאַראַן נאָך פיל וועגן זיך צו פאַרטיידיקן אויף דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט אין איינער און דער זעלבער צייט, אויף וועלכע מען האָט נאָך נישט גע-פּרוווט גיין: איצט וועלן מיר זיך לאָזן אויך אויף די וועגן. אָבער אויך די אַלטע סיסטעמען קען מען פיל מער אויסנוצן, אויב עס וועט זיך געפינען אַ צענטער, פון וועלכן עס וועט אַרויס דער לאָזונג: ביזן סוף!

אין דער יידישער פּרעסע האָבן מיר געלייענט ווערטער פון האָפנונג, אַז דאָס „3. רייך" וועט דערלויבן אָדער סטימולירן אַ ליקווידאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב פונעם דייטשן יידנטום דורך אַן אָרגאַניזירטער אויס-

וואנדרעונג קיין ארץ ישראל — אן אויסוואנדערונג פון מענטשן און אויס־וואנדערונג פון קאפיטאל. איך וויל דא באטאנען, אז מען קען נישט ריידן ווי גאר פון דער אויסוואנדערונג פון די יידן, וועלכע וועלן דאס וועלן, און דאס זעלבע וועגן דער באנייונג פון בעסערע עקזיסטענץ־באדינגונגען פאר די וועלכע וועלן פארבלייבן אין זייערע ערטער.

עס קען ריכטיק זיין אז די אביעקטיווע טענדענצן אינערהאלב דעם „דריטן רייך" אנטוויקלען זיך אין דער דאזיקער ריכטונג. און סע קען זיין אז דאס איז נישט אזוי. די צוקונפט וועט זאגן. אבער היינט איז מכריע די קעגנווארט, די ביטערע קעגנווארט צווינגט ארויף די ביטערע פליכט וואס איז מיט איר פארבונדן.

מיר איז נאך געבליבן צו באטאנען — מיטן פארדינטן עקל — אז איינע פון די ערשטע אויפגאבן פון דעם נייעם פארטיידיקונגס־קאמף וועט זיין אפצומעקן פון דער וועלט די שאנדע פון ארץ ישראל, דעם „טראנס־פער" - עסק מיט זיינע אלע גאנצע גיפטיקע קאנסעקווענצן.

וועגן דער פראגע פון רעליגיע

דערגענצונגען צו דער רעדע אויף דער דערעפענונגס־סעסיע

און נאך עפעס, וואס איז עטוואס ניי: ווען איך דערמאן דא די גע־מען פון דעם דאזיקן קאנגרעס, אנטשטייט די פראגע פון דער באציאונג צווישן דער נאציאנאלער אויפלעבונג און צווישן דער רעליגיעזער טרא־דיציע ביי יידן. אין די לעצטע יארן איז פארגעקומען א גרויסער בלויז. בא־זונדערס דורך דעם, וואס צוליבן קריזיס זענען אויפגעשוואומען מענטשן־געשטאלטן, וועלכע זענען מער נישט מיט אונדז. מארגן, אין דער פייער־לעכער אטמאספער, וועלן מיר דערמאנען די וועלכע האבן אונדז פארלאזן, און צווישן זיי אויך א מענטש, וועמענס נאמען איך דארף דערמאנען שוין היינט: ה ר ב ק ו ק.

ווען מיר טרעטן צו צו דער דאזיקער פראגע מוזן מיר רעדן סוביעק־טיוו. די אינטעליגענציע פון מיין דור איז דערצויגן געווארן אין דעם מאג־

געטישן צויבער פון דער גאנצער עפּאָכע פון דער גרויסער פרייהייט אינעם 19-טן יאָרהונדערט און פון אירע ליבעראַלע אידעען.

לאָמיר ריידן אויפריכטיק און אָרנטלעך פון אונדזער באַציאונג צו דער רעליגיע אין יענער צייט. אינדיפערענטע טאָלעראַנץ איז געווען דער באַ-שטימענדער טאָן. אונדזערע לאָזונגען זענען געווען: „רעליגיע איז אַ פּרי-וואַטער ענין", „די אָפּטיילונג פון דעם שטאַט פון דער קירכע" אָדער פון דער „קהילה" און די „אָפּטיילונג צווישן דער שול און דער אומה". ביי די אומות העולם, און פיליכט אין אַ קלענערער מאָס אויך ביי אונדז, האָט גע-הערשט דער פּרינציפּ פון באַזייטיקן דעם יסוד פון דער רעליגיע פון דער געזעלשאַפט און פונעם שטאַט. די דאָזיקע איבערלעבונג האָבן דורכגע-מאַכט אַלע מיינע מיטצייטלער. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיטן באַזייטיקן דעם קלער און ס'איז דעגענערירט געוואָרן מיט דעם באַזייטיקן גאָט. און דאָס איז דאָך שוין גאָר אַן אַנדערער ענין. היינט זעען מיר פון אייגענער דערפאַרונג די קאָנסעקווענצן וואָס קומען פון דער נאַטור פון אַ מענטשן וואָס האָט נישט קיין גאָט; אין פיל נעביטן זעען מיר אַז די ווערט פון אַ מענטשן איז מער נישט אָפּהענגיק פון דעם וואָס קומט פאַר אין זיין גע-וויסן נאָר אין דעם קלאַס, פון וועלכן ער שטאַמט, אָדער אין דער ראַסע, און די מענטשן פון מיין דור זענען נאָך פאַרבליבן טריי דער טראַ-דיציע פון דער פרייהייט. אָבער היינט שטייען מיר אין מיטן פונעם בלויז. מיר פרעגן זיך אַליין, אויב די אינטערפּרעטאַציע פון די 90-ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט פּאַסט נאָך פאַר דעם 20-טן יאָרהונדערט. די רעליגיע איז אַ פּריוואַטער ענין — אין הינזיכט פון מיינע געפילן, אויב איך גלויב אָדער איך צווייפל, אויב איך וואַרף אָפּ אָדער נעם אָן; געוויס איז דאָס אַ פּריוואַטער ענין, און איך טאָר נישט ליידן אָדער באַשטראָפט ווערן דער-פאַר ווען נישט איז. — אָבער עס איז נישט קיין פּריוואַטער ענין, אויב עס זענען פאַראַן אין דער וועלט קירכעס און טעמפּלען, און דער שטאַט דאַרף אַכטונג געבן, אויב עס קענען נאָך עקזיסטירן רעליגיעזע פּראָצעסיעס און אויב עס ברענט נאָך דער נר תמיד אין די קירכעס און טעמפּלען, און אויב דאָס וואָרט פון די נביאים לעבט נאָך אין דעם לעבן פון דער געזעל-שאַפט אָדער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מומיע וועלכע ווערט געהיט

אונטער אַ גלאָז. דאָס דאַרף מען פאַרמײַדן, און מיט רעכט איז דער ענין געוואָרן אַ מלוכה־ענין. אָבער לאָמיר אויך דאָס נישט פאַרגעסן: מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אין אַ קאַטוילישן לאַנד, און יעדן טאָג הערן מיר, אַז די דאָזיקע קאַטוילישע קירכע איז געווען במשך פון הונדערטער יאָרן, און באַזונדערס אין מײַן יוגנט, אַ פעסטונג פון דעם קאָנסערוואַטיזם. און איצט, האָט איר זיך דען נאָך נישט געגעבן קיין רעכענונג אַז היינט האָבן זיך געשאַפן אין איין גרויס לאַנד אומשטענדן, אין וועלכע די קאַטוילישע קירכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אייגנציקן פיאָנער אין דער מלחמה פאַר פרייהייט פון געדאַנק? נישט דווקא ווײַל איר קאָנסערוואַטיווער מהות איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליבעראַלן מהות, ניין — נאָר ווײַל זי איז אַ קירכע, און ווײַל אַ קירכע איז, נישט ווי אַ רעגירונג, געבויט אויף דעם פּרינציפּ, וואָס סוף־כל־סוף איז די וועלט פון אַ מענטשן נישט פאַרבונדן מיט זײַן ראַסע אָדער מיט זײַן פאָלק נײַערט מיט די ווערטן וואָס ער טראָגט בײַ זיך אין הארצן. „לויט דעם גלויבן פון דײַן הארצן — אַזוי ביסטו אַליין!” דער דאָזיקער גרויסער אמת איז, קענטיק, די קרוין פון יעדן געדאַנק. די אינסטינקטן און זײַערע פאַרווירונגען זענען צעיושעט ווי אַ ווילדע חיה, אָבער נישט אין זיי שטעקט דער לעצטער שורש. עס עקזיסטירט עפּעס אין לעבן, וואָס מען קען מער נישט צעגלידערן, וואָס מען קען מער נישט מבטל זײַן, וואָס מען קען נישט באַהאַלטן, וואָס מען וויל, וואָס איז דערלויבט, וואָס וועט בילדן דער לעצטער יסוד, וואָס וועט זײַן אונדזער שכר.

דעריבער באַגריס איך מיט אַ באַזונדער געפיל יענע פון אונדזערע ברידער, וועלכע זענען געקומען צו אונדז אַהער, צו רעפּרעזענטירן דעם דאָזיקן אייביקן אמת און די אייביקע בענקשאַפט. איך באַגריס אײַך נישט נאָר אַזוי ווי ברידער, נישט געקוקט אויף די אַלע חילוקי דעות, וואָס אַנטפּלעקן זיך בײַ אײַך, נײַערט ווי חברים לדעה; מיר זוכן עפּעס צוזאַמען. און ווייסט איר ווי אַזוי? צווישן די דאָזיקע ביידע מחנות האָט דאָס לעבן אויפגעשטעלט אַ שטיינערנעם באַרג, אַ פעלדז; איצט האָבן מיר נויטיק אַ טונעל דורך דעם דאָזיקן באַרג. אַ טונעל וואָס זאָל דורכגעבויערט ווערן פון ביידע זײַטן, איך פון דער זײַט, דו פון יענער זײַט. דו ווייסט נישט,

ווען מיר וועלן זיך באגעגענען, אויב אין די ערשטע טעג אדער אין די ערשטע חדשים וועט איינפאלן די וואנט. עס וועט נאך פאריבער א צייט, אבער צוזאמען וועלן מיר ארבעטן אייגער קעגנאיבער דעם צווייטן, און עס וועט קומען דער טאג, און וועלכן מיר וועלן זען נישט דעם דאזיקן דור, נאר א יוגנט, א יוגנט וואס אויך די דאזיקע בענקשאפט זיינע וועט פול־שטענדיק באפרידיקט ווערן.

אין שייכות דערמיט אנטשטייט אויך די פראגע, וועלכע איז די באציאונג פון דעם דאזיקן געהויבענעם ציוניסטישן קאנגרעס צו די הייליקע פלעצער פונעם קריסטנטום אין ארץ ישראל. עס איז קיין ספק נישט, און ס׳איז נישטא קיין ארט פאר א ספק, אז נאך דער פארווירקלעכונג פון דעם יידנשטאט וועלן מיט רעספעקט אפגעהיט ווערן די קריסטלעכע און אויך מוסולמאנישע הייליקע פלעצער. אבער וויכטיקער פון דעם זענען די מאטיוון דערצו. ראשית, דער מאטיוו אפצוהיטן די זעלבסטדערהאלטונג. עס עקזיסטירט נישט קיין אומה וועלכע זאל קענען שעדיקן די גרויסע און מעכטיקע קירכע. אבער דאס איז נישט דער עיקר. דער עיקר איז עפעס אנ־דערש, וואס מיר האבן נאר וואס געלערנט. ווי אזוי הייבט זיך אן דאס פארשווינדן פון גאט פון צווישן פאלק? קענטיק דורך דעם, וואס דאס דא־זיקע פאלק וואגט צו פארשוועכן מיט א בייזוויליקער האנט די פרעמדע הייליקייטן. דאס האבן מיר געלערנט, און דעריבער וועלן מיר אפהיטן מיט גרויס כבוד אלע הייליקייטן.

וועגן דעם עוואַקואַציע־פּלאַן

אַ קאָנפערענץ אין דעם קלוב פון דאָקטוירים און אינזשעניערן פון ווארשע, אָקטאָבער 1936.

אין 1936 האָט זשאַבאָטינסקי אונטערגענומען אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור פאַר דעם עוואַקואַציע־פּלאַן, וואָס איז געווען באַזירט אויף דער „צען־יאָר־פּראָגראַם”, דאָס הייסט — וועגן דער אויסוואַנדערונג פון הונדערטער טויזנטער יידן פון פּוילן קיין ארץ ישראל אין פאַרלויף פון צען יאָר. פאַר דעם פּראָפּאַגאַנדע־טור זענען פאָרגעקומען אונטערהאַנדלונגען צווישן זשאַבאָטינסקין און די מיטגלידער פון דער פּוילישער רעגירונג, און בתוכם מיט דעם אויסערן־מיניסטער פּולקאָווניק בעק, וועגן דעם אינטערוועניִרן פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן און אין גענף לטובת דעם ציוניזם. די פּוילישע קאָנסערוואַטיווע צייטונג „טשאַס” האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון זשאַבאָטינסקין וועגן זיינע אידייען.

די גרעסטע טייל פון די יידישע צייטונגען אין פּוילן, און אויך די גרעסטע טייל עסקנים פון די יידישע פּאַרטייען, האָבן אָנגעהויבן זייער אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן זשאַבאָטינסקין פאַר דער דאָזיקער אַקטיוויטעט זיינער, און האָבן אים איר געזען אַ שטיצע פאַרן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. אַ געוויסע צייט איז זשאַבאָטינסקי געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרטיידיקן און דערקלערן די אמתע באַדייטונג פונעם וואָרט עוואַקואַציע און אויך פון דעם פּלאַן בכלל.

איינער פון די צענטערס פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן, דער קלוב פון מעדיקער און אינזשעניערן אין ווארשע, האָט איינגעלאַדן זשאַבאָטינסקין אויף אַ קאָנפערענץ וועגן זיין פּלאַן.

***

איך בין אייך זייער דאנקבאר, מיינע הערן, וואס איר זענט געקומען אין מאסן און וואס איר האט מיך הארציק באגריסט דווקא אין דעם מאָ־מענט, ווען עס איז צוגעגרייט געווארן קעגן מיר אן אלגעמיינע מאָביליזאציע פון העצעריי און פארלוימדונגען, פון שקר און האס. איך דאנק אייך זייער! פיליכט איז פאראן אין דעם סנאָביזם, אָבער אין דער פרעמדער און מאָדנער לופט וואס רינגלט מיך ארום אין דער לעצטער צייט, ווי עס בענקט מיין נשמה נאָך א אינטעליגענטער סביבה פונעם אלטן שניט!

דער פאָרזיצנדער האט אייך פארשפראָכן אז איך וועל האלטן „אן אָראטאָרישע רעדע". ער האט אייך „אָפּגענארט". נאָך אכט נעכט נישט שלאָפן וועלכע איך האָב פארבראכט אין די באן־וואגאנעס, אין מיינע רייזעס פון שטעטל צו שטעטל איבער דער לענג און ברייט פון פוילן, — קענט איר נישט דערווארטן פון מיר א „אָראטאָרישע רעדע". דאָ, אין דעם דאָזיקן קרייז, אין דער סביבה, וועלכע איך באטראכט אזוי ווי מיינע, וועל איך רעדן קלאָר און אָפן, אָן שום באפוצונגען, — דאָ וועל איך „אויפדעקן די קארטן".

אין דעם קאמפּיין, וואס מען פירט איצט קעגן אונדז, זענען פאראן אייניקע „מיספארשטענדענישן". אָבער זיי זענען נישט וויכטיק. זיי קען מען באזייטיקן. פארשטייט זיך נאָר פון די הערצער פון די, וועלכע האָבן א גוטן ווילן און זענען גרייט צו הערן אמתע ווערטער. אָבער דער ענין גופא איז נישט מיספארשטענדניש. נייערט דאס איז דער היסטאָרישער וויכוח וועגן דעם תוך פון דער פראגע, וועגן דער געשטאלטונג פון דער צוקונפט פונעם יידישן פאָלק.

מיר ווילן, ראשית כל, זיך אָפּשטעלן אויף יענע „מיספארשטענדענישן". מיינע קריטיקער טענהן, אז אונדזער פּלאן איז באזירט אויף אויסוואָרצלען מיט גוואלד פון אלע יידן פון פוילן, און אז מיר ווילן זיי פארטרייבן פון דאנען אויף עפעס אן אנדער אָרט. איך האָף, אז ס'איז נישטאָ צווישן אייך אפילו איינער, וואס טייטשט אזוי אויס אונדזער פּלאן. און דער ענין איז דאָך אט־אזא: עס איז פאראן איין שטח — וואס ווערט גערופן גלות, און א צווייטער שטח — וואס ווערט גערופן ארץ

ישראל, און די אויסוואנדערונג פונעם ערשטן אין צווייטן איז אפהענגיק פון דעם דרוק פונעם גלות און פון דער צוציאונגס־קראפט פון ארץ ישראל. ווען מען רעדט וועגן יידישער אויסוואנדערונג, קען איך נישט זאגן מיט זיכערקייט ווי גרויס עס וועט זיין איר פארנעם. דאס איז דאך א זאך וואס קומט „מן השמים", וואס איז אפהענגיק פון פיל פאקטארן: פון דער ענגשאפט פונעם גלות, פון דער בענקעניש נאך ציון, פון דער עקאנאמישער גרויסקייט אין ארץ ישראל, א. א. וו. נאך, — איך קאן נישט טרעפן ווי גרויס עס וועט זיין דער מאסשטאב פון דער יידישער אויסוואנדערונג. איך ווייס נישט אויב זיי וועלן אלע אויסוואנדערן. פּי־לייכט וועלן אויסוואנדערן נאר ווייניקע און פיליכט א סך. איינס נאר ווייס איך: אויב דער עמיגראציע־קאנאל איז פארשטאפט, און דער דרוק אין גלות איז שטארק — דארפסטו שרייען און פאדערן, אינעם נאמען פון דער גערעכטיקייט, אז מען זאל אפרייניקן דעם קאנאל און מאכן א וועג פארן שטראם פון דער עמיגראציע.

מיינע קריטיקער טענהן, אז מיין פלאן איז געצילט צוצורייבן די יידישע רעכט דורך דער רעגירונג. אבער אט שטייט דאך פאר אייך א מענטש וואס האט אלע זיינע יארן געקעמפט פאר די יידישע רעכט אין די גלות־לענדער — און איך דארף זיך נישט פארענטפערן און געבן צו פארשטיין, אז איך האב נישט בדעה צו פארשטארקן די יידישע עמיגראציע דורך דעם העלפן צורייבן זייערעבירגער־רעכט. מיינע אידייען־חברים אין דער פארגאנגענהייט געדענקען נאך דעם אלטן וויכוח, וואס האט אויפגעשטורעמט די געמיטער ביים אנהייב פונעם ציוניזם: די ציוניסטן האבן זיך פארגעשטעלט די לייזונג גאנץ פשוט: אזוי ווי עס איז אונדז שלעכט אין גלות, אזוי ווי מען רודפט אונדז דא, מען פייניקט אונדז, וועלן מיר אלץ איבערלאזן, וועלן מיר אוועק מיט אונדזערע שטעקענעס און אונדזערע טארבעס קיין ארץ ישראל. פון דער צווייטער זייט, האבן געטענהט די אסימילאנטן: דאס הייסט אז איר שלאגט פאר מוותר צו זיין אויף די בירגער־רעכט אין די גלות־לענדער! דא דערקענט מען דעם ווידערשפרוך אין סאמע אנהויב. אבער, זינט יענער צייט האט דער ציוניזם דורכגעמאכט א שטארקן אנטוויקלונגס־פראצעס. און די קא־

פיטלען פון דער דאזיקער אנטוויקלונג זענען געווען מער-ווייניקער ווי פאלגט:

בער באראכאוו, וועלכער איז פארשניטן געווארן אין זיינע יונגע יארן און איז נישט באקאנט אויסער די לינקע קרייזן, איז געווען איינער פון די אריגינעלסטע דענקער אין דער ציוניסטישער באוועגונג. ער האט פארמולירט אייניקע טרעפלעכסטע פלאטפארמען. און ער האט אזוי געזאגט: עס עקזיסטירן צווייערליי מינים גלותן — א נארמאלער און נישט-נארמאלער גלות. א נישט-נארמאלער גלות הייסט — ברוטאלער אנטיסעמיטיזם, אונטערדריקונג, בארויבן די רעכט, באליידיקונגען — דאס הייסט א קרענקלעכע דערשיינונג, קעגן וועלכער מען דארף קעמפן, וועלכע מען דארף פארניכטן און עוקר זיין. א נארמאלער גלות איז, ווען דער יידישער מצב איז ווי אין פראנקרייך און ענגלאנד, ווו עס עקזיסטירט גלייכבארעכטיקונג. אפילו אויב מיר וועלן האבן דערפאלג אין דעם קאמף קעגן דעם נישט-נארמאלן נארמאלן גלות, אפילו אויב מיר וועלן אים „נארמאליזירן", וועט אויך דאן זיין דער גלות — ג ל ו ת. און די נשמה פונעם יידן וויל נישט קיין גלות. ער וויל זיין א אדון לעצמו און געוועלטיקן איבער זיין גורל. און דעריבער וועט דאס יידישע פאלק שטרעבן קיין ציון אפילו ווען עס וועט לעבן אין א נארמאלן גלות.

דאס צווייטע קאפיטל איז געווען — העלסינגפארס. צוריק מיט 30 יאר האבן מיר פארמולירט אונדזערע פולע פאדערונגען בנוגע דער יידישער גלייכבארעכטיקונג אין די גלות-לענדער: גלייכע רעכט אין דער שולע און אין דער שפראך, רעכט אויף אן אויטאנאמיע. און איך, וואס בין דאן אלט געווען 25 יאר, וואס האב פארמולירט און רעדאקטירט די העלסינגפארס-פראגראם, האב איך דאן אויפגעשטעלט און אויסגעדרוקט פאלגנדן געדאנק:

די פראגראם פון גלייכע רעכט, וואס מיר האבן נאר וואס אויסגעארבעט, איז אן א ו י ס וו א נ ד ע ר ו נ ג-פראגראם. ווייל דאס גאנצע לעבן אונדזערס אין גלות, אין וואס פאר א פארם מיר זאלן דאס נישט ארגאניזירן, איז נישט עפעס אנדערש ווי א לעבן פון אויסוואנדערונג און עמיגראציע— ווייל נאר איין וועג איז איצט פארא פארן יידישן פאלק

און דאָס איז: ציון. מיר, וועלכע האָבן געשטעלט די מאַקסימאַלע פאָדע־רונגען פאַר גלייכבארעכטיקונג אין די גלות-לענדער, מיר זענען די וועלכע אָרגאַניזירן, דווקא דורך דעם, די יידישע אויסוואַנדערונג פונעם גלות. ווייל די עמיגראַציע און אימיגראַציע האָבן נייטיק אָרגאַניזאַציע. און מען קען נישט אָרגאַניזירן די אויסוואַנדערונג אין באַדינגונגען פון אַ בהלה.

דעריבער איז נישט נייטיק איך זאָל מיך פאַרענטפערן פאַר אייך און באַווייזן אַז מיר האָבן נישט בדעה מקריב צו זיין די יידישע רעכט אין גלות. נאָר איין פראַגע וויל איך פרעגן מיינע קריטיקער: מיינע הערן, וו איז אייער לאָגיק? ווי אזוי דענקט איר, אַז מיר, וואָס קעמפן פאַר די יידישע רעכט אין ארץ ישראל, מיר וועלכע ווילן אויסאיבן אַ דרוק אויף ענגלאַנד, מיר וועלכע באַווייזן איר אַז דאָס יידנטום איז אַ כוח, אַז מיר האָבן אַליאירטע, א. א. וו., און ווייטער — ווי קומט אייך אויף אייער געדאַנק, אַז מיר וועלן מוותר זיין אויף די יידישע רעכט אין גלות און מיר וועלן פאַרוואַנדלען דאָס יידישע פאָלק אין אַ טשערעדע אָן מענ־טשן-רעכט? דאָס וואָלט דאָך געווען פאָליטישע אידיאָטסטווע! כדי מל־חמה צו האַלטן מיט ענגלאַנד, כדי צו פאָדערן סואווערענע רעכט וועגן ארץ ישראל, כדי מען זאָל וועלן בכלל רעדן מיט אונדז אין לאָנדאָן, אין גענף און אין די אַנדערע מלוכה-צענטערס — איז אומבאַדינגט נייטיק אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל בילדן אַ פאָליטישן כוח פון בירגער, וועלכע זענען גלייך פארן געזעץ, וואָס גרויסע מלוכות אינטערווענירן פאַר זייער טובה און קעמפן פאַר זייערע פאָדערונגען.

און נאָך טענהן מיינע קריטיקער, אַז מיר שלאָגן פאָר ארויסצונעמען די יידן אויף כוח. דאָס וואָרט „עוואַקואַציע” איז נישט איבעריק אנגענעם. מיט פאַרגעניגן וואָלט איך אויפגעהערט צו באַנוצן דעם דאָזיקן טערמין. אָבער, צו מיין באַדויערן, וועל איך דאָס נישט קענען טאָן, ווייל דאָס דריקט אויס אַמבעסטן דעם אינהאַלט און דעם ציל פונעם ציוניזם, און איך דאַרף מודה זיין, אַז אויך אין מיין נשמה געפינען זיך עלעמענטן פון די דאָזיקע צוויי אָנשויאונגען. איינע זאָגט: דאָס לעבן פון די יידן אין גלות האָט קיין זין נישט. די קולטור-שאַפונגען פון די יידן דאָ זענען

אלע דאָס פאַרמעגן פון פרעמדע. פאַר פרעמדע פאַרשווענדן מיר אונדזער בעסטע ענערגיע אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, דער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור — אַלץ וואָס עס שאַפן די יידן פון גלות ווערט פאַררעכנט אויפן חשבון פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. דעריבער — לאָ מיר זיך אויסבויען אַ היים אין מדבר, וואָס זאָל זיין אַ מין לאַבאָראַטאָריע פאַר דער שאַפונג פון אונדזער גייסט, און אַזוי אַרום וועלן מיר ווייזן דער גאַנצער וועלט, ווי גרויס עס זענען אונדזערע כוחות, און ווי גרויס עס איז אונדזער פעאיקייט אויף אַלע געביטן, און אפילו — אָדער, פּי ליבט, דער עיקר — אויפן געביט פון שאַפן אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג, אַן אָרדענונג פון גערעכטיקייט און יושר. לאָמיר אויסקוועטשן ווי אַ לי־מענע דאָס וועלט־יידנטום און לאָמיר אַריינגיסן די גאַנצע זאַפט אין דער היים. אָבער די לימענע גופא וועלן מיר אויך להבא איבערלאָזן אין דעם גלות! דאָס איז אַ שיינע אידייע. אָבער איך וועל נישט אַ קלאַפּ טאָן מיט אַ פינגער איר צו פאַרווירקלעכן. מיך אינטערעסירט הויפּטזעכלעך — די לימענע. מיך אינטערעסירן די יידישע מאַסן, דאָס גאַנצע פאָלק ישראל! איך בין אויסגעוואַקסן אינעם צענטער פון דער יידישער טראַגעדיע, און אויב איך האָב פּוליכט זוכה געווען צו וווינען אויפן „אויבערשטן גאָרן", האָב איך דאָך דערפאַר געהאַט אַ גוטע מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן צו דער דאָזיקער טראַגעדיע, וואָס האָט נישט קיין גרעניץ און נישט קיין גלייכן. און מיך אינטערעסירט דווקא צו אַנולירן און ליק־ווידירן די דאָזיקע טראַגעדיע. אַלץ וואָס איז אַ שטערונג אויפן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן ציל — קעגן דעם וועל איך קעמפן. און ווען דאָס זאָל זיין דער פּראָגרעס בעצמו ובכבודו — וועל איך זיין קעגן אים, אויב איך וועל זען אַז צוליב אים וועלן קומען יסורים פאַר מיין פאָלק. איך וועל אָפּשטעלן זיין קאַרעטע און וועל אים נישט לאָזן ווייטער פאָרן, אויב ער וועט נישט ברענגען אויך קיין ליידונג און הילף פאַר מיין פאָלק. איך בין קעגן אַ „אָאַזיס" אין דער מדבר. און איך בין קעגן אַ באַזעצונג צוליב לוקסוס. איך בין קעגן דער פּערספּעקטיוו אַז דער ייד זאָל פאַרבלייבן אין גלות, און ווען מען וועט אים אָנגרייפן זאָל ער זאָגן צו די שלעגער: „כוליגאַנעס, איר באַליידיקט מיך, איר שלאָגט מיך.

אָבער גיט אַ קוק ווייט און זעט יענעם אָאַזיס, ווי גרויס, ווי שיין און פול מיט כבוד אונדזער לעבן איז דאָרט!" איך בין קעגן אַזאַ מין פערס־פעקטיוו, אַז דער ייד זאָל כאַפּן פּעטש און זיך ענטוזיאַזמירן פון זיינע אויסדערוויילטע ברידער אין דער רוואיקער היים, נישט האָבנדיק די מעג־לעכקייט צו קומען אויף דעם דאָזיקן אויסדערוויילטן אָרט. ניין, דאָס איז נישט מיין ציוניזם־ מיין ציוניזם זאָגט: איבערפירן יעדעס יידיש הויז, אונדזערע גרויסע שרייבער, אונדזערע טאַלאַנטירטע שעפער און אַלע פּשוטע פאָלקס־מענטשן, אַלע יענע גלות־יידן וועלכע טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם שווערן עול פון אַלע אונדזערע גלותן. אַזאַ מין ציוניזם רוף איך: „הומאַניטאַרער ציוניזם".

מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, „עוואַקואַציע". איר זאָלט נישט רע־כענען, אַז איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט מיט דעם וואָרט נישט ווילנדיק. אַ לאַנגע צייט, זייער לאַנג, האָב איך געזוכט דאָס וואָרט, טויזנט מיט איין מאָל האָב איך געזוכט און געקלערט און האָב נישט געפונען קיין בעסער און מער פּאַסיק וואָרט פון דעם. צוערשט האָב איך געטראַכט פון „יציאה", אַ צווייטע יציאת מצרים —, אָבער דאָס וואָרט איז נישט מער פּאַסיק. מיר ווילן דאָך פירן פּאָליטיק, מיר ווילן זיך פּרעזענטירן פאַר די אומות העולם, פאָדערן שטיצע פון מלוכות. דעריבער קענען מיר נישט פאַרברענגען אַ טערמין וואָס זאָל זיי באַליידיקן און זיי דערמאָנען אָן פּרעהן און אין צען מכות. אויסער דעם, פונאַנדערוויקלט פאַר אונדז דאָס וואָרט „יציאה" אַ דערשיטערנד און שרעקלעך בילד, אַ בילד פון אַ גאַנץ פאָלק וואָס אַנטלויפט ווי אַ צעשראָקענע טשערעדע. אָבער „עוואַ־קואַציע" — איז אַ גאַנץ אַנדערער ענין: ווען איך בין אַלט געווען 16 יאָר האָב איך געשאַפן אַ ליד; זיין פּאָעטישע פאָרם האָב איך פאַרגעסן, אָבער דעם אינהאַלט געדענק איך נאָך: גלות — איז טייטש, אַז אַנדערע מאַכן די געשיכטע אָנשטאָט מיר זעלבסט. ציוניזם — איז טייטש: אַז דאָס יידישע פאָלק הייבט אָן מאַכן, ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, זיין געשיכטע פונסניי. און פון דאַז ביז איצט בין איך דורכגעדרונגען מיט יע־נעם הויפּט־געדאַנק: דאָס יידישע פאָלק טוט וואָס א י ם געפעלט. און ווען איך האָב אַרויסגעבראַכט פון מיין מויל דאָס וואָרט „עוואַקואַציע",

האָב איך וואָס אַזוינס געזען פאַר מיינע אויגן? איך האָבן געזען — אַ גענעראַל וואָס קוקט אויף זיין אַרמיי פון אַ הויכן באַרג און זעט אַז איינער פון זיינע רעגימענטן געפינט זיך אונטערן פייער פונעם שונא. און האָט באַשליסט דער גענעראַל (ע ר, און נישט דער שונא, ווײַלבער ווייל בעסער פאַרזעצן צו רעגענען מיט פייער), מיט זיין ווילן באַשליסט ער און צו גיכסטן פון זיין אַרמיי, אַרויסצופירן יענעם רעגימענט, וועלכער געפינט זיך אין סכנה. אַן אַנדער ביישפיל: אין שווייצאַריע געפינט זיך אַ ווולקאַן, וואָס שפייט פייער-לאַווע. צופוסנס ליגט אַ דאָרף און דאָס דאָרף געפינט זיך אין סכנה צוליב דער לאַווע וואָס שפּאַרט פונעם ווולקאַן. דעריבער באַשליסט די רעגירונג מיט איר גוטן ווילן און פאַר דער טובה פון איר באַפעלקערונג צו עוואַקואירן יענץ דאָרף, אויסצווואַרצלען זיינע איינוווינער פון זייער אָרט.

אויך מיר, ווען מיר פּראָקלאַמירן די „עוואַקואַציע"-פּראָגראַם — טוען מיר דאָס פון דעם געפיל פון אונדזער נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג. ווייל מיר ווילן דאָס און עס איז כדאי פאַר אונדז. ווייל מיר ווילן אָפּראַטעווען דאָס יידנטום פון דער לאַווע וואָס דערנענטערט זיך — און, מיינע הערן, קען איינער פון אייך לייקענען אַז די דאָזיקע לאַווע עקזיסטירט, אַז זי דערנענטערט זיך צו אונדז, און מיר דאַרפן זוכן מיטלען קעגן איר?

איך באַדויער זייער וואָס דאָס וואָרט „עוואַקואַציע" דערמאָנט אין פוילן אַנדערע געשעענישן, ווי דעם גירוש פון יידן פון קאָוונע דורך דער רוסישער רעגירונג בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, אָבער, מיר דאַכט, אַז אויך אין דעם זענט איר זיך טועה. ווייל דאַן האָט מען גערופן צו דעם ג י ר ו ש און נישט „עוואַקואַציע", און די יידן זענען דאַן גערופן געוואָרן — אַ ר ו י ס ג ע ט ר י ב ע נ ע.

מיינע ליבע, קיין מער פּאַסיק וואָרט וועט איר נישט געפינען! דאָס זאָגט אייך אַ מענטש, וואָס האָט במשך פון זיין גאַנץ לעבן געהאַט צו טאָן מיט מיליאָנען ווערטער און האָט זיך זייער פיל אין זיי געגריבלט. דעריבער, זאָלט איר זיך גוט איינחזרן: „עוואַקואַציע" הייסט נישט אַז אַנדערע זאָלן אונדז אַרויסנעמען, נאָר אַז מיר גופא ווילן דאָס, אַז מיר

— דאָס ייִדישע פאָלק — ווילן מער נישט קיין גלות, נאָר פ ר י ה י י ט. דער געדאַנק איז פאָרמולירט געוואָרן אַזוי: „שיבת ציון פאַר אַלע פרייִנט פון ציון און דער סוף פון דער צעשפּרייטונג".

און אויב אונדזערע קריטיקער ווילן דאָס נישט פאַרשטיין, באַדויער איך דאָס זייער. עס זענען פאַראַן צווישן זיי באמת וווּנדערלעכע און מאָד-נע דערשיינונגען. די חשובע צייטונג „היינט", למשל. א ווונדערלעכן טאַ-לאַנט האָט די דאָזיקע צייטונג זיך אוועקצוזעצן צוזאַמען מיט מיר אויף יענער באַשולדיקונגס-באַנק. זי הייבט אָן צו אַגיטירן קעגן מיין אידייע, פאַרגעסנדיק אַז די דאָזיקע אידייע האָב איך אַמאָל געפּרעדיקט דווקא פון אירע שפּאַלטן, פון די שפּאַלטן פון דער חשובער צייטונג „היינט". אַזוי איז געווען פיל מאָל אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אַזוי איז אויך איצט מיט מיין אידייע וועגן אַ מאַסן-אימיגראַציע. און צו מיין גרויסן באַדויערן, אין „היינט", איצט די איינציקע צייטונג וואָס האָט אויף זיך אַליין גוזר געווען דעם דאָזיקן גורל. אָבער איך וועל אייך זאָגן דאָס וואָס איז אַמיינסטן וווּנדערלעך: ווען מיר איז אַמיינסטן ווינמיק, וואָס איז אַמיינסטן וווּנדערלעך: ווען מיר האָבן מיט אַ יאָר צוריק אָנגעהויבן פּרעדיקן די געדאַנקען, וועלכע מיר פּרעדיקן איצט, האָט אונדז אָפּגעענטפערט דאָס וועלט-יידנטום מיט 713 טויזנט שטימען, פון וועלכע 450 טויזנט זענען געווען פון פּוילן. וואָס איז געשען זינט דאַן און ביז היינט? עס איז נישט מיין שולד וואָס דאַן האָבן נישט באַמערקט מיינע קריטיקער אונדזערע „מיקראָבן". און די פאָלקסמאַסן — פרעג איך: פאַרוואָס האָט איר מיך דעמאָלט באַגעגנט מיט אַזעלכע שטורמישע אָוואַציעס? פאַרוואָס האָט איר מיר געגעבן דאָס געפיל און דעם גלויבן, אַז איר זענט מיט מיר מסכים, אַז איך קאָן מיך פאַרלאָזן אויף אייך אין מיין קאַמף צו פאַרווירקלעכן מיינע אידייען, צו פאַרווירקלעכן יענע אידייען וואָס איך האָב אייך פאָרגעלייגט אין דער פאַרגאַנגענהייט? וואָס פאַר אַ באַציאונג איז דאָס צו אַ מע-טשן און צו אַ רעדנער, ווען מען פּאַטשט אים בראַוואָ און מען באַציט זיך נישט ערנסט צו זיינע געדאַנקען, נישט פאַרשטייענדיק, אַז ער וועט אויך ה אַ נ ד ל ע ן בהסכם מיט די ווערטער וואָס ער האָט געלאָזט הערן? דאָס איז דאָך ווי די באַציאונג צו אַ מענטשן וואָס דראָעט אויסצוזעצן

די שויבן — און מען גלויבט אים נישט. זייט זיכער, אז ער וועט טאָן גענוי ווי ער' האָט פאַרשפּראָכן!

איך האָב ביים אָנהויב פון מיין רעדע אָנגעוויזן אויף געוויסע „מיס-פאַרשטעגדעגישן", און איך האָב געזאָגט אַז זיי זענען נישט וויכטיק. אוןווירקלעך זענען זיי נישט וויכטיק. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז עס האָבן אויפגעהערט די העצעריי און רכילות, אַז דער ים פון גראָבקייט און שקרים איז שטיל געוואָרן — אָבער דער תוך עקזיסטירט נאָך, און עס עקזיסטירט נאָך די פראַגע וועגן דעם מהות פונעם ציוניזם. וועגן דער „עוואַקואַציע". און די דאָזיקע פראַגע שטעל איך אָפן און קאַטעגאָריש: c'ést á prendre ou á laisser— ענטוועדער איר זאָגט זיך אָפּ פונעם ציוניזם, אָדער איר סאָלידאַריזירט זיך מיט מיין אָנשויאונג.

עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס צווייפלען אויב ענגלאַנד קען און אויב זי וויל מקיים זיין אירע התחייבותן לגבי דעם יידישן פאָלק. אָבער אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז זיי זענען גערעכט, דווקא דעמאָלט דאַרפן מיר צואיילן דעם פּראָצעס פון אונדזער שותפות מיט ענגלאַנד, צו פאַר־שנעלערן אויף וויפל מיר וועלן קענען דאָס דערפילן פון אירע התחייבותן. איך וועל אייך געבן אַ משל פונעם לעבן פון די רעדאַקטאָרן: צו מיר, ווי צו אַ רעדאַקטאָר, קומט אַ שרייבער און זאָגט מיר, אַז ער פאַרפליכטעט זיך צו אַנטוויקלען אַ באַשטימטע טעמע אין אַ סעריע אַרטיקלען. דער שרייבער שרייבט אָן עטלעכע אַרטיקלען און דער ענין ווערט לאַנגווייליק; אָדער עס קומען מער אַקטועלע טעמעס, וועלכע דערלויבן נישט אָפּצו-געבן פּלאַץ פאַר ווייטערדיקע אַרטיקלען; אָדער דער זשורנאַליסט קען נישט דערפילן זיין פליכט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן. דאַן פאָדער איך פון אים, אַז ער זאָל קירצן זיינע אַרטיקלען, אַז ער זאָל אויסדרוקן זיינע געדאַנקען אין איין שלום-אַרטיקל און אויף אַזאַ אופן וועט ער דער־פילן זיין חוב וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. דאָס זעלבע דאַרפן מיר טענהן צו ענגלאַנד. איר קענט נישט מאַכן קיין לאַנגע אָנשטרענגונגען וועלכע פאָדערן אַ סך צייט — אפשר וואָלט געווען אַ יושר צו דערמעג-לעכן פאַר אונדז אַ שפּרונג וואָס זאָל לייזן אונדזער גאַנצע פראַגע? דער

עיקר איז דאָך: ווער עס וועט זיין דער רוב אין ארץ ישראל. דעריבער שלאָגן מיר פאָר די „צען-יאָר-פּראָגראם", וועלכע וועט דערמעגלעכן א יידישע מאיאָריטעט „במהרה בימינו — בעגלא ובזמן קריב."

עס זענען פאראַן אזעלכע וואָס זאָגן אז דאָס איז א פאנטאזיע. אָבער איך פארשטיי נישט צו וואָס זיך באנוצן מיט דער פּלאַפּלעריי אז „ס'איז אוממעגלעך". איך האָט נישט צו גיין אויף דעם וועג, ווייל דער דאָזיקער מין פּלאַפּלעריי איז שוין נישט איינמאָל אָפּגעפרעגט געוואָרן. ווען מיר האָבן געפאָדערט מיט צען יאָר צוריק אָן עליה פון 35-40 טויזנט מענטשן אין יאָר, כדי מיר זאָלן בילדן א יידישן רוב אין ארץ ישראל במשך פון 20 יאָר לערך, האָט מען געמאַכט קולות קעגן אונדז ווי פאַנטאַזיאָרן און אויך דעמאָלט אויפן סמך פון דעם זעלבן מאָטיוו: אוממעגלעך! און אָט זענט איר עדות פון אַן עליה פון 50 טויזנט א יאָר, און דאָס אין אַנטי־קאָלאָניזאַציע-באַדינגונגען, אָן אַן אַגראַר־רעפאָרם און אָן שטיצע-הלוואות פאַר דער אינדוסטריע וועלכע מען בויט, און וועלכע מען דאַרף בויען, אין ארץ ישראל.

אַלס ענטפער אויף די אַלע פּלאַפּלערייען פון די פעסימיסטן פון דער „אוממעגלעכקייט" קען דינען דאָס וווּנדערלעכע לעבן פון מאיר דיזנגוף, ז"ל. במשך פון זיין לעבן איז באמת פאַרווירקלעכט געוואָרן די לעגענדע אין וועלכער קיינער האָט נישט געגלויבט. און פאַר זיין טויט האָט ער געקענט זאָגן: „איך דאַנק דיר רבוש"ע — אַלע מיינע חלומות זענען פאַר־ווירקלעכט געוואָרן!" ווען ער איז אַלט געווען 50 יאָר האָט ער געחלומט אויסצובויען א שטאָט אויף די זאַמדן פונעם ברעג ים פון ארץ ישראל און דאָס האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן אַן אומרעאַליזירבאַרער חלום". היינט ציילט תל־אביב הונדערט און פופציק טויזנט איינוווינער. איך וויל מיך דערמאָנען א ענלעכן ביישפּיל — אָבער אומזיסט. ווען פּיאָטר דער גרויסער איז געשטאָרבן האָט פעטערבורג געהאַט נישט מער פון 82 טויזנט איינוווינער. יאָהאַנעסבורג האָט באַקומען א שם פון א שטאָט וואָס וואַקסט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער שנעלקייט, אָבער אויך זי איז נישט אויסגעוואַקסן מיט דער שנעלקייט פון תל-אביב. איר זעט, אַלזאָ, ווי אַזוי

עס איז פארווירקלעכט געווארן א לעגענדע פאר אייערע אויגן. דעריבער וועל איך אייך ווארענען נישט צו זאגן: אוממעגלעך!

און אט נאך א ווארענונג: דער איצטיקער מצב אין ארץ ישראל, די בלוטיקע אומארדענונגען, אלע מעשים פון דער ארץ ישראל-רעגירונג, די פאליטיק פון דער מאנדאט-מאכט, צווינגען אונז א טראכט צו טאן אויב עס עקזיסטירט נאך א שותפות צווישן אונז און ענגלאנד, אדער מיר דארפן זוכן אן אנדערן פארבינדעטן. בכלל, איז נישט קיין חכמה, „ארייגצור-לייגן אלע אייער אין איין קויש“. באזונדערס איצט, אין א צייט פון א צרה פאר ישראל. עס וועט קיין מענטש נישט זאגן, אז מיר האבן נישט נויטיק קיין פארבינדעטע. אבער אלע זייגען אויפגעבראכט אויף „דער דאזיקער געמיינקייט“. אבער, אויב מען פארלאזט זיך נישט אויף דעם גוטן ווילן פון דער מאנדאט-מאכט, צווינגט דאך די לאגיק צו אנערקענען, אז מיר וועלן קענען ווירקן אויף ענגלאנד נאר דורך א פאסיקן דרוק, דורך אן ערנסטן דרוק, וועלכער זאל זיין פערמאנענט און שטארק. דאס קען מען טאן נאר מיט דער הילף פון מלוכות וועלכע זאלן האבן א אינטערעס אין דעם, מיט דער הילף פון מלוכות וועלכע דארפן אז די יידן זאלן אויס-וואנדערן פון זיי.

און איצט וועל איך אייך בעטן, אז איר זאלט זיך אויסמאלן א דיא-לאג, וואס וואלט געקענט פארקומען צווישן די רעפרעזענטאנטן פון דער מאנדאט-מאכט און דעם רעפרעזענטאנט פון דעם לאנד וואס איז פאר-אינטערעסירט אין דער יידישער עמיגראציע.

— אין אונדזער לאנד פילט מען אן עמיגראציע-פראבלעם. דעריבער זענען מיר פאראינטערעסירט, אז מען זאל נישט לייגן קיין שטרויכלונ-גען אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און עס זאל נישט פאסירן קיין בייז צו די, וועלכע קומען זיך באזעצן אינעם לאנד.

— איז באמת אזוי גרויס די עמיגראציע-פראבלעם אין אייער לאנד?

— ניין! זי איז נישט זייער גרויס. אונדזערע יידישע בירגער קע-נען פארבלייבן אין אונדזער לאנד, אבער זיי שטרעבן קיין ציון, זיי ווילן דארט לעבן א קולטור-לעבן.

— אויב אזוי, זענט איר דאך מחויב צו פארשטיין אויך אונדזער

מצב. מיר דארפן נעמען אין באטראכט די שוועריקייטן, וועלבע מיר דארפן גובר זיין אין שייכות מיט דער יידישער מאסן-עליה. אט די אראבער...

איך האב אייך געבראכט דעם דאזיקן דיאלאג כדי אייך קלאר צו מאכן, אז דער איצטיקער געשריי, אז די יידן בכלל דארפן נית עמיגרירן, ברענגט גרויס שאדן דעם ציוניזם און שטערט אירע פארבינדעטע בשעת זיי דיסקוטירן מיט די פארשידענע רעגירונגען. מן ההכרח אז ענגלאנד זאל באקומען אן ערנסטן און דירעקטן איינדרוק, אז די עמיגראציע-פראבלעם אין די גלות-לענדער איז זייער שטארק. פארשטייט זיך אז די מלוכות וועלן נישט קענען פאדערן פון ענגלאנד פאראנטווארטלעכקייט פאר א מאסן-עמיגראציע אויף דער באזע פון דער יידישער טראגעדיע וואס קומט אלס רעזולטאט פון ברוטאלן און אפיציעלן אנטיסעמיטיזם. קיין רעגירונג וועט נישט קענען דערקלערן אפיציעל: די יידן מוזן אויסוואנדערן פון אונדזער לאנד ווייל מען שלאגט זיי. דאס איז נישט קיין מאטיוו און אויך מיר ווארפן אפ דעם מאטיוו און קעמפן קעגן אים. און נאך עפעס: דאס איז נישט קיין נוצלעכער מאטיוו — ווייל ער דערמאנט אונדז דעם באקאנטן ענגלישן וויץ וועגן דעם פארטיידיקער וואס האט געטענה'ט לטובת א באשולדיקטן אין דעם מארד פון זיין טאטע-מאמע, און האט אויסגערופן צו די געשווירענע ריכטער מיט געפיל: באשיצט דעם דאזיקן אומגליקלעכן, האט רחמנות אויף א קיילעכיקן יתום!" ניין, דער דאזיקער מאטיוו ווערט בכלל נישט גענומען אין באטראכט.

אבער איך וואָרן אייך: איר זאלט נישט זינדיקן קעגן די אייזערנע געזעצן פון לאגיק. לאגיק הייסט דערלויבן יעגע לענדער, וועלכע קומען זיך משתדל זיין אונדז צו גונסטן פאר דער בריטישער רעגירונג און פאר דער פעלקער-ליגע און פארברענגען פאר זיי אונדזערע תביעות אינעם נאמען פון שרעקלעכע אנגסטן, וואס הערשן צווישן די יידישע מאסן.

די דאזיקע ווארנונג מיינע איז הויפטזעכלעך געצילט קעגן יענע צייטונגען, וועלכע זענען גרייט אויף יעדן בילבול און יעדן שרעקלעכן טאט, אבי זיי זאלן נאר קענען שיטן זאלץ אויף מיינע וונדן. אבער זאלן זיי נאר א טראכט טאן וועגן זייערע מעשים, ווען זיי מאכן אן אנשטרענגונג

צו צעשטערן דעם פאליטישן קאמפיין וועלכן איך האב אנגעהויבן אין דער לעצטער צייט. זאלן זיי נאר א טראכט מאן אז דאס איז נישט מיין פערזענלעכע שפיל, אז דער גורל פונעם גאנצן יידישן פאלק דארף דא אנ־טשידן ווערן, אז עס האנדלט זיך פון דער יידישער גאולה, אז עס ליגט דא אויף דער וואגשאל די גאנצע צוקונפט פון אונדזער פאלק. אט האב איך שוין געלייענט אין דער ענגלישער „מארנינג פאסט", אז די יידישע פאדערונג פון א מאסן־אימיגראציע האט נישט קיין יסוד ווייל די עמי־גראציע־פראבלעם איז נישט אזוי שרעקלעך, און אויף וויפיל זי עקזיס־טירט — קען זי געלייזט ווערן אין די גלות־לענדער גופא. און נאך: קיי־נער איז אין דעם נישט שולדיק א ו י ס ע ר ד ע ם פ א ל י צ י י ־ א ג ע נ ט .

די דאזיקע פראפאגאנדע קעגן דער ציוניסטישער עמיגראציע־פא־ליטיק איז געפערלעך אויך אין אן אנדערער הינזיכט. זי וועט געבן די אראבער ליטעראטור קעגן דעם ציוניזם און אויף איר וועלן זיי זיך קענען פאררופן בשעת די דיסקוסיעס פון דער קעניגלעכער קאמיסיע. די אראַ־בער וועלן טענה'ן אז די יידן נויטיקן זיך נישט אין עמיגראציע; אז זיי ווילן גארנישט עמיגרירן. והראיה — אזוי שרייבן די יידישע צייטונגען אין גלות...

און נאך אויף איין טענה וועל איך ענטפערן. מען זאגט מיר: וויל דאס נישט זאגן אז איר ווילט אונטערהאנדלען מיט אנטיסעמיטישע רע־גירונגען? ניין. איך בין קעגן אונטערהאנדלען מיט אנטיסעמיטישע רע־גירונגען. איך בין אן עקסטרעמער קעגנער פון דעם „טראנספער"־אפמאך מיט דער היטלעריסטישער דייטשלאנד. דער אפיציעלער אנטיסעמיטיזם איז א קרענק, א מאראלישע קרעץ, און מען דארף נישט האבן צו טאן מיט א גוף אין וועלכן עס האט זיך אנגעקלעפט די דאזיקע קרענק. אבער איך וועל אייך געבן אן עצה: זייט זייער פארזיכטיק ווען איר שטעמפלט עפעס א רעגירונג מיטן טיטל „אנטיסעמיטיזם". ווייל מיר וועלן ווערן זייער מדויעריק אויב מיר וועלן זיך ארומקוקן און זיך דערמאנען די גע־שעענישן וואס האבן פאסירט אין דער פארגאנגענהייט. אין 1920 זענען געשטאנען אין ארץ־ישראל 70.000 סאלדאטן. עס זענען דארט געווען

אַלענבי און סטאָרס. און 3 טעג האָבן דאָרט געהוליעט די אַראַבער, זיי האָבן געקוילעט, פּאָגראָמירט, פאַרגוואַלדיקט, און די העררן אַלענבי און סטאָרס האָבן דאָס אַלץ געקענט אָפּשטעלן תיכף ומיד, ווען זיי זאָלן זיך געוועט צוויילן געבן דעם נויטיקן באַפעל. איך דערמאָן מיך: דעם צווייטן טאָג פון די אומאָרדענונגען האָבן מיר, איך און ראָטענבערג, זיך באַגעגנט מיט סטאָרסן און זיין אדיוטאַנט אין גאַס אין ירושלים. מיר האָבן גער׳עדט וועגן דער פראַגע פון זעלבסטפאַרטיידיקונג און אויפן וועג זענען צו אונדז צוגעלאָפן צוויי יידישע יונגפרויען און האָבן אונדז געבעטן זיי העלפן, ווייל ביי זיי אין דער היים זענען געשען שוידערלעכע מעשים. און די צוויי ענגלישע „דזשענטלמען״, פאַר וועמען איך האָב געהאַט געהאַלטן אַ קאָנפערענץ וועגן ביאַליקן און זיי האָבן מיר אַפּלאָדירט, וועלכע פלעגן זיך נוהג זיין איינצולאַדן צו זיך אַהיים אַלע זונטיק יידישע געסט, וועלכע האָבן געבעטן יידישע מיידלעך זיי שפּילן פּיאַנאָ און יידישע בחו־רים צו זינגען פאַר זיי — די צוויי דזשענטלמען האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון זייער אָרט, ביז ראָטענבערג האָט אָנגעכאַפּט סטאָרסן פאַר זיין אָרעם און אים געצוואונגען אויף כוח צו אינטערווענירן...

און הערבערט סעמיועל... מיר געדענקען די בלוטיקע טעג וועלכע דער ישוב האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון זיין הערשאַפט. דאָס לאַנד איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרדרוקט. מען האָט נישט געטאָרט שי־קן בריוו און טעלעגראַמעס קיין אויסלאַנד. און אינעם לאַנד גופא האָבן געבושעוועט די אַראַבער. אין די גאַסן ווו עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס האָט סעמיועל געשיקט מיליטער זיי צו צע־טרייבן — אָבער ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער, חס ושלום, קענען זיי שיסן, האָט ער באַפוילן צונעמען ביי זיי די ביקסן און אַנשטאָט ביקסן האָט מען געגעבן די סאָלדאַטן גומענע שטעקענעס. וועט איר זאָגן, אַז סעמיועל איז אַן אַנטיסעמיט? אָדער אַז אַלענבי איז אַן אַנטיסעמיט? און זיי האָבן דאָך געטאָן אַזוי ווי פּעטלורא. נאָר עס איז געווען אַן אונ־טערשיד: וואָס סעמיועלן האָט דאָס מיליטער געפאָלגט און פּעטלוראַס רעגימענטן האָבן אים נישט געפאָלגט. און אָט האָט איר — פראַנקרייך. דערמאָנט אייך אין די געשעענישן פון קאָנסטאַנטין, פון אַלזשיר. מען האָט

דאָרט געקענט אונטערדריקן די אומאָרדענונגען איידער זיי האָבן אויסגעבראָכן. אָבער זיי זענען דאָך נישט אונטערדריקט געוואָרן מיט דער נויטיקער שנעלקייט. וועט איר זאָגן אַז פראַנקרייך איז אַן אַנטיסעמיטישע מלוכה? ווען איך וואָלט געקומען צו אַזאַ אויספיר, וואָלט איך נישט געוווסט וואָס פאַר אַ זין עס האָט דאָס לעבן פון אַ מענטשן! אַלע אונדזערע אויסזיכטן, אַלע אונדזערע האָפענונגען אויף אַ גלעזשאַפטלעך לעבן, אויף מענטשלעכער גערעכטיקייט און אויף יושר, וואָלטן צעשטערט געוואָרן. איך קאָן פאַר אייך דאָ פאַנאַנדערוויקלען אַבסאָלוט אומאַנגענעמע בילדער פונעם פאַריזער מאָנפאַרנאַס, טרויעריקע געשעענישן וואָס קומען פאָר אין לאָנדאָן, דער ענגלישער הויפּטשטאָט. דאָרט פירט דורך די אַנטיסעמיטישע פאַרטיי יעדע וואָך אַ 600 מיטינגען.

מייגע דאַמען און הערן, זענען דען די אַלע לענדער אַנטיסעמיטישע? זייט זייער פאָרזיכטיק מיט דעם דאָזיקן עפּיטעט, איר זאָלט נישט איבערזאַלצן דאָס געקעכטס!

מיין עצה פאַר אייך, איז אַז איר זאָלט דערקענען די אַנטיסעמיטן לויט דעם סימן און דער מאָס וואָס איר באַנוצט לגבי אַ סאָציאַליסט און אַ ציוניסט. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט איז אַ מענטש וואָס דערקלערט אייך אָפן: איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. און אַן אַנטיסעמיט איז אויך אַ מענטש וואָס דערקלערט: איך בין אַן אַנטיסעמיט. פון היינט און ווייטער זאָלט איר נישט וועלן גריבלען זיך אין יענעמס נשמה. און זאָל אויך ער זיך נישט גריבלען אין אייערער, ווייל איר וועט נישט באַקומען קיין קאָמפּלימענטן נישט ד אָ און נישט ד אָ ר ט.

זייט קאָנסעקווענט: פאַרוואָס זענט איר ברוגז אויף יענער מדינה ווייל אין איר רעגירונגס־אַפּאַראַט געפינען זיך ווינציק אָדער גאָר קיין יידן נישט — איר געדענקט, אַז דער ברטישער קאָלאָניען־מיניסטער, לאָרד פּאַספילד (סידני וועב), האָט בשעתו דערקלערט פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע, אַז בענטוויטש איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט אין ארץ ישראל ווייל ער איז געווען אַ ייד. ווילט איר אַנווענדן אַ דאָפּלטן מאָסשטאַב? ווי אַזוי זאָל איך באַצייכענען די דאָזיקע גוטהאַרציקייט, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין וואַרפן דעם עפּיטעט „אַנטיסעמיט" אויף

רעכטס און אויף לינקס? דאָס איז דאָך אַ דערשיטערנדער אומגליק פון די יידישע מאַסן! דאָס איז אַ טעמפּער פּגם אינעם נאַציאָנאַלן חוש פון עקאַ-נאָמיזאַציע, אַ דעפעקט פון דער יידישער דענקונגס-קראַפט. אַ מענטש דאַרף דאָך זיך איבערלאָזן באַשטימטע אָנשפּאַר-פונקטן. מען קען דאָך נישט באַטיטלען די גאַנצע וועלט אַלס שונאים און כוליגאַנעס. ווייל אין אַזאַ וועלט קען מען נישט לעבן.

מיינע קריטיקער פרעגן: אין וועמענס נאָמען רעד איך, ווען איך שלאָג פאָר קעגן אַלעמען מיין עוואַקואַציע-פּראָבלעם? און איך מוז מודה זיין דעם אמת: איך רעד אינעם נאָמען און פונעם שטאַנדפּונקט פון דעם יידן אָן אַ פּאַטערלאַנד. איך וואָלט געקענט ענטפערן, אַז מיין מאַנדאַט באַזירט זיך אויף יענע 450 טויזנט שטימען וואָס עס האָט מיר דער יידי-שער ציבור אין פּוילן געגעבן, אין די וואַלן צו דעם גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער עיקר איז אין אַן אַנדער ענין לגמרי: ווען מען וויל אָנהויבן אַ דעליקאַט שטיקל אַרבעט, איז די פּאָליטישע חכמה מחייב איבערצוגעבן די זאַך אין די הענט פון אַ פרעמדן — ווייל אויב די זאַך וועט חלילה אויפגעדעקט ווערן וועט נאָך זיין דער תירוץ: „נישט מיר האָבן דאָס געטאָן, מיר האָבן דאָס נישט גע-וואָלט, דאָס האָט געטאָן אַ פרעמדער מענטש". דער אונטערשיד צווישן מיר און מיינע קריטיקער איז דער, וואָס איך קלער פריער צען יאָר, און ערשט דאַן הויב איך מיך אויף אויסצודריקן אַן אידעע, און זיי מאַכן אַן אַ גרויסן טומל אַרום אַלץ וואָס קומט זיי אין קאָפּ אַריין, אָדער אויף דער צונג, נישט טראַכטנדיק קיין מאָמענט וועגן דעם זין דערפון און אַ וועלכע זענען זיינע אויסזיכטן.

ווען איך וואָלט געווען אַ פּוילישער ייד וואָלט איך איצט גערעדט אַנדערש. און איך וואָלט אַזוי געזאָגט: „מיר, פּוילישע יידן, האָבן די מעגלעכקייט צו שפּילן די הויפּט-ראָל אין דעם וועלט-יידנטום. דעריבער זענען אָט די אונדזערע אידעען און פּלענער!" אָבער, צו מיין באַדויערן, האָט מען נישט געהערט אַזעלכע ווערטער פונעם פּוילישן יידנטום. דערי-בער זענען מיר געקומען און האָבן אייך געבראַכט אונדזער פּלאַן. גוט אַלזאָ, איר טענה'ט אַז דער פּלאַן איז נישט קיין געלונגענער — טאָ ווו

איז אייער פלאן? וואס שלאגט איר פאר? ווער זוכט פאר אייך פארבינ־דעטע? איר רעדט וועגן גלייכע רעכט אין פוילן — ווו זענען די פאר־טייען און ווו זענען די מענטשן, וועלכע קעמפן פאר די דאזיקע גלייכע רעכט? אויסער דעם קאמוניזם, וועלכער גיט א וועלכן נישט איז ענטפער אויף דער יידנפראגע, און ווען אפילו נאר אן אילוזארישן ענטפער — איז צווישן אייך נישטא קיין מענטש וואס זאל האבן אן ענטפער. און טא־מער וועט איר זאגן אז איר זוכט א פארבינדעטן נישט צו באשיצן אונ־דזערע רעכט אין ארץ ישראל און אונדזער רעכט אויף ארץ ישראל, נאר דווקא צו באשיצן די רעכט אין פוילן, — ביטע זייער, ווער זענען די, וועלכע זוכן פארבינדעטע פאר דעם? און צו וועמען האבן זיי בדעה זיך צו ווענדן?

איך וועל אייך ענטפערן: איך האב געפירט א שארפע דיסקוסיע מיט דער פוילישער געזעלשאפט; איך קאן אלע שאטנס פון דעם דאזיקן לאנד און איך קאן אויך די צווייטע זייט פון דעם כאראקטער פון די פא־ליאקן; מיצקעוויטשעס לידער האב איך געקענט אויסנווייניק ווען איך בין אלט געווען 14 יאר. און איך זאג אייך: עס איז ביי זיי פאראן אן אויסערגעוועגלעכע דערשיינונג, וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט, און דאס איז — פילסודסקי, יאר 1926. דאן, ווען דאס פוילישע פאלק איז געשטאנען ביים ראנד פון אפגרונט, ביים ראנד פון יענעם תהום צו וועל־כן עס האט זיך דערקייקלט מיט עטלעכע יאר שפעטער דייטשלאנד, אין יענעם מאמענט איז געקומען פילסודסקי מיט א גרופע פון זיינע תלמי־דים; ער איז געקומען שטיל, אן רעטאריק; עס איז געקומען א מענטש וואס האט געוויס נישט ליב די יידן, און אפילו נישט די פאליאקן, נאר ער האט ליב, דינט און קעמפט פאר איין זאך וואס הייסט יושר. און ער האט אפגעראטעוועט זיין לאנד, האט געמאכט אין דעם ארדענונג און איינגעפלאנצט אין דעם יושר. ווען איך וואלט געווען א פוילישער ייד, וואלט איך געזאגט: מיינע ליבע, די גרופע פון מארשאל פילסודסקי, זיינע טרייע תלמידים, זיי זענען פאר אייך די לעצטע פער־ספעקטיוו צו געפינען ארנטלעכע פאר־בינדעטע.

איך וואנדער אום איבער אַלע עקן וועלט, פון לאַנד צו לאַנד, און זוך פאַרבינדעטע פון אונדזער זאַך, און איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך זע נישט קיין פאַסיקערע און וויכטיקערע פאַרבינדעטע פון דער דאָזיקער גרופּע פון פּילסודסקיס תּלמידים. פּיליכט האָבן מיינע קריטיקער אַנדערע קאַנדידאַטן, בעסערע פון די. איך האָב וועגן דעם נישט געהערט און אויך איר האָט נישט געהערט. דעריבער וועל איך מיר דערלויבן צו באַטראַכטן די אַטאַקעס פון די דאָזיקע קעגנער מיינע ווי אַ לייכטזין און פּלאַפּלעריי!

זעט, דעם אַמיינסטן פאַרעקשנטן אַסימילאַנט קאָן איך אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטייען. ער זאָגט: נישט געקוקט אויף אַלץ איז מיר דאָ אנגענעם און איך וויל נישט פאַרלאָזן מיין פּלאַץ, אויך ווען מען אונטערדריקט מיך, אויך ווען מען פאַרפאָלגט מיך — וועל איך נישט אַוועק פון דאַנען. זיי קאָן איך באַרואיקן דערמיט וואָס די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם וועט אויך זיין די פאַרווירקלעכונג פון אַסימילאַציע. ווייל אין גלות וועלן דאָך נאָר פאַרבלייבן די וועלכע וועלן דאָס וועלן, און נאָכן פאַרווירקלעכן פונעם ציוניזם אין ארץ ישראל וועט געעפנט ווערן אַ ברייטער מויער פאַר דער אַסימילאַציע אין גלות. אָבער, די ציוניסטן — רבונו של עולם, ווו איז זייער לאָגיק, ווו איז אויך זייער ציוניזם? ווו איז דער אידעאַל פון הערצלען? די שטרעבונג פּטור צו ווערן פונעם גלות? עקזיסטירט דען ציוניזם אויסער אונדזערע רייען? איז דען פון זיי פאַרבאָרגן, אַז מיר דאַרפן נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי דאָס איז? פאַרשטייען זיי דען נישט אַז עס האָט קיין זין נישט, נייערט אַז עס איז פּאַראַז אַ גרויסע געפאַר געגליכן צו ווערן צו אַ צוויי־יאָריק קינד, וואָס שטייט פאַר אַ ברענענדיקן פּלאַם און זיין איינציקע פאַרטיידיקונג איז — אויפהויבן אַ פינגערל און שרייען: „איך וויל נישט, איך וויל נישט!“ ווייל אַן ערנסטער מענטש טראַכט ווי אַזוי אָפּצוקערן דעם פייער פּלאַם אויף אַ זייט אָדער ווי אַזוי זיך צו דערווייטערן פון אים, און זיך ראַטעווען אויף אַן אמת.

און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז פּילסודסקיס תּלמידים, די מענטשן וואָס שטייען איצט אַן דער שפּיץ פון דער פּוילישער רעפּובליק, ווילן

קעגנשטעלן די געשרייען פון די אנטיסעמיטישע דעמאגאגן א פלאן פאר א ווירדיקער לייזונג פון דער יידנפראגע אין פוילן.

און איך לייג אייך פאר צו ריידן מיט דער רעגירונג מיט אט דעם לשון: דער פלאן פאר א לייזונג פון דער יידנפראגע דארף זיין צוזאמענגעשטעלט פון צוויי עלעמענטן: ערשטנס, גלייכע בירגער-רעכט דא אין לאנד. צווייטנס, אינטערווענירן, א קאמפיין אין גענף, אין לאנדאן און אין אלע אנדערע וויכטיקע ערטער, צו דערמעגלעכן א מאסן-אימיגראציע קיין ארץ-ישראל, כדי צו פארלייכטערן און צו שטילן מיט דער צייט דעם עמיגראציע-הונגער פון די פוילישע יידן. און אויב מען וועט פרעגן די פוילישע רעפרעזענטאנטן מיט וואס מאטיווירן זיי זייער פאדערונג צו פארלייכטערן די עליה קיין ארץ ישראל, און אויב ס'איז ווירקלעך גרוים און שטארק דער עמיגראציע-דראנג אין זייער לאנד, איז אומפארמיידלעך אז זיי זאלן האבן א יידישן הכשר: די יידן אליין אנערקענען און פאדערן זייער רעכט צו עמיגרירן קיין ארץ-ישראל.

דערווייל זענען די פוילישע יידן זיך נישט אזוי נוהג. דערווייל טוען זיי דאס פארקערטע. און דאס קען ברענגען זייער טרויעריקע קאנסעקווענצן. לערנט א לעקציע פון דער דעמאראליזאציע וואס עס הערשט איצט אין דעם ענגלישן פאלק, וועלכע האט זיך אנגעהויבן מיט א טומל ארום דעם איטאליענישן-עטיאפישן קאנפליקט וועלכן מען האט פראוואצירט, נישט זעענדיק די קאנסעקווענצן וואס וועלן דערפון ארויסקומען. א דאנק דעם טומל איז אביסיניע אריינגעצויגן געווארן אין א טראגישן פלאנטער. מען האט איר פארפירט צו מיינען אז עס עקזיסטירן וועגן און מיטלען צו לייזן די אביסיניע-פראגע אן דעם קומען צו אן אויסגלייך מיט איטאליע. אביסיניע האט זיך אונטערגעגעבן די דאזיקע השפעות און האט נישט מסכים געווען צו פשרות. און דער סוף: די ענגלישע געזעלשאפט האט נישט קיין אויסוועג; עס איז נישטא קיין לייזונג צו דער פראגע פון אביסיניע, און עס איז געווען א לייכטזיניקע סענסאציע ביז פארברעכערישקייט. צוליב דעם דאזיקן לייכטזיניקן טומל איז געפאלן אביסיניע. אבער, אויך די ענגלענדער האבן באצאלט פאר אים א טייערן פרייז. איך ווארן אייך פוילישע יידן: איר זאלט נישט גייען אין די וועגן

פון ענגלאַנד, איר זאָלט נישט איינריידן דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן, אַז זי זאָל נישט איינגיין אויף פשרות, איר זאָלט נישט זאָגן אַז דער עוואַקואַציע־פּלאַן איז פסול, און אַז עס זענען פאַראַן בעסערע פּלענער, אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע לייזונגען. איך פרעג אייך קלאָר און אָפן: וועלכע זענען די דאָזיקע פּלענער? וועלכע זענען די דאָזיקע לייזונגען? ווייסט און זעט: זיי עקזיסטירן נישט. מיין פאָרשלאָג איז די איינציקע רעאַלע לייזונג.

און איך מוז מודה זיין: איך בין שטענדיק געקומען קיין פוילן מיט פאַרגעניגן. איצט איז מיר מאָדנע די אַטמאָספער אין אייער געזעלשאַפט. אָבער איך וועל אייך בעטן צו פאַרשטייען איין זאַך: אויב איר ווילט פאַרשטאָפן דאָס מויל פון אַ מענטשן, קען מען דאָס טאָן אָן שוועריקייטן. נישט אין דעם גייט דאָס. עס האַנדלט זיך וועגן דער לעבנספראַגע פונעם ציוניזם, וואָס איז אויך די לעבנספראַגע פונעם פּוילישן יידנטום.

אויף דער פראַגע שלאָג איך פאָר אַ לייזונג. און פאַר דער לייזונג האָב איך מקריב געווען מיין גאַנץ לעבן. און אויך איר וועט זיין געצוווּנגען אָנצונעמען די דאָזיקע לייזונג, אויב עס פולסירט נאָך אין דעם יידישן פאָלק דאָס געפיל פון זעלבסט־דערהאַלטונג, אויב עס לעבט נאָך אין דעם די האָפענונג אויף פרייהייט און אויף אַ גלענצנדער צוקונפט.

„פוילן וועט העלפן און וועט געהאָלפן ווערן דורך דעם עוואקואציע-פּלאַן"

אַ קאָנפערענץ אין דעם „אינסטיטוט אויסצופאָרשן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען", וואַרשע, חשון תרצ"ז.

אין דעם סעמי-אָפיציעלן אַנשטאַלט פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט „דער אינסטיטוט צו פאָרשן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען", האָט זשאַבאָטינסקי עקספּאָנירט אויף פּויליש וועגן דעם עוואקואציע-פּלאַן פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון פּוילישע שטאַטסלייט און טוער.

געעפנט דעם מיטינג האָט דער וויצע-אויסערן-מיניסטער, לעאָן וואַסילעווסקי.

***

ביים אָנהויב דאַרף איך ווידמענען עטלעכע ווערטער אייך פאָרצושטעלן דעם רעדנער.

איך געהער צו יענעם דור נאַאיווע מענטשן, וועלכע גלויבן אַז אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט עקזיסטירט שטענדיק אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט צווישן מענטש און מענטש, צווישן קלאַס און קלאַס, צווישן פאָלק און פאָלק. און איך בין איבערצייגט, אַז אפילו אין די דאָזיקע צייטן פון קריזיס, אין די שרעקלעכע צייטן אין וועלכע מיר לעבן, איז נאָך מעגלעך צו געפינען מענטשן וועמען עס טוט ווי די יידישע טראַגעדיע, וועלכע סימפּאַטיזירן מיטן ציוניסטישן אידעאַל, מענטשן וואָס ווילן זיך פרייען אויב די יידן וועלן זיך באַפרייען פון זייער טראַגעדיע, אויב מען וועט קענען פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל. איך בין איבערצייגט, אַז אין דעם מאָמענט ווען אַזעלכע מענטשןריידן אַרויס דאָס וואָרט „ציוניזם", פאַרשטייען זיי דאָס מיט דער זעלבער אויפריכטיקייט

און אָרנטלעכקייט וואָס איך: שיבת ציון פאר — און נאָר פאר — די אַלע וואָס שטרעבן דערצו היינט, אָדער וועלן שטרעבן דערצו אין דער צו־קונפט. און איך בין איבערצייגט, אַז אויב אַזעלכע מענטשן וועלן אַ טראַכט טאָן וועגן דער דאָזיקער פראַגע, וועט זיי נישט קומען אין קאָפּ אַריין קיין געדאַנק וועגן עוואַקואַציע מיט גוואַלד, אָדער וועגן דעם אָפּזאָגן בירגער־רעכט די יידן אין די לענדער ווו עס וווינען יידן. בקיצור: איך גלויב, אַז עס עקזיסטירט נאָך אַ מענטשלעכע ציוויליזאַציע און אַז אירע רעפּרעזענטאַנטן זענען נישט פאַרשוואונדן אויך איצט, אין צייטן פון בעסטיאַלן געוויי. אויף אַט דעם אופן מאָל איך מיר אויס די פאַר־זאַמלונג וואָס איז זיך היינט צונויפגעקומען דאָ אין זאַל און דעריבער וועל איך מיך נישט מיען צו באַווייזן, אַז „צוויי מאָל צוויי — איז פיר", אַז עס איז אַ שאַנדע עמיצן צו פאַרפאָלגן, און אַז צו אַ ר ו י ס ט ר ײַ־ב ן מ י ט ג וו אַ ל ד א י ז אַ ז י נ ד, און אַז אַ מדינה אין וועלכער עס עקזיסטירט נישט קיין גלייכהייט איז פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג. אַז דאָס איז דער אלף־בית פון דער שפּראַך פון ציוויליזאַציע, מיט וועלכער מיר אַלע דאָ זענען פאַרבונדן.

און איצט צו דער טעמע פון מיין קאָנפערענץ: אין קורצן איז זי ווי פאָלגט:

ארץ־ישראל קען לייזן די פּראָבלעם פון יידישער עמיגראַציע און פוילן קען דערצו העלפן!

מיטן נאָמען ארץ ישראל באַצייכענען מיר דעם שטח וואָס ליגט אויףביידע זייטן ירדן. ביידע טיילן פונעם לאַנד — די מערב און מזרח־טייל — בילדן איין גאַנצעם פונעם היסטאָרישן, געאָגראַפישן און עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, און דאָס אָפּטיילן זיי איינס פונעם אַנדערן איז געווען אַ געקינצלטע. עס האָט קיין זין איצט צו פּאָלעמיזירן וועגן דער אויפנאַמס־פעאיקייט פונעם לאַנד. אין אַזעלכע ענינים איז הויפּטזעכלעך מכריע די דערפינדונגס־קראַפט פונעם מענטשן. יעדנפאַלס, קען מען איצט פעסטשטעלן, אַז אַ שטח פון 70.000 קוואַדראַט־קילאָמעטער, וואָס געפינט זיך אין די גרעניצן פון ארץ־ישראל, וועט קענען אַריינעמען אין דער צוקונפט אַכט אַ האַלב מיליאָן איינוווינער, אויב מירן רעכענען

לויט דער געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג אין דייטשלאנד, און 18 מיליאן איינוווינער, אויב מירן רעכענען לויט דער געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג אין בעלגיע. ווען מען קומט אפשאצן די פערספעקטיוון פון ארץ-ישראל, דארף מען נעמען אין אכט די קאלאניזאציע-פעאיקייטן פו־נעם יידישן פאלק, די קרבנות-גרייטקייט פון די יידן, וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט, די מסחר־פארבינדונגען און די קולטור-פארבינדונגען פון די יידן מיט אלע עקן וועלט, וועלכע וועלן פארוואנדלען ארץ ישראל אין א וויכטיקן צענטראל־פונקט פונעם אינטערנאציאנאלן מסחר. דאס לאנד ליגט אויף דעם פונקט וו עס באגעגענען זיך די צוויי גרעסטע וועגן פון דעם צוקונפטיקן וועלט-האנדל. איינער פון זיי איז דער ים-וועג לענג־אויס דעם סועץ-קאנאל, וואס פארבינדט דעם מערב מיטן מזרח, און דער צווייטער וועג איז דער יבשה־וועג, פון קייפטאון קיין קאיר, קיין דמשק, קיין פעקין, קיין אירקוטסק און וולאדיוואסטאק. אן צווייפל, וועט ארץ ישראל אין דער צוקונפט שפילן א גרויסע ראל אלס האנדלס־צענטער פאר יענעם ווינקל אינעם מיטללענדישן ים, וואס אנטהאלט מער ווינצי־קער א העלפט פון אלע מענטשן וואס אויף אונדזער ערד.

דעריבער מעגן מיר זאגן, אז ארץ-ישראל קען לייזן אונדזער עמי־גראציע־פראבלעם, און אין דער זעלבער צייט וועלן נישט פארטריבן ווערן די אראבישע איינוווינער וועלכע לעבן אין איר און עס וועט אויך לגבי זיי נישט באגאנגען ווערן קיין עוולה. דעם דאזיקן געדאנק קענען מיר פארמולירן ווי פאלגט:

קערט אונדז אום ארץ־ישראל, און אין עטלעכע דורות ארום וועלן דארט זיין 8 מיליאן יידן און אויך 2 מיליאן אראבער ווי אויך ליידיק פלאץ — און עס וועט אויך הערשן פרידן!

אט דאס איז די הויפט־אויפגאבע פונעם ציוניזם: צוגרייטן אין ארץ ישראל אזעלכע באדינגונגען, אז מארגן, אדער אין צען יאר ארום, אדער אין דרייסיק יאר ארום, וועט דאס לאנד קענען ארייננעמען און באשפייזן אלע יידן וואס וועלן קומען — נישט וויכטיק צוליב וואס פאר א סיבה — און קלאפן אן אירע טויערן. דער ציוניזם ענדיקט זיך נישט דערמיט, וואס עס וועלן געשאפן ווערן א יידישע מערהייט און א יידישע

מדינה אין ארץ-ישראל. ער נעמט אַרום די יידישע פּראָבלעם ברייטער און טיפער. אויב עס וועט געשען אַ נס, און מאָרגן, למשל, וועלן אריינ-קומען קיין ארץ ישראל 800 טויזנט יידן און עס וועט פּראָקלאַמירט ווערן די גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה, איז דאָך קלאָר אַז זיי וועלן דאַרפן אריינעמען אין יענער יידישער מדינה אויך די מיליאָנען יידן פונעם גלות.

דעם דאָזיקן ציוניסטישן באַנעם רופן מיר „דער גרויס-ציוניזם". די באַוועגונג וואָס שטרעבט דערצו איז דער רעוויזיאָניזם. און איצט קאָנ-צענטרירן מיר זיך אַרום דער פּאַן פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַ-ניזאַציע".

אָבער אין דער צייט וואָס מען טראַכט וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַ קאָלאָניזאַציע-לאַנד, דאַרף מען באַטאָנען אַז אַ פאַרבאַדינג דערצו איז אַ פּאַסנדער מלוכה-רעזשים. אַלץ איז פון דעם אָפּהענגיק, און אַן דעם האָט קיין זין נישט צו טראַכטן וועגן אַ גיכער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, פונעם האַנדל און דער אינדוסטריע אין דעם, און וועגן די מעגלעכקייטן דאָס צו באַזעצן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט געפינט זיך די ציוניסטישע קאָלאָני-זאַציע אין שווערע באַדינגונגען. די רעגירונג פון ארץ ישראל האָט ביז היינט נישט אויסגעאַרבעט קיין שום געוויסע קאָלאָניזאַציע-פּראָגראַם. עס הערשט נאָך די סיסטעם פון האָפ-סימפּסאָן, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אין 1930 די פּרוכטבאַרקייט פון דער ארץ-ישראל ערד לויט פאָטאָ-גראַפיעס וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון אַן עראָפּלאַן...

און מען דאַרף דורכפירן אין לאַנד אַ גאַנצע רייע רעפאָרמען. די וויכטיקסטע פון זיי זענען פאָלגענדע: א) צו דערמעגלעכן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין עבר הירדן. ב) אויסצופאָרשן די פּרוכטבאַרקייט פון דער ארץ-ישראל ערד און גרינדן אַן אַגראַר-פאָנד פון דער מלוכה פאַר קאָלאָניזאַציע-באַדערפעניש. ג) צו פאַרריכטן די שטייער-סיסטעם, אַזוי אַז דער טאַריף זאָל געגרינדעט זיין אויף צוויי פּרינציפּן: דאָס פרייע אַריינקומען פון רוי-מאַטעריאַלן און פון מאַשינען, און די פּראָטעקציע

פון דער לאנד אינדוסטריע. ד) א גוטע שטייער-ליסטע. און, צום שלום, ה) זיכערקייט דורך דער גרינדונג פון יידישע מיליטערישע איינסן.

שוין יארן אז מיר פאדערן דורכצופירן די דאזיקע רעפארמען. און איצט איז געקומען די שעה פון אנטשיידונג. די געשעענישן פון די לעצטע חדשים צווינגען די מאנדאט-מאכט צו ענטפערן א קלארע תשובה אויף דער פראגע: „א וועלכער איז דער אנטגילטיקער ציל פונעם ציוניזם?", „וואס איז אזוינס א נאציאנאלע היים?" מיר שטייען פארן רעמאגט פון דעם גאנצן רעזשים אין ארץ-ישראל.

און אין דעם מאמענט קען שפילן א גרויסע ראל די הילף פון יענע לענדער פאר וועמען עס איז באזונדערס וויכטיק די יידישע עמיגראציע פון זייערע טעריטאריעס. און פון אנהויב אן דארף מען זיך אפגעוווינען פון דער „מורא", טאמער וועט זיך באליידיקן ענגלאנד, אויב אנדערע לענדער וועלן זיך אריינמישן אין אירע אנגעלעגנהייטן. ארץ ישראל איז א מאנדאט-לאנד, אין איר אויפבוי זענען פאראינטערעסירט מיליאנען יידן, בירגער פון אלערליי מדינות, און דעריבער איז דער מאראלישער חוב פון די דאזיקע מדינות צו ווירקן אין אנקלאנג מיט די אינטערעסן פון זייערע בירגער. אזא איז די לאגיק פון לעבן, און אזוי וועט זיין. דער אינטערעס פון די אייראפעאישע לענדער אין ארץ-ישראל וועט מיט דער צייט זיין וואס מער אינטענסיוו, וואס אמאל גרעסער. די פראגע פון א יידיש לאנד איז נישט קיין משפחה-ענין צווישן די יידן און ענגלאנד. די דאזיקע פראגע איז א גרויסער קאנצערט פונעם אלוועלטלעכן ארקעסטער — ווי הערצל האט דאס פאראויסגעזען.

איך וויל נישט פארמאכן די אויגן אויף דער מעגלעכקייט, אז די לענדער, וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין עמיגראציע וועלן זוכן אויך אנדערע אויפנאמס-לענדער, אויסער ארץ ישראל. אבער, פון אנהויב אן איז קלאר, אז דער דאזיקער געדאנק וועגן אויפנאמס-לענדער פאר יידן וועט זיי פירן אין איין ארט אריין און דאס איז: ארץ-ישראל. אויך הערצל האט תחילת ארויסגעשטעלט די פראבלעם פון טעריטאריע, שטח, און ערשט אין א צייט ארום איז ער געקומען צום שלום: ארץ-ישראל. מען קען דאס אויסדריקן אין איין זאץ: „די יידן האבן נויטיק א שטח, און

היות לויט אַן אָביעקטיווער אויספאָרשונג עקזיסטירט נישט נאָר דער דאָ־זיקער איין און איינציקער שטח, טאָ גיט אונדז אָפּ דעם דאָזיקן איינציקן שטח".

און איך פאָרענדיק: היינט איז שוין קלאָר יעדן איינעם, אַז מען דאַרף צואיילן דעם טעמפּ פונעם ציוניסטישן אויפבוי. די לעצטע יאָרן האָבן געוויזן, אַז עס איז מעגלעך אַ שנעלע קאָלאָניזאַציע. מיט 12 יאָר צוריק האָבן זיך געפינען אין ארץ ישראל אויף יעדן יידן 5 אַראַבער, און איצט נאָר 2. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז נאָך איין שטאַרקע אָנשטרענגונג, און ביידע פעלקער וועלן זיך אויסגלייכן. און דאַן נאָך איין אָנ־שטרענגונג — און אין דעם לאַנד וועט שוין זיין אַ יידישע מערהייט. דאַן וועט אַראָפּגענומען ווערן אַ חלק אחריות פון די פּלייצעס פון דער מאַנ־דאַט־מאַכט. און דעריבער דאַרפן מיר זיך צואיילן.

פון דעם קומט דער געדאַנק וועגן דער „צען יאָר פּראָגראַם", לויט וועלכער עס וועט געשאַפן ווערן אין צען יאָר אַ יידישע מערהייט פון ביידע זייטן ירדן, און דורך דעם וועט פאַרענדיקט ווערן דער ערשטער עטאַפּ פונעם ציוניזם.

די דאָזיקע פּראָגראַם אַרבעט מען איצט אויס אין ארץ־ישראל, אין לאָנדאָן און אין די דריי גרעסטע צענטערן פון יידישער עמיגראַציע. עס ווערט גערעדט וועגן דעם אַז במשך פון דער צייט זאָלן אויסוואַנדערן קיין ארץ ישראל פון פּוילן — 700 טויזנט נפשות, פון רומעניע — 200 טויזנט, פון דייטשלאַנד — 200 טויזנט, פון ליטע — 50 טויזנט, און אַזוי ווייטער. די הויפּט־פּראָבלעם איז, פאַרשטייט זיך, די עמיגראַציע פון פּוילן. און באַזונדערס דאַרף מען קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אין יענע קרייזן פון עמיגראַנטן, וועלכע געפינען זיך אין דער עלטער צווישן 23 און 37 יאָר.

אַ וויכטיקער און פּרינציפּיעלער פּונקט איז די פראַגע ווי צו ליקווי־דירן דאָס פאַרמעגן פון די עמיגראַנטן און די פראַגע פון ארויספירן געלט. מיט דעם ענין וועט מען זיך נאָך דאַרפן פאַרנעמען, זיין שטאַרק פאַר־זיכטיק און ביידע צדדים וועלן דאַרפן איינגיין אויף קאָנצעסיעס. די מלוכה וועט נישט קענען פון איין זייט פּראָקלאַמירן, אַז אין איין חלק פון

אירע בירגער פילט זיך אַן אָביעקטיווע באַדערפעניש צו עמיגרירן און די מעגלעכקייט אַז זיי זאָלן עמיגרירן וועט ברענגען דער מלוכה אַ דערלייכ־טערונג, — און פון דער צווייטער זייט צונעמען ביי זיי די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט דער דאָזיקער פאַרלייכטערונג. אויב מיר וועלן זאָגן אַז יאָ וויל עמיגרירן, און דער שטאַט זעט אין דעם אַ פּאָזיטיווע דער־שיינונג, איז דאָך נישט לאָגיש אַז דער שטאַט זאָל שווער מאַכן יאָנען צו פאַרווירקלעכן זיין ווונטש. און אַן אויסגעבן אַ קאַפּיטאַל קען מען דאָך נישט ריידן פון אַ גרויסער עמיגראַציע. איך צווייפל, אויב עס איז נאָך פאַראַן עמיץ וואָס גלויבט אין דער אַנדערער נאַאיווער מעגלעכקייט, אַז פון מזרח וועט קומען אַ מאַסן־עמיגראַציע, און די יידן פון מערב וועלן זיי שיקן געלט. איך קאָן פעסט און זיכער באַהויפּטן אַז דאָס איז אַבסאָ־לוט אויסגעשלאָסן!

אָבער עס איז מעגלעך אַ פשרה. און אין דעם דאַרפן נעמען אין באַ־טראַכט אַ וויכטיקן רעזולטאַט אויף אַן אויסנאַמס־אופן: די יידישע עמיגראַנטן קיין ארץ־ישראל וועלן דאַרט דינען אַלס אַוואַנגאַרד פאַר דער האַנדלס־עקספּאַנסיע פון זייער שטאַם־לאַנד. דאָ דאַרף שוין קומען אין באַטראַכט אויך די גרויסע הילף פון דעם יידישן אינטערנאַציאָנאַלן פאַר־מעגן, וואָס וועט אָנקניפּן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די לענדער פון אייראָפּע.

חוץ דעם נאָך עפּעס: עס איז קיין חכמה נישט מגזם צו זיין דעם כוח פונעם יידישן קיבוץ אין דער וועלט. אָבער מען דאַרף אויך נישט מינדערשעצן זיין כוח, טיילמאָל איז ער נישט אומשטאַנד צו צווינגען מען זאָל אַרעסטירן די פּאָגראָמשטשיקעס אין אַ קליין שטעטל ערגעץ אין עק וועלט — און טיילמאָל קומען אָן צו אים נאָך הילף גרויסע מלו־כות. איצט האָט דער דאָזיקער וועלט־קיבוץ אַן ענין וואָס איז אים נאָענט צום הארצן: ארץ־ישראל. ווער עס וועט אונדז אויסשטרעקן זיין הילף, וועט זיך דורך דעם שאַפן אַ „פעסטונג", אַן עקאָנאָמישע און מאָראַלישע נישט נאָר אַרום דעם סועץ־קאַנאַל, נייערט אויך אויף אַלע ימים און קאָנ־טינענטן.

איך וויל אייך נאָך עטוואָס זאָגן, אָבער איך וועל מיך באַמיען דאָס

צו זאגן זייער פארזיכטיק, ווי סע פאסט פאר א גאסט. איך געדענק — און אין דער ליטעראטור איז דאס נאך היינט אזוי — אז די פאראייניק-טע איטאליע איז שוין געווארן א שטאט, אבער קיין גרויסמאכט האט איר נישט געוואלט אנערקענען. די איטאליענישע געזעלשאפט האט זיך דאן אויסגעצייכנט מיט א מין מאדנע שעמעוודיקייט פון באשיידנקייט. די איטאליענער האבן געקוקט אויף זיך גלייך ווי זיי זענען נישט בכוח זיך צו באטייליקן אין דעם קאנצערט פון די גרויסע מלוכות פון אייראפע. שטענדיק האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז זיי האבן נאך נישט דערגרייכט קיין פאליטישע רייפקייט, אז זיי האבן נאך נישט באקומען קיין ממשות-דיקן איינפלוס, און האבן אויך נישט קיין רעכט משפיע צו זיין. א. עס וועט זיין פון זייער זייט א געוואלדיקע געוואגטקייט, ארויסצושטעקן תביעות, און אפילו בארעכטיקטע תביעות. אבער נישט אזוי האבן גע-דענקט אביעקטיווע בעאבאכטער. זיי האבן געזען א פאקט פון 30 מיליאן מענטשן. זיי האבן אין זינען געהאט די געאגראפישע לאגע, וועלכע איז זייער א גינסטיקע פון דעם סטראטעגישן ווי פון דעם קאמערציעלן שטאנדפונקט. זיי האבן געזען אז זיי האבן פאר זיך א זייער טאלאנטיר-טע באפעלקערונג. און די אביעקטיווע בעאבאכטער האבן פארשטאנען וואס איטאליע האט נאך נישט פארשטאנען: אז זי וועט פארוואנדלט ווערן אין א ג ר ו י ס מ א כ ט.

און איך זאג דאס, ווייל איך האב פריער גערעדט וועגן גייסטיקע צושטאנדן. אבער אין א גייסטיקן צושטאנד האבן אן אינטערעס בלויז מאיעסטעטישע פעלקער. פעלקער וועלכע האבן נישט זוכה געווען צו גע-ניסן פון א גרויסער צוקונפט, שענקען אויפמערקזאמקייט בלויז אויגנ-שיינלעכע פאקטן; פעלקער וועלכע האבן זוכה געווען צו זיין מנהיגים, ווייסן אז די גרויסע פאקטארן פון דער צוקונפט געפינען זיך פריער אנ-געצייכנט אין פלענער — און זיי ווייסן אויך צו לייענען די דאזיקע פלע-נער.

„דערפילט אייער פאַרשפּרעכן אָדער זאָגט זיך אָפּ פונעם מאַנדאַט!“

דאָס עדות־זאָגן פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע אינעם לאָרדן־הויז אין לאָנדאָן, דעם 11־טן פעברואַר פון 1937.

פאַר זשאַבאָטינסקיס עדות זאָגן איז פאָרגעקומען אַ לאַנגע דיס־קוסיע צווישן דעם פּרעזידיום פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער קעניגלעכער קאָמיסיע. די דיסקוסיע האָט זיך געדרייט אַרום צוויי זאַכן: אַרום דער פראַגע, אויב די קאָמיסיע איז גרייט אויסצוהערן עדות וועגן „דעם עצם גאַנג פון די אומאָרדענונגען אין ארץ ישראל“ (און נישט וועגן די „אורזאַכן“ פון די דאָזיקע אומאָרדענונגען), און אויך — אויב די קאָמיסיע איז גרייט צו ווירקן אויף דער ארץ-ישראל רעגירונג, זי זאָל דערלויבן זשאַבאָטינסקין אריינקומען אין לאַנד אריין אויף עטלעכע טעג, כדי ער זאָל קענען אָפּגעבן זיינע דערקלערונגען אין ירושלים. אויף די צוויי פראַגן האָט זיך געענדיקט די דיסקוסיע מיט אַן אָפּזאָג. די קע־ניגלעכע קאָמיסיע איז באַשטאַנען אויף איר אָפּזאָג זיך אריינצולאָזן אין אַ וועלכער נישט איז דיסקוסיע וועגן די פּרטים פון די אומאָרדענונגען, און זי האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן אין דעם ענין פון געבן אַ ארץ-ישראל וויזע צו זשאַבאָטינסקין.

דעריבער האָט זשאַבאָטינסקי עדות געזאָגט פאַר דער קאָמיסיע ערשט נאָכדעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, און איז געווען געצוווּנגען נישט אָפּצושטעלן זיך אויף די סיבות און דער אַנטוויקלונג פון די אומאָרדענונגען.

***

דער פאָרזיצנדער (לאָרד פּיל): — זענט איר מיסטער זשאַבאָטינ־סקי?

זאב זשאַבאָטינסקי: — יאָ.

דער פּאָרזיצנדער: — דער הער קומט אַלס פאָרשטייער...

ז. זש.: — פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער פּאָרזיצנדער: — אונטערשיידט זי זיך אין אירע איבערצייגונ־גען אין אייניקע וויכטיקע הינזיכטן פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?

ז. זש.: — יאָ, מיין לאָרד.

דער פּאָרזיצנדער: — איר וועט אָנהויבן מיט אייער מיינונג וועגן דעם מצב פון די יידן אין גלות און א. וו.?

ז. זש.: — יאָ. איך וועל זיין דאַנקבאַר, אויב די קאָמיסיע וועט מיר דערלויבן אָנצוהויבן מיט אַ דערקלערונג.

דער פּאָרזיצנדער: — געוויס.

***

ז. זש.: — כדי צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן, וועל איך אָנ־הויבן מיט אייניקע דעפיניציעס, כדי קלאָר צו מאַכן דער קעניגלעכער קאָמיסיע די גענויע באַדייטונג פון באַשטימטע טערמינען, מיט וועלכע איך וועל זיך דאַרפן באַנוצן. איך טראַכט איבער, אַז נישט די אַלע טער־מינען ווערן באַנוצט פון אַלעמען גלייך. איך וועל מיך, למשל, אָפט דאַר־פן באַנוצן מיטן טערמין „יידנשטאַט". צו מיין באַדויערן, האָט דער טערמין „שטאַט" נישט קיין באַשטימטע באַדייטונג. פראַנקרייך איז אַ שטאַט און קענטאָקי איז אַ שטאַט און די נייע דרום־אויעלס איז אַ שטאַט. דעריבער דענק איך, אַז עס איז גענוג אויב איך וועל דערקלערן דער קאָ־מיסיע, אַז ווען איך רייד וועגן שטאַט, בין איך פּאַקטיש נישט פאַראינ־טערעסירט אין מיין עדות זאָגן, אין דעם גענויעם גראַד אָדער פאָרמאַט אומאָפּהענגיקייט. איך מיין, אַז אַן עקזיסטענץ־מינימום פון אַ שטאַט איז: אַן אומבאַדינגט גוטיקער געוויסער גראַד אויטאָנאָמיע אין אינער־לעכע אָנגעלעגנהייטן (און פאַר דעם זענען איבעראַניים פאַראַן פאַרשי־דענע גראַדאַציעס, אָנהויבנדיק פון קענטאָקי און ענדיקנדיק מיט דער נייער דרום־אויעלס). — צווייטנס, ווען איך רייד וועגן אַ „יידנשטאַט", מיין איך צוגעבן צום באַגריף „שטאַט" אַ צוגאָב־באַדייטונג „נאַציאָ־

נאל״. די באדייטונג פון דעם איז: איך דענק נישט אז עס איז ווינטשנס־ווערט אז די קאנסטיטוציע פון עפעס א שטאט זאל אנטהאלטן באזונדע־רע ארטיקלען וואס פארשפרעכן אויסדריקלעך איר „נאציאנאלן״ כא־ראקטער. איך דענק, אז ס׳איז א גוטער סימן פאר דער קאנסטיטוציע, אויב מיר וועלן געפינען אין איר ווינציק אזעלכע ארטיקלען. דער נאטיר־לעכסטער און בעסטער אופן — איז אז דער „נאציאנאלער״ כאראקטער פונעם שטאט זאל געזיכערט ווערן דורך דעם עצם פאקט וואס ס׳איז דא אין איר א באשטימטע מאיאריטעט. אויב די מאיאריטעט איז אן ענגלי־שע, איז דער שטאט אן ענגלישער, און עס זענען נישט נויטיק קיין שום ספעציעלע גאראנטיעס. דעריבער, ווען איך זאג „יידנשטאט״, מיין איך א קאלעקטיוויטעט אדער א לאנד, וואס געניסט אין א גענוגנדער מאס פון אויטאנאמיע אין אירע אינערלעכע און אויסערלעכע אנגעלעגנהייטן, און וועלכעס פארמאגט א יידישע מערהייט.

דריטנס, ווען איך באנוץ מיך מיטן טערמין „ארץ ישראל״, מיין איך די געגנט וואס ליגט פון ביידע זייטן ירדן, די געגנט וואס ווערט אנגע־רופן ביים נאמען אין דעם ארץ־ישראל־מאנדאט. די דאזיקע געגנט איז דריי מאל גרעסער פון בעלגיע, למשל, און מיר טענהן, אז דער אויפ־נאמס־כוח פון דער ערד איז, פאר אלץ, אפהענגיק פון דעם מענטשן־פאקטאר. אפהענגיק פון די אייגנשאפטן פון די איינוווינער אדער פון די וועלכע באזעצן זיך אין דעם, און ער איז אפהענגיק פון נאך א מענטשלע־כן פאקטאר, פון דעם מלוכה־רעזשים, וואס סטימולירט, אדער פאר־האלט דעם קאלאניזאציע־פראצעס. וואס באלאנגט די „נאטירלעכע״ פאק־טארן, זענען זיי, פארשטייט זיך, זייער וויכטיק. אבער מיר מיינען אז צו אפט איז מען זיך נוהג צו פארזען, וואס באלאנגט ארץ ישראל, דעם וויכ־טיקסטן פון זיי און דאס איז דער געאגראפישער פלאץ פון דעם לאנד. מיר טענה׳ן און מיר ווידערהאלן און טענה׳ן אז ארץ ישראל געפינט זיך דארט ווו עס קומען זיך צונויף צוויי, און פילייכט דריי, פון די הויפט־ארטעריעס אויף דער דאזיקער העמיספער. דער וועג פון קייפטאון קיין קאיר, וואס גייט דורך דעם סועץ־קאנאל און ציט זיך קיין וולאדיוואס־טאק אדער מאסקווע, אדער וווהין איר ווילט, איז דער הויפט־נערוו פון

דער צוקונפט אויף דער טריקעניש. דער ים-וועג פון ליווערפול קיין אדי-לייד און באמביי, און א. וו., איז דער וויכטיקסטער וואסער־וועג. און אזוי וועל איך קענען דערמאנען, די צוקונפטיקע לופט-וועגן. מיר דענקען, מיין לארד און מיינע הערן, אז ווען מען זאל אונדז אנווייזן אין עפעס א לאנד, א זאנע, אדער א שטאט וועלכע געפינט זיך ביים וויכטיקסטן באן-קנופ און וואסער-וועג, וואלט יעדער איינער געזאגט: „די דאזיקע זאנע, אדער דער שטאט זענען באשטימט געווארן צו דערגרייכן א זייער געדיכטע באפעלקערונג, און אויף אן אויסערגעוועגלעכן אופן". און דאס טענה'ן מיר וועגן יענעם גאנצן ווינקל פונעם מיטללענדישן ים. עס איז קיין ספק נישט, אז מיט דער אנטוויקלונג פון אזיע (און איך מיין נישט נאר קליין-אזיע, נייערט יענעם גאנצן טייל אזיע, וועלכע איז, מער ווינציקער, אפ-העננגיק פונעם מיטללענדישן ים און דעם רויטן ים) און מיט דער אנט־וויקלונג פון אפריקע, וואס וועט קומען אין די נאענטע דורות, וועט דאס דאזיקע ווינקל אויף אונדזער ערד דערגרייכן א זייער געדיכטע באפעלקע־רונג. א שטח די גרויס פון ארץ ישראל, וואס איז באשיידן באפעלקערט, ווי וועלס, למשל, קען אריינגעמען 8 מיליאן איינוווינער. לויט דער גע־דיכטקייט פון סיציליע קענען אין אים אריין 12 מיליאן איינוווינער, לויט דער געדיכטקייט פון ענגלאנד גופא, אדער פון בעלגיע, וואס איז פאר-שטייט זיך, באזונדערס געדיכט, קענען אריין 18 מיליאן איינוווינער. איך קאן נישט אנווייזן אויף קיין צאל פון די דאזיקע צאלן און באשטימען פאראויס, אוועלכע פון די צאלן וועט דערגרייכט ווערן. אבער היות און היינט אנטהאלט ארץ ישראל, פון ביידע זייטן ירדן, א באפעלקערונג, מער ווינציקער פון א מיליאן מיט 600 טויזנט נפשות, איז נאך פאר-בליבן א היפשער פלאץ. די ציוניסטן טענה'ן אלזא — מיר שיינט אז אלע פארטייען וועלן מסכים זיין צו דער דאזיקער פארמולירונג — אז אויב אין לאנד וועט זיין א גינסטיקער מלוכה־רעזשים, וועלן זיי דערווייזן בפועל, אז ארץ ישראל קען אריינגעמען דעם מיליאן פון דער איצטיקער אראבישער באפעלקערונג, און נאך א מיליאן עקאנאמישע קווענן דער-ווארטן זייערע קינדער, און נאך פיל מיליאנען יידישע עולים, און צו דעם אלעמען — פרידן. אט דאס איז אונדזער קריטעריום. און דאס איז אונ-

דזער טענה. מיין לאַרד און מיינע הערן, אַט דעם דאָזיקן שטח פאַדערן מיר. און מיר שיינט אַז אַזוי אַרום וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן יעדער חשד, טאָמער עמיץ, פון וואָס אַ פּאַרטיי ס׳זאָל נישט זיין, האָט בדעה מיט אונדזערע פּלענער אַראָפּצוואַרפן די עקזיסטירנדע נישט־יידישע באַ־פעלקערונג פון איר ערד אָדער שטערן איר רו.

דערמיט זענען פאַרענדיקט די דעפיניציעס, און איך טרעט צו צום עצם הענין.

די ציוניסטישע אָנשויאונג וועלכע איך האָב דעם כבוד דאָ צו רע־פּרעזענטירן, באַזירט זיך אויף וואָס איך קאָן באַצייכענען מיטן נאָמען „הומאַניטאַרער צוגאַנג". דערמיט וויל איך נישט זאָגן, אַז מיר רעספּעק־טירן נישט די אַנדערע, בלויז גייסטיקע צוגאַנגען, פונעם יידישן נאַציאָ־נאַליזם, צום ביישפּיל: דער פאַרלאַנג פון אייגנאַרטיקן אויסדרוק, די אויפלעבונג פון דער העברעאישער קולטור, אָדער די גרינדונג פון אַ „מוסטער-געזעלשאַפט, מיט וועלכער דאָס יידישע פאָלק וועט קענען שטאָלצירן". דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיק. אָבער אַנט־קעגן אונדזערע ממשותדיקע באַדערפעניש און אונדזערן אמתן מצב אין דער וועלט היינט, האָט דאָס אַלץ אַ כאַראַקטער פון לוקסוס. די קאָמיסיע האָט שוין געהערט די שילדערונג פונעם מצב פונעם יידנטום, באַזונ־דערס אין מזרח-אייראָפּע, און איך האָב נישט בדעה איבערצוחזרן איינצל־הייטן. אָבער דערלויבט מיר אייך דערמאַנען וואָס עס האָט געשריבן מיט אַ קורצער צייט צוריק „ניו־יאָרק טיימס", וועלכע האָט געשילדערט דעם מצב פון די יידן אין מזרח-אייראָפּע ווי אַ „קאַטאַסטראָפע אין היסטאָרי־שן מאַסשטאַב". און איך וויל בלויז צוגעבן אַז עס וועט זיין זייער נאַאיוו, — און איך היט זיך פון דעם דאָזיקן טעות, כאָטש פיל יידן זענען זיך אין דעם טועה — עס וועט זיין זייער נאַאיוו צו מאַכן אָפּהענגיק דעם מצב פון קאַטאַסטראָפע, פון שטענדיקער קאַטאַסטראָפע, בלויז פון דער שולד פון מענטשן, סיי פון דער שולד פון פעבל און המונים, און סיי פון דער שולד פון רעגירונגען. די שרשים פון דער זאַך זענען פיל טיפער. איך האָב זייער מורא, אַז דאָס וואָס כ׳וועל איצט זאָגן, וועט נישט זיין אָנגע־נעם פאַר אַ סך פון מיינע גלויבנס-חברים, און איך באַדויער דאָס זייער,

אָבער וואָס אמת איז אמת. מיר שטייען פאַר אַ קאָלאָסאַלער קאַטאַסטראָ-פע, ווי אַ מין סאָציאַלע ערדציטערניש. דריי דורות יידישע און ציוניס־טישע דענקער, צווישן זיי פיל מענטשן פון גייסט — איך וויל אייך נישט מיד מאַכן אויסרעכענענדיק זייערע נעמען — דריי דורות האָבן אוועק-געגעבן זייערע בעסטע געדאַנקען צו אַנאַליזירן דעם מצב פון די יידן און זענען געקומען צום אויספיר, אַז די סיבה פון אונדזערע ליידן איז דעם עצם-פאַקט פון „גלות", דער דאָזיקער הויפּט-פאַקט, אַז מיר זענען אַ־מעטום אַ מיעוט. דאָס איז נישט אַנטיסעמיטיזם פון מענטשן. דאָס איז קודם־כל, דער אַנטיסעמיטיזם פון זאַכן, די אינערלעכע קסענאָפאָביע, וועלכע שטעקט אין יעדער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער קערפּער-שאַפט, און פון איר ליידן מיר. עס זענען פאַראַן, פאַרשטייט זיך, שטיי־גערונגען און פאַלונגען. אָבער עס זענען פאַראַן מאָמענטן, עס זענען פאַראַן אין דער געשיכטע גאַנצע עפּאָכעס, ווען די דאָזיקע „קסענאָפאָביע פונעם לעבן גופא" דערגרייכט אַ מאַסשטאַב, וואָס קיין פאָלק קען זיך איר נישט קעגנשטעלן. און דאָס איז דער מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט. איך וויל נישט זאָגן, אַז איך דענק און בין איבערצייגט, אַז אַלע רעגירונגען וואָס זענען נוגע בדבר האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז געווען זייער פליכט צו טאָן. קיינער איז נישט אַזוי ווייט דאָס צו אַנערקענען ווי איך. איך דענק אַז פיל רעגירונגען, אין מזרח און אין מערב, זענען מחויב צו טאָן פאַר דער באַשיצונג פון די יידן פיל מער פון דעם וואָס זיי טוען. אָבער אויך די בעסטע פון די רעגירונגען וועט בלויז קענען אָפּשוואַכן דעם אומגליק אין אַ קלענער מאָס, ווייל דער עיקר פון דעם אומגליק איז דאָך די באַשטימטע און שטענדיקע ערדציטערניש. איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז איינע פון די דאָזיקע רעגירונגען (די פּוילישע רעגירונג) האָט נישט לאַנג צוריק געפּרוווט עפּעס טאָן, וואָס זאָל רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פעלקער-ליגע און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַז די מענטשהייט איז מחויב געפינען פאַר די יידן אַ שטיקל ערד, אויף וועלכער זיי זאָלן קענען אויסבויען אַן אייגענע געזעלשאַפט, אָן שטערונג פון עמיצן. און דערי־בער — דענק איך, אַז מען דאַרף נישט צווייפלען אין דער אויפריכטי־קייט פון דער פּוילישער רעגירונג און פון יעדער אַנדערער רעגירונג וואָס

וועט גיין, האָף איך, אין אירע טריט. אדרבה, מען דאַרף איר אויסצייכענען און איר זיין ווי געהעריק דאַנקבאַר. — דער גרעסטער פעלער אין אַלץ וואָס איך וועל אייך זאָגן, און אין אַלץ וואָס מען האָט געלאָזט הערן די קאָמיסיע ביז איצט, איז פיליכט דאָס נישט קענען באמת דערגרייכן די טיפקייט פון דער פּראָבלעם, אויסמאָלן פאַר אייערע אויגן דעם אמתן געשטאַלט פונעם יידישן גיהנום. און איך פיל אַז איך וועל דאָס נישט קענען. איך האָף אויף דעם טאָג, ווען עס וועט דערלויבט ווערן אַ יידישן פאַרשטייער צו דערשיינען אין דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט, נאָר כדי צו שילדערן דאָס אמתע בילד פון דעם גיהנום, און פרעגן דאָס ענגלישע פאָלק: „וואָס פאַר אַן עצה וועט איר אונדז געבן? ווו איז דער אויסוועג? אָדער — הייבט זיך אויף און זאָגט פאַר גאָט און פאַר מענטשן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג, אַז אונדז, יידן, איז נישט פאַרבליבן עפּעס אַנדערש ווי נאָר אָראָפּנידערן אין קבר אריין". אָבער, צו מיין באַדויערן, קאָן איך דאָס נישט טאָן. דעריבער וועל איך איינפאַך דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דער קעניגלעכער קאָמיסיע איז געווען באַקאַנט דער גאַנצער מצב. און איך וועל אייך בעטן פאַרשטיין איין זאַך: די דערשיינונג וואָס ווערט גערופן ציוניזם איז פּעאיק צו אַנטהאַלטן כלערליי חלומות — „אַ מוסטער-געזעלשאַפט", העברעאישע קולטור, פיליכט אפילו, אַ נייע אויפלאַגע פונעם תנ"ך — אָבער די דאָזיקע גאַנצע בענקשאַפט נאָך וווּנדערלעכע אויפטוען, געוועבטע פון סאַמעט און זילבער, זענען ווי גאָרנישט קעגן דעם רעאַלן דראַנג, וואָס קומט פון ליידן און טראַגעדיע וועלכע מען קען נישט איבערטראָגן, און אָט ער אימפּולסירט אונדז און רייסט אונדז מיט. מיר האַנדלען נישט לויט אונדזער גוטן ווילן און מיר קענען אויף גאָרנישט „מוותר" זיין. ווען איך הער אַז מען באַשולדיקט די ציוניסטן, און אַממיינסטן מיין פּאַרטיי, אַז זיי פאָדערן צו פיל — קאָן איך, מיינע הערן, בשום אופן דאָס נישט פאַרשטיין. ריכטיק, מיר ווילן אַ שטאַט; יעדע אומה אין דער וועלט, יעדע נאָרמאַלע אומה, און אפילו די קלענסטע און באַשיידנסטע, וועלכע האָבן קיין טענה פון וועלכן נישט איז זכות אָדער וועלכע נישט איז אויפגאַבע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַלע זיי האָבן אייגענע שטאַטן. דאָס איז די נאָרמאַלע לעבנס-

פאָרם פון א פאָלק. אָבער, ווען מיר, דאָס נישט נאָרמאַלע, און דעריבער אומגליקלעכע, צווישן די פעלקער, מאַנען פאַר אונדז נאָר די זעלבע באַדינגונגען פון וועלכע עס געניסן די אַלבאַנעזער, נישט צו ריידן פון די פראַנצויזן אָדער פון די ענגלענדער, דאַן טענהט מען אַז דאָס איז צופיל. איך וואָלט געקענט פאַרשטיין, ווען מען זאָל אונדז ענטפערן: „דאָס איז אוממעגלעך. אָבער ווען דער ענטפער איז: „צופיל", קען איך אים נישט פאַרשטיין. דערלויבט מיר אייך צו דערמאַנען (אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך קום אָן צו א ביישפּיל, וואָס יעדער פון אייך קען אים) די איבערראַשונג אין יענעם באַרימטן אַנשטאַלט, ווען אָליווער טוויסט האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטן: „נאָך". ער האָט געזאָגט: „נאָך", ווייל ער האָט נישט געוווּסט ווי דאָס אויסצודריקן. וואָס אָליווער טוויסט איז געווען אויסן באמת, איז נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי נאָר: „איך בעט אייך, גיט מיר אַמווינציקסטן אַזאַ נאָרמאַלע פּאָרציע, וואָס איז נייטיק פאַר א יינגל אין מיינע יאָרן, צו קענען לעבן". איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָ שטייט פאַר אייך היינט, אינעם געשטאַלט פונעם יידישן פאָלק און זיינע פאָדערונגען, יענער אָליווער טוויסט, וועלכער האָט נישט, צו אונדזער באַדויערן, אויף וואָס מוותר צו זיין. ווייל אוועלכע קענען זיין די קאָנצעסיעס? מיר דאַרפן העלפן מיליאָנען, פיל מ י ל י אָ נ ע ן. איך ווייס נישט, אויב די פראַגע איז נוגע דעם אַריינגעמען א דריטל פון דער יידישער ראַסע, א העלפט פון דער יידישע ראַסע אָדער א פערטל פון דער יידישער ראַסע; איך ווייס דאָס נישט. אָבער דאָס איז א פראַגע פון מיליאָנען. אָן צווייפל איז דער אויסוועג — אַרויסריסן די אַלע די טיילן פון גלות, וועלכע קענען מער נישט עקזיסטירן; אין וועלכע עס איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט אויף א מעגלעכקייט צו קענען מאַכן א לעבן, און קאָנצענטרירן די אַלע פּליטים אויף איין אָרט, וואָס זאָל זיין נישט גלות, נישט קיין צוריקקער צו יענעם מצב אין וועלכן די יידן זענען א מיעוט וואָס איז נישט איינגעזאַפּט אין א פרעמדן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן אָדער שטאַטלעכן גוף. און עס איז נאַטירלעך, אַז אויב מען זאָל לאָזן דעם דאָזיקן אויסוואַנדערונג־פּראָצעס זיך אַנטוויקלען, ווי ער דאַרף זיך אַנטוויקלען, אָן שטערונגען, וועט נישט אוועק קיין סך צייט, ביז די יידן

וועלן זיין א מערהייט אין ארץ ישראל. איך וועל פאר אייך ריידן מיט „שרעקלעכער" אָפנהאַרציקייט. אונדזער פאָדערונג פון א יידישער מערהייט איז נישט אונדזער מאַקסימום — דאָס איז אונדזער מינימום: אויב נאָר מען וועט אונדז לאָזן ווייטער אָנגיין מיט דער רעטונג פון אונדזער פאָלק, איז דאָס אַן עטאַפּ וועלכן מען קען נישט אויסמיידן. דער פונקט וועלכן די יידן דערגרייכן זייענדיק א מערהייט אין ארץ ישראל, וועט נאָך נישט זיין דער העכסטער פאַר דער אויפנאַמס-פעאיקייט פונעם לאַנד — ווייל ס'איז גענוג עס זאָל צוקומען א מיליאָן יידן, עס זאָל געשאַפן ווערן אין ארץ ישראל א יידישע מערהייט. אָבער אין מזרח־אייראָפּע זענען אוודאי דאָס 3.000.000 אָדער 4 מיליאָן יידן, וועלכע קלאַפּן ממש אין די טויערן און שרייען מען זאָל זיי דערלויבן אריינצוקומען, דאָס הייסט זיך צו ראַטעווען.

איך האָב א טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער טענה פון די אַראַבער, אויף וויפל זיי זענען נישט מגזם די דאָזיקע טענה זייערע. אייער קאָמיסיע האָט שוין די מעגלעכקייט צו שאַפן זיך א מיינונג, אויב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע איז די קאָנסעקווענץ געווען אַז וועלכע נישט איז פּערזענלעכע ליידן פאַר די אַראַבער אין ארץ ישראל אלס מענטשן. מיר טענהן אַלע, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַראַבער אין ארץ ישראל אין דעם פּעריאָד פון יידישער קאָלאָניזאַציע, און אַדאַנק דער יידישער קאָלאָניזאַציע, איז געווען דער אָביעקט פון קנאה פאַר אַלע שכנהשע אַראַבישע לענדער, אויף וויפל, די אַראַבער אין די לענדער ווייזן אַרויס א קלאָרע נייגונג אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל. און דעריבער האָב איך אייך דערוויזן אַז, לויט אונדזער מיינונג איז נישט נייטיק ענג צו מאַכן די אַראַבער. להיפך, די כוונה איז אַז ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן וועט געבן פּלאַץ די אַראַבער, זייערע קינדער און א ו י ך פיל מיליאָנען יידן. איך לייקן נישט, אַז אינערהאַלב דעם דאָזיקן פּראָצעס וועלן די אַראַבער אומפאַרמיידלעך ווערן א מינאָריטעט אין דער דאָזיקער ארץ ישראל. אָבער איך לייקן אַז ד אָ ס הייסט ליידן. עס איז נישט קיין ליידן פאַר קיין ראַסע אָדער פאָלק, וועלכע פאַרמאָגט איצט אַזוי פיל נאַציאָנאַלע מדינות, און עס וועט איר נאָך צוקומען פיל נאַציאָנאַלע מדי־

נות אין דער צוקונפט. איין טייל, איין צווייג, פון יענער ראסע, און נישט דווקא אַ צו גרויסער צווייג, וועט באַדאַרפן לעבן אין אַ מדינה וואָס געהערט צו עמיצן אַנדערש: אַזאַ איז דער מצב פון די שטאַרקע אומות אין דער וועלט. עס וועט מיר זיין שווער אָנצורופן איין אומה פון די גרויסע אומות, מיט אייגענע לענדער, מעכטיקע און שטאַרקע לענדער, וועלכע זאָלן נישט האָבן אַ צווייג וועלכער וווינט אין דער פרעמד. דאָס איז אַן אַבסאָלוט נאָרמאַלע דערשיינונג און עס איז אין דעם נישטאָ קיין שום „ליידן". און דאָס זעלבע ווען מיר הערן, אַז מען שטעלט די טענות פון די אַראַבער קעגן דער טענה פון די יידן. איך פאַרשטיי גוט, אַז יע-דער מיעוט שטרעבט צו ווערן אַ רוב. און עס איז אַבסאָלוט פאַרשטענד-לעך, אַז די אַראַבער אין ארץ ישראל וועלן זיך אויך באַמיען, אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן די אַראַבישע מדינה נומער 4, נומער 5 אָדער נומער 6 — דאָס איז מיר גוט פאַרשטענדלעך. אָבער ווען די טענה פון די אַראַבער ווערט אָוועקגעשטעלט קעגן דער יידישער רעטונגס-פאָדערונג, איז דאָס ענלעך צו אַ זאַטן וועלכער שטעלט זיך טענהן קעגן אַ הונגעריקן. קיין שום בית-דין האָט נאָך נישט געהאַט דעם גוטן מזל, צו דאַרפן אַרויס-טראָגן אַן אורטייל אין אַ משפט, אין וועלכן איין צד זאָל זיין אינגאַנצן גערעכט און דער צווייטער צד זאָל נישט האָבן קיין שום אַרגומענט. גע-וויינלעך אין די אָנגעלעגנהייטן פון מענטשן איז אַז יעדער בית-דין, און אויך דער דאָזיקער בית-דין, ווען ער קומט אַנאַליזירן די טענות פון ביי-דע צדדים, דאַרף ער מודה זיין אַז יעדער צד האָט אַ גרונט צו טענהן, און כדי אַרויסצוטראָגן אַ גערעכטן ווערדיקט, דאַרף דאָס געריכט אָפּוועגן, וועלכע דאַרף זיין די עלעמענטאַלע באַרעכטיקונג פון אַלע פאָדערונגען פון די מענטשן, ענטוועדער אינדיווידועלע פאָדערונגען אָדער קאָלעקטי-ווע — מיר שיינט אַז די זאַך איז קלאָר.

איצט וויל איך פעסטשטעלן, אַז די געזעצגעבער, וועלכע זענען גע-ווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַקט וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען באַלפור-דעקלאַראַציע, און דאַן פאַרן מאַנדאַט, האָבן גוט און ריכטיק פאַרשטאַנען דעם מצב, האָבן אים גוט פאַרשטאַנען און באַנעמען. די אַנט-שיידענע פראַגע איז געווען די יידישע טראַגעדיע. איך האָב געהאַט דעם

זכות זיך צו באַטייליקן אין די אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך, איטאַליע און ענגלאַנד, פונעם יאָר 1915 ביז 1917. און, פאָלגלעך, בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע מענטשן וועלכע האָבן געפירט די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען. איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז דער הויפּט־מאָטיוו וואָס איז דערמאַנט געוואָרן אין יעדן געשפּרעך מיט די איטאַליענישע מיניסטאָרן, מיט מעסיע דעלקאַסע אין פראַנקרייך, מיט לאָרד גיוטאָן דאַ הי, מיט לאָרד באַלפור, מיט מיסטער לויד זשאָרזש און מיט יעדן אַנדערן, איז געווען דער מאָטיוו פון דער שרעקלעכער יידישער טראַגעדיע, וועלכע איז געווען אין יענעם מאָמענט באַזונדערס שאַרף. ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, דריי ליבעראַלע לענדער, זענען דאַן צופעליק געווען פאַרבינדעטע פון דער צאַרישער רוסלאַנד. איך דאַרף נישט אויסמאָלן פאַר מענטשן פון אייער דור, וואָס עס האָט געטראַכט יעדער ענגלענדער, אַ ליבעראַל אָדער קאָנסערוואַטאָר, ווען ער האָט געלייענט אין צייטונגען, באַזונדערס אין די יאָרן 1915 און 1916, געוויסע ידיעות וועגן דעם גורל פון די יידן אין דער רוסישער מלחמה־זאָנע. דאָס איז געווען די טעמע פון אַלעמען — עס איז געווען אַ געפיל, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן כדי צו לינדערן דעם אומגליק. און עס איז געווען אַ געפיל, אַז דער דאָזיקער אומגליק איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ לאָקאַלער שאַרפער סימפּטאָם פון אַ טיפער קראַנקהייט, וואָס לעבט און עקזיסטירט אומעטום. און איך טענה, אַז דער גייסט וואָס האָט געבוירן די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אָט דער גייסט — דער באַוווסטזיין, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן כדי צו ראַטעווען אַ פאָלק וואָס געפינט זיך אין אַזאַ מצב.

און וואָס באַלאַנגט דער געשיכטע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע גופא און איר קאָמענטאַר, קאָן איך אייך ברענגען בלויז ווייניק ביישפּילן. אין מערץ 1916 האָט סער עדוואַרד גריי געשיקט אַ טעלעגראַמע צו סער זשאָרזש ביוקאַנאַן, דעם בריטישן אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג, און האָט געבעטן צו דערגיין ביי דער רוסישער רעגירונג, אַוועלכע וועט זיין איר שטעלונג לגבי אַ ציוניסטישער פּראָגראַם. סיר עדוואַרד גריי זאָגט: „עס שיינט דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, אַז דער דאָזיקער הסכם וועט

צוציען די גרעסטע טייל יידן פיל מער, אויב עס וועט פון אנהויב פעסט־געשטעלט ווערן, אז די יידן וועט געגעבן ווערן דאס רעכט צו נעמען אין זייערע הענט די אדמיניסטראציע פון די אינערלעכע אנגעלעגנהייטן פון יעגער זאנע (אויסער ירושלים און די הייליקע ערטער), ווען זייערע אי־מיגראנטן אין ארץ ישראל וועלן זיין גענוג שטארק כדי זיך צו פאר־מעסטן מיט דער אראבישער באפעלקערונג".

דער פארזיצנדער: ווען איז דאטירט די דאזיקע טע־לעגראמע?

זאב זש.: דער 13-טער מערץ, 1916. זי איז פארעפנטלעכט גע־ווארן אינעם יאר 1924 דורך דער סאוועטישער רעגירונג — צווייטנס, אין יאר 1917 האט דאס קאלאניען־מיניסטעריום פארשפרייט אייניקע טעקסט־ביכער כדי צוצוגרייטן די עפנטלעכע מיינונג אין בריטאניע, און די בריטישע שטאטלייט, צו דער שלום־קאנפערענץ. איינס פון די דאזיקע האנט־ביכער „ציוניזם", איז פארעפנטלעכט געווארן דורך דער קאמער פון פובליקאציעס פון זיין מאיעסטעט אינעם יאר 1920, אבער אין דער פארדעדע צו דעם זאגט זיך, אז דאס בוך איז צוגעגרייט און פארשפרייט געווארן אלס מאנוסקריפט אין יאר 1917. אינעם נאמען פון דער העכ־סטער אויטאריטעט אינעם לאנד ווערט דארט געגעבן פאלגנדע דעפיניציע פון די „ציוניסטישע שטרעבונגען פון די יידן": דער יידישער ציבור וועט בעסער וועלן אז ארץ ישראל זאל דערווייל אדמיניסטרירט ווערן אלס טייל פון דער בריטישער אימפעריע, אדער יעדנפאלס אלס בריטישע פא־טעסיע, אבער איר אדמיניסטראציע דארף איבערגעגעבן ווערן אין א גרויסער מאס צו יידן פון דעם טיפ פון קאלאניסטן... די ציוניסטן וועל־כע דענקען אזוי זענען איבערצייגט, אז אין די דאזיקע באדינגונגען וועט וואקסן די יידישע באפעלקערונג מיט א גיכן טעמפא, ביז דער יידישער צד וועט זיין דער אנטשיידנדער פאקטאר אין דעם „שותפות". דריטנס, א קורצע צייט איידער עס איז פארעפנטלעכט געווארן די באלפור־דעקלא־ראציע, אין יאר 1917, איז אין דער „טיימס" געפירט געווארן א דיס־קוסיע צווישן מענטשן פון דעם ציוניסטישן קרייז און פון דעם אנטי־ציוניסטישן קרייז וואס אין דער יידישער קאלעקטיוויטעט פון בריטאניע.

אין דער „טיימס" פונעם 28-טן מאַי, 1917 האָט לאָרד ראָטשילד פאַר־עפנטלעכט זיין פאָרמולירונג פון „די יידישע ציוניסטישע אספּיראַציעס": מיר, ציוניסטן, קענען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז מעגלעך איין מאָ־מענט אפילו צו דענקען אַז ס'קען עפּעס שאַדן צו גרינדן אַ יידישע זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק אונטער דער שוץ און פּראָטעקציע פון די אַליאירטע", און א. וו. אָט זענען בלויז דריי ביישפּילן. איך וואָלט גע־קענט פאַרפלייצן די דאָזיקע קאַמער מיט פינף און צוואַנציק באַווייזן וועגן דעם זין פון די „יידישע ציוניסטישע אספּיראַציעס", לויט זיי זענען געווען באַקאַנט דער בריטישער רעגירונג אין דער צייט ווען עס איז פאַרענדיקט געוואָרן די באַלפור-דעקלאַראַציע. און איצט, מיין לאָרד און מיינע הערן, דערלויבט מיר צו רופן אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע גופא, אויף דעם בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן צו לאָרד ראָטשילד, וועלכן מען ברענגט געוויינלעך אין אַ פראַגמענטאַ־רער פאָרם. מען איז זיך נוהג צו פאַרגעסן דעם אריינפיר צו דעם בריוו. אָבער עס איז דאָ אין אים אַן אריינפיר, און ער לייענט זיך ווי פאָלגט:

„טייערער לאָרד ראָטשילד,

איך האָב דעם גרויסן פאַרגעניגן איבערצוגעבן צו מיין הער, אין דעם נאָמען פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, די פאָלגנדע דעקלאַ־ראַציע פון סימפּאַטיע מיט די יידישע ציוניס־טישע אספּיראַציעס, וועלכע איז עקספּאָנירט געוואָרן פאַרן רעגירונגס-קאַבינעט און פון אים גוטגעהייסן געוואָרן."

אייך איז געוויס באַוווּסט, אַז יעדעס וואָרט אין דער באַלפור־דע־קלאַראַציע און אין דעם בריוו איז אָפּגעוווגן און אַנאַליזירט געוואָרן חדשים לאַנג. לאָרד באַלפור גופא איז געווען זייער אַ פאָרזיכטיקער מענטש, איך וואָלט כמעט געקענט זאָגן — אַ לאַנגזאַמער אין דער פאָר־מולירונג פון זיינע ווערטער. די אינפאָרמאַציע וואָס ער האָט געהאַט וועגן „די יידישע ציוניסטישע אספּיראַציעס" איז געווען די ריכטיקערע, דאָס איז געווען די אָפיציעלע אינפאָרמאַציע, און דאָס איז די באַדיי־טונג פונעם פאַרנעפּלטן און נישט גענויען באַגריף „נאַציאָנאַלע היים". מיר אַלע ווייסן, אַז אויב אין אַ באַשטימטן אָדער שטאַטלעכן יורידישן

דאָקומענט זענען פאַראַן באַשטימטע טײלן אָדער באַשטימטע באַגריפן, וואָס זײער ווערטלעכער אויסדרוק איז פאַרנעפּלט, איז דאָך אײנער פון די מעטאָדן אױפצוקלערן זײער באַדײטונג דער קשר הענינים: איז אָט האָט איר פאַר אײך דעם קשר הענינים. חוץ דעם, האָב איך געפּרוווט פרעגן יעדן ענגלענדער, וואָס באַטײט אַזוינס דאָס ענגלישע וואָרט — "homé". איר קענט געוויס די געוויינלעכע ווערטלעך, וואָס עס זענען מיר געגעבן געוואָרן אויף מײן פראַגע („מײן הײם איז מײן שלאָס", און א. וו.) צו אונדזער באַדויערן געפינען מיר זײער זעלטן דאָס וואָרט אין דעם פּאָליטישן לעבן. אָבער עס איז פאַראַן אײן אויסנאַמס־פאַל, און ער איז אַלעמען באַקאַנט: „אויטאָנאָמיע". וואָס באַטײט אַזוינס „אויטאָנאָמיע"? וואָס באַטײט עס, ווען מען זאָגט צו אַ פאָלק „אַ נאַציאָנאַלע הײם"? פּיליכט מײנט מען אַ אָרט, אין וועלכן ער וועט זײן אָפּהענגיק פון עמעצן אַנדערנס חסד, אַז עס וועט דאָרט זײן אַ מיעוט? אָדער אַ אָרט, אין וועלכן ער וועט זײן געשיצט קעגן אויסראָטונג, נאָר ווײל עס וועט זיך דאָרט געפינען אַ פרעמדער שומר, וואָס וועט אים נישט לאָזן אויסראָטן? אין דעם מאַנדאַט גופא זענען אין דעם אַרײנפיר אײנגע־שלאָסן די ווערטער: די אַליאירטע מאַכטן „אַנערקענען די מאָטיוון אויס־צובויען איבעראַנײַס די נאַציאָנאַלע (פונעם יידישן פאָלק) הײם אין ארץ ישראל". אויך דער מאַנדאַט איז אויך גענוג אַנאַליזירט און שטודירט געוואָרן, אַז ער זאָל נישט אַנטהאַלטן קײן שום וואָרט וואָס קען אויסגע־טײַטשט ווערן ניט ווי עס באַדאַרף צו זײן. קײנער קען נישט „אויסבויען אויפסניי" אויסער דעם וואָס האָט עקזיסטירט, וואָס האָט שוין אַמאָל עקזיסטירט. אַזוי האָט פאַרשטאַנען די באַדײטונג פונעם מאַנדאַט און דער באַלפור־דעקלאַראַציע מיסטער ווינסטאָן טשורטשיל, וועלכער האָט דאָס געזאָגט. און ראַמזײ מאַקדאָנאַלד, וועלכער האָט דאָס געזאָגט אין דער עפנטלעכקײט, און איך קאָן ציטירן זײנע ווערטער. און לאָרד סעסיל, וועלכער האָט דאָס געזאָגט, און גענעראַל סמאַטס; און סער הערבערט סעמיועל. יעדער אײנער פון זײ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאַרשפּרעכן באַטײט אַ יידישע מדינה. אויב עס איז נײטיק, וועל איך אײך ברענגען

זייערע געניוע ווערטער. אָבער, פּיליכט זענען אינטערעסאַנט די ווערטער פון קאַפּיטאַן האָפּקין מאָריס, געוועזענער מיטגליד פון דער שאָו-קאָמיסיע. די שאָו־קאָמיסיע האָט געהאַט די געלעגנהייט דאָ אין לאָנדאָן אויסצוהערן אַ לאַנג עדות־זאָגן, בעת וועלכער עס זענען געבראַכט געוואָרן די גענויע באַווייזן, אַז די באַלפור-רעקלאַראַציע איז געווען אַ פאַר־שפּרעכן צו העלפן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה מיט אַ יידישער מאַיאָ-ריטעט. נאָכדעם, דעם 17-טן נאָוועמבער 1930, האָט דער קאַפּיטאַן האָפּקין מאָריס געהאַלטן אַ רעדע אין דעם פּאַרלאַמענט. אין יענער רעדע האָט ער געזאָגט: „די יידן זענען אַבסאָלוט גערעכט. וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט איז אַ יידישע מדינה. נעמט גוט אין קאָפּ אַריין דעם דאָזיקן געדאַנק" — און ער האָט אָנגערופן עטלעכע נעמען, צווישן זיי די נעמען פון טשווירטשיל און סיר הערבערט סעמיועל, וועלכע האָבן גערעדט צו זיי וועגן אַ יידישער מדינה. יאָ, פריינט מיינע, אַזאַ איז געווען די הבטחה.

מען האָט געשטעלט די פראַגע, אויב דער מאַנדאַט איז דער תנ"ך. דער תנ"ך איז איינער און ס'איז נישטאָ קיין צווייטער, און איך וועל נישט אָנרופן דעם מאַנדאַט מיטן נאָמען פונעם תנ"ך. אָבער, מיר שיינט, אַז צווישן די צוויי אופנים אָפּצושאַצן אַ דאָקומענט — ווי דער תנ"ך, אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר — איז פאַראַן אַ לאַנגע רייע פון גראַדן כבוד. און מיר שיינט אַז די מענטשן וועלכע האָבן געשאַפן די באַלפור־דעקלאַראַ-ציע און דעם מאַנדאַט האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין איר די באַדייטונג וואָס געהערט איר לויט אַ גרויסן גראַד כבוד. מיסטער טשווירטשיל האָט אָוועקגעשטעלט זיין נאָמען אויף דעם צירקולאַר וואָס איז באַקאַנט אַלס ווייסער בוך פון יאָר 1922. אויב ס'וועט זיין נייטיק, בין איך גרייט אים צו אַנאַליזירן, אָבער איצט דערלויבט מיר פעסטשטעלן, אַז אין דעם ווייסן בוך פון 1922 איז נישטאָ קיין איין זאַץ, קיין איין וואָרט, וואָס מען זאָל דאָס קענען אינטערפּרעטירן אַלס מניעה צו פאַרוואַנדלען ארץ ישראל אין אַ יידישער מערהייט, אין אַ „יידנשטאַט".

און דאָס זעלבע וויל איך אונטערשטרייכן, אַז דער באַשלוס פון דער פעלקער־ליגע וועגן עבר־הירדן אַנטהאַלט נישט קיין זאַך וואָס זאָל זיין

קענן דעם איינשליסן די דאָזיקע זאָנע אין די גרעניצן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

מיין לאָרד און מיינע הערן, איצט קומען מיר צום אָנהויב פון אַ זייער טרויעריק קאַפּיטל. איך וועל מיך באַמיען אַמבעסטן אייך אים שילדערן אַזוי רואיק ווי איך וועל נאָר קענען. איר וועט געוויס זיך מוזן אָננעמען מיט געדולד, צו אַ מענטשן וואָס קומט אייך דערציילן וועגן אַ זייער גרויסער אַנטוישונג. איך האָב תמיד געמיינט, איידער איך בין געקומען קיין ענגלאַנד, אַז אויב אַ ציוויליזירט לאַנד, אַ ציוויליזירטע רעגירונג, נעמט אויף זיך אַ גאַראַנטיע, אַ אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע, אין אַ זעלכע באַדינגונגען, אין אַ זעלכע אומשטענדן, לגבי אַ פאָלק וואָס האָט געליטן אַזאַ לאַנגע צייט, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהאָפט, און זיינע האָפענונגען זענען, נאָך אַלעמען, הייליק אין די אויגן פון יעדן ענגלענדער, — האָב איך געהאָפט, אַז די דאָזיקע רעגירונג וועט זיך אָוועקזעצן און וועט אויסאַרבעטן אַן אַרבעטס-פּראָגראַם, אַ פּראָגראַם „ווי אַזוי דאָס אויסצופירן”, זאָל זיין וואָס ס'זאָל נישט זיין דער פירוש וואָס איז געגעבן געוואָרן צו דער דאָזיקער הבטחה פון אַ „היים” — מען וועט דאַרפן אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם, ווי אַזוי איר אויסבויען. ווי אַזוי צו אינטערפּרעטירן וואָס אַזוינס פאַרפליכטעט „אַוועקשטעלן דאָס לאַנד אין אַדמיניסטראַטיווע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע דאַרפן העלפן אויפשטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע היים”, ווי עס ווערט ריכטיק פאַרשטאַנען דער דאָזיקער באַגריף. דאָס איז געווען דער איינציקער באַדינג — אַ פּראָגראַם. און דער צווייטער באַדינג איז געווען: צו געבן אַלעמען פאַרשטיין אַז דאָס איז די גאַראַנטיע וואָס די רעגירונג האָט אויף זיך גענומען און „דאָס דאַרפן מיר טאָן”. דער דאָזיקער פּלאַן, אָדער די דאָזיקע פּראָגראַם, וואָלטן באַדאַרפט איינשליסן, ראשית, אַ געאָלאָגישע אויספאָרשונג פון ביידע זייטן ירדן, כדי צו באַשטימען אַוועלכע טיילן לאַנד קען מען באמת צופּאַסן פאַר אַגריקולטור און קאָלאָניזאַציע. אַ פּראָגראַם פאַר דער פאַרבעסערונג פון די פעלדער און זיי צוגרייטן צו קולטיוון. אַ פּראָגראַם פאַר אַרויסלאָזן אַן הלוואה, וועלכע זאָל אונטערצייכנט ווערן פון די יידן כדי צו דעקן די הוצאות

וועלכע זענען פארבונדן מיט דער פארבעסערונג פון דער ערד און איר איינטיילן אין חלקים, און כדי צו שאפן פוןביידע זייטן ירדן א לאנד-רעזערוו, פון וועלכן עס זאלן באפרידיקט ווערן די ווונטשן פון יידן און פון אראבער, וועלכע ווילן זיך באזעצן אויף ערד. חוץ לזה — א פראָ-גראַם פאר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, וועלכע זאל זיין אויס-גערעכנט צו געבן פרנסה א מאסן-עליה. א פלאן פאר שטייער-געזעצן און פאר א צינזן-טאריף, כדי צו פארטיידיקן די דאָזיקע אנטוויקלונג. א פראָגראַם פון א שטייערן-סיסטעם, וועלכע קען העלפן נייע קאָלאָניסטן און עולים, ווי אין אלע קאָלאָניזאציע-לענדער. און שליסלעך, פארזיכע-רונגס-מיטלען. אזא אומה ווי אייערע, וואָס האָט דערפארונג פון א גרויסן עבר אין דעם קאָלאָניזאציע-ווערק, ווייסט געוויס גוט, אז קיינמאָל איז נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין קאָלאָניזאציע אָן באשטימטע סכסוכים מיט די אָרטיקע איינוווינער, און דעריבער דארף מען פארטיידיקן דאָס לאנד. און אזוי ווי די יידן האָבן קיינמאָל נישט געבעטן אז אנדערע זאָלן זיי פארטיידיקן, דארף די פראָגראַם איינשליסן אויך די יידישע פאָדע-רונג, אז עס זאָל זיי דערלויבט זיין צו באשאפן א פארטיידיקונגס-כוח אין ארץ ישראל, אָדער אמווינציקסטן צו בילדן א קענטיקע טייל אין דעם דאָזיקן פארטיידיקונגס-כוח. באזונדערס דארף מען מקפיד זיין אויף א פאָרזיכטיקן אויסוואל פון אדמיניסטראציע-באאמטע. אזא ווערק וואָס האָט נישט קיין גלייכן און פרעצעדענט, פאָדערט, פארשטייט זיך, אן אד-מיניסטראציע וועלכע זאָל, פאר אלץ, זיין א פריינטלעכע, און צווייטנס — וואָס פארשטייט איר אויפגאבע. דאָס האָבן אלע דערוואַרט. און איך דארף אייך נישט זאָגן, ווי מיר זענען געוואָרן אנטוישט ווען מיר האָבן אָנשטאָט דעם אלעמען דערהערט דעם אויסדרוק „מאדדלינג טהרוה" — זיך דורכשטופן אויף בלינד — מיר האָבן געהערט דעם דאָזיקן אויס-דרוק אפילו אלס ווינטשנסווערט און אזא וואָס פאָרדינט צו זיין א סיס-טעם. ביי מער פייערלעכע געלעגנהייטן האָט מען דאָס אָנגערופן „עמפּי-ריזם" אָדער „נאָכגיין דעם אינסטינקט". איך ווייס נישט אויב דער וועג איז גוט פאר דער אימפּעריע: עס איז נישט מיין זאך אורצוטיילן וועגן דעם. אָבער איך קאָן זאָגן אז מיר האָבן זייער פיל געליטן פון דעם פעלן

פון יעדער סיסטעם, פון דעם דאָזיקן אָפּענעם נישט וועלן אויסצואַרבעטן פּלענער, אין אַ מאָמענט ווען מען טרעט צו אויסצופירן אַ נייע זאַך פון אָנהויב אָן, דאָס איז זייער וויכטיק און פאַראַנטוואָרטלעך. מיר האָבן שרעקלעך געליטן. אָבער ווען מיר האָבן פּראָטעסטירט, האָט מען אונדז געגעבן אַ מאָדנע ענטפער: „דער מענטש אויפן אָרט ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן". דערלויבט מיר אייך צו באַטאָנען מיטן גאַנצן רעספּעקט, אַז 50 אומות האָבן איבערגעגעבן דעם מאַנדאַט צו בריטאַניע ווייל די 50 אומות האָבן געגלייבט אין דער דערפאַרונג און אין דעם קאָלעקטיוון געוויסן פון בריטאַניע, און באַזונדערס אין דעם פאַקט, אַז דאָס בריטישע פאָלק וועט גוט אַכטונג געבן אויפן מענטשן אויפן אָרט. דער עצם־געדאַנק וועגן דעם קאָנטראָל פון דער אומה אויף אירע עקזעקוטיווע אַנשטאַלטן — איז אַן ענגלישער געדאַנק. מיר, קאָנטינענטאַלע, האָבן דאָס געלערנט פון די ענגלענדער. דעריבער, מיינען מיר, אַז ווען אפילו די מאַנדאַט־רעגירונג זאָל געווען אויסקלייבן אַ גאון און זאָל אים באַשטימען אַלס מענטש אויפן אָרט, וואָלט זי דורך דעם נישט דערפילט איר מאַנדאַט־פליכט. אָבער פּראַקטיש איז אַזאַ געווען שטענדיק די תשובה: „מיר האָבן באַשטימט אַ מענטשן אויפן אָרט, לאָזט אים טאָן, און מיר וועלן וואַרטן און וועלן זען". און טייל מאָל האָבן מיר געהערט אַן אַנדער תשובה — „עס שיינט אַז די אַדמיניסטראַציע ווערט געפירט אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן, ווייל טענות און פּראָטעסטן הערט מען דאָך סיי פון יידן און סיי פון אַראַבער". מיר האָבן קיינמאָל דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. האָב איך דען דערפילט מיין חוב צו מיינע קינדער, למשל, אָדער צו מיינע צוויי קונדן, אויב איך האָב באַוויזן זיך צו מאַכן פאַרהאַסט אויף ביידן? איך דענק נישט אַזוי.

מיר זענען שרעקלעך אַנטוישט געוואָרן צוליבן פעלן פון אַ סיסטעם און פּראָגראַם. אָבער נאָך מער זענען מיר אַנטוישט געוואָרן צוליבן פעלן פון דעם צווייטן באַדינג: קלאָרקייט. מען האָט קיינמאָל נישט געזאָגט די אַראַבער, וואָס איז געווען די באַדייטונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אינעם מויל פון לאָרד באַלפור און די אַלע אַנדערע. מען האָט זיי קיינמאָל דאָס נישט געזאָגט. אויך דאָ, מיין לאָרד, וויל איך זיך באַגנוגענען

מיט אַ קליינעם פאַקט, וואָס איז שוין דערציילט געוואָרן דער דאָזיקער קאָמיסיע אין ארץ ישראל, און ער קען, פיליכט, דינען אַלס געצוגנדער ביישפּיל ווי אַזוי מען באַציט זיך דאָרט צום אמת: אַנשטאָט צו שרייבן אויף די מטבעות, און א. וו. „ארץ ישראל", דאָס לאַנד פונעם יידישן פאָלק, אויב דאָס איז זיין אויסגעשפּראָכענער נאָמען — טאָ שרייבט אים אָן אין פּולן. און אויב דאָס טאָר מען נישט — טאָ מאַכט אים אינגאַנצן בכלל. אָבער דער „אויסוועג" וואָס מען האָט געפונען אין דעם פאַל, איז אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער סיסטעם", וועלכע קומט מרמז צו זיין, אַז, אמת, עס איז פאַראַן אַ באַלפור־דעקלאַראַציע, און פיליכט האָט זי אַ געוויסע באַדייטונג, אָבער עס קען אויך זיין, אַז זי האָט גאָר קיין ווערט נישט. דאָס איז געווען די „סיסטעם" פון אָנהויב ביזן סוף. אויב איר'ט מיך פרעגן, קען איך באַזירן מיין אַרגומענט אויף אַ סך פאַקטאָרן. אָבער, איך דענק, אַז די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט שוין באַקומען גענוג ידיעות און וועט קענען אַרויסטראָגן אַן אייגענעם אורטייל. איך וועל זיך אָפּ־שטעלן נאָר אויף איינעם אָדער אויף צוויי אַספּעקטן פון די דאָזיקע פאַקטן. און דער ערשטער איז דער: אויב אַ רעגירונג גייט אין אַ לאַנד דאָס צו פירן צו אַ ציל וואָס איז — יעדנפאַלס — פּראָ־יידיש און סימפּאַטי־זירנד פאַר יידן, דאַרף מען דאָך, פאַר אַליז, אויסוועלן איין כלל ביים אויסקלייבן באַאַמטע — מען דאַרף אויסקלייבן מענטשן וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע. דעם אמת געזאָגט, — און עס טוט מיר זייער לייד וואָס איך דאַרף דאָס טאָן, — איז דער כלל נישט אָפּגעהיט געוואָרן אין דער ארץ ישראל־אַדמיניסטראַציע, און אַז מען האָט געלאָזט די אַדמיניסטראַציע זיך אָנפּולן מיט מענטשן, וועלכע באַציען זיך צום ציוניזם און אַפילו צו יידן, מיט אַ פאַרקערטער באַציאונג פון סימפּאַ־טיע. נאָך מער, זיי האָבן זיי דערלויבט דאָס צו טאָן דעמאָנסטראַטיוו. אין יולי פון 1925 האָט די „ניינטין סענטשורי רעוויו" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון איינעם מיסטער ריטשמאָנד, וואָס איז געווען אינגאַנצן דורכגעדרונגען נישט נאָר מיט אַנטי־ציוניזם, נאָר ממש מיט יידנהאַס.

ד ע ר פ אָ ר ז י צ נ ד ע ר: מיר האָבן וועגן דעם געהערט פון ד"ר וויצמאַן.

ז. זש.: אויב אזוי דענק איך אז איר האט שוין געצויגן אייערע שלוסן אויך פון דעם פאקט, וואס עטלעכע וואכן, אדער עטלעכע חדשים נאכדעם, איז דער דאזיקער הער באשטימט געווארן אלס באאמטער אין דער ארץ ישראל-אדמיניסטראציע.

איך וויל מאכן פאלגנדן אויספיר. איך וויל געפינען א זכות די אראבער. ווייל וואס קאן איך דען פאדערן פון די אראבער? ווי אזוי קען אן אראבער אין ארץ ישראל אויסטייטשן די דאזיקע „סיסטעם"? די רעגירונג האט געמאכט א געוויסן שריט, אבער זי וויל אים נישט אנער-קענען מיטן פולן מויל, און זי פארענטפערט זיך. און אין דער זעלבער צייט דענקט זי אז דער מענטש וואס האסט די יידן, וועלכער רופט אויס אז דער מאנדאט איז א „דאקומענט פון אומרעכט", דארף באשטימט ווערן אויף איינעם פון די העכסטע אמטן אין דער רעגירונג. וואס פאר א שלום קענען די אראבער ציען, אויב נישט אין איינציקן? מיר שיינט, לארד פיל, אז מיין הער האט געפונען פאר נויטיק צו באמערקן צו איינעם פון די אראבישע עדות: „קענט איר נישט דערלאזן, אז ענגלאנד האט אויך אביסל איינענעם ווילן?" איך באדויער, אבער זיי קענען דאס נישט דערלאזן.

דער פארזיצנדער: שוין זשע בין איך אזוי ווייט אוועק? אנטשולדיקט וואס איך האב אייך איבערגעשלאגן.

ז. זש.: עס טוט מיר לייד דאס צו זאגן, אבער דאס איז א פאקט.

סיר לאארי האמאנד: ווער איז געווען הויך-קאמיסאר צו יענער צייט?

ז. זש.: אין וועלכער צייט?

סיר לאארי האמאנד: אין דער צייט, ווען וועלכער עס רעדט מיין הער.

ז. זש.: — סער הערבערט סעמיועל. איך בין מסכים צו נעמען אויף מיר די גאנצע יידישע טייל פון סער הערבערט סעמיועלס פאראנטווארט-לעכקייט אבער איר דארפט אויף זיך נעמען אייער בריטישע טייל פאר-אנטווארטלעכקייט פון יענעם הויך-קאמיסאר און זיין שיטה.

מער האָרם רומבאָלד: — ווי אזוי קען פאַראַנטוואָרטלעכקייט גע-טיילט ווערן?

ז. זש.: — מיין הער וועט דאָך נישט פאָדערן אז איך זאָל נעמען אויף מיר די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ דערפאַרענעם בריטישן שטאַטסמאַן, וועלכער איז צופעליק אַ ייד? איך מיין באמת אז מער הערבערט האָט אין ארץ ישראל געהאַנדלט אַלס בריטישער, לויט זיין בעסטן פאַרשטאַנד. יעדנפאַלס, אָט דאָס וויל איך זאָגן צו זיין שבח: ער האָט געוויס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ בריטישער באַאַמ-טער, אַ בריטישער גובערנאַטאָר, וואָס פירט דורך אין דער ווירקלעכ-קייט אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען פון גרויס-בריטאַניע. אָבער איך דאַרף געפינען אַ זכות די אַראַבער. ווי אַזוי קענען זיי פאַרשטייען די דאָזיקע „שיטה"? נאָר אויף איין אופן: „אָן ספק איז ענגלאַנד גע-צוואונגען צו טאָן זאַכן קעגן איר ווילן". ווען איך וואָלט זיין אַן אַראַ-בער, וואָלט איך אַזוי אויסגעטייטשט די מעשה ריטשמאָנד און אַלע אַנ-דערע פאַלן פון וואַקלונגען, וואָס איך וואָלט מיך געקאָנט דערמאָנען. איך דענק, אַז די פונדאַמענטאַלע און הויפּט-סיבה פון די איצטיקע אויס-ברוכן, איז געווען דאָס פעלן פון אַ פּראָגראַם, און דאָס האָט באַוואויגן יעדן מענטש, און באַזונדערס די אַראַבער, צו אָט דעם אויספיר: „דער איראָפּעער, דער ענגלענדער, אַזוי האָבן זיי געזאָגט צו זיך אַליין — אַז ער וויל עפּעס אויסבויען, גרייט ער צו פאַר זיך אַ פּלאַן, און אויב ער גרייט זיך נישט צו קיין פּלאַן, ווייס איך וואָס דאָס באַטייט". חוץ דעם פעלט דאָ אָרטנלעכקייט. ווייל עס איז נישט געזאָגט געוואָרן די אַראַ-בער: „איר שטייט פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם באַשלוס פון דער גאַנ-צער וועלט און דער באַשלוס וועט אויסגעפירט ווערן אין דער פּראַק-טיק. דאָס דאָזיקע לאַנד וועט נישט זיין אַ"י נאָר ארץ ישראל. דאָס דאָזיקע לאַנד „וועט איבעראַנייס אויסגעבויט ווערן" ווי „אַ נאַ-ציאָנאַלע היים". און ווייל דאָס האָט מען נישט געזאָגט דעם אַראַבער, האָט ער ביי זיך געטראַכט: „געוויס איז עפּעס אין דעם ענין נישט אין אָרדענונג". געוויס צווייפלט מען דעם ענין אַרויף אויף ענגלאַנד; געוויס האָסט ענגלאַנד דעם ענין; ריטשמאָנד איז אַ כאַראַקטעריסטישע דער-

שיינונג, דוקא ווייל ער האסט די זאך, אבער זיי זענען געצוואונגען דאס צו פארווירקלעכן; דעריבער, אויב איך, דער אראבער, וועל געפינען פאר זיי א גוטן תירוץ און א סענסאציאנעלן תירוץ..." אט אזוי, זענען ווידער־האלטע מאל געהעצט געווארן די אראבער, און זיי ווערן נאך איצט גע־העצט, צו טאן אלץ וואס מיר האבן געזען אין ארץ ישראל.

און אט איז געקומען דער שטעקן וואס איז אריינגעשטעקט געווארן אין די רעדער פון אונדזער מאשין — די פראגע פון דעם לעגיסלאטיוון ראט. ראשית כל, פראטעסטיר איך קעגן דעם לעגיסלאטיוון ראט ווייל ער ווידערשפרעכט דעם נוסח פון דער פארפליכטונג פונעם מאנדאט, ווי מען זאל נישט ווערן אויסטייטשן די דאזיקע פארפליכטונג. דער באוווסטער עקספערט, מיסטער וואן-רייס, איז געווען דער ערשטער צו זאגן, אז, לויט דעם מאנדאט „דארף מען קוקן אויף אלע זין פונעם יידישן פאלק, גלייך ווי זיי זענען אין פאטענץ די באפעלקערונג פון ארץ ישראל". דעריבער, איז נישט מעגלעך צו שאפן כלומרשטע רעפרעזענטאטיווע אנשטאלטן, אין וועלכע דער גרויסער שותף, דאס יידישע פאלק, זאל פארטראטן זיין אלס מיעוט און דער קליינער שותף, די ארטיקע באפעלקערונג, זאל אין זיי זיין פארטראטן אלס מאיאריטעט. ענטוועדער איר זאלט אפווארפן דעם מאנדאט און די באלפור-דעקלאראציע, אדער איר זאלט ציען פון זיי די נאטירלעכע מסקנות. און בשום אופן קען מען נישט טענה'ן אז „די אנטוויקלונג פון רעפרעזענטאטיווע אנשטאלטן", וועט קענען ווען נישט ווען אנרירן דעם ציל, וואס ווערט דערמאנט אין דעם אריינפיר, ווייל, נאך אלעמען, איז ער דאך דער אקס אויף וועלכן עס דרייט זיך די פראבלעם און זי איז דאך דער פונדאמענט פונעם מאנדאט. אבער, נישט דאס אליין: איך רעד איצט וועגן דער השפעה פון דעם פראיעקט פון א לעגיסלאטיוון ראט אויף די אראבער — ווייל אלע מאל פאכעט מען מיט אים פאר זייערע אויגן. איך דארף אויך דערמאנען עפעס וואס איך האב געלייענט וועגן דעם פון דער דערפארונג פון דער קעניגלעכער קא־מיסיע גופא. א חשובער מיטגליד פון דער דאזיקער קאמיסיע האט אויס־געדריקט פאר איינעם פון די אראבישע עדות פאלגענדע באטראכטונג: „דענקט איר נישט, אז ווען אפילו מען לייגט אייך נישט פאר מער ווי אן

אָנהויב פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט, דענקט איר נישט, אַז ווען איר זאָלט געווען צו דעם צושטימען אינעם יאָר 1921, וואָלט ער ביז איצט געווען אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנץ ברויט?” דאָס „גאַנצע ברויט האָט דערמאָנט דער אַראַבישער הער פריער ווען ער האָט געזאָגט: „מיר ווילן אַ נאַציאָנאַלע אַראַבישע רעגירונג, וועלכע זאָל קענען דערלויבן אָדער פאַרבאָטן די יידישע אימיגראַציע”. דאָס האָט ער אָנגערופן „אַ גאַנץ ברויט”. און דערויף האָט אים געפרעגט יענער חשובער קאָמיסיע-מיטגליד: „דענקט איר נישט, אַז ווען איר זאָלט געווען מסכים זיין אין יאָר 1921 צום באַשיידענעם אָנהויב, צום קערן, וואָלט ער דאָך איצט געווען אויסגעוואַקסן צום גאַנצן ברויט?” און צווייטנס, ווען יענער עדות האָט געזאָגט: „דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ לעגיסלאַטיווע קערפערשאַפט”, האָט געזאָגט יענער חשובער קאָמיסיע-מיטגליד: „אָך, ווייסט איר דען נישט, אַז זייער אָפט דאַרפן די עקזעקוטיווע אַנשטאַלטן מאַכן אויפן פייפל פון דעם געזעצגעבנדן אַנשטאַלט?” אמת און ריכטיק; דאָס זענען קלוגע ווערטער. אָבער אויב דאָס איז אַזוי, צו וואָס זשע האָט מען אונדז, יידן, געזאָגט, אַז דער פּראָיעקט פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט איז אַ זאַך וואָס קען נישט שאַדטן, אַז עס וועלן זיין „גאַראַנטיעס”, אַז דאָס וועט נישט באַרירן אונדזערע אינטערעסן? מיין האַר איז געווען אַבסאָלוט גערעכט. זיינע ווערטער זענען געווען אַזוי ריכטיק און קלאָר, אַז יעדער אַראַבער האָט דעם פּראָיעקט אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן: „אויב די ענגלענדער זענען אַזוי פאַרעקשנט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ לעגיסלאַטיוון ראַט, איז די באַדייטונג פון די ווערטער: נאַט אייך וואַפן, נאַט אייך אַ רעוואָלווער. דערווייל גיב איך אייך נישט די קוילן, אָבער וואַרט, נעמט דערווייל צו דעם רעוואָלווער און לערנט זיך אויס אומצוגיין מיט אים. און עס וועט קומען דער מאָמענט, ווען מיר וועלן אייך אויך געבן די קוילן”.

אַ וועלכע וועלן זיין די אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענצן פון דעם אַלעמען, איז געווען קלאָר פון אָנהויב אָן. איך מוז זאָגן, אַז דער מענטש אויפן אָרט, זיין עקסעלענץ, דער הויך-קאָמיסאַר, האָט דאָס געוווּסט מיט עטלעכע יאָר צוריק: מען האָט דאָס אים געזאָגט פאַר עדות אויסדריקלעך און קלאָר. „דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט

וועט נישט קענען פארענדיקט ווערן אנדערש ווי נאָר אין איין איינצי־קער פּאָרעם". דאָס קאָמונען־הויז און דאָס לאָרדן־הויז האָבן נישט ארויס־געוויזן קיין שום ענטוזיאזם צום פּלאַן פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט אין דעם איצטיקן מאָמענט — איך זאָג דאָס אין אַ זייער מילדער פאָרעם. אָבער דער ענטפער איז געווען: „דער מענטש אויפן אָרט וויל דאָס". און אָט, האָבן מיר געזען די קאָנסעקווענצן.

איין וויכטיקער פאַקטאָר ביים אויספירן דעם מאַנדאַט איז די זאָרג פאַר זיכערקייט. איך אנערקען, אַז די קאָמיסיע האָט געהאַט די מעגלעכ־קייט זיך צו שאַפן אין דעם ענין אַן אייגענע מיינונג. אָבער, מיין פליכט איז אייך צו דערמאָנען אייניקע אַספּעקטן פון דער פראַגע. מען האָט אונדז געסטראַשעט אין ארץ ישראל מיט פּאָגראָמען. מיר האָבן דאָס געזאָגט דער רעגירונג יאָרן לאַנג, אָבער זי האָט וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער פאַרמינערט די צאָל סאָלדאַטן אינעם לאַנד. מיר האָבן איר געזאָגט: „געדענקט אַז מיר האָבן קינדער און פרויען; גיט לעגיטימאַציע אונדזער זעלבסט־פאַר־טיידיקונג, ווי איר האָט געטאָן אין קעניא". אין קעניא איז יעדער איי־ראָפּעער געווען פאַרפליכטעט צו מאַכן מיליטערישע איבונגען אין דעם פאַרטיידיקונגס־רעגימענט פון די איינזידלער. פאַרוואָס דאַרפן די יידן אין ארץ־ישראל זיך גרייטן צו זעלבסטפאַרטיידיקונג אין אונטערגרונט, גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרבראָכן קענען געזעץ? איר ווייסט די באַדייטונג פון פּאָגראָמען אין דער יידישער געשיכטע. מיר ווייסן וואָס עס באַדייטן פּאָגראָמען אין דער געשיכטע פון דער מאַנדאַטור — ארץ־ישראל. קיינ־מאָל איז נישט דערלויבט געוואָרן די יידן זיך צו גרייטן צום הייליקן חוב פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, ווי דאָס וואָלט געווען געטאָן יעדער ענגלענ־דער. מיר זענען געצוווּנגען זיך צוגרייטן אין אונטערגרונט, מיט פעלער־האַפטע וואָפן, מיט נישט גענוגנדע איבונגען, ווי דער שטייגער איז פון דילעטאַנטן. און איך ווייס, באמת, נישט, ווי אַזוי קען אַ רעגירונג דער־לויבן אָדער טאָלערירן אַזאַ מצב, נאָך דריי דערפאַרונגען, און צווישן זיי די שרעקלעכע דערפאַרונג פון 1929... איך באַדויער וואָס איך רעג מיך אויף. איך אַנטשולדיק מיך פאַר דעם פאַר דער קאָמיסיע און האָף, אַז זי וועט פאַרשטייען די סיבה דערפון. אָבער, איך מיין, אַז אויסלייגנדיק

מיינע טענות פאר דער קעניגלעכער קאמיסיע, האב איך נישט אריבער־געטראטן די גרעניצן פון לאגיק.

אויב מען פארקלענערט די צאל רעגימענטן אין ארץ־ישראל פיל מער ווי ס'איז נויטיק פאר דער זיכערקייט, און די דערקלערונג פון דעם איז — ווייל די בריטישע שטייער־צאלער ווילן נישט געבן זייער געלט און זייערע זין, איז דאס פארשטענדלעך און נאטירלעך. אבער מיר — יידן פון אלע פארטייען — האבן געפרעגט יארנלאנג: „פארוואס האט איר דעמאביליזירט דעם יידישן לעגיאן? פארוואס לאזט איר נישט די יידן נעמען די אויפגאבע אין זייערע הענט; אונדזערע מענטשן און אונדזער געלט אונטער ענגלישער קאמאנדע און לויטן מיליטער־געזעץ פון בריטאניע?" איך פאדער נישט קיין „יידישע ארמיי" איידער עס וועט געגרינדעט ווערן א יידישע מדינה; מיר ווילן א יידישן לעגיאן, גענוי ווי ס'איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה און ער האט אויך געטריי געדינט. פארוואס שאפט מען אינעם לאנד דעם איינדרוק, אז מיר ווילן עס זאלן אונדז פארטיידיקן דזשאני, טאמי און באבי? מיר ווילן דאס נישט. אויב עס זענען נויטיק שוויים און געלט אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, לאזט אונדז געבן דעם שוויים און לאזט אונדז געבן דאס גאלד. און אויב די פארטיידיקער פון ארץ־ישראל דארפן פארגיסן זייער בלוט, זאל דאס זיין אונדזער בלוט, און נישט ענגליש בלוט. אבער, דער דאזיקער אנבאט איז שטענדיק צוריקגעוויזן געווארן.

געוויס איז איבעריק צו דערמאנען די העצע פון דער פרעסע, וואס אזעלכע וואלט מען נישט טאלערירט אין קיין שום אנדער לאנד — א העצע אין דער פרעסע ווי א צוגרייטונג צו פאגראמען. איר האט געוויס געהערט וועגן דער שיינער לוויה פונעם אראבישן באנדיט אין חיפה, וועלכע איז פארוואנדלט געווארן ממש אין א יום־טוב. נעמט אין אכט, דאס איז געווען די גרעסטע אראבישע פייערונג אין חיפה. געוויס האט מען זי פאר אייך פארגליכן מיטן באפעל וואס איז געגעבן געווארן אין די לעצטע אומארדענונגען, אז די יידן דארפן מקבר זיין זייערע טויטע פינף אזייגער אינדערפרי, אפילו אין תל־אביב, אין א ריין יידישן ישוב, טאמער וועלן זיי איבערכאפן די מאס בשעת דער קבורה.

איך ווייס נישט, אויב איר האט געהערט וועגן די ווארנונגען. ביי מיר איז קיין ספק נישט, אז עס זענען געווען פיל ווארנונגען. אבער איי-נע פון זיי קען איך פאר אייך ברענגען שווארץ אויף ווייס. צוויי וואכן פאר די געשעענישן, דעם 6טן אפריל, איז געשיקט געווארן א דעפעשע צום הויך־קאמיסאר און אין איר האט זיך געזאגט, אז עס וועלן אויס־ברעכן אומארדענונגען. און דאס זעלבע האבן מיר גערופן זיין אויפמערק-זאמקייט אויפן פאקט, אז עס זענען נישטא גענוג סאלדאטן און מען קען זיך נישט פארלאזן אויף דער מיליציע. א קאפיע פון דער טעלעגראמע איז געשיקט געווארן צום קאלאניען-מיניסטעריום. דאס קאלאניען־מיניסטע־ריום האט באשטעטיקט די קבלה און געענטפערט, אז עס שטייט אין קאנטאקט מיט דעם הויך-קאמיסאר; אבער ער לייקנט, פארשטייט זיך, אז די מיליטערישע פארטיידיקונג פון ארץ-ישראל איז נישט גענוגנד. אין יענער צייט, דעם 6טן אפריל, איז דארט געווען 1 באטאליאן. און זיי האבן געלייקנט אז די מיליטערישע פארטיידיקונג איז נישט גענוגנד. מיין לארד און מיינע הערן, איז דאס נאכלעסיקייט, גלייכגילטיק אדער פאר־ברעכן, וואס איז דאס אלץ, און ווו זענען די וועלכע באשטראפן דער־פאר?

און איצט קום איך צום בולטסטן ביישפיל אין פארבינדונג מיט יע־נעם פאראגראף אין אייער צירקולאר וועגן דער פראגע, ווי אזוי איז אויס-געפירט געווארן דער מאנדאט אין היגזיכט פון זיכערקייט: איך קום צו די געשעענישן פון 1936. איך קען די שטעלונג פון דער קאמיסיע אין דער פראגע. אבער, מיין לארד, זאל מיר דערלויבט זיין צו דערמאנען, אז אונדזער הויפטקלאגע אין דער דאזיקער גאנצער טראגעדיע איז: פאר-וואס האט געלאזט די בריטישע רעגירונג, אז מיר, יידן, זאלן אזוי דער־נידעריקט ווערן אין די אויגן פון די אראבער און אין די אויגן פון בריטן, נישט פארדינענדיק דאס? איר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר האבן אין ארץ־ישראל א גענוגנדע צאל פון אויסגעצייכנטער יוגנט, געשולטע יוגנט. ווען מען זאל זיי געווען לאזן זיך באטייליקן אין דער אקציע אין א געהע-ריקער מאס, ווען מען זאל זיך געווען מיט איר באנוצן פון אנהויב אן, וואלטן די אומארדענונגען איצט נישט געווען דערגרייכט אזא מאס־

שטאב. נאָך וואָס האָט מען באַדאַרפט אַריינברענגען אין האַרצן פון יעדן
אַראַבער דעם געדאַנק, אַז די יידן זענען נישט פעאיק זיך צו פאַרטיי-
דיקן? מיר האָבן דאָס געפאָדערט. אויף די קניה האָבן מיר זיך געבעטן:
לאָזט אונדז פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, און די ביטע איז אָפּגעוואָרפן גע-
וואָרן. פאַרקערט, עס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל אַ גוז-
מאַדיקע צאָל בריטישע באַטאַליאָנען. 23 בריטישע באַטאַליאָנען; כמעט
די זעקסטע טייל פון דער אימפּעריאַלער אַרמיי, זעקס בריגאַדעס, זענען
אַוועקגעשיקט געוואָרן צו אונטערדריקן די אומאָרדענונגען אין אַ לאַנד,
וואָס גרייכט נישט אפילו צו איין טויזנטסטל חלק פון דער בריטישער
אימפּעריע! כדי דער מענטש אין גאַס זאָל טראַכטן: אַלע פערד פונעם
קעניג און זיינע רייטער זענען אַהין אַוועקגעשיקט געוואָרן — אַ סימן, אַז
דער פּאָליטישער ציוניזם איז קאַטעגאָריש דורכגעפאַלן. דאָס איז, אַלזאָ,
דער פירוש פון דער מאַכט אין ארץ-ישראל — צו מאָביליזירן סאָלדאַטן,
איבערצורייסן די מאַנעוורעס אין אַלדערשאָט, צו מאָביליזירן די רעזער-
וויסטן כדי צו מאַכן אָרדענונג אין ארץ-ישראל! אָבער איך לייקן דאָס.
ווען איר זאָלט געווען אין די חדשים אַפּריל און מאַי מאָביליזירן פינף
טויזנט יידישע יונגעלייט, וואָלט איר געווען געמאַכט אַ סוף צו די אומ-
אָרדענונגען. עס איז קיין נויט נישט געווען אין די אַלע בריגאַדעס. די
סכנה איז נישט געווען אַזוי גרויס. איר פאַרנעם איז נישט געווען אַזוי
ברייט. אויב איר האָט אַ אינטערעס, קענט איר איינלאַדן אַהער וויפל איר
ווילט מיליטער-עקספּערטן, וועלן זיי אייך זאָגן אַז קענען 2 אָדער 3 טוי-
זנט בונטאָווטשיקעס, אין אַזאַ לאַנד ווי ארץ-ישראל, אין וועלכן עס זע-
נען נישטאָ קיין שמאָלע דורכגענג און קיין שפּיציקע פעלזן, ווו יעדער
באַרג איז ענלעך צו אַ האַלבן מאַראַנץ, און ערראָפּלאַנען קענען אויס-
שפּירן דאָס גאַנצע לאַנד — איז נישט געווען קיין שמץ פון נויטיקייט,
אַז די אומאָרדענונגען זאָלן אַזוי לאַנג אָנהאַלטן. און עס איז אויך נישט
געווען נויטיק צו מאָביליזירן די אַלע בריגאַדעס. אָבער אונדז האָט אַוועק-
געשטעלט די דאָזיקע מאָביליזאַציע אין אַ מצב, גלייך ווי אונדזערע חלו-
צים זענען נישט קיין חלוצים, נאָר פחדנים. איך לייקן דאָס. איך פאָדער,

אז מיר זאָלן נעמען אַן אַנטייל אין דער פאַרטיידיקונג פון ארץ-ישראל. און דאַן וועט דאָס לאַנד זיין פאַרטיידיקט און רואיק.

ווי געזאָגט: איך קען די שטעלונג פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, וועל־כע וויל נישט זיך פאַראינטערעסירן מיטן עצם גאַנג פון די אומאָרדענונ־גען, און איך מוז אָנבויגן דעם קאָפּ פאַר איר באשלוס. אָבער, פון דער צווייטער זייט, — און דאָ וויל איך ווידעראַמאָל פרעגן נישט די קאָמי־סיע, נאָר דאָס קאָלאָניען-מיניסטעריום, וועגן דער מאַנדאַטור-רעגירונג: עקזיסטירט אַ פּראָגראַם, איז פאַראַן אַ ליניע פון אַקטיוויטעט? אין גענף האָט מיסטער אידן אָפיציעל פאַרשפּראָכן דער פעלקער-ליגע און מיט אַ שפע פון ווערטער אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ „קעניגלעכע קאָמיסיע” אויסצופאָרשן די אומאָרדענונגען איגעם לאַנד, און די קאָ־מיסיע וועט אויספאָרשן די פאַקטן. אויף דער פּערמאַנענטער מאַנדאַטן־קאָמיסיע האָט מען געוווירקט אַז זי זאָל נישט שטעלן קיין פראַגן ביז אַ „קעניגלעכע קאָמיסיע” — איך זאָג נישט, ד י ד אָ ז י ק ע קעניג־לעכע קאָמיסיע — וועט אויספאָרשן די פאַקטן גופא. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מלוכה-קאָמיסיע האָט רעכט נישט וועלן אַזוי טאָן, און איך קאָן איר פאַרשטיין. אָבער, מיין לאָרד, אָבער ווו איז אַלזאָ די מלוכה־קאָמיסיע וואָס וועט י אָ א ו י ס פ אָ ר ש ן ווער עס איז דער שולדיקער? ווייל איך טענה, אַז עס איז פאַראַן עמיץ וואָס איז שולדיק; איך טענה, אַז מען האָט געלאָזט עס זאָל אַריינגעשמוגלט ווערן קיין ארץ ישראל פאַר די אַראַבער אַ גרויסע קוואַנטיטעט וואָפן, פאַר די געשעע־נישן און בשעת די געשעענישן. איך טענה, אַז עס איז געווען אַ פאַרנאַכ־לעסיקונג פון דער אויפגאַבע בשעת דער אויספאָרשונג פון די ערשטע קרבנות. איך טענה, אַז עס איז פאַראַן עפּעס וואָס איך וויל פאַרשטייען און קען דאָס נישט פאַרשטייען: אַז אין דער צייט ווען עס איז געווען אַן אַלגעמיינער שטרייק אין יפו, איז נישט געווען קיין אַלגעמיינער שטרייק אין חיפה. איך וויל וויסן, אויב ס'איז אמת, אַז דאָ איז געווען אַ מין „דזשענטלמענער-אָפּמאַך”, אַ מין „דערלויבטער בונט”, אין איין טייל פון ארץ-ישראל, און עס איז נישט געווען קיין בונט דאָרט, ווו עמיץ פון די מלוכה-באַאַמטע האָט געוואָלט אַז ס'זאָל נישט זיין קיין בונט.

איך וויל וויסן פארוואס האט מען דערלויבט פאוזי קאוקאדזשי ארויס־פארן פון ארץ ישראל מיט אן אפיציעלן פאראד; פארוואס האט מען געלאזט באנדעס זיך צעשפרייטן; פארוואס איז נאכדעם נישט קאנפיסקירט געווארן דאס געווער ביי דער באפעלקערונג? איך וואלט וועלן וויסן, ווי אזוי קענען געשען אין לאנד אזעלכע זאכן, און קיינער איז נישט שולדיק, און קיינער איז נישט פאראנטווארטלעך דערפאר?

לויט יענער בארימטער סיסטעם וועגן דעם מענטשן אויפן ארט — וויל איך אז דער מענטש אויפן ארט זאל דערשיינען פאר א קעניגלעכער קאמיסיע, פאר א יורידישער קאמיסיע, און איך וויל אז ער זאל טראגן די אחריות פאר זיינע פעלערן. טיילמאל מעג אויך א פשוטער מענטש ווי איך זאגן „זש'אקיוז" (איך באשולדיק). ווייל זיי זענען שולדיק. זיי זענען שולדיק פאר מעשים, פאר גלייכגילט, פאר פארנאכלעסיקן אויפגאבן. אויב איך בין מיך נישט טועה, איז עמיץ מחויב צו געבן אן ענטפער דער פערמאנענטער מאנדאטן־קאמיסיע, וועלכע האט אייך איבערגעגעבן דעם מאנדאט. ווער וועט ענטפערן? איך האב געהערט אז נישט די דאזיקע קעניגלעכע קאמיסיע וועט דאס טאן, נאר ס'וועט צוגעשטעלט ווערן א באריכט וועגן די געשעענישן אין א געווייינלעכער פארעם, אינערהאלב דעם באריכט פון דער רעגירונג פון ארץ ישראל צו דער פעלקער־ליגע — דער צד וועמען מיר באשולדיקן, ער וועט צושטעלן דעם באריכט. און איך שלאג פאר דער דאזיקער קעניגלעכער קאמיסיע: צווישן אייערע רעקאמענדאציעס אויסצובעסערן די לאגע (און איר ווערט דאך געבעטן אנצווייזן מיטלען ווי אויסצובעסערן די לאגע) זאל אויך זיין אייער ערשטע עצה צו געפינען די שולדיקע און זיי באשטראפן. און דאס זעלבע פארשט אויך אוים דעם מוסולמאנישן אויבער־ראט, אדער ווי ס'זאל נישט זיין דער אפיציעלער נאמען פון יענער גרופע מענטשן, וואס אן איר שפיץ שטייען זיין הייליקייט דער מופטי און די אנדערע הערן. די רעגירונג האט זיי געגעבן א מין דיפלאמאטישע שוץ, די רעגירונג האט אונטערהאנדלט מיט זיי. און איך שלאג פאר, מיטן גאנצן רעספעקט און באשיידנקייט, אז עפעס אן אומאפהענגיקע קאמיסיע, אומאפהענגיקע פונעם קאלאניע מיניסטעריום און פון דעם מענטשן אויפן ארט, זאל אויספארשן די פרא־

גע פון דער באשולדיקונג. איך גלויב, אז עס איז דא פאראן א שולד, און איך גלויב, אז דער שולדיקער דארף באשטראפט ווערן, און דאס פאדער איך מיט דער גאנצער באשיידנקייט.

וואס באלאנגט אויסצובעסערן די לאגע, מיין איך, אז דער הויפט-מיטל איז — א פראגראם און אמת. מען דארף מודיע זיין די אראבער און יידן אוועלכע זענען די ממשותדיקע אויספירן וועלכע פאלגן ארויס פונעם מאנדאט. לויט מיין בעסטן פארשטאנד, איז פאראן בלויז איין איינציקער אופן צו אינטערפרעטירן דעם מאנדאט. און מען דארף צוגרייטן א פראגראם. מיר באצייכענען איר אלס „צען יאר פראגראם". לויט אונדזער מיינונג דארף זי איינשליסן ערד-רעפארמע, רעפארמען אין דער סיסטעם פון צינזן און שטייערן, א רעפארם אין דער אמטן-יערארכיע, דאס עפענען עבר הירדן פאר יידישער אריינדרינגונג און דער פארשפרעכן פון געזעלשאפטלעכער זיכערקייט דורך דעם שאפן א יידישע ארגאניזאציע און דורך יורידישער אנערקענונג פון דער זעלבסטפארטיידיקונג פון די יידן.

צוזאמען דערמיט שיינט מיר, אז עס זענען נויטיק רעפארמען אויך פון דער יידישער זייט, ווייל אויך אין אונדזערע סיסטעמען זענען געמאכט געווארן פיל טעותים. לויט מיין מיינונג, זענען די אלע אויסבעסערונגען איינגעשלאסן אין דער רעפארם פון דער יידישער אגענץ. לארד פיל האט מיך געפרעגט, אויב מיר רעפרעזענטירן א סעפאראטע ארגאניזאציע פון דער יידישער אגענץ. יא. מיר טענהן, אז אין דער אמתן רעפרעזענטירט נישט היינט די יידישע אגענץ דאס גאנצע ציוניסטישע יידנטום, און אפילו נישט זיין מאיאריטעט, און איך דענק, אז ס'איז געקומען די צייט, אז די ארגאניזאציע זאל אויפסניי איבערגעבויט ווערן, מיט דער הסכמה פונעם מאנדאטור, דורך אלגעמיינע וואלן. ווייל די פראגע פון ציוניזם איז היינט ווירקלעך פארוואנדלט געווארן אין א ענין וואס איז פראקטיש נוגע יעדן יידישן מענטשן, און נישט נאר די חסידים פון א באשטימטער פאליטישער גרופע. מיר מיינען אז ס'איז געקומען די צייט פון דער דאזיקער רעפארמע, און זי וועט מאכן א סוף צו א סך אומרעכטן, וועלכע איך קאן נישט איגנארירן. איינע פון זיי וועט

געבראַכט ווערן צו קענטעניש פון דער דאָזיקער קאָמיסיע אין דעם מעמאָ-ראַנדום פון בית"ר — די אָרגאַניזאַציע „ברית תרומפּלדור" — וועגן דער איינטיילונג פון די אימיגראַציע-סערטיפיקאַטן. צו מיין גרויסן באַדויערן, האָט די קאָמיסיע געהערט וועגן דער מעותדיקער אינפאָרמאַציע פון אַנדערע יידישע פאַרשטייער.

דער פאָרזיצנדער: — ווילט איר אונדז זאָגן, אין וואָס פאַר אַ הינ־זיכט איז זי געווען מעותדיק. וועלכע איז דער הויפּט־פּונקט?

ז. זש.: — יאָ, אויב איר וועט מיר דערלויבן צו ריידן נאָך צען מי-נוט. עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז אויב מיר פאָדערן דאָס וואָס איך האָב געפאָדערט, פאַרפלאָנטערן מיר די אימפּעריע אין ערנסטע פּלאָנ-טערס און שטרויכלונגען. און דאָס לייקן איך; איך זאָג, לויט מיין בעס־טער איבערצייגונג — און דאָס איז נישט קיין אינדיווידועלע מיינונג — אַז אויב בריטאַניע וועט גיין אויף דעם וועג און וועט באמת העלפן אָפּ־ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, ווי זי האָט געדענקט און האָט פאַרשפּראָכן אין דער באַלפור-דעקלאַראַציע, וועט דער פּראָצעס פון דעם דאָזיקן גרויסן עקספּערימענט זיין נאָרמאַל אין דער זעלבער מאָס ווי דער פּראָצעס פון אַלע אַנדערע גרויסע אויפטוען אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט. מיר לייקענען קאַטעגאָריש, אַז דאָס קען פאַרפּלאָנטערן בריטאַניע אין אַ קאָנפליקט מיט דער איסלאַמישער וועלט. מיר לייקענען אַבסאָלוט אַז דאָס קען פּראָוואָצירן אַ מאַטעריעלן סכסוך מיט די נאָענטע לענדער. מיר לייקענען דאָס אַלץ. דאָס אַלץ איז אַן אַ שיעור איבערגעטריבן. עס איז נישט ריכטיק. אויב עס וועט קומען אַ קאַטעגאָרישער באַ-שלוס, וועלכער וועט קלאָר איבערגעגעבן ווערן די יידן און די אַראַבער, וועט אַלץ דורכגעפירט ווערן מיט יעגער נאָרמאַלער לייכטקייט, ווי יעדע קאָלאָניזאַציע-אונטערנעמונג פון אַ ענלעכן פאַרנעם.

און וואָס באַלאַנגט דעם אָפּהיטן דעם שלום און פאַרמיידן אומאָר-דענונגען: האָב איך שוין פאָרגעשלאָגן — פּרוּווט, איך בעט אייך, וואָס מען האָט נאָך נישט געפּרוּווט — פּרוּווט אויפסנייַ אָרגאַניזירן דעם יידי־שן לעגיאָן אַלס אומאָפּטיילבאַרע טייל פון דעם פּערמאַנענטן גאַרניזאָן. פּרוּווט געבן יורידישע אָנערקענונג דער יידישער זעלבסט-פאַרטיידיקונג.

מען קען דאך סיי ווי דאס נישט פארמיידן. „פאקטיש" איז דאך געזעצ-לעך היינט די יידישע זעלבסטפארטיידיקונג. זי איז דא און זי איז נישטא. זי „דארף נישט" עקזיסטירן, אבער זי עקזיסטירט. זי „דארף נישט זיין" באוואפנט, אבער זי איז באוואפנט, איז דאך... א. א. וו. אזוי ארום דענק איך אז מען דארף מאכן דעם אנטשידנדן שריט אין דער נויטיקער ריכ-טונג.

איר האט געוויס געהערט וועגן די פשרות און די צווישן-סטאנציעס, וועלכע מען האט פארגעשלאגן, צווישן זיי דאס צוטיילן דאס לאנד אין קאנטאנען, און די פראגראם פון „פייריטי" (גלייכהייט), אדער „קאנ-צעסיעס" מצד די יידן, א. א. וו." גלויבט אין דער אויפריכטיקייט פון מיינע ווערטער, און דאס איז די אויפריכטיקייט פון דער גאנצער באווע-גונג, די אויפריכטיקייט פון יעדן יידן, וועלכע איך באמי מיך איצט אויסדריקן אין ווערטער: מיר ווילן אז עס זאל מעגלעך זיין א מין צווישן-סטאנציע, אבער זי איז אבסאלוט אוממעגלעך.

מיר קענען נישט מסכים זיין צו איינטיילן דאס לאנד אין קאנטא-נען, ווייל פיל וועלן זאגן, עס וועלן זאגן אפילו מענטשן פון צווישן אייך, אז אויך די גאנצע ארץ-ישראל איז פיליכט צו קליין פאר דעם מענטש-לעכ ציל וואס מיר האבן פאר זיך. א ווינקעלע פון ארץ-ישראל, א „קאנ-טאן" — ווי קענען מיר פארשפרעכן, אז מיר וועלן זיך דערמיט באגנ-גענען? מיר וועלן נישט קענען. מיר וועלן קיינמאל נישט קענען. אויב מיר וועלן אייך שווערן, אז מיר וועלן זיך באנוגענען דערמיט, וועט דאס זיין א שקר. און וואס פאר אן אנדערע קאנצעסיע וואלטן מיר געקענט מאכן? אויף וואס קען מוותר זיין אליוועך טוויסט? ער איז דאך אין א לאגע, אין וועלכער ער קען גארנישט מוותר זיין: די מענטשן פון דעם הויז פאר ארימעלייט זיי דארפן מוותר זיין אויף דעם טעלער זופ — און דא איז נישטא קיין אנדערע ברירה. מיר גלויבן נישט אין א פשרה אין דער ריכטונג. די קאנטאנען זענען א חלום, און די „גלייכהייט" — איז א ליגן. קיין מענטש וועט זיי נישט קענען ארויפצווינגען און קיינער וועט אין זיי נישט גלויבן. און אויב מען פרווט און מ'איז חוזר איבער זיי צו פרווון, פארלענגערט מען נאר דורך דעם יענע לאגע, וועלכע האט, לויט

מיין מיינונג, געפירט צו די אומאָרדענונגען אין די יאָרן 1920, 1921, 1929 און 1936, און וועט אין דער צוקונפט פאַראורזאַכן די זעלבע קאָנסעקווענצן.

עס איז פאַראַן בלויז איין איינציקער וועג צו אַ פשרה. זאָגט די אַראַבער דעם אמת. און דאַן וועט איר געוויר ווערן, אַז דער אַראַבער איז אַ פאַרשטאַנדיקער, דער אַראַבער איז אַ קלוגער, דער אַראַבער איז ווירדיק, דער אַראַבער איז מסוגל צו פאַרשטייען, אַז היות עס זענען פאַראַן 3, 4, אָדער 5 ריין אַראַבישע לענדער, איז נישט מער ווי גערעכט, אויב בריטאַניע פאַרוואַנדלט ארץ־ישראל אין אַ יידיש לאַנד. דאַן וועט פאָרקומען אַ ענדערונג אין דער באַציאונג פון די אַראַבער. דאַן וועט זיין אַ פּלאַץ פאַר אַ פשרה, און דאַן וועט זיין שלום.

עס ליגט אויף מיר אַ זייער אומאַנגענעמע פליכט צו ענדיקן מיינע ווערטער מיט אַ מיינונג וועגן אַ טרויעריקער און פעסימיסטישער מעגלעכקייט: וואָס וועט געשען, אויב ענגלאַנד וועט נישט קענען געבן די יידן דאָס וואָס זיי ווילן? איך וואָלט געוועזן צופרידן זיך צו קענען אָפּהאַלטן פון ריידן וועגן דער מעגלעכקייט — צוליב פאַרשידענע מאָטיוון, צוליב מענטשלעכע מאָטיוון, צוליב יידישע נאַציאָנאַלע מאָטיוון. אָבער מען קען איר נישט פאַרבייגיין. אָפט פרעגן מיר: „אַ וועלכע עס זאָל נישט זיין די באַדייטונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז דאָך דאָס פאַרשפּראָכן געוואָרן אין 1917. אָבער זינט דאַן איז אפשר דאָס בריטישע פאָלק געקומען מיט דער גאַנצער אָרנטלעכקייט צום אויספיר אַז עס קען נישט דערפילן זיין פאַרשפּרעכן”. דאָס לייקן איך נישט. איך טענה, אַז עס קען יאָ אים דערפילן. אָבער אויב מען וועט מיך פרעגן, אויב מען וועט פרעגן יעדן יידן: „וואָס הייסט? קומען די יידן אונדז צושמידן צו אונדזער פאַרשפּרעכן און זאָגן: גיט אונדז דאָס פונט פלייש, גיט אונדז אַ פונט פלייש? מיינע הערן, דערויף ענטפער איך אייך אינעם נאָמען פון דער עקסטרעמסטער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען: „ניין!” אויב בריטאַניע קען דאָס באמת נישט טאָן, (נישט אַז זי וויל נישט, נאָר זי קען נישט), וועלן מיר אָנבויגן אונדזער קאָפּ פאַר איר באשלום. אָבער דאַן וועלן מיר דערוואַרטן פון בריטאַניע, אַז זי וועט טאָן דאָס וואָס עס טוט יעדער מאַנ-

דאטאר, יעדער באגלויבטער שליח, ווען ער זעט אז ער איז נישט בכוח אויסצופירן די שליחות אין דער פראקטיק: זי וועט אומקערן דעם מאנ־דאט...

סער לאורי האמאנד: — צו וועמען?

ז. זש.: — אויב זי וועט דאס טאן, אזוי אז די זאך וועט נישט שאדן די זיכערקייט פון די יידן, וועלכע האבן זיך פארלאזט אויף אייך און זע־נען געקומען קיין ארץ־ישראל צוליב די אויסזיכטן אויף א ציוניסטישער צוקונפט. דאס הייסט אז זי וועט דעם ענין פארציען א שטיקל צייט, און דערווייל וועט דער מאנדאטאר זוכן, צוזאמען מיט די יידן, די צווייטע ברירה. איך האף אז אזא שעה וועט קיינמאל נישט קומען. איך בין אב־סאלוט איבערצייגט אז מען וועט דאס נישט דארפן. איך גלויב אין ענג־לאנד, געגנוי ווי איך האב געגלויבט אין ענגלאנד מיט צוואנציק יאר צו־ריק, ווען איך האב זיך אויפגעשטעלט, קעגן דער איבערוועלטיקנדער מער־הייט פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג, און האב געזאגט: „גיט סאל־דאטן ענגלאנד!" ווייל איך האב אין איר געגלויבט און איך גלויב נאך אין איר. אבער, אויב בריטאניע קען באמת נישט דורכפירן דעם מאנדאט — וועלן מיר זיין די וועלכע וועלן פארלירן. אוןביידע צוזאמען וועלן מיר טראכטן וואס קען מען טאן. אבער עס איז נישט ריכטיק, אז בריטאניע זאל ווייטער פארבלייבן ביים מאנדאט, און זאל מאכן אן אנ־שטעל אז ער „איז שוין פארווירקלעכט געווארן", אין דער צייט ווען מיין פאלק לײדט נאך אין די תפוצות און בילדעט בלויז א מינאריטעט אין ארץ ישראל. ניין, דאס קען נישט זיין. דאס איז נישט קיין „קריקעט". דעריבער, מיינע הערן, זאג איך, אז דאס קען נישט זיין, און ס'וועט נישט זיין.

איך דאנק דער קאמיסיע הארציק פאר איר איידלקייט און אויפ־מערקזאמקייט. און איך בעט אייער אנטשולדיקונג פאר מאנאפאליזירן אייער אויפמערקזאמקייט במשך אנדערטהאלבן שעה צייט.

כבוד זשאבאטינסקי

דער פאַרהער

דער פּאַרזיצנדער: — דער הער דאַרף האָבן אין זינען, אַז פיל פּונקטן וועלכע ער האָט עקספּאָנירט פאַר אונדז זענען אונדז נישט געווען אומבאַקאַנט. דעריבער איז מעגלעך אַז ער האָט זיי עקספּאָנירט אויף אַ זייער איבערגעאיילטן אופן. פאָלגלעך וואָלט איך אים וועלן שטעלן איינע אָדער צוויי פראַגן. מיין ערשטע פראַגע איז אָט די: מיין הער, און די וועמען מיין הער רעפּרעזענטירט, די רעוויזיאָניסטן, און אויך די מענטשן וועמען איך וואָלט, פיליכט, געקענט אָנרופן ציוניסטן פאַנאַטיקער, אייערע מיינונגען זענען איינשטימיק אין פיל פּונקטן, נישט אמת?

ז. זש.: — זיי דאַרפן דאָס באַשליסן.

דער פּאַרזיצנדער: — די פראַגע וואָס איך האָב אייך געוואָלט שטעלן איז אָט די: מיין הער האָט ביז איצט אָנגענומען די שטעלונג פון אַ שופט, אַז איך האָב כמעט מורא אים צו שטעלן די פראַגע. איך האָב געוואָלט פרעגן וואָס איז די הויפּט פּאָליטישע ליניע וועלכע טיילט אָפּ צווישן אייך און די וועלכע איך וואָלט געקענט אָנרופן אַלגעמיינע ציוניסטן?

ז. זש.: — זאָל מיר געטאָן ווערן אַ פּערזענלעכע טובה און דערלויבט ווערן אַריבערגיין די דאָזיקע פראַגע. ווייל דאָס קען מיך פירן צו דער קריטיק פון אַן אַנדער טיפּ יידן, און דווקא פון דעם וויל איך מיך אָפּהאַלטן. אַנשטאָט דעם זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערקלערן, אַ וועלכער איז דער הויפּט-אונטערשיד צווישן אונדז און זיי. היינט איז דער הויפּט-אונטערשיד אין דעם, וואָס מיר פאָדערן אַז די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין דער יידישער אַגענץ זאָל באַזירט ווערן אויפן פּרינציפּ פון אַלגעמיינע וואַלרעכט, אָבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַזירט די רעפּרעזענטאַנץ אויף אַ באַשטימטן אָפּצאָל, וואָס ווערט גערופן „שקל”, אויף דעם וואַלרעכט וואָס ווערט געקויפט פאַר געלט.

דער פּאַרזיצנדער: — איך בין מסכים, אָבער דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון דעם אַפּאַראַט.

ז. זש.: — אויב איר ווילט אַזוי.

דער פאָרזיצנדער: — איך וויל נישט זיין צודרינגלעך, אויב איך ווילט נישט דערקלערן וואָס איז דער הויפּט־אונטערשיד צווישן אייערע אָנשויאונגען און די אָנשויאונגען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

ז. זש.: — איך קאָן פאָרמולירן די זאַך אין אַ זייער מעסיקער פאָרם און זאָגן, אַז לויט מיין מיינונג קען מען זיי קריטיקירן פאַר דעם, פאַר וואָס איך האָב געוואָלט קריטיקירן פריער דאָס קאָלאָניאַלע מיניסטעריום: זיי האָבן נישט קיין פּלאַן. זיי האָבן נישט קיין פּראָגראַם, זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּראָגראַם פון דער זאַך צו וואָס זיי צילן ווען זיי זאָגן „דער ישוב פון ארץ ישראל” אָדער „די פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער פּראָגראַם”. זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּראָגראַם, און די ערשטע פּרוּוון איבערצוזעצן דאָס וואָרט „ציוניזם” אויף דער שפּראַך פון באַשטימטע אַרטיקלען און פאָדערונגען צום מאַנדאַטאָר און פון באַשטימטע פאָדערונגען לגבי אונדז (בתוכם דאָס נעמען אַ באַשטימטע שטעלונג לגבי סאָציאַלע פראַגן), די ערשטע פּרוּוון אָנצוצייכענען אַזאַ פּלאַן איז געווען די רעוויזיאָניסטישע פּראָגראַם. דאָס איז דער אונטערשיד צווישן אונדז און זיי.

דער פאָרזיצנדער: — איר מיינט צו זאָגן, אַז ביי אייך זענען די פּראָגראַמען רעדאַקטירט אין אַ מער באַשטימטער פאָרעם?

ז. זש.: — יאָ.

דער פאָרזיצנדער: — מער באַשטימט ווי ביי אַנדערע?

ז. זש.: — איך דאַרף זאָגן, אַז איך דענק אונדזערע פּראָגראַמען זענען קלאָרע.

דער פאָרזיצנדער: — איך וויל נישט זיין צודרינגלעך.

ז. זש.: — נישט אַז אונדזערע פּראָגראַמען זענען מער קלאָר, אונדזערע פּראָגראַמען זענען קלאָר און זייערע פּראָגראַמען זענען נישט קלאָר.

דער פאָרזיצנדער: — מיין העך מיינט, אַז דער גאַנצער שכל געפינט זיך ביי אייך?

ז. זש.: — עס איז אַ גרויסע פראַגע, אויב עס איז נויטיק מער „שכל” צו גיין אויפן גלייכן וועג. איך ווייס נישט. דאָס איז אַ ענין פאַר דיסקוסיע.

דער פּאָרזיצנדער: — איך האָב נישט געפרעגט די דאָזיקע פראַגע, אָבער מיר שיינט, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַשטימטער פּונקט אויף וועלכן מיין הער וויל זיך אָפּשטעלן. מיין הער האָט אונדז געזאָגט, אַז אַ טייל פון די גבית-עדות וואָס איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער יידישער אַגענץ אין דעם ענין פון אַנמיגראַציע, שיינט מיר האָט ער זיך באַנוצט מיטן וואָרט „איז פאַלש"?

ז. זש.: — יאָ.

דער פּאָרזיצנדער: — מיר טוט לייד וואָס מיר זענען אַזוי פאַרפּירט געוואָרן. איז פאַראַן אַ באַשטימטער פּונקט, בנוגע וועלכן אייערע געדאַנקען פונאַנדערגיין זיך?

ז. זש.: — יאָ.

דער פּאָרזיצנדער: — וועט איר אונדז וועגן דעם אינפאָרמירן?

ז. זש.: — יאָ. אין דעם מעמאָראַנדום פון דער יידישער אַגענץ ווערט געזאָגט, אַז זיי האָבן געמאָלדן דער קאָמיסיע, אַז דאָס פאַרטיילן פון אימיגראַציע-סערטיפיקאַטן צווישן די וועלכע זענען נישט אירע מיטגלידער איז געמאַכט געוואָרן אָן אונטערשיד. איך האָב דאָס געלייענט אין זייער ציימונג. דאָס איז פאַלש. עס איז פאַראַן אַ אונטערשיד, אַמווינציקסטן, לגבי איין אָרגאַניזאַציע — לגבי דעם „ברית תרומפּלדור", — און דער אונטערשיד איז געמאַכט געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס, דורך דער יידישער אַגענץ, נאָר צוליב איין מאָטיוו: ווייל דער „ברית תרומפּלדור" איז אַרויסגעטראָטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער ענין איז פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַר דער קעניגלעכער קאָמיסיע אין אַ מעמאָראַנדום פון בית"ר. אייער סעקרעטאַר האָט געשריבן צו אונדזערע פאָרשטייער אין ארץ ישראל, אַז ס'איז נישט געווען קיין צייט, אָדער מעגלעכקייט, זיך צו באַגעגענען מיט דעם בית"ר-דעלעגאַט (אונדזער יוגנט-אָרגאַניזאַציע), אָבער דעם מעמאָראַנדום זאָלט איר איבערלייענען. מיר וועלן אייך שיקן דעם מעמאָראַנדום.

דער פּאָרזיצנדער: — נאָר נאָך איין פראַגע האָב איך געוואָלט פרעגן. מיין הער האָט לענגער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָיעקט פון אַ לעגיסלאַטיוון ראַט און האָט זיך באַנוצט, דאַכט מיר, וועלנדיק קריטי־

קירן, מיטן אויסדרוק „מען האָט מיט אים געפאַכעט פאַר די אויגן פון די אַראַבער". איך מיין, אַז מיין הער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז בעסער וואָלט געווען אים נישט פאַרלייגן פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

ז. זש.: — יאָ.

דער פאָרזיצנדער: — איר וועט מיר דערלויבן אייך צו פרעגן ווי אַזוי אינטערפרעטירט איר דעם אַרטיקל 2 פונעם מאַנדאַט? מיין הער קען אים געוויס גוט. אַז די מאַנדאַטאָר איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַז דאָס לאַנד זאָל אוועקגעשטעלט ווערן אין מלוכה-באַדינגונגען — מיין הער קען די ווערטער — און דאָס זעלבע „אַנטוויקלען אַנשטאַלטן פאַר אויטאָנאָ-מיע". איז נישט, פאַקטיש לויט דעם דאָזיקן אַרטיקל, די פליכט פון דער מאַנדאַט-מאַכט, פאַרצולייגן די „אַנטוויקלונג פון אינסטיטוציעס פאַר אויטאָנאָמיע" און בתוכם דעם לעגיסלאַטיוון ראַט, און א. וו.? מיר שיינט אַז מיין הער רעדט וועגן דעם, גלייך ווי דאָס וואָלט אייגנטלעך געווען אַן אומרעכט, כמעט אַ פאַרנאַכלעסיקונג פון פליכטן מצד דער מאַנדאַט-מאַכט, ווען זי „פאַכעט" — לויט זיין אויסדרוק — מיט אַזעלכע פראָיעקטן פאַר די אויגן פון די אַראַבער.

ז. זש.: — געוויס וועט מיר די קאָמיסיע אַנטשולדיקן דאָס וואָרט „פאַכען".

דער פאָרזיצנדער: — דאָס וואָרט איז נישט וויכטיק. עס איז באמת געווען אַ געלונגענער אויסדרוק.

ז. זש.: — פיליכט איז דאָס וואָרט צופיל פאָלקסטימלעך און מען דאַרף זיך מיט דעם נישט באַנוצן פאַר אַזאַ געהויבענער אינסטיטוציע. דער אַרטיקל 2 איז אַ פליכט. עס איז אין דעם פאַראַן צוויי באַדייטונגען. „זי וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך אַז דאָס לאַנד זאָל אוועקגעשטעלט ווערן אין פּאָליטישע באַדינגונגען", און א. וו. וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די גרינדונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים, ווי עס זאָגט זיך אין דעם אַריינפיר, און די אַנטוויקלונג פון אינסטיטוציעס פאַר אַן אויטאָנאָמיע". עס זענען דאָ פאַראַן צוויי פאַרפליכטונגען. און די צווייטע דאַרף מען פאַרשטייט זיך אַזוי פאַרווירקלעכן, אַז עס זאָל נישט בטל ווערן די רעאַליזירונג פון דער ערשטער. איר קענט געוויס אונזער יידישע פאָדערונג, — און איך סאָלי-

דאריזיר מיך מיט איר אבסאָלוט, — אז דער הויפּטציל פונעם מאַנדאַט איז אויפשטעלן די יידישע נאציאָנאַלע היים. און אַלע איבעריקע מיטלען — כאָטש זיי זענען, אָן ספק, זייער נויטיק, — דאַרף מען זיי, דעריבער „אנטוויקלען" נאָר אין אַזא מאָס און אין אַזא טעמפּ, אַז זיי זאָלן נישט שטערן די הויפּט־אויפגאַבע פון אויפשטעלן די יידישע נאציאָנאַלע היים. מיט מענהן אַז „אנטוויקלונג" איז טייטש שטופנווייזע אנטוויקלונג, און יע־נע אנטוויקלונג — שטאַפּלען, וועלכע קענען שטערן די מעגלעכקייטן פון אַ יידישער עליה, מאָר מען נישט, פאַרשטייט זיך צואיילן, כל זמן די דאָזיקע געפאַר איז נישט פאַרשוואונדן. און די דאָזיקע געפאַר, פאַרשטייט זיך, עקזיסטירט. מיר וואָלטן געקענט ברענגען די ווערטער פון פיל בריטישע דעלעגאטן אין גענף לויט וועלכע זיי האָבן מודה געווען, אַז עס וועלן נויטיק זיין אָן אַ צאָל באַוואָרעניש, אַז דער לעגיסלאַטיווער ראַט, אַזוי ווי ער איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דורך סער ארטור וואקאפּ, ער זאָל נישט שעדיקן די יידישע עליה. אָט צו דעם צילן מיר. איך לייקן נישט קיין איין מאָמענט, אַז די מאַנדאַטור איז מחויב צו פירן דאָס לאַנד צו אויטאָנאָמי־שע אינסטיטוציעס. די מאַנדאַטור האָט פאַרשפּראָכן צו פירן דאָס לאַנד צו אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס — דורך אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, וועלכע זאָלן בשום אופן און אויף קיין מאָמענט נישט צונישטמאַכן די הויפּט־פליכט פון דער מאַנדאַטור. אין יענעם ארטיקל זאָגט זיך גאָרנישט וועגן לעגיסלאַ־טיוון ראַט. וואָס עס זאָגט זיך דאָ איז „אינסטיטוציעס פאַר אויטאָנאָמיע". און איך דאַרף אייך נישט זאָגן, ווי ברייט עס איז דער תחום פון „אויטאָ־נאָמע אינסטיטוציעס".

דער פאָרזיצנדער: — איך בין מסכים. איך האָב געוואָלט אונטער־שטרייכן פאַר אייך אָט דעם פונקט, כדי אים קלאָר מאַכן — אויב פונעם כלל פון יענע אינסטיטוציעס פאַר אויטאָנאָמיע, וועלכע דער מאַנדאַטאַר — איך וועל נישט זאָגן אַז ער איז מחויב זיי צו אנטוויקלען, אָבער דאָס איז דער באַפעל וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, אויב פון זייער כלל שליסט אויס מיין הער דעם לעגיסלאַטיוון ראַט?

ז. זש.: — איך שליס נישט אויס, נייערט איך לייג אָפּ אויף שפּע־טער.

דער פּאָרזיצנדער: — „אַפּליינן אויף שפּעטער — איז דאָך אַ פּאַר־נעפּלטע שפּראַך, איך ווייס נישט וואָס זי באַטייט. דאָס קען הייסן אויף אַ גרויסער צייט — זייער אַ גרויסער צייט.

סער האָרם רומבאָלד: — ביז איר וועט האָבן אַ מאַיאָריטעט?

ז. זש.: — ביז מיר וועלן האָבן אַ יידישע מאַיאָריטעט. נאָך מיין מיינונג איז דער זיכערסטער וועג צו וואַרטן, ביז עס וועלן נישט מעגלעך זיין מער קיין אומאָרדענונגען. אָבער, ווי אַ טרוימער קאָן איך אָננעמען אויך אַנדערע מעגלעכקייטן. נאָר וואָס האָב איך אָנגעדייטעט אויף אַ מעגלעכקייט אין אַ ענדערונג אין דער שטימונג פון די אַראַבער, אויב מען זאָל זיי זאָגן אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן: „בריטאַניע האָט פאַרשפּראָכן צו מאַכן ארץ ישראל אַ יידיש לאַנד דורך אימיגראַציע. אייך וועט נישט געשען קיין בייז, קיין מענטש וועט נישט אַרויסגעשטויסן ווערן. איר וועט דאָ לעבן, עס וועלן גאַראַנטירט ווערן אייערע מינאָריטעטן־רעכט, אויך אויב איר וועט זיין אַ מיעוט. אָבער די יידישע אימיגראַציע וועט פאָרגעזעצט ווערן ביז זיי וועלן ווערן אַ מאַיאָריטעט". אויב איר וועט דאָס זאָגן מיט דער נויטיקער קלאָרקייט, וועט פאָרקומען אַ ענדערונג אין דעם גייסט פון די אַראַבער. איך קאָן דאָס נישט באַווייזן, אָבער איך בין זיכער אַז אַזוי וועט זיין. אין דעם מאָמענט וואָס עס וועט פאָרקומען די ענדערונג, און עס וועלן איר דערקענען די מענטשן וועלכע זענען גליקלעכער פון מיר, וועלכע לעבן אין ארץ ישראל, אין דעם מאָמענט ווען די יידן פון ארץ ישראל וועלן גלויבן, אַז עס איז געשען אַ ענדערונג אין דעם גייסט פון די אַראַבער, און אָרנטלעכע און אומפּאַרטייאישע באָאָבאַכטער וועלן זאָגן, אַז די אַראַבער האָבן שלום געמאַכט מיט דער פּערספּעקטיוו — דאַן וועל איך זיין גרייט צו ראַטן מיין פאָלק, אַז זיי זאָלן דיסקוטירן דעם ענין אַרום אַ קיילעכיקן טיש. דאַן וועלן מיר, פיליכט זיך קענען פאַרזאַמלען ווי אַ גליקלעכע משפחה פון דריי — דער ייד, דער אַראַבער און דער בריטישער ראַטגעבער. אָבער דער זיכערסטער וועג איז דער וואָס איר האָט אים אָנגענומען ווי מיין פאָרשלאָג: וואַרט אויס ביז מיר וועלן דאָרט ווערן אַ מאַיאָריטעט, און דאַן וועט איר קענען גרינדן אַ לעגיסלאַטיוון ראַט, און

דאן וועט די זאך פארקומען געגוי אין די גרעניצן פון דער באדייטונג פונעם ווארט „אנטוויקלונג”.

דער פארזיצנדער: — דאס הייסט, אז ווען דער פארמולאטאר האט זיך באנוצט מיט די ווערטער „אנטוויקלונג פון אויטאנאמע אינסטיטוציעס”, האט ער אנשרייבנדיק די ווערטער אין זיין הארצן זיך ארומגעצוימט מיט פיל באשרענקונגען, נישט אזוי?

ז. זש.: — הייסט דען דאס באשרענקונג אויב ער האט געטראכט אז די אנטוויקלונג דארף זיין א לאנגזאמע?

דער פארזיצנדער: — נישט קיין לאנגזאמע נאר, לויט איך פארשטיי, זאגט מיין הער, אז כל זמן די אראבער געפינען זיך אין א געוויסער שטימונג, אדער כל זמן זיי זענען נישט קיין מיעוט, וויל ער נישט קיין לעגיסלאטיוון ראט, נאר ער וויל אז די יידן זאלן זיין די מאיאריטעט אינעם לאנד.

ז. זש.: — געוויס.

דער פארזיצנדער: — אויב אזוי, איז דאס נישט אין תוך מאדנע?

ז. זש.: — וועט איר מיר דערלויבן דאס מסביר זיין אין אן אנדער פארם? דער מאנדאט באפעלט דעם בריטישן מאנדאטאר צו העלפן א זאך וואס איז א פראצעס: צו דער שאפונג פון א יידישער נאציאנאלער היים. אזא זאך עקזיסטירט נאך נישט. מען דארף איר נאך אויסבויען. דאס איז נישט קיין זאך וואס איר קענט באפעלן עס זאל דערשיינען תיכף — עס דארף זיך אנטוויקלען. צוזאמען דערמיט אויף א פאראלעלן אופן צו דעם דאזיקן פראצעס — גייט אן די אנטוויקלונג פון די אנשטאלטן פאר אן אויטאנאמיע. איך דענק, אז די צייט פון דעם העכסטן טערמין אין דעם אנטוויקלונגס-פראצעס פון די אנשטאלטן פאר אן אויטאנאמיע דארף אזוי באשטימט ווערן, אז ער זאל אויספאלן אין איינער און דער זעלבער צייט מיט דער פארווירקלעכונג פונעם ערשטן פראצעס. ווען עס וועט פארענדיקט ווערן די יידישע נאציאנאלע היים, וועט אויך קענען פארענדיקט ווערן דער בנין פון דער אויטאנאמיע. אבער צו וואס אויסקלייבן די מער געפערלעכע העלפט (און אלע ווייסן, ווי געפערלעך זי איז) איר דורכצופירן איידער עס וועט פארטיק ווערן די צווייטע העלפט? סיידן אויב מען האט בדעה

צו געבן די אַראַבער „דעם רעוואָלווער“, כדי זיי זאָלן האָפן צו באַקומען פאַר אים מיט דער צייט אויך די „אַמוניציע“, אָדער יענע „שטיקל ברויט“ וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען צו „אַ גאַנצן לאַבען“.

דער פאָרזיצנדער: — מיין הער האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט זייער אַ שווערע פראַגע פון צייטן, פון באַוועגונג און דאָפּלטע פעריאָדן.

ז: זש.: — מיין לאָרד, דאָס איז נישט שווער. פון דער שעה וואָס איר וועט מסכים זיין צום פרינציפּ, וועט דען זיין שווער צו באַשטימען דעם מאָמענט, אין וועלכן עס איז דערגרייכט געוואָרן, עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, די יידישע נאַציאָנאַלע היים? דער איינפאַכסטער וועג איז צו פרעגן די יידן. איך האָף, אַז איר וועט אַלע מסכים זיין, אַז כל זמן די יידן זאָגן אַז די יידישע נאַציאָנאַלע היים איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן, איז זי נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן. אָבער אין דעם מאָמענט ווען די יידן, די פאַרשטענדיקע און ערנסטלעכע, וועלן זאָגן: „מיר מיינען, אַז זי איז שוין פאַרווירקלעכט און פאַרענדיקט געוואָרן“, דאַן וועט האָבן געקומען די שעה צו דערפילן אויך די צווייטע פאַרפליכטונג.

סער האָרס רומבאָלד: — אַ וויכטיקער לידער האָט אונדז געזאָגט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. עס וועט קיינמאָל נישט קומען די שעה ווען מען וועט קענען זאָגן, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע היים עקזיסטירט.

ז. זש.: — איך בין איבערראַשט צו הערן וועגן אַ מענטשן וואָס איז אַזאַ עקסטרעמיסט. לויט מיין מיינונג וועט דאָס זיין אַ סך לייכטער: 51% פון דער באַפעלקערונג יידן — און די זאַך איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דער פאָרזיצנדער: — דער מאַן וואָס האָט דאָס געזאָגט איז געווען אַן אַלגעמיינער ציוניסט.

סער האָרס רומבאָלד: — מיין הער האָט צו אונדז גערעדט וועגן דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג און האָט געמאַכט חשבונות וועגן די צאָלן וועלכע וועלן זיך קענען באַזעצן אין ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן. געדיכטקייט פון באַפעלקערונג איז אָפּהענגיק פון אַנדערע פאַקטאָרן — איך בין זיכער אַז איר וועט מסכים זיין דערמיט — פון דער פּרובט־

בארקייט פון דער ערד, פון אוצרות מינעראלן, פון זייער נאָענטקייט צו מערק און צו אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן פונעם לאַנד. מיינט איר, אלזאָ, אַז די דאָזיקע פאַקטאָרן זענען פאַראַן אינעם לאַנד?

ז. זש.: — אַ טייל זענען פאַראַן, און אַ טייל זענען נישט פאַראַן. געוויס, מיר אַלע ווייסן אַז די פּרוכטבארקייט פון דער ערד איז נישט צופרידנ־שטעלנד. הגם מיר אַלע באַשטייען דערויף, אַז מען קען איר פאַרבעסערן, אַז מען קען איר פיל פאַרגרעסערן, פיל פאַרשענערן. אָבער מיר לייקענען, אַז אין קאָלאָניזאַציע פון אונדזער צייט, אָדער אין דעם געזעץ פון באַפעל־קערן אין אונדזער צייט, שפּילט ערד־אַרבעט יענע אַנטשיידנדע ראָל, וועל־כע מען האָט איר צוגעשריבן מיט יאָרן צוריק. אין פּרוכטבאַרקייט זעען מיר איינעם פון די אומפאַרמיידלעכע פאַקטאָרן, אָבער די ווינציקער וויכ־טיקע. נישט צו דערמאָנען אַ לאַנד ווי ענגלאַנד, וואָס די גאַנצע וועלט איז מקנא איר געזונטע סטרוקטור, און דער אַגריקולטור־ישוב איז אין איר זייער קליין לגבי דער איבעריקער באַפעלקערונג. אָבער עס איז אַ פאַקט וואָס פאַרדינט אונטערגעשטראָכן צו ווערן, אַז אין יעדן לאַנד איז דער פּראָגרעס פאַרבונדן מיט דעם רעדוצירן די ראָל וואָס די אַגריקולטור דער־פילט אין דער ווירטשאַפט פונעם לאַנד. און אַזוי דענקען מיר, אַז דער גורל פון ארץ ישראל, אַמווינציקסטן, וואָס איז נוגע די יידן (אָבער, איך מיין, אַז אויך די אַראַבער וועלן פּראָגרעסירן אין דער ריכטונג), וועט זיין אַ קאָנצענטרירונג אין די שטעט, די פאַרשטאַרקונג פון דער אַנטשיידענער וואָגיקייט פון די נישט־אַגריקולטור־געביטן. און דעריבער איז דער גראַד פּרוכטבאַרקייט פון דער ערד — כּמעט איך אַנערקען איר חשיבות — נישט אַנטשיידנד. און אַנטשידענע חשיבות האָבן, לויט אונדזער מיינונג, באַזונדערס ביי אַזאַ אינדוסטריעל און האַנדלס פאָלק ווי אונדזערס, די אייגנשאַפטן פון די איינוואַנדערער. מיר זאָגן, אַז די אויפנאַמס־פעאיקייט פון אַ לאַנד איז אָפּהענגיק פון דעם מענטשן. און נאָך געבן מיר צו און זאָגן, אַז אפילו די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע איז אָפּהענגיק נישט פון דער נאַטור, נאָר פון דעם מענטש. געוויס קענט איר די מעשה מיטן מענטש, וואָס האָט געטענהט, אַז עס וועט נישט קענען עקזיסטירן קיין טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאַנקאַשיר, ווייל בוימוואָל וואַקסט דאָך נישט אין ענג־

לאנד, און קיין שאָקאָלאַד פאבריקאציע קען נישט עקזיסטירן אין שווייצאריע, ווייל דאָרט וואקסן דאָך נישט קיין קאקאו-ביימער. דאָס אַלץ האָט נישט צו טאָן מיט דער פּראָדוקציע. איך זאָג, אַז ווען אין ענגלאַנד זאָל וואקסן בוימוואָל, אָבער ווען זי זאָל נישט האָבן די איינוווינער פון לאנקאשיר, איז מעגלעך אַז דאָרט וואָלט נישט געווען אויפגעקומען קיין שום טעקסטיל-אינדוסטריע. די וויכטיקסטע „נאַטור-אוצרות" פון יעדן לאַנד זענען די מענטשן, זייער איבערגעגעבנקייט, דערפארונג, קולטור, זייערע באַציאונגען אין דער וועלט וועלכע פארלייכטערן דעם אומטויש, זייער פעאיקייט צו מאָבילייזירן קאַפּיטאַל, ענטוועדער אויף אַן אינדיווידועלן אָדער קאָלעקטיוון אופן. מיר זאָגן אַז די דאָזיקע ארץ-ישראל — וואָס איר קענט נישט איגנאָרירן די מעלות פון איר געאָגראפישער אוביקאציע — וועט אין דער נאָענטער צוקונפט זיין זייער געדיכט באפעלקערט. פּילייכט וועלן נישט מיר זיין אירע איינוווינער — דאָס איז אַן אַנדער פראגע — אָבער צוליב דעם פּלאַץ וואָס זי פארנעמט וועט זי האָבן אַ גרויסע צוציאונגס-קראפט. מיר קענען איר פארוואַנדלען אין אַ זייער וויכטיקן לאַנד פון אינדוסטריע און קאָמערץ. און דאָס פעלן פון רוי-מאַטעריאַלן וועט — שיינט מיר נישט שטערן מער ווי דאָס שטערט מאַנטשעסטער.

סער לאַרי האַמאָנד: — מיין ער האָט נאָר וואָס באַרירט די מעגלעכקייט — קיין שום אַנדערער עדות וואָס איז דערשינען פאַר אונז האָט נישט באַרירט דעם ענין — אַז בריטאַניע זאָל פּילייכט זיין געצוווּנגען אָדער פּאַרפליכטעט זיך אָפּזאָגן פונעם מאַנדאַט. און ווען איך האָב געפרעגט צו וועמען וועט זי אים איבערגעבן, איז געווען זיין פאָרשלאָג, אויב איך האָב אים ווי ס'באַדאַרף צו זיין תופס געווען, אַז זי דאַרף זיך באַראָטן מיט די יידן, אַז די יידן און די מאַנדאַט-מאַכט דאַרפן זיך דאַן צוזאַמען באַראָטן, וועער וועט זיין דער יורש פון בריטאַניע ביים איבערנעמען דעם מאַנדאַט. האָט מיין ער נישט דערמאָנט די אַראַבער נאָר ווייל ער האָט פאַרגעסן? צוויי דריטל פונעם לאַנד געהערן איצט צו די אַראַבער, איז שוין זשע דאַרף מען זיך מיט זיי גאָרנישט באַראָטן?

ז. זש.: — ניין.

סער לאַרי האַמאָנד: — אינגאַנצן נישט?

ז. זש.: — אינגאנצן נישט. דער מאנדאט איז געגעבן געוואָרן אָפּ־געזען פון דער באציאונג פון די אראבער. דער פארשפרעכן וואָס הייסט באלפור־דעקלאראציע איז אונדז געגעבן געוואָרן.

סער לאארי האמאָנד: — און ס'איז נישט געווען קיין שום באוואָרע־ניש, אז מען זאָל נישט אָנרירן דעם סטאטוס און די בירגער און רעליגיע־זע רעכט פון די אראבער?

ז. זש.: — אויב ס'איז געווען מעגלעך איבערצוגעבן דעם מאנדאט בריטאניע, און זי האָט אים געקענט אָנגעמען, נישט פרעגנדיק ביי די אראַ־בער, פארוואָס זשע זאָל אַן אַנדערע מלוכה אים נישט קענען איבערנעמען, נישט אָנפרעגנדיק ביי די אראבער? אָבער אויב עס איז נישט אָנשטענדיק, נישט יושרדיק אָנצונעמען אַ מאנדאט אָן דער הסכמה פון די אראבער, טאָ פארוואָס האָט איר אים אָנגענומען? און אַז איר האָט אים יאָ אָנגענו־מען, הייסט דאָס, אַז דאָס פארמינערט נישט פון דער קראפט פון דעם דאָ־זיקן דאָקומענט. הייסט דאָס: אַז מען מעג זיך פארלאָזן אויף ענגלאנד, אַז זי וועט זאָרגן פאר די אראבער, אָדער פאר דער אראבישער מינאָריטעט. און אפילו אַז עס וועט פאָרקומען אַ באראטונג, — איך האָף, אַז זי וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען — צו זוכן אַ נייעם מאנדאטאָר, איז ענגלאנד גענוג פעאיק און גענוג באגלויבט אַז זי וועט זאָרגן, ווער דער נייער מאנ־דאטאָר זאָל נישט זיין, ער זאָל געבן גענוגנדע גאראנטיעס אַז ער וועט פארטיידיקן די אראבער, סיי אויב זיי וועלן זיין אַ מאיאָריטעט און סיי אויב זיי וועלן זיין אַ מינאָריטעט.

סער לאארי האמאָנד: — און דער ארטיקל 6 פונעם מאנדאט, וועלכן מיין הער, פארשטייט זיך, קען גוט, — אַז די אדמיניסטראציע פון ארץ־ישראל דארף העלפן אַ יידישער אימיגראציע, א. א. וו. אָפּהיטנדיק אין דער זעלבער צייט אַז זיי זאָלן נישט בארירן די רעכט און דעם סטאטוס פון דער איבעריקער טייל באפעלקערונג, — מיינט מיין הער, אַלזאָ, אַז ער וועט דורכגעפירט ווערן אין דער פאָרעם ווי ער האָט פאר אונדז געשילדערט?

ז. זש.: — געוויס, דאָס וועט דורכגעפירט ווערן פון ענגלאנד, אָן שום ספק. אָבער מיר שיינט אַז איך וואָלט נעקענט אָנרופן ביי זייערע נע־מען אייניקע אַנדערע מלוכות, אויף וועלכע איך, אלס אייראָפּעער, וואָלט

געווען גרייט זיך צו פארלאזן אז זיי וועלן דורכפירן דעם מאנדאט מיט דעם זעלבן גראד יושר ווי ענגלאנד. איז דען פאראן צווישן אונדז עמיץ וואס צווייפלט, אז עס זענען פאראן נאך פעלקער, קולטורעלע און יושר־דיקע?

דער פארזיצנדער: — בעסער נישט אנצורופן קיין נעמען.

ז. זש.: — איך האב נישט אנגערופן קיין נעמען, אבער עס זענען פאראן.

סער לאארי האמאנד: — און אזוי שיינט מיר, אז מיין הער האט אנ־גערירט דעם פאל פון מיסטער ריטשמאנד, וואס ער האט אונדז דערמאנט. מיין הער האט געזאגט: וואס דארפן די אראבער לערנען פון דעם? אבער, עס איז אינטערעסאנט, וואס מען האט פאר אונדז עדות געזאגט אז די בא־שטימונג פונעם ערשטן הויך־קאמיסאר, סער הערבערט סעמיועל, האט אויפגעוועקט קעגנערשאפט צווישן די אראבער. זיי האבן געזאגט — דאס געפינט זיך אין דעם בריוו־טויש, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן דורך מיסטער ווינסטאן טשורטשיל — זיי האבן געזאגט: אט האט איר בא־שטימט פארן ערשטן הויך־קאמיסאר אן אנגעזעענעם, געטרייען און פלאם־פייערדיקן ציוניסט. געדענקט דאס מיין הער?

ז. זש.: — יא.

סער לאארי האמאנד: — און דענקט נישט מיין הער, אז די בײדע זאכן זענען מבטל איינס ס'אנדערע? פון איין זייט זענען פאראן יידן, וועל־כע זאגן זיך ארויס וואס פאר א אויספירן זיי מאכן פון דער באשטימונג פון מיסטער ריטשמאנד, און פון דער צווייטער זייט איז פאראן דער מאנ־דאטאר, וואס באמיט זיך אויסגלייכן די וואגשאל.

ז. זש.: — איך דענק אז מען דארף די אראבער גוט געבן צו פארשטייען: „דער מאנדאט באטייט — דאס שאפן א יידישע מדינה, און דעריבער האבן מיר געשיקט צו אייך הויך־קאמיסארן, וועלכע באציען זיך, לויט אונדזער מיינונג, מיט סימפאטיע צו דעם דאזיקן געדאנק". עפעס אנדערש איז געבן די אראבער דעם געדאנק: „מיר זענען געווען געצוווּנגען צו פאר־שפרעכן די יידן צו שאפן א יידישע נאציאנאלע היים, אבער כדי צו שאפן א קעגנגעוויכט, שיקן מיר קיין ארץ ישראל א הויכן באאמטן, וועלכער איז

א שונא פונעם מאַנדאַט, וועלכער באַצייכנט אים אַלס אומרעכט — און ער זאָגט, אַז די יידן עקספּלאָאַטירן זייער פּריווילעגיע אַלס צעשפּרייט פאָלק, דערציילנדיק אין דער זעלבער צייט מיט צביעות דער וועלט, אַז די דאָזיקע לאַגע איז נישט איבעריק אַנגענעם". דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. די מסקנות וואָס מען האָט געמאַכט פון דער באַשטימונג פון סער הערבערט סעמיועל זענען אבסאָלוט געווען אַמפּלאַץ. די מסקנות וועלכע מען דאַרף ציען פון דער באַשטימונג פון מיסטער ריטשמאָנד זענען אבסאָלוט נישט געוווּנטשן און זענען אין ווידערשפּרוך צו דעם מאַנדאַט.

סער לאַארי האַמאָנד: — אויב אַזוי, וועט מיין הער נישט מסכים זיין צו דעם וואָס סער הערבערט סעמיועל האָט געזאָגט ווען ער איז געווען הויך-קאָמיסאַר, אַז „די מאַס אין וועלכער די יידן וועלן קענען פאַרווירקלעכן אין ארץ-ישראל זייער נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס איז אָפּהענגיק פון די רעכטן פון אירע היינטיקע איינוווינער?"

ז. זש.: — איך בין מיט אים נישט מסכים. און אַזוי ווי מיין הער ציטירט סער הערבערט סעמיועל, וועט ער אויך מיר דערלויבן אים ציטירן? די רעוויזיאָניסטן דעפינירן דעם ציל פונעם ציוניזם מיט ווערטער וועלכע זענען גענומען געוואָרן פון סער הערבערט סעמיועלס א רעדע, און איך קאָן זיי איבערחזרן פאַר אייך.

דער פאָרזיצנדער: — פון דער זעלבער רעדע?

ז. זש.: ניין, פון אַן אַנדערער. ער האָט געזאָגט, אַז דער ציל פונעם ציוניזם איז — און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע, צוויי יאָר נאָכדעם — „אַז במשך פון דער צייט וועט ארץ-ישראל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויטאָנאָמישער דאָמיניע מיט אַ סטאַבילער יידישער מאַיאָריטעט". ער האָט דאָס געזאָגט ווען ער איז געווען דער ראַטגעבער...

סער לאַארי האַמאָנד: — אין וואָס פאַר א דאַטום איז דאָס געווען?

ז. זש.: — אין נאָוועמבער פון 1919, ווען ער איז שוין געווען דער באַגלויבטער ראַטגעבער פון דער רעגירונג אין די אָנגעלעגנהייטן פון ארץ-ישראל. זינט דאַן האָט ער געענדערט זיין מיינונג.

סער לאַארי האַמאָנד: — די ווערטער וואָס איך האָב ציטירט זענען

געזאָגט געוואָרן דעם 3־טן יוני פון 1921, אין ארץ־ישראל. דאָס הייסט, צווישן זיין ערשטער רעדע און דער דאָזיקער האָט ער געענדערט זיין גע־דאַנק.

ז. זש.: — וואָס זשע קאָן איך טאָן, איך דער באשיידענער און אָרע־מער, ווען איך שטיי פאר א בארימטן יידיש־ענגלישן שטאטסמאן, וועמענס איבערצייגונגען ענדערן זיך אויף אזא אופן אין פארלויף פון אנדער־האלבן יאָר? וואָס קאָן איך זאָגן? איך זאָג מיך איינפאך אָפּ פון ביידע צי־טאטן.

סער לאאורי האמאָנד: — וועט איר מיר דערלויבן צו ברענגען נאָך א ציטאט? מיין הער האָט דערמאָנט די בריטישע פּאָליטישע דעקלאראציע, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן פון ווינסטאָן טשווירטשיל, און ער האָט געזאָגט אז אין קיין שום טייל אירער קען מען נישט זען אפילו אויף א מאָמענט די כוונה, אז אמענדע וועט נישט געשאפן ווערן קיין יידישע מא־יאָריטעט.

ז. זש.: — איך האָב געזאָגט, אז אין קיין שום טייל „שליסט זי נישט אויס" דעם דאָזיקן רעזולטאט.

סער לאאורי האמאָנד: — אָט די איינציקע טייל וועל איך אים בעטן מיר אויפקלערן, אָט דעם פּונקט:

„די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט בעט צו שענקען אויפמערקזאמקייט דעם פאקט, אז דער טעקסט פון דער אויבן עקספּאָנירטער דעקלאראציע איז נישט אויסן, אז ארץ ישראל זאָל אינגאנצן פארוואנדלט ווערן אין א יידישער נאציאָנאלער היים, נאָר אז אזא היים זאָל געגרינדעט ווערן אין ארץ ישראל".

וויל דאָס דען אונדז נישט לערנען?..

ז. זש.: — ניין, מיין הער. ראשית כל, זאָל ער מיר דערלויבן — עס קען זיין אז דאָס וועט זיין נישט קיין פּארלאמענטארישע שפּראך ווי צו „פּאָכען", אָבער איך באצייכן דאָס אלס פּלפּול. איך זאָג אז אלע האָבן זיך באנוצט מיט די ווערטער „אין ארץ ישראל" און „ארץ ישראל" אין איינעם און דעם זעלבן באגריף. איר וועט דאך געפינען ארטיקלען וואָס זייער טיטל איז „די רויטע הערשאפט אין רוסלאנד" אָדער „רוסלאנד אונטער דער

רויטער הערשאפט". דאָס זעלבע וועט איר געפינען ביי די ערשטע ציוניסטן: ווען איך בין נאָך געווען א יינגל, האָבן זיי געווים געוואָלט א גאַנצע ארץ ישראל, אָבער די באַזעל־פּראָגראַם פונעם ציוניזם, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם יאָר 1897, רעדט וועגן „היימשטעטע אין פּאַלעסטינא". מען האָט קיינמאָל נישט געטראַכט אַז עס איז פאַראַן אין דעם אַן אונטערשיד, און דער בעסטער באַווייז איז אַז באַלפור אַליין האָט זיך באַנוצט מיטביידע נוסחאות. אָט זענען פאַר אייך באַלפורס רעדעס...

סער לאַאורי האַמאָנד: — איך האָב נישט געפרעגט וועגן לאָרד באַלפורס רעדעס. איך האָב געפרעגט וועגן דעם פונקט וואָס מיין העד האָט אונטערשטראָכן אַז אין דער פּאָליטישער דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, וואָס געפינט זיך אין דעם דעקרעט 1.700 פון מיסטער ווינסטאָן טשוירטשיל איז גאַרנישטאָ אַזוינס וואָס וואָלט אויף א מאָמענט געקענט אויסגעטייטשט ווערן...

ז. זש.: — אנטשולדיקט, איך זאָג אַז דאָס זענען נישט מער ווי שייַנע ווערטער...

דער פאָרזיצנדער: — איר זאָגט אַז דאָס איז א פּלפּול. דאָס איז אייער ענטפער.

ז. זש.: — איך זאָג אַז דאָס איז פּלפּול.

סער לאַאורי האַמאָנד: — מיר האָט געדאַכט, אַז דאָס איז א זאַץ, וואָס מען קען פון אים לערנען, אַז די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט צו יענער צייט נישט איינגעזען קיין מוז אַז עס זאָל געשאַפן ווערן א יידישע מאַיאָריטעט אין ארץ ישראל.

ז. זש.: — איך דענק נישט אַזוי. איך וויים וועער עס איז דער מחבר פון דעם דאָקומענט, וועלכן מען שרייבט צו טשוירטשילן...

דער פאָרזיצנדער: — מיסטער טשוירטשיל איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דאָזיקן דאָקומענט.

ז. זש.: — אויב מיסטער טשוירטשיל איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער, וועל איך דערמאָנען זיינע רעדעס וועגן דעם יידנשטאַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אינעם יאָר 1920, און אין זיי האָט ער געזאָגט, אַז די רעגירונג האָט פאַרשפּראָכן אויפשטעלן א יידנשטאַט. איז דאָס גאָרנישט?

סער לאַאורי האַמאַנד: — דער ענטפער איז, אַז דער ציטאַט וועלכן איך האָב געבראַכט קען אויסגעטייטשט ווערן אַז מען האָט אין זינען געהאַט אַ יידישע מינאָריטעט, אָבער דאָס איז דאָך פּלפּול.

ז. זש.: — ער קען נישט אויסגעטייטשט ווערן אַז מען האָט אין זינען געהאַט אַ יידישע מינאָרימעט. ער קען אַזוי נישט אויסגעטייטשט ווערן, און איך בין גרייט צו פרעגן יעדן אַדוואָקאַט...

דער פּאָרזיצנדער: — גייט נישט צו קיין אַדוואָקאַטן.

ז. זש.: — ווען איך זאָל האָבן דאָס רעכט אייך צו נעמען אויף אַ קרייץ-פאַרהער, אנשטאַט איר זאָלט מיך אויספאָרשן, און ווען איך זאָל אייך פרעגן, אויב ס'איז מעגלעך אַז דער מאַנדאַט איז געצילט געוואָרן נאָר אַלס „תחום המושב" פאַר יידן „ א י ן " ארץ ישראל, וואָלט איר ניט געקענט זיך האַלטן ביי אַזאַ מיינונג, ווייל עס איז אוממעגלעך צו פּאַרטייִיקן אַ פּלפּול. נעמט דעם אַנדערן פּונקט אינעם ווייסן בוך: „זיי וועלן נישט אונטערגעוואָרפן ווערן" — דער פאַרשפּרעכן אַז „די אַראַבער וועלן נישט אונטערגעוואָרפן ווערן". הייסט דען צו זיין אַ מינאָריטעט, זיין אונטערגעוואָרפן?

סער האַרס רומבאָלד: — דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם ווער עס האָט די מאַכט.

ז. זש.: — איך ווייס אַז עס איז פאַראַן דאָ אין לאַנד אַ מיעוט מיט אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, די שאָטלענדישע מינאָריטעט. וועט עמיצער זאָגן אַז די שאָטלענדער זענען אונטערגעוואָרפן?

סער האַרס רומבאָלד: — פאַרקערט זיי מיינען אַז זיי געוועלטיקן איבער אונדז.

ז. זש.: — דאָס איז אַ פראַגע פון אָנשטענדיקייט. אין אַן אָנשטענדיקער רעגירונג איז נישטאָ קיין געפאַר אַז ד י מיעוטים זאָלן אונטערגעוואָרפן ווערן, אָבער אויב אין דעם ווייסן בוך איז די טייטש פון מיעוט אונטערגעוואָרפנקייט, דאַן וועלן די יידן זיין אונטערגעוואָרפן כל זמן זיי זענען אַ מיעוט. שטימט דען מיט דער אידעע די יידישע נאַציאָנאַלע היים — אַ לאַנד אין וועלכן די יידן זענען אונטערגעוואָרפן?

סער לאַאורי האַמאַנד: — „אויב מען וועט פרעגן, אַ וועלכע איז די

באדייטונג פון דער אנטוויקלונג פון דער יידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל, דארף מען ענטפערן, אז איר באדייטונג הייסט נישט ארויפ־צווינגען די יידישע נאציאנאליטעט אויף די איינוווינער פון ארץ־ישראל אין אלגעמיין"...

ז. זש.: — חס וחלילה.

סער לאארי האמאנד: — „...גייערט דער המשך פון דער אנטוויק־לונג פון דער עקזיסטירנדער יידישער עדה מיט דער הילף פון יידן פון אנדערע טיילן וועלט".

ז. זש.: — דאס שטערט נישט אז דער מיעוט זאל פארוואנדלט ווע־רן אין א יידישן רוב פון 90 פראצענט.

סער לאארי האמאנד: — דא איז נישטא קיין גאראנטיע, אז ער וועט ווערן א רוב, און אזוי איז נישטא קיין אפהאלט אז עס זאל זיין אן אראבישע מאיאריטעט.

ז. זש.: — איך זאג נאר, אז דאס שטערט נישט עס זאל זיין א יידי־שע מאיאריטעט: דאס איז א ספעציעלן גראד אויפמערקזאמקייט בין איך גרייט ווידמענען דעם דאזיקן דאקומענט.

דער פארזיצנדער: — דענקט מיין הער, אז דער דאקומענט איז נישט אבסאלוט קלאר?

ז. זש.: — פארשטייט זיך אז דער דאקומענט איז נישט אבסאלוט קלאר. און איך וועל גיין נאך ווייטער. מיר שיינט, אז דאס איז א דאקו־מענט, וועלכער איז לכתחילה אנגעשריבן געווארן כדי זיך ארויסדרייען פון קלארע אויספירן. דאס איז איינס פון די כאראקטעריסטישסטע שאַ־פונגען פון דעם טיפ.

דער פארזיצנדער: אויב אזוי, איז ער דאך פארמולירט ווי א פאר־לאמענטארישער דאקומענט.

ז. זש.: — איך האב זייער ווינציק פארלאמענטארישע דערפארונג: איך בין געבוירן געווארן אין רוסלאנד.

סער לאארי האמאנד: — און עס איז פאראן נאך איין ציטאט, וועל־כן איך וואלט וועלן ברענגען, אט דאס איז ער:

„אַ לאַנגע צייט וועט דאָס יידישע דאָרף נישט קענען פּראָגרעסירן, סיידן צוזאַמען מיט דעם וועט פּראָגרעסירן דאָס אַראַבישע דאָרף".
וועט מיין הער איינשטימען דערצו?

ז. זש.: — יאָ, איך דענק אַז בדרך כלל איז דאָס ריכטיק. און איך דענק אַז ארץ ישראל, לויט איך זע איר אין מיינע חלומות, וועט זיין אַ לאַנד פון זייער גליקלעכע אַראַבער. איך זאָג: ווי איך זע אין מיין חלום.

סער לאארי האמאַנד: — מיין הער פאָדערט לויטן דין, אַז ארץ ישראל זאָל זיין אַ מקום מקלט פאַר אַלע יידן פונעם גלות, נישט רעכנענ-דיק זיך מיט דעם מצב פון די אַראַבער, נישט אמת? מיין הער זאָגט, אַז די עליה קיין ארץ ישראל דאַרף זיין אָפּהענגיק פון די נויטן פון די יידן פון גלות. געוויס איז אין דעם פאַראַן עטוואָס פון איגנאָרירן די נויטן פון די אַראַבער. אָדער עס איז אפשר ברענגען אין האַרמאָניע די צוויי זאַכן?

ז. זש.: — פאַרשטייט זיך אַז ס'איז מעגלעך. מיר זאָגן אַז אויב איר וועט אונדז געבן וואָס מיר באַצייכענען אַלס קאָלאָניזאַציע-רעזשים, אַ רעזשים וואָס העלפט אונדזער קאָלאָניזאַציע, וועלן מיר יידן אייך באַ-ווייזן, אַז אין ארץ ישראל איז דאָ פּלאַץ (ווי איך האָב אייך געזאָגט ביים אָנהויב) פאַר דעם מיליאָן אַראַבער פון אונדזער צייט און פאַר נאָך אַ מיליאָן זייערע קינדער, און פאַר פיל מיליאָנען יידן, און פאַר שלום.

סער האַרס רומבאָלד: — איז דאָס נישט אין תוך אַן איינזייטיקע דערקלערונג?

ז. זש.: — טאָ וואָס קאָן איך טאָן? וועט איר אָנרופן אַ איינזייטיקע דערקלערונג, אויב עס וועט קומען אַ מענטש און וועט פאָדערן אינעם נאָמען פון דער נויט? איך וועל דאָס נישט אָנרופן „איינזייטיק". דאָס איז נישט „זייטיק". איך רעפּרעזענטיר פשוט די ליידן, איך רייד אינעם נאָמען פון די וואָס ליידן. איר קענט מיך אוועקשיקן פון אייך און מיר זאָגן אַז די זאַך איז נישט מעגלעך, אָבער איך בעט אייך, זאָגט מיר נישט אַז דאָס איז „איינזייטיק".

סער לאארי האמאַנד: — מיר שיינט, אַז מיין הער האָט אונדז

דערקלערט אז אין יענעם שטאט וועלן די אראבער זיין אבסאלוט גע-וואונטשן און זייער גליקלעך צוזאמען מיט אייך.

ז. זש.: — אזוי האָפ איך.

סער לאארי האמאנד: — און מיר שיינט אז מיין הער איז געקו-מען צום אויספיר, אז דער דאָזיקער מצב קען אנטשטייען אויך היינט, אויב מען זאָל זיי נאָר זאָגן אָפן, אוועלכע זענען די כוונות פון דער רע-גירונג...

ז. זש.: — איך האָב געזאָגט, אז עס וועט פאָרקומען א ענדערונג אין גייסט. איך וויל דערקלערן, אז די אראבער וועלן זאָגן: לאָמיר פרווון קו-מען צו א הסכם מיט די יידן. און וואָס באלאנגט דעם „גליק" פון די אראַ-בער, האָב איך געזאָגט, אז נאָכדעם ווי מיר וועלן זיין א מאיאָריטעט און מיר וועלן אנטוויקלען אלע אירע מעגלעכקייטן און עקספלאָטירן אלע אירע קוועלן, דאן וועט דאָס לאנד בליען און די אראבער אין דעם וועלן זיין גליקלעך. איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט, אז דער מאנדאטאָר וועט דאָס קענען טאָן נאָר מיט „זאָגן" אליין.

סער לאארי האמאנד: — איר וועט קענען ברענגען גליק די אראַ-בער. אויב דאָס איז אזוי, פארוואָס זשע באגענגען נישט די שכנהשע אראבישע לענדער, סיריע, איראַק, עבר הירדן, די יידן מיט א ברכה און בעטן זיי נישט צו קומען און ברענגען זיי דאָס דאָזיקע גרויסע גליק?

ז. זש.: — האָב איך דען פון אָנהויב נישט גערעדט וועגן דעם אונ-טערשיד? אויב איר רעדט וועגן די ליידן פון יעדן אראבער באזונדער, לייקן איך נישט. אָבער אויב איר רעדט וועגן די אנטוישונגען פון די ארץ-ישראל אראבער אלס כלל, אין אָנבליק פון דער פערספעקטיוו וואָס דאָס לאנד וועלכעס ווערט פון זיי גערופן פאלעסטינע, אין וועלכער זיי זעען איינע פון זייערע נאציאָנאלע מדינות, דאַרף פארוואנדלט ווערן אין א יידישער מדינה — אנערקען איך, אז דאָס איז אן אנטוישונג. און אויב די רעגירונג פון סיריע מיינט, אז עס דארפן זיין 5 אָדער 6 אראבישע מלוכות, און נישט „נאָר" 4, און אז דער פארבאנד פון די אראבישע מלוכות — אָדער ווי ער וועט גערופן ווערן — וועט דארפן אין דער צו-קונפט איינשליסן אויך ארץ ישראל, וועט געווים קומען אן אנטוישונג.

איך האָב קיינמאָל דאָס נישט געלייקנט. נאָר איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאָדערונג פון אַפּעטיט לגבי אונדזער פאָדערונג, דער פאָדערונג פון הונגער. און מיר שיינט אַז די פאָדערונג פון אַפּעטיט קען דער פאָדערונג פון הונגער האָט נישט קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג. זיי פאָדערן באמת „נאָך".

מער לאַרי האַמאָנד: — די אַראַבער פאָדערן נאָך?

ז. זש.: — יאָ.

מער לאַרי האַמאָנד: — ווי אַזוי?

ז. זש.: — זיי האָבן אַנדערע מלוכות.

מער לאַרי האַמאָנד: — איך רייד וועגן די אַראַבער פון ארץ־ישראל. איך רייד נישט וועגן די אַראַבער פון איראַק.

ז. זש.: — מיין הער האָט דערמאָנט סיריע.

מער לאַרי האַמאָנד: — אָבער מיין הער האָט מיר, שיינט מיר, געגעבן צו פאַרשטייען, אַז אין די באַדינגונגען וועלכע ער וויל שאַפן, וועלכע דאַרפן לויט זיין מיינונג געשאַפן ווערן, וועלן די אַראַבער באַגעגענען די יידן מיט אַ ברכה. איך וויל וויסן פאַרוואָס זיי טוען דאָס נישט היינט?

ז. זש.: — איך האָב נישט געזאָגט אַז זיי וועלן אונדז באַגעגענען מיט אַ ברכה. אָבער איך זאָג אַז עס וועט פאָרקומען אַ ענדערונג אינעם גייסט, אין דעם זין, אַז אויב זיי וועלן זען אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה, וועלן זיי פּרוּוון קומען צו אַ הסכם, און מיר וועלן קענען אויסאַרבעטן די זאַך צוזאַמען. וואָס שייך „באַגעגענען אונדז מיט אַ ברכה" — ווייס איך וועגן דעם גאָרנישט.

מער לאַרי האַמאָנד: — איינער פון די נויטיקע באַדינגונגען, איינער פון די אומפאַרמיידלעכע פאַקטאָרן, איז די באַוואָפענונג פון די יידן?

ז. זש.: — איך וועל דאָס אויסדריקן אין אַן אַנדער פאָרעם. אויב עס איז נויטיק צו האַלטן סאָלדאַטן אין ארץ־ישראל, פאָדערן מיר, יידן, אַז דאָס זאָלן זיין אונדזערע סאָלדאַטן. דאָ, אין ענגלאַנד, פרעגט דער מענטש אין גאַס: פאַרוואָס פאָדערן די דאָזיקע יידן אַז מ י ר זאָלן זיי פאַרטיידיקן? זאָג איך צום מענטשן אין גאַס: מיר ווילן דאָס נישט. דאָס איז איין זאַך. און צווייטנס, אויב די דאָזיקע קאָמיסיע ק ע ן

גאַראַנטירן, אַז די יידישע קאָלאָניעס וועלן נישט אַטאַקירט ווערן, אָדער אויב זי קען גאַראַנטירן, אַז אויב זיי וועלן אַטאַקירט ווערן, וועט זיי געגעבן ווערן שוץ — בעטן מיר, גיט אונדז די דאָזיקע גאַראַנטיע. און כל זמן איר קענט דאָס נישט גאַראַנטירן, קענט איר נישט פאָרשלאָגן קיין אויסוועג, נאָר לאָזן זיך באַוואָפענען די וואָס מען דראָט זיי. דערלויבט מיר נאָר אייך זאָגן דאָס. מיר מיינען אַז מען דאַרף נישט באַוואָפענען בירגער. ביי בירגער דאַרף מען צונעמען די וואָפן. נאָר אין אויסנאַמספאַלן, אויב איך קען באַווייזן דער מאַכט, אַז מען האָט מיר געדראָט, אין אַזאַ פאַל האָב איך דאָס רעכט צו פאָדערן אַ דערלויבעניש אומצוגיין מיט אַ רעוואָלווער. און אָט האָט מען „מיך" (אין דעם פאַל איז „מיך" די טייטש פיר הונדערט טויזנט יידן) — האָט מען מיר געדראָט, מען דראָעט ווייטער, אין די צייטונגען, אומעטום אין די מעטשעטן. און איך בין שוין אָנגעגריפן געוואָרן. דאָן, פאַרשטייט זיך, ענדערט זיך די לאַגע. צו באַוואָפענען די וועמען מען דראָט, דאָס איז אַ געוועגלעכע פּאָליציי־פּראָצעדור. דאָס האָט נישט צו טאָן מיט יידן, דאָס האָט קיין שייכות נישט צו ציוניזם. די וועמען מען האָט געדראָט — זיי דאַרף מען באַוואָפענען, און די וועלכע דראָען דאַרף מען באַזונדערס קאָנטראָלירן, אַז זיי זאָלן נישט זיין באַוואָפנט. אַזוי ווי אין לאָנדאָן.

סער לאארי האַמאָנד: — דאָס הייסט אַז מען דאַרף זיי אַנטוואָפענען!

ז. זש.: — אַזוי ווי אין לאָנדאָן. אויב אַ טייל פון אייער געזעלשאַפט זענען כוליגאַנעס (דאָ האָט איר נישט אַזעלכע אָבער ווען זיי וואָלטן געווען) און זיי דראָען מיט רציחות, דאַרף מען זיי אַנטוואָפענען; און אויב נישט, אויב מען לאָזט אין זייערע הענט די וואָפן, איז דאָס גלייך ווי מען העלפט מערדער.

דער פאָרזיצנדער: — איך דאַנק זייער מיין הער.

(סוף)

אינהאלט

דער שרש פון דער ירידה איז אין דער לייטונג — 19

א פערזענלעכע דערקלערונג וועגן ווייסן בוך — 34

פאר דער אויפשטעלונג פון דער רעפרעזענטאַנץ פונעם ישוב אין לאָנדאָן און אין גענף — 37

וועגן דער זעלבסשטענדיקער פּאָליטיק און דער סאָציאַלער פּראָגראַם — 45

די פּאָליטישע אויפטועך פונעם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן — 48

דער אינדוסטריאַל און דער סוחר — 66

איר זאָלט ניט אויסקלייבן קיין דעלעגאַטן צו דער „אויסגעברייטערטער" אַגענץ! — 73

דער אַנטי־ציוניסטישער ציניזם פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל — 77

וועגן די געשעענישן פון תרפ"ט — 95

די לעצטע פּרוּוון — 103

וועגן דעם „מאַקדאָנאַלד־בריוו" און דעם ציל פונעם ציוניזם — 112

דערקלערונג וועגן דעם 7'טן ציוניסטישן קאָנגרעס — 140

א פּעטיציע אין גלות, קעגנערשאַפט אין ארץ־ישראל — 144

וועגן דעם דורכפאַל פונעם אכצנטן קאָנגרעס — 169

צו א נייער ציוניסטישער קאָאַליציע — 178

דער גרוים־ציוניזם — 184

וועגן דער פראַגע פון רעליגיע — 200

וועגן דעם עוואַקואַציע פּלאַן — 204

„פּוילן וועט העלפן און וועט געהאָלפן ווערן דורך דעם עוואַקואַציע־פּלאַן" — 225

„דערפילט אייער פאַרשפּרעכן אָדער זאָגט זיך אָפּ פונעם מאַנדאַט!" — 233

Este libro se terminó de imprimir el 7 de febrero de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina